דער אוצר פון קלאסישע ליטעראטור

„הויז־פריינד"

א היסטאריש־ליטעראַרישעס בוך:

1) ערצעהלונגען, סקיצען, געדיכטע, ראמאנען און פעליעטאנען פון דעם יודישען לעבען.

2) היסטארישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען, רייזע בעשרייבונגען אין די ווייטע לענדער, ערצעהלונגען פון דער נאטור־געשיכטע, נוצליכע ידיעות וואס יעדער מענש דארף וויסען אין זיין הויז און פאמיליע.

3) לעבענס־בעשרייבונג פון גרויסע לייט.

4) נייע ערפינדונגען, אנעקדאטען, שעהנע מעשיות, גלייכע ווערטלעך, שכל־דיגע רייד פון גרויסע לייט און פון תלמוד.

רעדאגירט פון

מ. ספעקטאר.

V־טעס בוך.

פערלאג „פראגרעס" ווארשא.

תרס"ח.

ДЕРЪ ГАУЗФРАЙНДЪ
Историко-Литературный Сборникъ
Томъ V
ВАРШАВА, 1908.
Типографія Б. Турша, Налевки № 7.

אינהאַלט פֿון פֿינפֿטען בוך:

1) אַ נאַכט אין צרות–מענדעלע מוכר ספרים 1
2) דאָס קליינע מלאכ׳ל (אַן׳אַראַבישע באָבע־מעשה)–ר. פֿרישמאַן . 7
3) דאָס אומגליק (ערצעהלונג)–ר. ברודס 21
4) פֿערלאָרענע האָפֿפֿנונגען (געדיכט)–וו. קאַיזער . . . 30
5) אַ יודישע מעלאָדיע (געדיכט, לערמאנטאָוו)–וו. קאַיזער . 31
6) די עבודה–מ. ל. ליליענבלום 33
7) העבראיש און יודיש–רבי־קצין 36
8) וואו זענען זיי?–ד״ר מ. א. אייזענשטאַדט . . . 48
9) די יודישע שפּראַכע–דער „הויז־פֿריינד״ 60
10) דער יודישער אַזרא (געדיכט)–ד. פֿרישמאַן . . . 64
11) דער אַשמדאַי (ערצעהלונג)–אפרים דאָמעראַצקי. . . 65
12) פּאַפּירליך (אַ ראָמאַן פֿון יעהופּעצער בערזע–שלום־עליכם . 97
13) צו די בילדער–ד. פֿרישמאַן 123
14) פֿון פּראָווינץ: (עס ברענט, סאָקאָלא, אַ לעבעדיגע מצבה, אַ חרפּה
אוים צוזאָגען, אוי מה היה לנו, חדרים אָדער שקאָלעס)
–מ. פֿריד. 125
15) אַ בריה (ערצעהלונג)–ש. וו־ק 134
16) ליעדער–ד. פֿרישמאַן 148
17) די מלמדות׳ע פֿראַגע–י. ד. ריזבערג 150
18) די יודענפֿראַגע אין פּוילען (אין פּאָניאַטאָווסקי׳ס צייטען)–ע. נ. פֿרענק 165
19) די געשיכטע פֿון די יודען אין פּאָדאָליען–מ. נ. ליטווינסקי . 175
20) מחמד און די יודען–ענ״ף 194
21) די געאָגראַפֿיע אין 19־טען יאָהר־הונדערט–י. ת. זאַגאָראָדסקי . 207
22) ספּורים פֿון תלמוד און מדרשים–יהושע הלוי מוח . . 219
23) יודישע שפּריכווערטער און גלייכווערטלער–א. בערענשטיין . 226

דָאס קְלֵיינֶע מַלְאָכְל.

אַן אַראבּישֶׁע בּאבּע-מַעֲשֶׂה

פֿון

דָוִד פְרִישְׁמַאנן.

אַבָּאל אוּן אַמָאל אִיז גֶעוֶוען... נוּר זָאגֶען מוּז אִיךְ אַייךְ, אַז אָט דִי בּאבּע-מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ טְהוּ אַייךְ דָא דֶערצֶעהלֶען אִיז שׁוין אַ שֶׁאנֶע עֶטְלִיכֶע מָאל דֶערצֶעהלְט גֶעוָוארֶען אוּן שֶׁאנֶע עֶטְלִיכֶע פּאעֶטֶען הָאבֶּען זִי, וַויים גָאט, ווִיפִיעל מָאל שׁוין בֶּעשְׁרִיבֶּען אוּנ אִיךְ — וֶועהט אִיהר — אִיךְ וִויל זִי אַייךְ הַיינְט נוּר אִיבֶּער-דֶערצֶעהלֶען; אִיבֶּער-דֶערצֶעהלֶען זִי מִיט מַיין שְׁוַואכֶער פָּשׁוּטֶ'ר שְׁפְּרַאכֶע.

אוּנ וַוייסְט אִיהר וָואס נָאךְ? — גָאר אַם שֶׁאנְסְטֶען אוּנ גָאר אַם בֶּעסְטֶען הָאבּ אִיךְ זִי גֶעהֶערְט אַמָאל אוּיס דֶעם מוּיל פוּן אַן אַלְטֶע טוּרֶעצְקַא בַּאבֶּע. אָט אָט אִין יֶענֶער גוּטֶער גאלְדֶענֶער צַייט בְּעֵת מַיין יוּנג בְּלוּט הָאט מִיךְ פֶערטְרָאגֶען צוּ וַוייטֶע פֶאלְקֶער אִין וַוייטֶע לֶאנְדֶער אוּנ אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעבְּלִיבֶּען צְווִישֶׁען אַרַאבְּיֶער אִין אַ וַוייטֶער אַרַאבִּישֶׁער קָאלָאנְיֶע...

אוּנ אָט דַאכְט מִיר גָאר וִוי עֶס וָואלְט זַיין עֶרְשְׁט גֶעכְטֶען גֶעוֶוען: אִין גָארְטֶען אוּיף דֶער גְרָאזְבַּאנְק זִיצְט דִי אַלְטֶעטְשְׁקֶע. דִי זוּנן אִיז זִיךְ פַּאמֶעלִיךְ אוּנְטֶערגֶעגַאנְגֶען אוּנ דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זִיצֶען אַרוּם אוּנ אַרוּם, יִינְגֶעלֶעךְ אוּנ מֶאדֶעלֶעךְ. אֵיינִיקְלֶעךְ אוּנ אוּר-אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּנ אַלֶע הָארְכֶען מִיט גְרוּיס כַּוָנָה אוּנ מִיט גְלִיהֶעדִיגֶע בֶּאקֶעלֶעךְ, אַז עֶס זָאל נוּר חַס וְחָלִילָה קֵיין אֵיינְצִיג וָוארְט בְּחִנָם פֶערלוּירֶען גֶעהן. — זִים אִיז דָאס לִיכְט וָואס גִיסְט זִיךְ אַרָאבּ פוּן דִי לֶעצְטֶע שְׁטְרַאהלֶען פוּן דֶער זוּנן, בְּלוֹי אִיז דִי לוּפְט אַרוּם אוּנ אַרוּם אוּנ קְלָאר וִוי קְרִיסְטָאל, אוּנ אָט וִוימְפֶּעלֶען גָאלְדֶענֶע פַארְבִּיגֶע זוּמֶערפֶאגֶעלֶעךְ

אהנע צאהל דורך יענע לופט, אז די קינדער פאטשען אוש אין די האנדטלעך און שרייען אז דאס זענען גאר קליינע ליבע מלאכים'לעך...

און די אלטעטשקע דערצאהלט און דערצאהלט:

איהר ווייסט דאך, קינדערלעך — העבט זי אן — ווער אללאה איז וואס וואוינט אויבען אים הימעל, און מסתמא ווייסט איהר אויך אז חוץ אללאה וואוינען דארט אויבען אים הימעל אויך טויזענד און מיליאנען מלאכים, אזוי אז ביז צום היינטיגען טאג קען מען דאס באין אופן ניט דערגעהען וואס איז דארט מעהר פערהאנען, צו מלאכים צו שטערען, און אט יענע גוטע ליבע מלאכים האבען דעם גאנצען ליבען טאג גאר ניט וואס צו טהון א חוץ פרעהליך און לוסטיג צו זיין, צו זינגען און צו לויבען, אללאה'ס וואונדער צו דערצעהלען און אללאה'ן אבצוגעבען זיין שבח און זיין כבוד, און ווען אללאה דערהעבט זיך פון זיין ארט, דא דערהעבען זיי זיך אויך און רופען אויס; הייליג! הייליג! הייליג! — דאס איז די גאנצע גרויסע תורה וואס זיי האבען צו טהון דעם גאנצען ליבען טאג, און ווען זיי ווערען אביסעל מיעד און אבגעמאטערט פון אט דער דאזיגער שווערער ארבייט, דא ווערען זיי פריי געלאזט, און זיי מאגען דאן טהון וואס זיי האבען נור חשק, דא נעממען זיי זיך צונויף און האבען אן צו שטיפען און צו רעגירען, צו שפרינגען און צו האפסען, צו קונדעסען און לצנות צו טרייבען, און דא העבען זיי זיך אן ארום צו קייקלען אויף דעם גאלדענען זאמד און אויף די בערגלעך ווייבע שטערען, אדער האפען זיך אן איינס דאס אנדערע ביי די פליגעלעך בכדי צו שפילען אין פערדלעך, אדער קלויבען זיך אן א פולען בוזעם ווייכע קליינע שטערענדלעך און ווארפען זיי דאן איינס דאס אנדערע אין קאפ אריין, אדער דאס האפען־אפאר פאדעם לאנגע דיקקע שטראהלען און בינדען דאמיט איינע חברה א־ד גרע אומפערהאפט, און אז איינעם געראט אזא מין קונדעסעריי און רוישען דערזעהט עס, דא פלאצען זיי אלע ארוים מיש א שטורמיש געלאכטער און רעגירען און קלאפען מיט די ווייסע קליינע פליגעלעך און פרייען זיך און רעגירען און רוישען און שרייען, ביז דער הימעל ווערדט אוש ניט צופלאצט פאר גרוים רעש, יא, יא, מיינע קינדערלעך! דא אויף דער ערד אז די יונגעלעך ווערען ווילד און מאכען אן א רעש, דא פלאצט אמאל די ערד פאר גרוים רעש, אבער אים הימעל אז עס מאכט זיך אמאל אזא מעשה, דא פלאצט פראסט דער הימעל, זעהט איהר אבער: אים הימעל ווען א קליין מלאכ'ל רעגירט אביסעל צופיעל ארום, דא רופט איהם אללאה אין א זייט און העבט איהם אן מוסר צו זאגען און רעדט צו איהם רייד וואס נעממען אן ביים הארץ און לייענט איהם פאר א גאנצע תוכחה, אדער עס מאכט זיך אמאל אז ער לעגט אויף איהם דאך עפעסא קליינע שטראף און שטעלט איהם אין א ווינקעלע פונ'ם הימעל, און דארט מוז נעבעך דאס מלאכ'ל אזוי לאנג שטעהען ביז זיין זינד ווערדט איהם פערגעבען און ביז אללאה רופט איהם צוריק און דערלויבט איהם ווידער פאר זיין הייליגען וואלקען צו שטעהען, — און יעצט, מיינע ליבע איינקלעך און אוראיינקלעך, אז איהר וועט זיין גוטע ערנטליכע קינדער און וועט אייביג פאלגען,

דא וועל איך אייך דערצאהלען א מעשה וואס איז אמאל פאסירט מיט אזוי א קליין מלאכ'ל...

— דערצאהלט! דערצאהלט! דערצאהלט! מיר אלע דא וועלען שוין זיין גוט און ערנטליך און וועלען אייביג פאלגען!

אמאל און אמאל איז געווען אים הימעל אמלאכ'ל און זיין נאמען איז געווען... יא יא, דעם נאמען האב איך שוין פערגעסען... און דאס איז געווען א קליין שאן מלאכ'ל, קליין ווי א חדר־יונגעל און שאן ווי א שפיעלצייג, מיט פוללע רונדיגע באקעלעך און מיט בלויע איינגעלעך וואס האבען געלייכט ווי צוויי זונגען און מיט רויטע ליפפעלעך ווי די קירשען און מיט ווייסע פליגעלעך ווי דער פריש געפאללענער שנעע; און דאס דאזיגע מלאכ'ל איז געווען אזוי זים און אזוי ליעב פון קאפ ביז צו פוס, אהן אן איינציגען פעהלער, און אויך זיין הערצעלע אין איהם איז געווען אזוי זים און אזוי ליעב — דענן ווענן ניט דאס, דא וואלט ער דאך גאר ניט קענען זיין א מלאך. אבער עס מאכט זיך אמאל אז אויך דער הימעל האט א פלעק און אויך א מלאך האט א חסרון! נאטירליך, ווענן דאס נור הימלישע פלעק און נור מלאכים'דיגע חסרונות — און שטעלט אייך פאר אז אויך אונזער מלאכ'ל איז ניט געווען גאנץ פריי פון א חסרון. אמת איז אמת, ער האט ניט חלילה עפעס אן עולה געטהון אדער אן עבירה אדער א פערברעך, און נור איז ער געווען א שטיקעל ליץ און האט ליעב געהאט אפט קאטאוועסלעך צו טרייבען, אזוי אז די איינוואויהנער פון הימעל האבען געקענט שרייען געוואלט פאר גרוים קראנקונג. און אללאה האט אלעם געזעהען און האט זיך געמאכט אוועק קוקען, און האט דעם ליעבען קינד גאר ניט געטהון דערפאר, דענן ליעב און זים איז דאס קליינע מלאכ'ל געווען אפילו ביי אלע זיינע קאטאוועסלעך און אלע זיינע געלאכטערלעך, און אללאה האט איהם ליעב געהאט און ער איז ביי איהם געווען דאס מוזינעק'ל, און אללאה האט געמוזט יעדעם מאל לאכען און איהם גערופען: קונדס! — עיקר־זאך האט אונזער מלאכ'ל ניט געקענט ליידען מוסר־ספרים, ווי למשל די ערענסטע פרקים פונ'ם קאראן, דענן ער איז געווען אומגעדולדיג צו זיצען שטיל און אויסצוהערען דעם שטייפען מוסר, און ער פלעגט צו זאגען אז אזעלכע הייליגע ספרים זענען נור געמאכט פאר מלאכים'ס וועגען אויף די עלטער, אדער פאר מענשען'ס וועגען וואס וואוינען אויף דער ערד, און ניט פאר יונגע קליינע מלאכים'לעך, וואס האבען גאר ליעב א הוללע צו געבען און זיך צו פרייען מיט דעם לעבען. — אמאל האט זיך געקענט מאכען אז עפעס א רוח האט אנגענומען אונזער קליין מלאכ'ל און עס האט זיך איהם פערגלוסט א שטיף צו געבען דא האט ער זיך צוגעכאפט שטילערהייט צו דעם אוצר פונ'ם שנעע און האט אזוי לאנג געלויערט ביז ער האט אנגעקריגען דעם שליסעל פונ'ם אוצר, און דא האט ער פאמעליך געאפענט דעם אוצר, און אז ער האט דערשמעקט אז עס איז נאך ווארעמלעך אויף דער ערד און די מענשען דרעהען זיך ארום נאך אין זייערע לייכטע זומערדיגע מלבושים, דא האט ער מיט איין מאל אראב געווארפען אויף דער ערד גאנצע בערגלעך שנעע, אזוי אז עס איז פלוצלינג געווארען אונטען אויף דער ערד א פראסט פון 20 גראד און די מענשען האבען

אזש געציטערט און געקלאפערט מיט די צייהן און האבען גאר ניט געקענט קלארען ווער איז דאס דער בעל-מלאכה פון דער דאזיגער פלוצלינגער קאלט. אדער עס האט זיך אמאל געמאכט אז ער האט געזעהען ווי די פרומע מחמד'אנער לויפען אין דעם היילינגען חודש ראמאזאן צו די נאכט-תפלות און ריכטען אב א מין גאטטעס-דיענסט אונטער דעם פרייען הימעל, ווי די מצוה איז, דא איז איהם אנגעקומען פלוצלינג זיין קונדעסעריי, און דא איז ער געלאפען גיך ביז צום סמבטיון העליון — דענן אויך אויבען אים הימעל איז דא א סמבטיון — און האט גיך געחאפט דעם מזל „עמער", און האט איהם פול געשעפט מיט וואסער, און האט דאס וואסער אראב געגאסען גלייך אויף דער ערד, און דא איז אונטען געווארען פלוצלינג א שלאקס רעגען, און דאס פרומע פאלק אין מיטען בעסטען אבריכטען זענען געביך משוגע'נער-הייט געלאפען ווי אין א מהומה, מיט די ספרים אין די הענדט, און האבען זיך געביך גאר ניט געקענט קיין עצה געבען, און אז דאס קליינע מלאכ'ל האט דערזעהען די מהומה וואס ער האט אנגעשיקט אויף די פרומע מחמד'אנער, דא האט זיין הערצעל געלאכט אין איהם פאר פרייד, און דא האט ער ארויס געלאזט א מין שטורמיש געלעכטער און האט געטאמפעט מיט די פיסעלעך אויף די בלויע פאדלאגע פונ'ם הימעל און האט געשריען אויף איין קול: הורא! — אמאל האט ער געזעהען ווי די ליכטיגע לבנה שיינט אראב אויף דער ערד, און דא איז איהם אנגעקומען פלוצלינג זיין שטיפעריי, און אט האט ער זיך אויפגעחאפט און האט אומגעדרעהט די גרויסע ליכטיגע שיסעל אויף די אנדערע זייט, און אויף דער ערד איז פלוצלינג געווארען פינסטער, פינסטער ווי אין א זאק, און די ארעמע מענשען האבען גאר ניט געוואוסט וואס דא איז אזוינס מיט זיי געשעהען, דענן דער היילינגער „לוח" האט דאך דא פונקט נביאות געזאגט אז עס וועט זיין ליכטיג. אדער אמאל האט זיך געמאכט אז אללאה האט גענומען די לבנה און האט זי איינגעשלאסען אין איהר פוטערפאס, כדי עס זאל זיין פינסטער אויף דער ערד און די מידע מענשען זאלען קענען זיך שלאפען און אויסרוהען א ביסעל פון זייער גאנצער שווערער פראצע, און דא האט זיך אונזער זיס, קליין, ווילד מלאכ'ל אויפגעחאפט און האט זיך שטילערהייט אהין אריין געגנבעט דארט וואו די לבנה ליעגט בעהאלטען אין אללאה'ס שאפע, און דא האט ער ארויס גענומען די לבנה אויס איהר פוטערפאס און האט אויסגעבויערט א לאך אין די פאדלאגע פונ'ם הימעל מיט דעם עגבעריל פון זיין פעדערמעסעריל וואס ער האט געקריגען געשענקט צו דעם טאג אז ער האט אנגעהויבען קאראן, און דא האט ער די לבנה אריין געשטופט אין אט יענעם לאך, און פלוצלינג איז געווארען ליכטיג אויף דער גאנצער וועלט; און דאס מלאכ'ל האט זיך אניעדער געשטעלט הינטער די לבנה און האט אראב געקוקט אויף דער ערד, צו זעהען וואס עס טהוט זיך דארט, און דא זעהט ער וואס פאר א גערודער, וואס פאר א געפילדער, וואס פאר א פערדרעהעניש עס טהוט זיך דארט! דענן די מענשען האבען געגלויבט דעם „לוח" און האבען זיך פערלאזט אז עס וועט זיין פינסטער און דא האבען זיי געהאלטען פונקט אין בעסטען מיטען פון אלע זייערע שמדקייטען און פערברעכען און עבירות: מענשען וואס האבען גאר ניט געזאלט איינס דאס אנדערע קושען, זיי האבען דוקא זיך געקושט

און געהאלזט מיט גרוים ליעבשאפט, און מענשען וואס איינס דאס אנדערע האט דוקא געזאלט ליעב האבען, זיי האבען זיך גאר ניט ליעב געהאט, און אדרבא, זיי האבען זיך גאר געשלאגען און געפאטשט, איינס דאס אנדערע, און דער איינענער מאנן האט געשלאגען און געפאטשט זיין איינען ווייב; און עטליכע פון די מענשען זענען געווען אויפגעשטאנען אין דער פינסטער אונטערצוגראבען הייזער און אויסצוגעהן אויף גנבות און גזלות, און דא האט פלוצלינג די לבנה אנגעהויבען שיינען און די גאנצע וועלט האט געזעהען זייער שאנדליך טהון, און דאס קליינע מלאכ'ל האט דאס דערזעהען און דא האט ער אנגעהויבען צו פאטשען אין די הענדטלעך און צו טאמפען מיט די פיסלעך און צו שפרינגען און צו שרייען און צו לאכען אויפ'ן קול, אז דער הימעל האט אזש אנגעהויבען צו פלאצען פאר גרוים רעש.

אבער ניט בלויז מיט די איינוואוינער פון דער ערד האט אונזער קליינער מלאך אזאלכע קאטאוועסלעך געטריעבען. דענן טיילמאלם האט זיך איהם גאר פערגלוסט, זיינע מחוקות אויך מיט די הימעלם-לייט צו מאכען. — אמאל האט ער געזעהען אבו-בקר, דעם היילינגען גרויסען נביא, זיצען אין א ווינקעלע און חאפען א דרעמעל, דענן אבו-בקר איז אן אלטער מאנן און איז מיעד און אבגעמאטערט, און אז ער זעצט זיך אוועק אויף איין מינוט, דא בעפאלט איהם באלד א שלאף; און דא איז אונזער מלאכ'ל ביי איהם גראד פארביי געגאנגען און האט דערזעהען די טאבאק-פושקע וואס דער אלטער האלט אין האנד, און אט איז אונזער מלאכ'ל גיך אין די הימלישע קיך אריינגעפלויגען, דארט וואו עס קאכען זיך אלע גוטע זאכען פאר די פרומע'ס וועגען, און די גוטע זאכען קאכען זיך אין קעסעל מיט א סך זאלץ און א סך פעפער ווי עס געהערט צו זיין; און דא האט ער ארויסגענומען זאלץ און פעפער און איז גיך צוריק צו אבו-בקר'ן און האט שטילערהייט איהם אריינגעלעגט דאס זאלץ און דעם פעפער אין די פושקע אריין, און אז דער אלטער איז דערוואכט און האט גענומען א שמעק טאבאק ווי דער שטייגער איז, דא איז איהם דאס זאלץ און דער פעפער געשטיגען אין די נאז אריין. און דא האט ער אנגעהויבען שטארק ניעסען, איינמאל און צווייטמאל און דרייטמאל, אז עס האט גאר ניט געוואלט קיין סוף נעממען, און דער אלטער נעביך איז געווארען צו שאנד און צו שפאט ביי אלע יונגע מלאכים'לעך, און אלע האבען געלאכט אויפ'ן קול, און אונזער מלאכ'ל האט געלאכט מעהר ווי אלע. — אבער אזאלכע געלעכטערלעך ווי ער האט זיך געמאכט מיט אבו-בקר'ן האט ער געמאכט אויך מיט מחמד און מיט זיין ווייב כדידזשא אליין. אמאל איז ער זיך שפאציערען געפלויגען אין דעם גן עדן העליון, און דא האט ער אויף א גראזבאנק אים גארטען דערזעהען ווי מחמד זיצט מיט זיין ווייב כדידזשא, און מחמד האלט זיין קאפ אין זיין ווייב'ס שוים, און איז ענטשלאפען געווארען, און כדידזשא האלט אין דער האנד א קאמם און קאמט איהם זייטע האר און רייניגט זיי, ביז זי איז אויך ענטשלאפען געווארען. דא איז אונזער מלאכ'ל פאמעליך אויף די שפיץ נאגעל צוגעגאנגען, און האט צוגעבונדען כדידזשא'ס צאפ צו מחמד'ס בארט, און האט זיי פעסט פערקניפט, און איז שטילערהייט אוועק פון דארט. ווי אבער די אלטע לייט זענען דערוואכט און האבען געזעהען אז זיי

זענען צונויף געבונדען, אונ דא האבען זיי זיך געוואלט אביסעל צו ווארטלען, ווי דער שטייגער איז צווישען מאנן אונ ווייב, אונ האבען געוואלט איינס פון דאס אנדערע ענטלויפען, אונ האבען אבער ניט געקענט, דענן זיי זענען דאך געווען צונויף געבונדען, דא זענען זיי געווארען צום געשפאטט פאר'ן גאנצען הימעל, פון איין עק הימעל ביז צום אנדערען, אונ די מלאכים אונ די שרפים אונ די כרובים זענען ארויס געפלאצט מיט א שטורמיש געלעכטער ווי זיי האבען די דאזיגע זעלטענע ערשיינונג דערזעהען, דענן אזאלכעס האבען די איינוואויהנער פון הימעל נאך ניט געזעהען זייט דער הימעל שטעהט.

אונ אללאה האט געזעהען אונ געהערט אונ געוואוסט אלדינג וואס זיין ליעב קליין מלאכ'ל טהוט, אונ האט איהם געשוויגען אונ האט איהם קיין באז ווארט ניט גערעדט אונ האט איהם געלאזט ווייטער אזאלכע מעשות אבארבייטען, דען ער האט איהם זעהר ליעב געהאט, אונ טיילמאלם האט ער זיך ביי זיך אים הארצען שטילערהייט גאר געפרייט איבער אלע יענע קונדעסרייען אונ אויסגעלאסענע מעשה'לעך וואס זיין ליעב, ווילד, אויסגעלאסען מלאכ'ל פערפיהרט, אונ פלעגט ביי זיך זאגען: פריי דיך, קונדעס'ל! — דענן וויסען זאללט איהר, מיינע ליעבע איניקלעך אונ אוראייניקלעך, ס'איז א ליגענד וואס מען האט אויסגעטראכט אז אללאה איז א באזער אונ געהט א גאנצען טאג ארום מיט גרימצארן אונ רק ער דונערט אונ בליצט — אדרבא! אויך ער וויל אז דער הימעל זאל אייביג זיין לוסטיג אונ פראהליך אונ אלעס זאל זיין אויפגערוימט אונ אלעס זאל לאכען אונ פרייען זיך.

אבער יעדע זאך מיט א מאס! ווי אונזער מלאכ'ל האט איבערגעהאפט אביסעל דאס שנורעל אונ זיין אויסגעלאסענקייט האט שוין גאר קיין מאס אונ גאר קיין גרעניץ ניט געהאט, דא האט אויך אללאה ניט מעהר געקענט שווייגען אונ האט אים געמוזט אביסעל בעשטראפען.

איהר ווילט וויסען, קינדערלעך, ווי דאס איז צוגעגאנגען? — גאנץ פראסט, זאג איך אייך!

אין איינעם שאנעם פריהמארגען קומט זיך אונזער מלאכ'ל אין דעם שטאלל אריין, דארט וואו עס שטעהט אללאה'ס „וואגען" אונ דא חאפט ער זיך צו די מלאכה אונ פיהרט ארויס דעם וואגען פונ'ם שטאלל, אונ גיך לויפט ער צו די מזלות אונ נעמט פון די צוועלף מזלות אלעס וואס ער קענן אט יעטצט ברויכען. למשל: דאס מזל „לאממעל" אונ דאס מזל „אכס" אונ דאס מזל „ציקעלע" אונ דאס מזל „לייב", אונ שפאנט זיי אלע איין אין דעם וואגען, אונ דאנן נעממט ער דאס מזל „בויגען" אונ הענגט איהם אריבער פארענט פאר דעם וואגען, אז עס זאל זיין מיט א דוגא פון פארענט, אונ דאס מזל „צווילינג" זעצט ער אוועק אין וואגען אריין אונ ער אליין זעצט זיך אוועק אויף די קעלניע פארענט, אונ היידא! מיט א גרויס געטומעל אונ געפילדער אונ גערעש פאהרט מען אין איין אימפעט פון איין עקק הימעל ביז צום אנדערען עקק! צום סוף אז אונזער מלאך איז אנגעקומען אין די שאנסטע אונ פארנעהמסטע גאסס פון דעם הימעל'ס גאסען, דארט

אין די הויפטגאס אריין וואס ווערדט אנגערופען „מילך-גאס", דא האבען פלוצלינג די שטילע פארנעהמע איינוואויהנער פון דארט דערהערט דאס גערעש פון א בייטש אונ פון ראדער אונ האבען זיך אלע אויפגעחאפט אין איין ציטערניש, אונ די מהומה איז געווען גאר אומבעשרייבליך, אונ אלע האבען געמיינט אז א שונא איז פלוצלינג בעפאלען דעם הימעל, בכדי מלחמה צו האלטען, אונ די געפלאסטערטע שטיינער פון דער מילך-גאס זענען צוזעצט אונ צושפרונגען געווארען פאר גרויס איילעניש פונ'ם וואגען, אונ אויס די שטיינער איז געווארען ברעקעלעך אונ אויס די ברעקעלעך איז געווארען שטערענדלעך — אט ווי מיר זעהען עס טאקי ביז צום היינטיגען טאג. אונ אלע איינוואויהנער פון אויבען, פון איין עקק הימעל ביז צום אנדערען עק, האבען אנגעהויבען געוואלט צו שרייען, אז אזא מעשה רע האט זיך נאך ניט פאסירט זייט דער הימעל שטעהט, אונ די אלטסטע לייט פון הימעל געדענקען ניט אז אזוי א יונג קליין מלאכ'ל זאל זיך קענען אזויענס אונטערשטעהן, דאס געשפאטט צו האבען פון אלטע בכבוד'ע לייט, אונ די אלטע האבען אנגעהויבען זיפצען אונ קלאגען אונ אויקען, אז „אפילו אים הימעל האט מען אויך שוין מעשטיינס געזאגט קיין מנוחה ניט!" אונ דא האבען זיי געהאט בדעה אהין צו געהן ביז צום היילגען וואלקען, אונ צו דערצאהלען אלדינג אז אללאה אליין זאל וויסען וואס זיין מוזיניקעל האט אנגעמאכט; נור איהר ווייסט דאך, אלטע לייט רעדען נור מיט דעם מויל אונ טהון זיי גאר נישט! אבער, זעהט איהר, דארט אים הימעל אויפ'ן עקק פון דער מילך-גאס אין א פערבארגענעם ווינקעל וואויהנט זיך די „בתולה", אט יענע בתולה וואס איז אויסגערעכענט צווישען די צוועלף מזלות, אונ דאס איז אן אלטע, פערגרינטע, אויסגעדארטע בתולה, וואס האט קיין מאנן ניט געקריגען, אונ זי זיצט דאס אלץ נאך פערזאדעט אונ פערביטערט אונ ווארט אויף איהר דערלאזער, אונ זי האט א געשליפען מייליכעל אונ א שפיציג צינגעל, אז אלע וואס וואויהנען אויבען אין הימעל חאפט אן א פחד ווענן מען דערמאנט איהר נאמען. אונ דא איז די דאזיגע בתולה געלאפען אין איין אימפעט-אהין ביז צום היילגען וואלקען, אונ אז אללאה האט זי דערזעהען אנקומענדיג, דא האט אויך ער כביכול א ציטער געגעבען, דענן ער האט גוט געקענט די געעהרטע בתולה אונ האט געוואוסט אז אפילו דער שטן געהט איהר אויס'ן וועג. אבער דאס מאל האט דאך די בתולה רעכט, זעהר האט זי רעכט! איין אומרעכט איז אים הימעל געשעהען, א מעשה וואס זאל גאר ניט געדאכט ווערען, אונ עס איז גאר ניט דא קיין אנדערע עצה ווי דעם פערברעכער צו בעשטראפען, אונ אפילו הארט, זעהר הארט, צו בעשטראפען! — אונ דא האט אללאה גערופען צו זיך דאס קליינע מלאכ'ל אונ האט גערעדט צו איהם אזוי: „מארש! מארש ארויס פון הימעל אונ אראב אויף דער ערד, אונ דארט וועסטו צווישען די מענשען וואויהנען אונ וועסט ניט מעהר אים הימעל ארום ווירטהשאפטען. זעהסטו, דו ביסט דאך גאר ניט ווי א מלאך געווען, וואס איז רעכטשאפפען אונ פרומם אונ גוט, נור פראסט ווי א מחבל ביסטו געווען, וואס יעדעם היילגע איז ביי איהם א געלעכטערל אונ וואס אפילו א בתולה איז ביי איהם גאר ניט קיין מיוחס, איהר אבצוגעבען דעם נאטהיגען כבוד. אונ דאריבער,

מארש אראב אויף דער ערד, און דארט וועסטו וואויהנען, ביז דער צארן פון דיינע פיינד וועט זיך אביסעל האבען געלעגט, און דא ערשט וועסטו קאננען צוריקק צו אונס. אבער וויסען זאלסט דו: ניט איך וועלל דיך צוריקק נעממען אין הימעל אריין, נור דו אליין מיט דיין אייגענעם כח און מיט דיין אייגענעם פערשטאנד מוזט וועהען צוריקקומען, און פון הימעל וועט קיינער ניט זיין וואס וועט דיר דאביי עפעס העלפען!"

און אללאה האט געלאזט א שווערען שלאף פאללען אויף אונזער מלאכ'ל, און אים שלאף האט ער איהם שטיללערהייט די שנעעווייסע פליגעלעך אבגעשוירען.

ווי דאס קליינע מלאכ'ל איז דערוואכט געוואָרען, דא האט ער זיך אויסגעריבען די אייגעלעך און האט זיך אומגעקוקט אויף אלע זייטען, און דא האט ער געזעהען אז ער ליעגט אויף דער ערד אין א גארטען אויפ'ן פעלד, און א רויזען-ריח קיצעלט איהם ביי די נאז-לאכעלעך, און זיסע ליכט-שטראהלען צוגיעסען זיך איבער'ן גאנצען פלאץ, און זומער-פאגעלעך און זשוקעס שווימען ארום אין דער קריסטאל-ריינער לופט, און אויבען אין דעם בלויען ים אונטער'ן הימעל פליהען ארום די פאגעלעך און זינגען, אהן א סוף, אהן א מאס. דא האט ער זיך געדרעהט אהין און אהער, און פערוואונדערט האט ער אלעם אנגעקוקט, און האט גאר נישט געוואוסט וואו ער איז דא אין דער וועלט; און נור איינציגווייז, איינציגווייז האט ער זיך אנגעהויבען צו דערמאנען, און דא האט ער זיך דערמאנט און געדענקט אלדינג וואס האט זיך מיט איהם אבגעטהון אין די לעצטע פאר שעה, און דא איז איהם פלוצלינג געוואָרען עפעס אזוי אומטיג און טרויריג, און ער האט אנגעהויבען צו טראכטען און צו טראכטען. אבער דאס לאנגע טראכטען און די טיעפע מחשבות האט אונזער מלאכ'ל פון תמיד אן ניט ליעב געהאט, און זיי זענען איהם געוואָרען לאסטיג אויך יעצונד. און דא האט ער געלאזט דאס טראכטען און דאס קלערען, און האט אנגעהויבען מיט כונה בעטראכטען און בעקוקען אלעם ארום און ארום, און דא האט ער געזעהען אז דאס אלעם איז גאר ניט אזוי שלעכט, און אלעם האט איהם אנגעהויבען צו געפעלען. און אויפגעהאפט האט ער זיך און איז אהין צום פרישען קוואלל אים טייך מיט די טאנצעדיגע וועללען און מיט די קליינע און גרויסע פישעלעך, און די בלומען און די רויזען האט ער מיט חשק בעטראכט. און ארום געשפרונגען איז ער פון בלום צו בלום און פון רויז צו רויז, און איז געוועזען גליקליך און צופריעדען, לוסטיג און אויפגערוימט, ווי נאך קיינמאל נישט. „איהר ליעבע זומער-פאגעלעך!" האט ער גערופען — „וואו איהר וועט פליהען, וועלל איך אויך פליהען, און וואו איהר וועט טאנצען, וועל איך אויך טאנצען. אלעם גלייך מיט אייך!" און דא האט ער געפרופט אויפהעבען זיך פון דער ערד און מיטפליהען, אבער — א צרה איז איהם געשעהען — אללאה האט ביי איהם דאך צוגענומען זיינע פליגעלעך און ער האט עס גאר נישט געוואוסט, דענן אללאה האט זיך געטראכט: זאל ער נור ניט קיין פליגעלען האבען און זאלל ער נור ניט צו גיך צוריקק אויפ'ן הימעל ארויף. „גם זו לטובה! זאלל דאס זיין צום גוטען!" האט אונזער מלאכ'ל אויסגערופען און האט זיך צוויי טרעהרען אויסגעווישט אוים זיינע צוויי אויגען, אוים דעם רעכטען און אוים דעם לינקען

אויג, איין טרעהר פאר גרויס טרויריגקייט און איין טרעהר פאר גרויס שמחה — ווי עס ווייזט זיך אוים וועלל איך שוין ניט קענען צוריקק אויפ'ן הימעל ארויף ביז מיינע פליגעלען וועלען מיר ווידער וואקסען. אבער אויך די ערד געפעללט מיר גאר ניט שלעכט; זי איז גאר ניט אזוי שלעכט און אזוי מאוס ווי מען האט מיר אייביג איינגערעדט אים הימעל! אדרבא, אלעם איז דא אזוי לוסטיג און אזוי אויפגערוימט דעם גאנצען טאג, און קיינער פערלאנגט דא גאר ניט פון מיר צו געהן שטאנדיג איינגעשפאנט אין דעם חאמאנט און צו זיין פרומם און שטילל און געלאסען פון דער פריה ביז ביי נאכט". אזוי האט אונזער ווילד זים מלאכ'ל צו זיך גערעדט, און דאנן האט ער זיך אויפגעהאפט און איז ארום געשפרונגען מיט די זוממענדיגע ביענען און מיט די רוישעדיגע פליעגען און מיט די קוואקעדיגע פראש און מיט די שרייעדיגע איידעקסען; און אללאה אויבען אים הימעל האט דאס אלעם געזעהען און האט זיך בעהאלטענערהייט צוגעקוקט צו אלעם וואס זיין ליעב מוזיניקעל טהוט, און זיין הארץ האט זיך געפרייט, און ער האט איהם ליעב געקריעגען טויזענדמאל מעהר ווי פריהער.

צו מארגענס אין דער פריה אז עס איז טאג געוואָרען, דא איז אונזער מלאכ'ל אויפגעשטאנען גאנץ צייטליך און איז זיך אביסעל געגאנגען אונטער מענשען און האט אנגעהויבען אונטער מענשען צו ווייל'ען זיך. — עטליכע טאג און עטליכע וואכען איז זיך אונזער מלאכ'ל אזוי געוועזען אונטער מענשען, און זיי זענען איהם גאר נישט קשה געפעלען געוואָרען, און ער האט איינגעזעהען אז זיי זענען טויזענדמאל בעסער ווי זייער שם וואס מען האט זיי געמאכט אויבען אים הימעל, און דא האט ער זיך זעהר געפרייט מיט זיי, און נור שטילערהייט האט ער געמוזט לאכען איבער זיי אז ער האט זיך אמאל צוגעהערט צו זייערע חקירות און זייערע תורות און זייערע סיסטעמעס און פילאסאפיעס וואס אייבער לערענט מיט דעם אנדערען וועגען גאטט און וועגען הימעל, וועגען גיהנם און וועגען שטן, און יעדער מיינט אליין אז ער האט דאס דעם גאנצען אמת שוין געפונען, און אלע צוזאמען: זענען זיי דאך טועה פון קאפ ביז צו די פים און ווייסען דאך לחלוטין גאר ניט וואס זיי רעדען. יעדעס מאל האט געמוזט אונזער מלאכ'ל שמייכלען — אבער דעם אמת האט אויך ער זיי ניט געזאגט.

און אזוי זענען אוועק געגאנגען וואכען און חדשים.

און זעהט איהר, מיינע קינדערלעך: איינציגווייז, איינציגווייז האבען די מענשען אנגעהויבען ביי איהם זייער חן צו פערליערען און האבען אנגעהויבען ווערען אביסעל נאריש אין זיינע אויגען און זייער גרויסע און שטארקע חכמה האט אנגעהויבען פלוצלינג ביי איהם א פנים צו האבען פון פראסט נארישקייט; און אויך די וועלט האט אנגעהויבען געפלוצלינג אויסצוקוקען ביי איהם ווי א נארישע לאסטיגע וועלט, און אלעם איז איהם געוואָרען לאסטיג און סקוטשנע, און ער האט דאנן געהאט נור איין וואונש צו ענטקוממען פון דאננען וואס גיכער — און דא איז ער געוואָרען טרויריג און אומיטיג און איז ארומגעגאנגען פערטראכט און ווי פערחלומט.

„קענט איהר מיך ניט אויפהעבען און מיטנעממען בים צו אללאה'ן וואס וואויהנט

אים הימעל?" האט ער די פאגעל געפרעגט וואס פליהען ביז צו די וואלקענס.
„מהיכא תיתא!" האבען איהם די פאגעל געענטפערט – „פון אונ ביז צום ארט ווי אללאה וויצט איז סך הכל נור איין טריטט אונ ווער נאך קענן אזוי גוט ווי מיר דיך העבען ביז צום הימעל?" – אבער די דאזיגע באריהמטערס האבען נור געקענט זיך באריהמען אונ מקיים זיין האבען זיי גאר ניט געקענט. ביז איבער'ן דאך פון דעם הויכען „מינארעט" האבען זיי דאס קליינע מלאכ'ל געקענט הייבען, אונ דא האבען זיי זיך אבגעשטעללט אונ ווייטער האבען זיי שוין ניט געקענט, אונ דא האט געמוזט דאס מלאכ'ל צוריקק אראב מיט זיי אויף דער ערד, אונ איז שוין ווייטער געוועזען אויף דער ערד ווי פריהער.

„איז ניט פערהאנדען דא עפעס א געלעגענהייט וואס פאהרט גראד אין הימעל אריין?" האט דאס קליינע מלאכ'ל אויסגערופען צו מארגענס אין דער פריה ווי ער איז געשטאנען אין גאס אויפ'ן פעלד – „יא יא, עס איז פערהאנדען, מוזט אבער גיך מאכען אונ ניט באלומוטשען!" האט איהם א שטארק מאכטיג קול געענטפערט, אונ אין דער איינגער מינוט איז א גרויסער מאכטיגער שטיין-אדלער מיט לאנגע מאכטיגע פליגלען פארביי געפליגען איבער זיין קאפ אין דער הייך, אונ דא האט אונזער מלאכ'ל זיך ארויף געהאפט אויף דעם אדלערס פליגלען, אונ אזוי זענען זיי ארויף אין די וואלקענס אריין אונ אזוי זענען זיי צוזאמען געפלויגען, העכער אונ העכער, העכער אונ העכער, ביז זיי זענען געוועזען איבער די שפיצען פון די העכסטע בארג וואס אן אייביגער שנעע ליעגט אויף זיי; אבער העכער פון די דאזיגע בארג האט אויך דער אדלער זיך ניט דערהויבען דענן ער האט ניט געקענט מעהר, אונ פון דארט ביז צום הימעל איז דאך פארט נאך א שאן שטיקעל וועג. „אויך דו ביסט נור א באריהמער, א פלוידערזאקק!" האט דאס מלאכ'ל זיך אויסגערופען אונ איז אראב פונ'ם אדלער אונ איז געגאנגען צו פוס אונ האט זיך שטארק פערטראכט.

„דו מוזט דיך צו די מענשען ווענדען – ציפצעריפ, ציפצעריפ!" האט זיך א שוואלב אנגערופען, זיך ווענדענדיג צום מלאכ'ל – „זעהסטו, איך האב מיט דעם מענש יאהרענלאנג צוזאמען געוואוינט, מיר ביידע האבען איינגענטליך איין דאך נור געהאט, אונ איך קענן איהם, זאג איך דיר, גאנץ גוט אונ גאנץ גענוי, אונ הער וואס איך זאג דיר: א חכם איז דער מענש. קלוגער פון אלע בעשעפעניששען אויף דער וועלט, אונ זיין עצה איז פראסט גאטטליך, אונ דאריבער ראטה איך דיר, געה אהין צו איהם אונ ער וועט דיר שוין אן עצה געבען – ציפצעריפ, ציפצעריפ!"

„דער מענש?!" האט זיך דאס מלאכ'ל אנגערופען אונ האט זיך צולאכט – „דו טרייבסט אודאי קאטאוועס מיט מיר ווענן דו זאגסט: דער מענש איז א חכם, אונ איך, זעהסטו, איך האב דאך ביי איהם גאר דאס געגענטהייל געזעהען!"

„דאס איז מסתמא נור אזא צופאלל געוועזען, אונ טאקי נור דאריבער ווייל געוואהנטליך האבען רק נארען מיט מלאכים צו טהון", האט די שוואלב געענטפערט – „אבער פרופ דיך נור אונ זוך גוט, וועסטו זעהען וואס פארע חכמים עס געפינט זיך

צווישען די מענשען, אונ דו וועסט איינזעהען ווי גערעכט איך בין – ציפצעריפ, ציפצעריפ!"

„אמן, הלואי זאל אזוי זיין ווי דו זאגסט!" האט דאס מלאכ'ל געענטפערט אונ איז אוועק פון דארט אונ איז געגאנגען העט, העט, ביז ער איז אנגעקומען אין א גרויסע שטאדט.

ענדליך איז ער געקומען צו א מענש וואס ער וואוינט אין א פראכטיגען העררליכען פאלאץ, אונ דער דאזיגער מענש האט געהאט א גרויסען ברייטען שטערען, אונ ווי דאס מלאכ'ל האט דערזעהען אט יענעם שטערען, דא האט ער ביי זיך געטראכט: אין אזא שטערען וואוינען נור גרויסע הויכע געדאנקען! – אונ דער דאזיגער מענש איז געזעסען ביי זיין קאנטאר-טיש אונ ווי דער מלאך איז שטילערהייט צו איהם צוגעגאנגען האט ער גראד געצאהלט די פאקקעלעך וואס זענען געלעגען אנגעהויפט פאר איהם. „איין מיליאן – הונדערט מיליאנען – טויזענד מיליאנען", האט דער מענש גערעדט צו זיך אליין – „ווי עס ווייזט זיך אויס האב איך שוין מעהר מיליאנען ווי אללאה האט שטערען אים הימעל; מיינע געדאנקען געהען אלץ העכער אונ העכער אונ זיי שטייגען אריבער איבער די גאנצע וועלט אונ גרייכען ביז צו די ווייטעסטע אינזלען, אונ ווער ווייס אויב מיט מיין געלד וואלט איך ניט זיין אים שטאנד מיר א הויז אויפצובויען אפילו אויף דעם העכסטען שטערען אים הימעל". אונ אונזער מלאכ'ל האט דאס אלץ געהערט אונ האט ביי זיך געטראכט: „ווענן אזוי, דא האב איך דאך פונקט אריינגעטראפפען צו אזא מענש ווי איך זוך! ווענן דער דאזיגער מענש האט באמת אזעלכע גרויסע אונ הויכע געדאנקען וואס שטייגען ביז צו די וואלקענס אונ וואס גרייכען ביז אין די ווייטע הימלען אריין, דא ברויך איך דאך נור צו ווארטען ביז אזא געדאנקען וועט ארויס פון זיין שטערען אונ דא וועל איך מיט איהם באלד ארויף גלייך אין הימעל אריין" – אונ דער מלאך האט געווארט אונ האט געלויערט אויף אזא געדאנקען אונ ווי אזא געדאנקען איז ארויס פונ'ם מיליאנער'ס קאפ, דא האט זיך דאס מלאכ'ל ארויף געהאפט אויף איהם אונ האט אנגעהויבען רייטען אויף איהם אונ איז געפלויגען אונ געפלויגען אונ איז געשוועבט אונ געשוועבט – אונ אויס די מינוטען איז געווארען שעה'ן אונ אויס די שעה'ן איז געווארען טאג, אונ דאס פליהען האט גאר קיין סוף נישט גענוממען, אבער ווי דאס מלאכ'ל האט אנגעהויבען זיך גוט ארום קוקען, דא האט ער דערזעהען אז נישט געשטיגען זענען זיי נור אראב געניעדערט, נישט העכער זענען זיי געקוממען נור ניעדריגער אונ עס פעהלט נור נאך אביסעל אונ זיי וועללען זיך באלד ארומקייקלען אין דער בלאטע דארט אין דער טיעפעניש פון דער האלל, אנשטאט וואס זיי האבען געמיינט צו קוממען אין הימעל אריין, אונ נישט ביז צו די שטערען זענען זיי אנגעקוממען נור ביז צו די געלד-זאקק וואס ליעגען אויף דער ערד. דא האט זיך אונזער מלאכ'ל מיט אימפעט אויפגעהאפט אונ האט זיך געראטעוועט זיין נשמה אונ איז ענטרינגען געווארען אונ ביי זיך האט ער זיך געטראכט: ניין, מיט עשירות קוממט מען ניט אין הימעל אריין!

דאנן איז ער געקומען צו א מענש וואס ער געהט אנגעטהון אין גאלד-געשטיקטע קליידער או"נ וואס ער טראגט א שווערט אן דער זייט, בעזעצט מיט לויטער בריליאנטען און עדעלגעשטיין, און דאס פנים פון דעם דאזיגען מענש איז פלאממען-רויט און איז פולל מיט שטאלץ און גרויסקייט און מאכט און גבורה און זיעג. דא האט אונזער מלאכ'ל באלד פערשטאנגען אז ער איז דא אנגעקוממען עפעס צו א גרויסען בעריהמטען העלד וואס האט לאנדער איינגענוממען מיט זיין גבורה און פעלקער אונטערטהאניג געמאכט מיט זיין שטארקע האנד; א מענש וואס די וויטעסטע אינזלען זענען ניט פאר איהם צו וייט און וואס די הימעלס-וויילען קאנגען זיך נישט בעהאלטען פאר איהם, אזוי אז א נא מענש וויל נור, דא שטרעקט ער אויס זיין האנד און חאפט אן די הימעלען ביי די עקען און שאקקעלט זיי אביסעל אהין און אביסעל אהער און שאקקעלט ארויס פון זיי די שטערען און די מלאכים און די אללע גאטטליכע וועזען — און דא האט עס אונזער מלאכ'ל שטארק אהינגעצויגען צו דעם דאזיגען וואונדערליכען מענש און ער איז געשטאנגען און האט געווארט און האט געלויערט, און ווי עס איז ארויס א געדאנקען אויס דעם קאפ פונ'ם העלד, דא האט זיך אונזער מלאכ'ל צוגעאיילט און האט זיך ארויף געהאפט אויף איהם און איז געריטען אויף איהם און איז געפלויגען או"נ געפלויגען און איז געשוועבט און געשוועבט — אבער באלד האט דאס ארעמע מלאכ'ל איינגעזעהען אז שוין ווייטער פיהרט גאר נישט דער וועג אין הימעל אריין, נור אין די האלל אראב. א רויטער בלוטיגער ים מיט רויטע בלוטיגע וועללען האט זיך אויסגעגאסען פאר זיינע אויגען, און זיי שוועבען אלץ אויף רויטע בלוטיגע שיפלעך איבער יענעם רויטען בלוטיגען ים, און דער וועג געהט אלץ ניעדריגער און ניעדריגער אין די האלל אראב. דא האט זיך אונזער מלאכ'ל אויפגעחאפט מיט אימפעט און האט זיך געראטעוועט זיין נשמה און איז ענטרינגען געווארען, און ביי זיך האט ער זיך גע-טראכט: ניין, מיט גבורה קומט מען נישט אין הימעל אריין!

אזוי לויפעדיג און נאך אונטערוועגס זייענדיג איז ער פארביי געקוממען פאר א גרויס הויך הויז, או"נ אין דעם דאזיגען הויז זענען קאטהעדרעס פערהאנגען און אויף די קאטהעדרעס שטעהען מענשען מיט גרויסע דיקקע ספרים; דאס זענען פילאזאפישע ספרים, וויסענשאפטליכע ספרים, חקירה-ספרים, אללערהאנד ספרים; און די דאזיגע מענשען האבען טיעפע קנייטשען. אין די שטערענס און האבען קיין איינציג האר מעהר אויף די קאפ, און זיי שטעהען פאר זייערע תלמידים און דרש'נ'ען פאר זיי איבער די סודות פון בריאות העולם און איבער די סודות פון די הימלען און איבער די סודות פון גאטט —; אזוי אז עס איז מאקי נישט פערהאנגען איין איינציגע זאך וואס די דאזיגע חכמים און פראפעסארען זאללען נים גאנץ דייטליך וויסען. און אונזער מלאכ'ל האט זיך אבגעשטעללט און האט געווארט און האט געלויערט אויף איינעם פון די גרויסע און הויכע געדאנקען וואס וועט ארויס פון איינעם פון דער חברה און האט געווארט א טאג און האט געווארט עטליכע טאג און האט געווארט עטליכע וואכען און עטליכע חדשים, — אבער אומזונסט, דענן ביי דער חברה

איז כלל גאר נישט קיין געדאנקען און קיין רעיון און קיין מחשבה פערהאנדען. דא האט אינזער מלאכ'ל ביטטער ארויס גערופען זיך: „אך, איך האב א טעות געהאט! דאס פאלק ד.. איז א פאלק גאנץ אהנע געדאנקען, און איך האב גאר אומזיסט די צייט פערברראכט און געווארט!“ און דא האט ער זיך אויפגעחאפט מיט אימפעט און איז ענטלאפפען געווארען ווי ווייט די פים האבען איהם געטראגען און ביי זיך האט ער זיך געטראכט: ניין, מיט חכמה קומט מען ניט אין הימעל אריין!

„עס איז פארט אביסעל שווערער ווי איך האב ביים אנפאנג געמיינט!“ האט דאס מלאכ'ל געטראכט ביי זיך, און האט געלאזט זיין קאפ'ל אראב העננגען און איז געוואארען אומעטיג און פער'מרה-שחורה'ט. און דאס קליינע מלאכ'ל איז געוואנדערט שטאדט איין, שטאדט אויס, לאנד אויס, לאנד איין, און איז געוואנדערט וואכען און חדשים לאנג, און איז געוואנדערט פון איין פאלק צום אנדערען פאלק, פון איין מדינה צו די אנדערע מדינה, און צום סוף איז ער אנגעקוממען ווידער צו יענעם ארט אים גארטען אויפ'ן פעלד, דארט וואו ער איז דע-וואכט דאס ערשטע מאל נאך זיין אראב-קוממען פון הימעל אויף דער ערד.

און דער זוממער איז געלעגען אויסגעגאסען אויפ'ן גאנצען לאנד און עס האט געגלאנצט און געשיינט און דער רויזען-ריח איז זיך צוגאנגען איבער די גאנצע ערד, און זוממער פאגעלעך און זשוקעס און ביענען האבען געטאנצט אין דער ווארמער קריסטאלל-ריינער לופט, און די פאגעלעך אונטער דעם בלויען הימעל האבען גע-זונגען און געזונגען. אויף דעם גראז אבער אין דעם גארטען איז זיה געלעגען אויס-געשטרעקקט א יונגער מאנן, און זיינע אויגען זענען געווען אויפגעהויבען צום הימעל. און ווי ער האט אזוי געקוקט אין הימעל אריין, דא האט זיין פנים גאנץ קלאר עדות געזאגט אויף איהם אז יעצט איז ער ווייט ווייט פון דער ערד און פון דער וועלט און פון אללעם וואס טהוט זיך דא אב ארום איהם אויף דער וועלט, דענן זיין גייסט שטייגט יעצט אללעמאל העכער און העכער, און שטייגט ביז צו דעם ארט וואו די וואלקענס זענען, און פון די וואלקענס שטייגט ער צום הימעל, און פון הימעל שטייגט ער ביז צום זונן, און פון דער זונן שטייגט ער ביז צום ארט וואו דער קדשי-הקדשים פון דער זונן, און פון דער זונן שטייגט ער ביז צום ארט וואו דער כסא-הכבוד שטעהט און וואו עס זיצט אללאה גאר אלליין. — אט דא האט אונזער מלאכ'ל אריין געקוקט אין די אויגען פון דעם דאזיגען יונגען מאנן, און ער האט גע-זעהען אז די אויגען לייכטען ווי די זונן און די לבנה און אללע שטערענס צוזאממען, און אט אט שטייגט ארויס א בליץ אויס דעם אויג פונ'ם יונגען מאנן, און ווי דער בליץ שטייגט ארויס דא שטייגט ער אללעמאל העכער און העכער, העכער און העכער, און דא האט אונזער מלאכ'ל גיך זיך אנגעחאפט אין אט יענעם בליץ און האט זיך אויף איהם אויף געחאפט און איז אויף איהם געריטטען און- עס האט נים געדויערט קיין רגע, דא איז אונזער מלאכ'ל שוין געוועזען אין הימעל און איז שוין געשטאנגען צווישען די טויזענדער פון זיינע ברידערלעך וואס האבען אויף איהם אומגעדולדיג די גאנצע צייט געווארט.

„מַאלַאדְיֶעץ״ !״ הָאט אַלְלַאה זִיךְ אויסְגֶערוּפֶען און הָאט גֶעקְלַאפְּט אוּנְזֶער קְלֵיין מַלְאָכֶ׳ל מִיט לַייטְזֶעלִיגְקייט אויף דִי פְּלֵייצֶעס – „אָבֶּער זָאג מִיר וֶוענִיגְסְטֶענְס וֶוער דֶער דָאזִיגֶער מֶענְש אִיז, וֶועלְכֶער, וֶוען עֶר בְּלִ׳צְט נוּר מִיט דֶעם אויג, קֶענֶן עֶר בְּרֶענְגֶען אִין הִימֶעל אַרַיין וֶועם עֶר ווִילל נוּר?״

„אִיךְ ווֵייס נִיט״, הָאט דָאס קְלֵיינֶע מַלְאָכֶ׳ל גֶעעֶנְפֶּערְט.

און אַלְלַאה הָאט מִיט זַיין ווַייכֶע הַאנְד גֶעגְלֶעטְט דִי ווֵייכֶע זַיידֶענֶע לָאקֶען פוּן אוּנְזֶער קְלֵיין מַלְאָכֶ׳ל און הָאט גֶעשְׁמֵייכֶעלְט און הָאט גֶעזָאגְט: דָאס אִיז דֶער – פָּאעֶט!״

דָאס אוּמְגְלִיק*)

אָדער

ווִי דֶער פּוּמְפְּיַאנֶער רָב הָאט גֶעוָואלְט לֶעזֶען (פותר זיין) דִי סָאצְיַאלֶע פְרַאגֶע

(אַ מ ע ש ה).

פּוּמְפְּיַאן אִיז אַקְלֵיין שְׁטֶעדְטֶ׳ל אִין דֶער לִיטֶא, אַ יוּדִישׁ שְׁטֶעדְטֶ׳ל. עֶס לִיגְט עֶרְגִיץ אִין דֶער זַייט ווַייט פוּנ׳ם טְרַאקְט צְווִישֶׁען דֶערְפֶער וָואס מֶען פָאהרְט אַהִין מִיט׳ן „פּוֹילִישֶׁען וֶועג״. דִי אַיינְוואוֹהנֶער זֶענֶען אָרֶעמֶע לַייט וָואס לֶעבֶּען בְּדוֹחַק פוּן דִי אָרֶעמֶע דָארְפְס־בּוֹיעֶרן וָואס קוּמֶען אִין שְׁטֶעדְטֶ׳ל אַרַיין, אָדֶער וָואס דִי יוּדֶען גֶעהֶען צוּ זֵיי אַרוּם מִיט גְרוֹיסֶע פֶּאק אויף דִי פְּלֵייצֶעס און פַארקוֹיפֶען זֵיי אַלֶערְלֵיי קְלֵיינִיגְקֵייטֶען, און נֶעהמֶען בַּיי זֵיי דֶערְפַאר אַבִּיסֶל קָארְן, קַארְטָאפֶעל וּכְדוֹמֶה. פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען, דוּרְכְרַייזֶענְדֶע, זֶעהט מֶען דָארְטֶען זֶעהר זֶעלְטֶען, און וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַמָאל אַמָאל אַז עֶס קוּמְט צוּ פָאהרֶען עֶפִּיס אַפְרֶעמְדֶער, אִיז דָאס טַאקִי אַ גְרוֹיס חִדוּשׁ, אַ זֶעלְטֶענְהַייט, אַלֶע קוּקֶען אַרוּם דוּרְךְ דִי קְלֵיינֶע פֶענְסְטֶערְלִיךְ, עֶלְטֶערֶע מֶענְשֶׁען וַואגֶען זִיךְ צוּ ווַייזֶען און גֶעבֶען „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם״, יוּנְגְלֶעךְ און בַּחוּרִים דְרֶעהֶען זִיךְ אִין גָאס׳ל אַרוּם, אַרוֹיף און אַרָאבּ, און גְלָאטְצֶען אוֹיס אַפָּאר אוֹיגֶען אויף דֶעם פְרֶעמְדֶען, ווַייבְּלֶעךְ און מֶעדְלִיךְ וֶוערֶן רוֹיטְה און ווַארְפֶען אַבְּלִיק פוּן דֶער זַייט, און אַלֶע שְׁמוּעֶסֶען שׁוֹין נָאר דֶערְפוּן: „וֶוער קֶען דָאס זַיין? עֶפִּיס גְלַאט אַזוֹי נֶעהמֶען און קוּמֶען אַהֶער – עֶס מוּז דָאךְ עֶפִּיס שְׁטֶעקֶען״... און בֵּין־מִנְחָה־לְמַעֲרִיב אִין בֵּית־הַמִדְרָשׁ נֶעהמְט מֶען זִיךְ שְׁטַארְק צוּ דִי עֲטַלִיכֶע עֶלְטֶערֶע

---

*) דאס ערצאֶהלונג „ד אָ ס א ו מ ג ל י ק״ וואָס מיר דרוקען אין „הויזפריינד״ געשריעבען אין יודיש פֿון דעם בעוואוסטען טאלאנטפֿאָללען שרייבער ר״א ב ר ו י ד ס (מחבר פֿון „ה ד ת ו ה ח י י ם״) האָט אינז צוגעשיקט ה׳ גוסטאוו באַדער הכהן אוּס לעמבערג צוזאממען מיט דעם דאָזיגען בריעף:

„נמצא בידי ספור קטן „דאָס אומגליק״ מאת המספר הנודע „ראובן א. ברוידעס״ אשר קניתיו מאת המספר בהיות הפצי להוציא מאסף זרגוני. עתה כאשר חזרתי ממחשבתי הראשונה יש לאל ידי למכור את הספור הזה״ א. ז. וו.

רעדאקציע „הויזפריינד״

מענשען וואס האבען דעם פרעמדען „שלום“ געגעבען, צו ערפאהרען פון זיי ווער און וואס ער איז . . .

מיט אַיאהר פופציג — זעכציג צוריק, ווען אונזער מעשה האט זיך געטראפען, איז נאך דער פערקעהר בכלל געווען זעהר קליין: קיינע אייזענבאהנען זענען נאך ניט געווען. קיינע טעלעגראפען, די פאסט אליין האט אויך זעהר לאנגזאם און זעלטען פערקעהרט; מענשען זענען טאקי ווייניגער געפאהרען אהין און אהער, א „נסיעה“ צו מאכען איז טאקי געווען אגעוואלד, אגאנץ אונטערנעהמען און קיין סך פרעמדע האט מען אפילו אין א גרעסערע שטאדט אויך ניט געזעהן. יעדע שטאדט איז געווען פאר זיך אשטאדט, גאנץ באזונדער; און פומפיאן איז טאקי געוועזען ווי אבעזונדער קליין וועלטעל פאר זיך אליין. ס'האט זיך פשוט גאר ניט אנגעהערט מיט אונזער וועלט, און האט געלעבט ביחידות . . .

דענסטמאל זענען נאך ניט געוועזען אזוי פיעל צייטונגען בכלל וואס זאלען טאג־טאגליך אנדולען א קאפ, און מאכען א סך פראגען, כדי מען זאל האבען מכח וואס צו רעדען; ביי יודען איז נאך גאר קיין איינציג בלאט ניט געוועזען, און „נייעס“ „וועלט זאכען“ האט מען נאר געהערט אין בית־המדרש און להבדיל, אין מרחץ; — און וואס פאר אנייעס האט דאס געקענט זיין? — וועלט בעוועגענדע פראגען האבען אין אלגעמיין ווייניג עקסעסטירט; „פאליטיק“ „עקאנאמיע“ „סטאטיסטיק“ „קאפיטאל“, „סאציאלע פראגע“ וכדומה, די אלע ווערטער וואס ליעגען אצונד אין מויל ביי אלע יונגלעך און מעדלעך זענען נאך דענסטמאלט געוועזען פאסט אומבעקאנט אפילו אין דער גרויסער וועלט, אפשיטא שוין ביי אונז יודען, און אפשיטא־דפשיטא ביי ר' נחום'ציען דעם פומפיאנער רב!

און דאך איז ר' נחום'ציע געוועזען א שטיק וועלט ווייטער נאך זיינער ארט.

ר' נחום'ציע איז געוועזען א געבארענער פומפיאנער און זיין רבנות האט ער גע־האט בירושה פון זיין טאטען. ער איז געוועזען א בן־יחיד'ל, אנ'אבגעהיט קינד (דערפאר איז איהם געבליעבען דער פארצויגענער נאמען „נחום'ציע“ ביז אויף דער עלטער) און מען האט איהם פון אויג ניט ארויסגעלאזט. אז ער איז עלטער געווארן האט מען מיט איהם א שידוך געטהון מיט איין ארענדאר ניט ווייט פון שטעדט'ל, אבער אהין אויף קעסט, ווי דער מנהג איז, האט איהם זיין פאטער בשום אופן ניט געוואלט געבען. „איך קאן אהן מיין נחום'ציען ניט זיין אפילו א מינוט“, האט דער אלטער רב ערקלעהרט, — „איך קען איהם ניט אוועקלאזען אונטער מיינע אויגען; און א חוץ דעם, לערנען מיר טאקי ביידע צוזאמען“ . . . און זיי האבען טאקי ביידע צוזאממען געלערנט טאג און נאכט, מען האט געזעהן אז דער רב וויל טאקי בפירוש אז זיין נחום'ציע זאל דא בלייבען רב נאך זיין טוידט, — און ער איז טאקי געבליעבען.

ער איז שוין זיינע עטליכע יאהר רב אין שטעדט'ל, געהמט שכירות די זעלביגע פינף פוילישע גילדען א וואך ווי זיין טאטע, עליו־השלום, האט גענומען, און זיצט און לערנט און קלעהרט . . . קיין סך ארבייט האט ער אין שטעדט'ל ניט; ח'לעבען, ארוהיג

שטעדט'ל, שטיל, ארדענטליכע מענשען, מען קריעגט זיך ניט און דין־תורה'ס קומען זעלטען פאר; נאך זעלטענער טרעפט זיך אשאלה, דער עולם איז ארעם, קיין פליייש קומט ניט אין קיין יודישע שטוב אריין פון פרייטיג צו פרייטיג, וואס לכבוד שבת מוז מען שוין האבען אשטיקעל „בשר“ („דגים“ איז גאר אזעלטענהייט), און זוממער צייט מאכען א סך א „מילכיגען שבת“ אויך, — און ווער האט דא שאלות צו פרעגען? דרום איז ער שטענדיג געזעסען און געלערנט און געקלעהרט . . . קלעהרען האט ער זעהר ליעב געהאט, בעקלעהרען די וועלט . . .

אמת טאקי אז ער איז כל ימיו געזעסען ביי זיך אין שטיבעל, אז ער איז זייט זיין לעבען ניט ארויסגעגאנגען אפילו קיין „פיער איילען“ פון'ם שטעדט'ל, אז עס איז איהם קיין מאל ניט איינגעפאלען אביסעל ארויס צו פאהרען ערגיץ־וואו, דען אין אמת'ן אריין, וואו אהין פארט מען? און צו וואס פארט מען? — די וועלט האט ער אבער דאך געקענט, דערויף איז דאך עפיס אלמדן, אתלמיד־חכם, אין דער תורה שטייט אלסדינג . . . און פון דער תורה ארויס, פון דער גמרא און פון אללע הייליגע ספרים ארויס האט ער געקענט אויך די וועלט. ער האט געוואוסט אז „ראובן'ס אקס שטויסט שמעון'ס קוה“, אז „א פונק שפריצט פון שמיד'ס האמער און פערברענט אוואגען היי“, אז ר' אליעזר בן חרסום האט געהאט טויזענד שטאדט אויף דער יבשה און טויזענד שיפען אויף'ן ים“ . . . הא, דאס איז דאך עפיס אפערמעגען, ער איז דאך אפשר באלד אזוי רייך געוועזען ווי ראטהשילד (פון ראטהשילד'ן האט מען אפילו אין פומפיאן אויך געוואוסט) . . . „יא, א רייכער תנא!“ האט ער געקלעהרט, און האט זיך שטארק פערטיפט אין דעם ענין פון רייכע און ארעמע מענשען.

פון די הייליגע ספרים ארויס האט ער געוואוסט אז רייך צו זיין איז אריין אומגליק. שלמה־המלך איז אודאי געוועזען אגרויסער חכם, האט ער אויך געבעטען ביי גאט: „ריש ועושר אל תתן לי“ — „רייכטימער וויל איך ניט“, ער האט געזאגט אז „רייכטימער זענען ביי די מענשען אויפבעוואהרט נאר צום אומגליק“ („עושר שמור לבעליו לרעתו“), און אין דער גמרא הקדושה שטעהט דאך בפירוש אז פאר „יודען פאסט אזוי שיין ארעמקייט ווי א רויטה צוימ'ל צו אוויים פערד'ל“, און אז איין תנא איז געוועזען אין הימעל, און צוריקקומענדיג האט ער דערצאהלט אז ער האט אליין געזעהן דארטען אז די ארעמע לייט זיצען אויבען־אן אין גן־עדן און די רייכע פערשטופט מען; העט הענט אין א ווינקעלע ביי דער טהיר . . . ווער רעדט אין די מוסר־ספרים, — דארט שטייט אזוינס . . . אין „ראשית חכמה“, אין „שבט מוסר“ און כדומה איז דאך אנגעשריעבען אזעלכע זאכען אז עס נעהמט אן א גרויל אין אללע אברים, אשפאס וואס פאר א תוכחה דארטען איז אויסגעגאסען אויף די נגידים, אויף די רייכע, וואס גאט גיט זיי אפ דא אויף דעם עולם השפל, אויף דער ויסטער וועלט דאס גאנצע ביסל זכיות וואס זיי האבען, און אהין, אויף'ן עולם־האמת, קומען זיי געביך נאקעט, בלויז אהן א לעק עולם־הבא . . .

„איז דאך אין־פלוג די קשיא, — האט ר׳ נחום׳ציע ביי זיך געקלערט, — וואס טויג זיי, די נגידים דאס א ו מ ג ל י ק ? וועלכער משוגע׳נער נעהמט אזא שטיק אומגליק צו זיך אין שטוב אריין און האלט זיך מיט איהם ? ווי געהמט מען כבדים און מען פערליערט עולם־הבא צוליעב אזעלכע הבלים ?"

ער האט געקלערט, געקלערט און צוריק געקלערט:

„וואס־זשע זאל געביך טהון דעריעניגער וואס גאטט שטראפט איהם מיט א אומגליק — מיט רייכטהום ? ער וואלט דאס אודאי געוואלט פטור ווערן, — נור ווער וועט געהן דאס אומגליק ביי איהם צונעהמען ? ווער וועט וואללען דעם אנדערן בעפרייען פון א תוכחה און זיך עס נעהמען ? . .

„פון דעסטוועגען . . . הא ?" האט דער יצר־הרע אין איהם א ווארטשע געטהון.

„שוטה איינער !" האט ער וויעדער געקלערט, — „והלא דברים קל־וחומר: מה־דאך (דערביי האט ער אדרעה געטהון מיט׳ן גראבען פינגער) יסורים, א קראנקהייט רחמנא־לצלן, אדער עפּים אן־אנדער אומגליק וואס עס שטעהט בפירוש אין אללע הייליגע ספרים אז זיי זענען א כפרת עון, אז זיי זענען נור אן־אבקומעניש אויף דער וועלט, כדי מען זאל קומען ריין אהין גלייך אין גן־עדן, פון דעסטוועגען אז גאטט שיקט אן אויפ׳ן מענשען אזעלכע זאכען קען ער דאס קיינעם ניט אוועק געבען, ער מוז זיך דערמיט האלטען, — היינט אזא מין אומגליק — רייך צו זיין — וואס דאס איז אויך א שטראף פון גאטט, מוז מען זיך אודאי דערמיט האלטען . . .

„און נאך מעהר, האט ער ווייטער געקלערט, עס איז דאך ניט דא אזוי אמין שוטה וואס זאל וועללען דאס אומגליק אוועקנעהמען ! ווער קריכט מיט א געזונטען קאפּ אריין אין א קראנק בעט ? . . ."

ער האט אנגעהויבען רחמנות צו האבען אויף ר׳ אליעזר בן חרסום מיט זיינע טויזענד שטאדט און טויזענד שיפען, — „אזא צדיק, אזא תנא זאל אזוי שטארק געשטראפט ווערן !"

„ער איז אבער ביי׳ם נסיון בייגעשטאנען !" האט ער זיך אליין פערענטפערט, — „ער איז ביי דעם גרויסען אומגליק פארט געבליבען אצדיק א תנא, און די הייליגע גמרא זאגט טאקי ז.ז ער איז מחייב אללע נגידים, אללע רייכע לייט וואס געהען גלייך אין גיהנום אריין" . . .

אזוי האט געלערנט און אזוי האט תמיד געקלערט ר׳ נחום׳ציע דער פומפּיאנער רב, ער האט געקענט די וועלט פון די הייליגע ספרים און עס איז ביי איהם געוועזען א געוויסע זאך אז רייכטהום איז איין אומגליק וואס מען מוז זיך דערמיט האלטען, ווייל קיינער וויל דאס אומגליק ביי דעם אנדערן ניט אוועקנעהמען . . .

*

עס איז אוועק וויעדער א סך יאהרען

ר׳ נחום׳ציע האט אנגעהויבען צו דערקענען אז א ר ע מ ק י י ט איז אויך אן־אומגליק, און דאס האט ער דערקענט פון זיך זעלבסט.

זיין שבת׳דיגע קאפּאטע האט זיך אנגעהויבען צו צושיטען, — די וואכען׳דיגע איז שוין לאנג געוועזען פערלאטעט פון אללע זייטען, — קינדערלעך האט ער געהאט א זעקס שטיק לעבעדיגע, אפּאר מעדלעך זענען שוין אונטער געוואקסען, און מען מוז שוין אנהויבען צו טראכטען וועגען שידוכים, און דא האבען זיי ניט אקליידל אויפ׳ן לייב, די פינף פוילישע גילדען אוואך וואס ער נעהמט שכירות קלעקען ניט אפילו אויף טרוקען ברויט, דאס ווייב וויינט נעביך א גאנצען טאג: „מילא, איך ווי איך, — די קינדער נעביך געהען נאקיט און באָרפיס . . ." עס האט אנגעהויבען צו פעהלען ברויט אין שטוב אויך, חאטשי נעם און פאסט הפסקות מיט דער גאנצער פאמיליע . . .

„געוואלד, וואס שווייגסט דו ? האט זיין ווייב געשריגען מיט טרעהרען אין די אויגען, — געוואלד, מיר געהען אויס פאר הונגער ! די קינדער זענען הויט און ביינער, באקעט, קוים וואס די נשמה האלט זיך . . . טראכט עפּים אמיטעל, געפין עפּים אן־עצה" . . .

און ר׳ נחום׳ציע קלעהרט ווייטער.

ער קלעהרט שוין פון איין אנדער אומגליק — פון ארעמקייט.

„גאנץ ארעם צו זיין איז אפּנים אויך אן־אומגליק !"

און ער האט דאס אויך געפונען אין די הייליגע ספרים.

טאקי וויעדער שלמה המלך, דער גרויסער חכם, האט דאך געבעטען: „ר י ש ועושר אל תתן לי" — ד. ה. ״גיט קיין א ר ע מ ק י י ט און ניט קיין רייכקייט זאלסט דו גאטט מיר געבען. א־הא, ארעמקייט טויג אויך ניט; און טאקי וויעדער די הייליגע גמרא זאגט אויך אז „ארעמקייט פיהרט אראפּ א מענשען פון גאטט׳ס וועג" („גדולה עניות שמעברת את האדם על דעתו ועל דעת קונו"), הכלל עס איז דא נאך איין אומגליק אויף דער וועלט, — און דעם קען ער שוין גאנץ גוט. ער קען איהם אין דער פּראקסיס, ער קען איהם פון זיך זעלבסט, פון זיין ווייב און קינדער . . .

און ר׳ נחום׳ציע קלעהרט ווייטער.

„צוויי פערקעהרטע אומגליקען אויף דער וועלט ! אזוי איז שלעכט און אזוי איז ביטער ! . . . איז דען אין אמת׳ן גאר קיין מיטעל ניט דא, גאר קיין עצה ? . . ."

און ר׳ נחום׳ציע האט אנגעהויבען צו שפּאנען אין שטיבעל אויף און אב, שטארק פערטיעפט, ער קלעהרט מיט מוחות . . . אין קאפּ פליהען איהם דורך א סך פסוקים פון דער תורה, א סך שטעללען פון דער גמרא, הונדערטער מעשות און מעשה׳לעך פון „עין יעקב", פון מדרשים און אנדערע ספרים וואס דערצאהלען פון רייכע און ארעמע, פון גליקליכע און אומגליקליכע, און דער קאפּ ווערט איהם שיעור צופאללען קלערנדיג . . . פלוצלונג איז ער געבליעבען שטעהן אין מיטען שטוב, און האט אנגעהויבען הויך צו רעדען צו זיך אליין:

„אהא . . . עס איז אפשר יא אפּלאן ! . . . ח׳לעבען אגוטער פּלאן, אגוואהלע עצה . . . נאך א מאל: מיר האבען דאך אקימא־לן אז לעולם זענען דא ארעמע א סך מעהר ווי רייכע . . . א סך, א סך מעהר . . . נו, און דאס איז דאך א מאל זיכער אז

יעדער עושר וואלט געביך געוואלט פטור ווערן פון זיין אומגליק, נאר עס געפינט זיך ניט איינער וואס זאל דאס וועללען ביי איהם אוועקנעהמען. . . . יא, א י נ ע ר! איינער אודאי ניט, עס איז ניט דא קיין משוגע'נער. . . אבער מיר זאללען קלערען אז ניט איינער, נאר א סך א סך מ ע נ ש ע ן ז א ל ל ע ן ב י ס ל י ך־ו ו י י ס א י ה ם ב ע פ ר י י ע ן פ ו ן ז י י ן א ו מ ג ל י ק. . . הא? נאך איין מאל: דאס הייסט אז מיר זאללען נעהמען זיין אומגליקליכע עשירות און מען זאל דאס צוטהיילען א סך א סך ארעמע, — וואלט דאך דאס געוועזען א גליק פאר ביידע, ער וואלט לייכט פטור געווארן פון זיין שווער אומגליק, און זיי וואלטען אויך געהאלפען געווארן, און עס וואלט טאקי מקוים געווארן די רייד פון שלמה המלך „ריש ועושר אל תתן לי" ביי זיי אלעמען, ניט קיין רייכקייט און ניט קיין ארעמקייט. . . הא? דאס איז דאך טאקי אין אמת'ן זעהר אגוטער פלאן!" . . .

ר' נחום'ציע איז אליין איבערראשט געווארן פון דעם פלאן פון דער דאזיגער עצה, אקאלטער שווייס האט אזש בעגאסען זיין פנים, זיינע אויגען האבען געלויכטען פיעל שטארקער, א פריילינך שמייכעלע איז איהם אריבער איבער זיינע ליפען. — „יא אזוי בלייבט עס!" האט ער הויך אויסגעשריגען און האט זיך אנידער געזעצט נעבען טיש, אויסגעשנייצט די נאז, אבגעווישט דאס פנים און שטארק הנאה געהאט.

„נאר איין זאך איז נאך אביסל קשה, האט ער ווייטער געקלעהרט אז ער האט זיך שוין אביסל בערוהיגט פון זיינע ערשטע התפעלות, — איין זאך קומט נאך שלעכט אוים: אין דער תורה שטעהט דאך בפירוש געשריבען אז ארעמע לייט מוזען ביי יודען זיין, עס הייסט דאך: „כי לא יחדל אביון", אביונים דארפען ניט אויפהערען, און אויף דעם אופן הערען דאך אין גאנצען ארעמע לייט אויף. . . היינט גלאט וועט דאך בטל ווערן חלילה די מצוה פון צדקה וואס גאטט ברוך הוא האט אנגעשריבען אין דער תורה, און וואס די גמרא הקדושה און אללע היילינע ספרים מאכען דערפון אגרוים פאראר. . . וואס וועללען מיר טהון מיט'ן גאנצען הלכות צדקה אין „שלחן־ערוך"? ווי וועללען מיר דאס דענסטמאל קענען מקיים זיין?" . . .

נאר, אגוטער קאפ גיט זיך אעצה! ר' נחום'ציע איז באלד געפאלען אויף א תירוץ.

„נישט קשה! האט ער אקנייטש געטהון מיט'ן שטערן און געקלעהרט פרעה־ליבערהייט, — אהן סכנות! מי יודע, ווער קען דאס וויסען אז דאס ביסל געלד וואס עס איז דא ביי די פאר אומגליקליכע נגידים וועט אויסרייכען פאר אללע ארעמע לייט? אז עס וועט זיין אקוראט צו העלפען אללע אביונים? . . . נישט־קשה עס וועט נאך בלייבען גענוג וועמען צדקה צו געבען. . . אי וואס? איז דאך ווידער די שאלה, וועמען זאל מען געבען, און וועמען נישט? . . . הא, אויך אקליינינקייט. . . עס פארשטעהט זיך אז קודם מוז מען געבען די לומדים, תלמידי חכמים וואס זענען זיך עוסק מיט תורה און מיט עבודה, און דער פראסטער עולם מעג טאקי ווייטער בלייבען אזוי ווי עס איז. . . גאר אהן סכנות!" . . .

הכלל, דער פלאן איז פערטיג, ער האט איהם נאך אמאל דורך געקלעהרט, גוט דורך געקלעהרט, ער האט איהם געפונען ריכטיג פון אללע זייטען, און האט זיך פשוט מחיה געוועזען, שטארק צופרידען געוועזען.

— דבורה! האט ער א געשריי געטהון צו זיין ווייב, — דבורה, וויין נישט, עס וועט שוין אם־ירצה־השם גוט ווערן, אבער טאקי גאנץ גוט. . . עס איז שוין דא א פלאן. . . נאר געדולד, עס וועט שוין זיין רעכט! . . .

— וואס רעדסט דו? וואס פאר א פלאן?

— גע, קוק און שווייג! דאס איז נישט פאר קיין ווייבערשען מוח. . . פארלאז דיך אויף מיר. עס וועט שוין גוט ווערן. . .

און ר' נחום'ציע קלאהרט ווייטער:

„יא, דער פלאן איז וואוהל, — אבער ווי אזוי פיהרט מען איהם אויס? מיט וועמען הויבט מען אן?"

און ער האט איבער גערעכנט אללע בעלי־בתים פון פומפיאן: ע ס א י ז צ ו ו י ש ע ן ז י י נ י ט ד א ג י ט א י י ן א ו מ ג ל י ק ל י כ ע ר! דאס הייסט: קיינער האט ניט קיין פערמעגען, קיין סך געלד, — ניט דא מיט וועמען צו שמועסען. . .

„אזוי, מוז מען פאהרען אין א גרויסע שטאדט אריין!"

און דער שמש האט שבת אויסגערופען אין בית־המדרש אז דער רב בעט דעם עולם מען זאל זיך ביי דער נאכט צונויפקומען צו אן־אסיפה.

אויף דער אסיפה האט דער רב דעם עולם אויפגעקלעהרט זיין גאנצען פלאן, האט זיי פארגעשטעלט וואס פאר א גליק דא וועט ארויסקומען פאר דער גאנצער וועלט ווען דער פלאן וועט אויסגעפיהרט ווערן. . . ער מוז אבער פאהרען אין א גרויסע שטאדט אריין וואו עס זענען דא א סך „אומגליקליכע" רייכע לייט, ער מיינט צו פאהרען קיין ו ו י ל נ א, און פערלאנגט פונ'ם עולם, מען זאל איהם געבען אויף הוצאות־הדרך, ער זאל קענען אהין קומען.

מען האט ניט לאנג געקלעהרט, דער עולם האט מסכים געוועזען צום רב'ס רייד, מען האט אויך צוזאמענגענומען עטליכע רובל — ווער וועט ניט צוועקגעבען דעם לעצטען גראשען אויף אזא וויכטיגע זאך? — זאנטאג אין דער פריה האט מען איהם געדונגען א בויערישען פערד און וועגעלע, — און דער רב פאהרט נאך ווילנא.

* * *

א גאנצען וועג האט זיך דער רב מסדר געוועזען זיינע טענות, ווי אזוי ער וועט רעדען, ווי אזוי ער וועט דאס געבען צו פארשטעהן, — און ער האט שטארק הנאה געהאט אז ער האט געזעהן אז וואס מעהר ער פערטיעפט זיך אין דעם פלאן, ווי מעהר ער קלעהרט אין איהם אריין, — מעהר זעהט ער איין ווי גוט און ריכטיג ער איז, וואס פאר א הילף ער וועט דערמיט ברענגען אללע מענשען אויף דער וועלט.

דאס וועגעלע איז אנגעקומען קיין ווילנא.

— וואו אַהין װעלען מיר פאַרפאָהרען? האָט איהם דער כויער אַ פרעג געטהון.

— וואָס הייסט? — צו איין יודען! האָט איהם דער רב געענטװערט, — דען װעלכער יוד װעט מיך נישט אַריינלאָזען איבער צו נעכטיגען.

— אונ איך מיט מיין פערד־אונ־װעגעלע?

דער רב איז געבליבען שטעהן; נאָר איין פאַרבייגעהענדער יוד װאָס האָט געהערט דעם שמועס האָט איהם געגעבען צו פאַרשטעהן אַז װילנא איז ניט פומפּיאַן, אַז דאָ מוז מען פאַרפאָהרען אין איין איינפאָהרהויז, אין איין אַכסניא...

— לאָז זיין אַזוי! האָט דער רב געזאָגט, אונ דערװעלכער האָט איהם טאַקי געגעבען איין אַדרעססע וואו אַהין ער זאָל פאַרפאָהרען.

װילנא! — דאָס איז אין אמת'ן טאַקי ניט פומפּיאַן. צום ערשטען מאָל האָט דער רב דערזעהן גאַנצע גאַססען מיט גרויסע הייזער אין צװיי אונ אין דריי שטאָק, גאַנצע גאַססען הייזער אַזוי װי אונטער איין דאַך, אונ װי שאָן זיי זענען, װי פאַרפוצט פון דרויסען!

„אוי, זענען דאָ דאָ אומגליקליכע מענשען!" האָט ר' נחום'ציע ביי זיך געטראַכט, „אַזוינס האָב איך נאָך גאָר פאַר מיינע אויגען ניט געזעהן! אונ װי קענען זיי דאָס אויס־האַלטען אַזוינע אומגליקען? — איך װעל דאָך פשוט ביי זיי זיין אַ מלאך הגואל!"...

ער האָט ביי זיך בעשלאָססען צו געהן צום ערשטען ביר פון שטאָדט, דער מוז אָבער אויך זיין אַלמדן װאָס זאָל פערשטעהן װאָס ער װעט איהם זאָגען.

מען האָט איהם אָנגעװיזען צום פרנס־חודש.

יעדער גאַסס װאָס ער איז דורכגעגאַנגען האָט איהם בעזונדער איבעראַשט, די הייזער, די טראָטואַרען, די דראָשקעס, קאַרעטען אונ טאַקי די מענשען װי שאָן זיי געהען געקליידעט, מיט גאָלדענע קייטען אונ רינגען, — ער איז געװעזען װי האַלב צומישט, ער האָט נאָר מורא געהאַט ער זאָל ניט בטל װערן, ער זאָל ניט פאַרגעססען זיינע אַללע טענות, זיינע אויספיהרונגען... —

ענדליך איז ער ביי'ם פרנס־חודש'ס הויז.

„ער װאָהנט אויף'ן ערשטען שטאָק". װיעדער איין איבעראַשונג! אויף טרעפּ איז ער גאָר ניט געװאָהנט צו גיין... אין גאַנץ פומפּיאַן איז ניט דאָ קיין שטאָקיג הויז! מילא אַז מען דאַרף, מוז מען! ער איז װי עס איז אַרויפגעקראָכען אַהין.

ער האָט האַסטיג געעפענט די טהיר אונ האָט מיט איין אָטהעם אַרויסגעזאָגט:

— איך בין פומפּיאַנער רב אונ האָב עפּיס צו שמועסען מיט'ן פרנס־חודש.

דער פרנס־חודש, אַ שיינער אַלטער מאַנן, װאָס איז געװעזען פאַרטהון מיט כותרים אין געשעפט זאַכען, איז אויפגעשטאַנען האָט איהם מיט דרך־ארץ געגעבען „שלום" האָט אויפגעעפענט די טהיר פון'ם זאַאל אונ האָט געזאָגט מיט ענוה:

— זייט מוחל, רבי, געהט אַריין אַהין אין זאַאל. װאַרט אַ װיילע, איך װעל דאָ באַלד פערטיג װערן װעל איך צו אייך אַריין קומען.

טהייערע מעבעל, גרויסע שפּיגלען, בילדער, װייך געבעטע זעססעל, טישען,

שאַפּעס מיט פערשיעדענע שניטצערייען; אַזילבער שאַפּע װאָס מען זעהט אַרוים גרויסע זילבערנע לייכטער, טאַצען, אַ סך לעפּעל, גאָפּעל אונ מעססער, אַשיינע מנורה אונ נאָך פיעל קליינינקייטען אַללעס פון לויטער זילבער; געמאַהלטע װענד, אַ גרויסער זיל־בערנער האַנגלייכטער פערפוצט מיט געשליפענעס גלאָז — עס פערנעהמט די אויגען!

ר' נחום'ציען האָט זיך אַזש געשטעלט טרעהרען אין די אויגען: „אַזוי אומגליקליך! — אונ מען מוז דאָס ליידען!"

— װאָס איז אייער באַגעהר, פומפּיאַנער רב? האָט איהם דער פרנס־חודש אַ פרעג געטהון.

מיט געװאַלדיגער איבעראַשונג, מיט גרוים התפעלות האָט ר' נחום'ציע אָנגע־הויבען כמעט צו שרייען:

„איהר זייט דאָך נעביך אומגליקליך!"...

דער פרנס־חודש האָט איהם אָנגעקוקט, געצויגען מיט די אַקסעל אונ געשװיגען.

ר' נחום'ציע האָט איהם ענטװיקעלט זיין גאַנצען פּלאַן, דעם צװעק צוליעב װאָס ער איז דאָ אַהער געקומען,

— איך מוז אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, האָט דער פומפּיאַנער רב געענדיגט זיינע לאַנגע רעדע, איך האָב מיר גאָר ניט געקענט פאָרשטעללען װי גרוים דאָס אומ־גליק איז אויף דער װעלט! געװאַלד, מענשען, ראַטעװעט אייך!... נעהמט אייך צום האַרצען, אַ שפּאַס אַזעלכע הייזער, אַזעלכע רייכקייטען, דאָס אומגליק איז דאָך עפּיס שרעקליך!... נאָר מיין פּלאַן, אַצונד זעה איך װאָס פאַר אַ תקון עולם דאָס װעט זיין, װאָס פאַר אַ ישועה מיין פּלאַן קען ברענגען פאַר אַללע מענשען...

דער פרנס־חודש האָט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין; ער האָט געזעהן אַז משוגע איז דער מענש ניט, נאָר קליינשטאָדטלדיג, אומפּראַקטיש, בטלניש; ער האָט געזעהן אַז איהם אָראָבצופיהרען פון זיין אידעע קען מען מיט בעװייזע אויך ניט; ער האָט איהם בעדויערט אַקורצע צייט, איז אויך געפאַללען אויף איין המצאה אונ האָט אַזוי געזאָגט:

— איהר האָט גאַנץ רעכט, רבי! דער פּלאַן איז טאַקי זעהר װאוהל... נאָר איך בין דאָך נאָר איינער, אונ דאָ אין װילנא זענען אַזעלכע אומגליקליכע פאַרהאַנדען אַ סך אַ סך... מען מוז מיט אַללעמען רעדען, אַללעמען אויפקלערען, — מען מוז אָבער אויך מיט דער אַנדערע פאַרטיי שמועסען, מיט די אָרעמע אַז זיי זאָללען װעללען דאָס אומגליק צונעהמען, — דאָס איז נאָך שװערער צו פועל'ן װי איין אומגליק אַװעק צו־געבען, פּטור צו װערן...

— מסתמא, מסתמא... האָט ר' נחום'ציע איהם פּאַטאַקעװעט.

— זעהט איהר, פומפּיאַנער רב, דאָס שװערערע טהייל נעהם איך אויף זיך, — לאָמיר ביידע צוזאַממען אַרבייטען: איהר פועלט ביי די נגידים אַז זיי זאָללען דאָס אומגליק אַװעקגעבען, אונ איך װעל שוין זעהן צו פועל'ן ביי די אָרעמע אַז זיי זאָללען דאָס צונעהמען... איהר

האט דאך א לייכטערע ארבייט, פטור ווערן פון אן-אומגליק וויל דאך א יעדער, [illegible]
דאס אייערינע און אז איהר וועט מיט די נגידים פארטיג זיין, וועל איך אייך צושטעל-
לען אויך דעם אנדערן צד . . .

* * *

די געשיכטע שווייגט דריבער ווי וויט דער פומפיאַער רב האט דאס געבראכט
אין ווילנא. — אזוי פיעל איז זיכער אז צום פרנס-חדש איז ער נאך א מאל [illegible]
ניט געקומען.

ר"א ברודס

פערלארענע האפנונג.

א קראנקער, א שוואכער בין איך מיין גאנץ לעבען:
פון צרות פערדאגה'ט, פון עלענד געדריקט.
דאך האב זיך קיין מאל ניט אונטערגעגעבען,
ווייל איך האב זיך אלץ מיט דער האפנונג געקוויקט

איך האב אלץ אין צוקונפט געציילט מיינע בליקען
(געליטען, דערוויילע, פיעל צרות, פיעל פיין),
איך האב אלץ געטרוימט פון די גאנץ גרויסע גליקען,
אז איך וועל א מאל נאך א גליקליכער זיין.

ס'וועט קומען א צייט — פלעג איך אפט צו זיך זאגען —
ווען איך וועל דערזעהן פון גן-עדן די טהיר;
די נאכט מוז אוועק — עס וועט אנהויבען טאגען,
די שטראהלען פון גליק וועלען שיינען אויף מיר...

אזוי האב איך קיין מאל ניט אויפגעהערט האפען
אויף גליקליכע צייטען, אויף פרעהליכע טאג...
די יאהרען — זיי זיינען, דערווייל, געלאפען
און האבען פערפיהרט מיך גאנץ וויט אין מיין וועג

און ווערענדיג אימער אלץ עלטער און עלטער,
און זעהענד, אז איך האב אומזיסט נאר געווארט,
בין איך צו דער האפנונג געווארען אלץ קאלטער...
כ'האב, ענדליך, דערזעהן, אז זי האט מיך גענארט;

און איצטער, גאטט, בעט איך דיך, הער מיך אויף פלאגען,
אה, הער שוין אויף נארען מיין ביטטערעס הערץ.
איך וויל זיך שוין מעהר ניט נאך גליקען נאכיאגען
און ליידען טאג-טעגליך יסורים און שמערץ.

פערביטטערט, צערבראכען, מיט טרעהרען גאנץ הייסע
בעט איך דיך: אה, גאטטעניו, לאז מיך צורוה! —
איך בין דיר שוין מוחל די גליקען, די גרויסע,
אבי נעהם די צרות פון מיר ניבער צו.

ו. קאזער.

א יודישע מעלאדיע

(פון לערמאנטאוו).

איך האב פיעל מאל, ביי נאכט,
שוין געזעהן, ווי עס לייכט
א ליכטיגער שטערען אין ים;
ווי ער לייכט זיך און גלאנצט,
ווי ער ווארפט זיך און טאנצט
און ברענט מיט א זעלטענע פלאם. —

נאר איהם חאפען איז שווער:
ווי איך גיב זיך א קעהר
צום זייט, וואו דער שטערען איז דא
און איך קום שוין צום ארט,
וואו געלייכט האט זיך דארט, —
דאן איז שוין דער שטערען ניטא.

* *

*

אַזוי נאַרְרְ'ן מִיר זִיךְ אָפְּט
פוּן דֶעם גְלִיק, וָואס גֶעהָאפְט
הָאבֶּען מִיר אוּנ גֶעשְׁטְרֶעבְּט צוּ אִיהם גֶעהְן;
וִוי מִיר קוּמֶען צוּם גְלִיק —
דַאן אַנְטְלוֹיפְט עֶר צוּרִיק
אוּנ לָאזְט אוּנְז פֶערְצְוַוייפֶעלְטֶע שְׁטֶעהְן...

וו. קַאיזֶער.

ניו-יארק.

דִי עֲבוֹדָה.

זַיין קַאבִּינֶעט הָאט זִיךְ נָאר וָואס אָבְּגֶעלֵיידִיגְט פוּן מֶענְשֶׁען. עֶר זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אַבִּיסֶעל אָבְּרוּהֶען אוּנ נֶעמְט דָאס הַיינְטִיגֶע בְּלַאטט צַייטוּנְג. עֶר פְלִיהְט אִיבֶּער דִי דֶעפֶּעשֶׁען אוּנ קוּמְט צוּם לַייט-אַרְטִיקֶעל. דָאס אַרְטִיקֶעל פֶערְאִינְטֶערֶעסִירְט אִיהְם זֶעהְר, עֶס אִיז גְרַאדֶע וֶועגֶען דֶער גֶעזֶעלְלְשַׁאפְט, וָואס עֶר הָאט אִין אִיהְר אַ סַך אַקְצְיֶעס; עֶר אִיז פֶערְטִיעֶפְט אִין דֶעם לֶעזֶען; פְּלִיצִים הֶערְט עֶר אַ קְלוּנְג אוּנ אִין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען אַרוּם טְרָאגְט מֶען אִיהְם אַרַיין דִי הַיינְטִיגֶע פָּאסְט. עֶר קוּקְט אִיבֶּער דִי קָאנְוֶוערְטֶען, צוּ זֶעהֶען פוּן וֶועלְכֶע קָאנְטְרָאהֶענְטֶען דִי בְּרִיעף זֶענֶען; עֶר שְׁטֶעלְלְט זִיךְ אָבּ אוֹיף אֵיין קָאנְוֶוערְט אָהְן אַ פִירְמַא, מִיט אַ בֶּעזוּנְדֶערְמַאטְנִי אַדְרֶעס אוּנ אַ שְׁלֶעכְטֶער הַאנְדְשְׁרִיפְט. עֶר אִיז נַייגֶעְרִיג צוּ זֶעהֶען, פוּן וֶועמֶען קָאנְן זַיין צוּ אִיהְם אַזַא בְּרִיעף, עֶר הָאט דָאךְ תָּמִיד גֶעשֶׁעפְטֶען מִיט מֶענְשֶׁען, וָואס קָאנֶען אָנְשְׁרַייבֶּען אַ רוּסִישֶׁען אַדְרֶעס, מֶענְשֶׁען מִיט בֶּערוּף, וָואס זֵייעֶרֶע קָאנְוֶוערְטֶען זֶענֶען נִיט קֵיין טַאנְדֶערְטְנֶע, נָאר מִיט קְלִינְגֶענְדִיגֶע פִירְמֶעס; עֶר לֶעגְט אַוֶועק דָאס בְּלַאטט אוּנ נֶעמְט דֶעם בְּרִיעף פְרִיהֶער פוּן אַלֶע, עֶר עֶפְּפֶענְט אִיהְם אוֹיף — אוּנ וֶוערְט נָאךְ מֶעהְר פֶערְוִוינְדֶערְט, עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג אַזַא בְּרִיעף נִיט בֶּעקוּמֶען, דֶער בְּרִיעף אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען הֶעבְּרֶעאִישׁ, עֶר לֵייעֶנְט אִיבֶּער אוּנ טְהוּט אַ שְׁמֵייכֶעל: „אֲפִילוּ אַ וַוייטֶער קָרוֹב, אָבֶּער דָאךְ אַ יוּגֶענְד פְרַיינְד, אִיךְ גֶעדֶענְק אִיהְם פַאר אֵיין אָרֶענְטְלִיכֶען מַאנְן, מֶען דַארְף אִיהְם שִׁיקֶען עֶטְלִיכֶע צֶעהְנְדְלִיג רוּבֶּל, לָאז עֶר חֲתוּנָּה מַאכֶען זַיין טָאכְטֶער! עֶר קֶעהְרְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אַרְטִיקֶעל אִין צַייטוּנְג, נָאר עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט דָאס, דִי חֲקִירוֹת קְרִיכֶען אִיהְם נִיט אִין קָאפּ, עֶר קָאנְן גָאר דִי גֶעדַאנְקֶען נִיט צוּ לֶעגֶען, עֶס צִיהֶעט אִיהְם צוּם בְּרִיעף, עֶס אִיז אִיהְם אַנְגֶענֶעהְם צוּ הֶערֶען וִוי זַיין אַלְטֶער פְרַיינְד רֶעדְט צוּ אִיהְם; עֶר לֶעגְט אַוֶועק דָאס בְּלַאטט אוּנ הֵייבְּט אָן וִוידֶער לֵייעֶנֶען דֶעם בְּרִיעף:

לכבוד ידידי שאר בשרי הנגיד...

עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין דִי יוּנְגֶע יָאהְרֶען... דַאכְט זִיךְ דָאס אִיז גָאר נִיט לַאנְג גֶעוֶועזֶען, עֶס שְׁטֶעהְט אִיהְם אַלֶעס מִיגֶערְעסְטֶענְס אַזוי דַייטְלִיךְ פַאר דִי אוֹיגֶען, פִיעֶל

מעהר ווי א סך אומשטענדע וואס ער האט איבערגעלעבט אין די לעצטע צוואנציג יאהר... ער איז נאך געוועזען א יונגעל אין בית המדרש, אלט געוועזען אין גאנצען זיבצעהן אדער אכטצעהן יאהר; ער מיט דעם קרוב האבען ביידע צוזאמען געלערנט מיט גרויס התמדה; דער קרוב איז געוועזען מיט א פאאר יאהר עלטער און האט בעססער געלערנט, און שוין טאקי א חתן געוועזען; ער דערמאנט זיך אז זיי האבען זיך געריססען ביידע איבער דעם מהרש"א „רכבת" פון פסחים. שטיללערהייט פלעגען זיי לייענען מליצה-ביכלעך אויך, זיי האבען זיך וועגען זיי אויך ניט אויסגעגלייכט, ער האט געזאגט: אז דער „שירי בת ציון" איז בעססער פון'ם „אהבת דוד ומיכל" און יענער האט בעהויפטעט פערקעהרט, עס איז דעמאלט אזוי גוט געוועזען... ווי נעמט מען יענע יאהרען!... זיי האבען זיך אבער ניט לאנג געצויגען, אין א קורצע צייט נאכ-דעם האט יענער חתונה געהאט, און ער איז אוועק-געפאהרען, ער האט זיך איבער-צייגט אז היינטיגע צייטען איז קארג אז מען קענן לערנען גמרא, אז מען לייענט מליצה-ביכלעך, מען דארף נאך קענען לשונות אויך; אין זיין קליינעם שטאדטיל האט ער דאס ניט געקענט אויספיהרען: ניט די עלטערן וואלטען איהם געלאזט, ניט ער האט גע-קענט האבען דאס מיגליכקייט דערצו, ער איז אוועק-געפאהרען קיין נ... זיך פיעל גע-מיטשעט, ענדליך אויסגעהאלטען עקזאמען אין דער רעאלשולע, אנגעקומען אין דעם טעכנאלאגישען אינסטיטוט...

— יא! זאגט ער כמעט מיט א קול, מען דארף איהם שיקען א קן"ן רובל, וואו וואוינט ער איצט?

אויף צו געפינען איין אנטווארט אויף דער לעצטער פראגע, גיט ער א קוק אויף דער דאטא.

„בעז"ה יום א' ז' תשרי תר"נ... פה ק"ק..."

ער בלייבט זיצען ווי פערמישט: זונטאג איז געוועזען ז' תשרי — הייסט עס, איז דאך היינט יום כפור!!!

עס איז איהם געווארען טונקעל אויפ'ן הארצען, ער קאן זיך קיין ארט געפינען, עס ציעהט איהם עפעס ערגיץ אנדערש...

ער האט זיך דערמאנט, אז אויף דער מאסקווער גאס געפינט זיך די סאלדאטסקי שיל, פאר די עטליכע צעהנדליג אמסטאווניע סאלדאטען, וואס מעגען דא וואוינען.

ער האט זיך אויפגעהויבען, ניין, עס האט איהם אויפגעהויבען, ער איז ארויס אהן א זאנטיק און געהט צו פוס...

ער געהט און זעהט כמעט ניט וואו ער געהט, ווי גליקליך ער פלעגט אמאל זיין דעם טאג! ער איז געוועזען נאהענט צו גאטט, ער איז געוועזען איינער פון די מלאכי השרת; דעם גאנצען טאג איז ער געוועזען אזוי צופריעדען, אזוי גליקליך, אז אפילו צו נעילה האט ער אין זיך קיין שום שוואכקייט ניט געפיהלט און ער איז געוועזען פריש, מונטער, אזוי ווי אויף א פרעהליכע חתונה. איין מאהל איז ער געוועזען דעם גאנצען טאג אזוי עקזאלטירט, אזוי פיעל התפעלות, אז ער האט דעם גאנצען טאג ניט געקענט

לאזען א טרעהר, נאר בשעת ער האט דערהערט דעם חזנ'ס געשרייא: „כי פנה יום!" איז איהם געווארען קאלאמיטנע און זיינע טיעף געריהרטע געפיהלען האבען צו „אבינו מלכנו" נאך נעילה אנגעהויבען זיך אויסגיססען אין הייסע קוואללען טרעהרען, וואס האבען געפליעסט איבער זיין פנים אצייט נאך דעם ווי ער איז שוין געקומען אהיים...

ער קומט אריין אין שיל, ער קוקט זיך אום ווי פערטומעלט, דער פאל איז גע-בעט מיט הייא, דער עולם שטעהט אין קיטלען און אין זאקען... שווערע וואלקענס ליגען ביי איהם אויפ'ן הארצען, אין די אויגען איז חשך, ער זעהט גאר ניט ווי א סך מענשען קוקען אויף איהם, עפעס ווילט זיך איהם זיין ווי יעדער פון די וואס ער זעהט פאר זיך, מיט ערנסטען גלויבען, מיט א ווארעמען הארצען... ער בענקט נאך די יונגע יאהרען, ווען ער איז געוועזען א יוד, ניט נאר ביים קריסטען, ווען ער האט געפיהלט מיט'ן פיעלען הארצען אז ער איז א יוד... אך, וויפיעל וואלט ער איצט אוועק-געגעבען עס זאללען קוממען צו איהם צוריק יענע יאהרען... עס איז דאך דעמאלט אזוי גוט געוועזען!...

ער האט אראבגעצויגען די שטיוועל.

„אנא השם!! חטאתי, עויתי, פשעתי לפניך אני וביתי..."

דער קאפ ברענט איהם, אין די אויגען א טומאן, דאס הארץ דריקט אזוי ווי עס וואלט אויף איהם געלעגען צעהן פוד בלייא... ער פיהלט ווי א הייסער קוואלל צעגיסט זיך ביי איהם אין הארצען...

ער לויפט צום שמש בעטען א טלית, ער שטארקט זיך אז זיין קול זאלל ניט זיין וויינענדיג, ער חאפט דעם טלית מיט ביידע האנד, טהוט איהם אן און דעקט זיך אריבער דאס פנים...

„והכהנים והעם העומדים בעזרה!!! א, א, א—, א, א, א..."

ער שוועבט אין דעם פערגאנגענהייט פון זיין פאלק: עס שטעלט זיך איהם פאר ווי דער כהן גדול שטעהט מיט פראכט אין בית המקדש און פראוויט די עבודה; אט געהט ער ארויס פון קדשי קדשים... דאס גאנצע פאלק שטעהט מיט ליכטיגע פנימער און נייגט אהין זיינע בליקען; זייער העלדענשאפט ליגט זיי אויף דעם געזיכט, דאכט זיך עס זאלל קוממען א פיינד וואללט מען איהם מיט די פיס צוטרעטען. אין דער עזרה שטעהט אויך דער יודישער קאניג — ווי אנגענעהם איז אויף איהם צו קוקען!... מעדליך געהען אללע אהן אויסנאהמע אנגעטהוען אין ווייסען, טאנצען אין חאראווארען און רופען: „בחור שא עיניך!" „יונגערמאן, הייב אויף דיינע אויגען, קוק זיך ארום און קלויב דיר אויס א כלה"... דאס גאנצע לאנד איז פיעל ברכה, פרייד און פערגניגען...

„את השם !!! א, א, א —, א, א, א...“

דאס פאלק איז נאהינט צו גאטט און גאטט איז נאהינט צום פאלק, פון דעם זיבעטען הימעל קוקט ער אויף זיי און היט זיי אב פון אללע צרות... דאס איז ניט דער גאטט פון די נייע פילאזאפען, די אונפריע פריזשינע פון דער וועלטמאשין, נאר דער גאטט פונ׳ם תנ״ך, וואס איז אויך געוועזען דער גאטט פון זיין יוגענד, דער אלהי ישראל... דער גאטט וואס האט גערעדט מיט די נביאים, וואס איז מלא רחמים, הערט יעדענס געבעט און העלפט אללע נויטהבעדערפטיגע, וואס זארגט זיך פיר יעדען מענשען, פיר יעדען פאלק, וואס האט אזוי ליעב זיין פאלק ישראל, און די גאנצע וועלט איז ביי איהם כחומר ביד היוצר...

זיין הארץ ווערט פיעל ארום און ארום, עס וויל זיך ערהעבען, עס ציהעט ארויף, די אויגען גיסען טרערען, ער וואלט עפעס געוואלט בעטען ביים גאטט פון זיין פאלק, בעטען עפעס אזוינס, וואס זאלל אויסגערעדט ווערען אין איין ווארט און זאלל אויסדריקען אללעס וואס זיינע אונגליקליכע ברידער פעהלט יעצט... דאס הארץ איז אבער אזוי איבערגעפיעלט, אז ער קאנן גאר קיין ווארטער ניט געפינען.

„ונופלים על פניהם...“

ער הייבט אויף דעם טלית, עפעס ביים עמוד ליגט איינער אין ווייסען אויסגעצויגען אויף דעם פאל, דערביא, אויפ׳ן עמוד, ברענגען ליכט, די משוררים יאמערען מיט א הערצברעכענדיגער שטיממע... איז עס גיט א טרופ? יא, עס שיינט איהם, אז דאס ליגט ווירקליך א טרופ, נאר ניט א טרופ פון איין מענשען, נאר דער טרופ פון דעם גאנצען יודישען פאלק...

ער דעקט זיך איבער דאס פנים מיט׳ן טלית, די טרערען פליעסען ווי א קוואלל...

עס שטעללט זיך איהם פאר דאס גאנצע בית המקדש אין איין פלאם פייער, די כהנים און א סך פון דעם פאלק שפרינגען אויס פערצווייפלונג אין פלאם אריין, די הייזער פון ירושלים צעבראכען, טרופען זענען פול אללע גאססען, גאנץ ארץ ישראל פערוויסט, די גרינע פעלדער און די פראכטפאללע ווייגערטנער צעטרעטטען, יודישע יונגע לייט, בלוט און מילך, בעשעגען טיטוס׳עס טריאומפגאנג אין רוים, טראגען אויף די פיס שווערע קייטען און אין די האנד — די כלים פונ׳ם בית המקדש... צעהנדליגער טויזענדער ווערען פערקויפט אין ווייטע לאנדער פאר שקלאפען, פערשיקט אויף די רודניקעס, געווארפען פאר ווילדע חיות... מאנגע ווערען געשיידעט פון זייערע יונגע פרויען, עלטערען פון זייערע טהייערע און ליעבע קינדער, צערטליכע כלות פון זייערע שיינגעליעבטע חתנים... עס שטעללט זיך איהם פאר, ווי די לעצטע עטליכע יודען, וואס זענען פערבליבען אין ארץ ישראל, לויפען פון דארט

וואו די וועלט האט איין עק, ווייל די קיסרים פון ביצאנץ וויללען מזבה זיין זייערע נשמות... ווי די יודען וואס זענען פון דארטען געקוממען נאך פערסיען מוזען אין א קורצער צייט נאכדעם זיך זוכען נייע ארטער כדי זייער תורה צו דערהאלטען... ווי אראבישע זעלבסטשטענדיגע יודען שטרייטען מיט מחמד׳ן ביז זייער לעצטען טראפען בלוט פאר זייער גלויבען...

„אנא השם !! חטאו, עוו, פשעו לפניך עמך בית ישראל...“

רבונו של עולם ! אזוי פיעל געגאנגען אין פייער און אין וואסער אויף קדוש השם, אזוי פיעל געליטטען אללערליי יסורים און אללע מיני מיתות משונות פון גאטטס וועגען און זיין היילינגער תורה, און אלץ איז מען נאך זינדיג ?!...

עס שטעללט זיך איהם פאר די קרייציגע מיט אללע זייערע שרעקען, מאנגער קוילען מיט די אייגענע האנד זייערע פרויען, פאטער — זייערע קינדער, נאר זיי זאללען שטארבען יודען... עס שטעללט זיך איהם פאר די אויטא־דא־פע אין שפאניא און אין פארטוגאל... דער שייטערהויפען ברענט, די גלעקער קלינגען, די גלחים זינגען, טויזענדער בלוטדארשטיגע מענשען שטעהען און ווארטען צו זעהען ווי מען וועט פערברענגען אונשולדיגע נפשות, די פערמיטשעטע אין דער אינקוויזיציא סקעלעטען געהען מיט קוראזש און שמחה אויפ׳ן שאנדליכען מזבח, און אריינשפרינגענדיג אין פייער שרייען זיי: „שמע ישראל!...“ עס שטעללט זיך איהם פאר ווי הונדערטער טויזענדער יודען געהען אין איין טאג ארויס פון גאנץ שפאניא ניט וויסענדיג וואוהין זיך צו ווענדען... ווי טויזענדער פון זיי דערעהען זיך אויף די שיפען פון איין מדינה אין דער אנדערער און מען לאזט ניט אריין... ווי פון פיעל עלטערען האט מען זייערע קליינע קינדער אוועקגערויבט אויף אייביג...

דאס הארץ ווערט צעשפרינגען, עס רייסט זיך הערויס, די אקסלען ציטטערען מינוטען ווייז, דאס פנים איז בעגאססען מיט טרעהרען...

„ונופלים על פניהם...“

און דער טרופ ליגט, די ליכט ברענגען, דער יאממער קלאגט... עס שטעללט זיך איהם פאר פיעל גזירות אויף יודען, די „בארפיסע חברה“ ארבייט, די גאססען זענען פיעל לארם

הילף, הילף, רבונו של עולם !!

דאס הארץ רייסט זיך איהם שיער נישט איבער, ער שפארט זיך צו אויף דער האנד מיט׳ן קאפ צו דער וואנד, דער גאנצער קערפער ציטטערט פון געוויין...

. . . .

„באהל הנמתח בדרי מעלה...“

ער ווישט זיך אויס גוט דאס פנים, זעצט זיך אוועק און קוקט ווי א צעמישטער..

* * *

ביי נאכט איז ער געקומען אהיים, עס איז איהם געוועזען אזוי גרינג אויפ'ן הארצען! שוין לאנג, זעהר לאנג האט ער זיך ניט געפיהלט אזוי רוהיג, אזוי צופריעדען. עפעס האט זיך איהם געדאכט אז ער איז ניי געבוירען, ביים טהעע האט ער דערצעהלט זיינע קינדער „אז היינט איז געוועזען יום כפור“, ער האט זיי ערקלעהרט די בעדייטונג און דאס וויכטיגקייט פון דעם טאג, און ביז שפעט האט ער זיי אונטערהאלטען מיט א סך ריהרענדע געשיכטען פון דער יודישער געשיכטע.

משה ליב ליליענבלום

העבראיש און יודיש (זשארגאן)

(א בריעף צו א גוטען פריינד.)

מה נשתנה – די דאזיגע אלטע הארבע קשיא האב איך זיך געפרעגט אז איך האב איבערגעלעזען דיין לעצטען בריעף – מה נשתנה, פאר וואס איז פערענדערט אונזער פאלק ישראל פון יעדער אומה ולשון? איך מיין דא נישט יענע געוויסע שאלה אויף דער הגדה – אויף דער קשיא האבען מיר ברוך־השם א גרייטען תירוץ פון לאנגע צייטען, ממצרים ועד הנה – איך מיין נאר פאר וואס איז ביי אונז אזא עולם הפוך, אזעלכע איבערגעקעהרטע מוחות, אז וואס ביי אנדערע אומות־העולם איז גלייך און נאר גלאט, קומט ביי אונז אויס עפעס קרום און משונה ווילד?

אין דיין בריעף שרייבסט דו, אז דו קלויבסט זיך שוין לאנג מיר ארויס צו זאגען דעם אמת גאנץ אפען, אז ס'איז דיר א גרויסער חידוש אויף מיר וואס איך לעג אוועק מיה און צייט אויף צו שרייבען אפט זשארגאנישע ארטיקלען; נישט נאר דו חידושט זיך, נאר דו מאכסט מיר נאך פארווירפע פאר דעם; דו קאנסט דאך שרייבען העבראיש, וואס טויג די צרה – זשארגאן? נאך דיינע טענות קומט אויס, אז איך בין פשוט א חוטא ופושע דערמיט וואס איך לעג אמאל אוועק די העבראישע כלים און נעהם זיך צו

דער זשארגאנישער, אזוי אז אין מיין ודוי דארף איך אריינשטעללען א נייעם על־חטא און זיך קלאפען אין הארצען: על חטא שחטאתי בזשארגאן.

וואס זאל איך דיר אויף דעם זאגען? איך קאן דיר נישט אויסמאלען וואס פאר גרויסע אויגען איך האב אויסגעשטעלט לייענענדיג דיין בריעף, איך האב כמעט נישט געגלייבט מיינע אויגען, אז איך האלט דיין בריעף אין די האנד און דו זאגסט דאס מיר אזא מוסר;

אמת, איך וויים זעהר גוט שוין פון לאנג אן אז דער ארימער זשארגאן האט א סך פייערדיגע מתנגדים צווישען די זאגענאנטע „העבראיסטען“. נישט איינמאל האב איך געלעזען אין די העבראישע צייטונגען ווי אזא מליאד א שרייבעריל, וואס האט אויף זיין גאנץ פערמעגען נישט מעהר ווי עטליכע אנגעבלאזענע פראזען מיט קנאקידיגע מליצות, מאכט געשפעט פון די „זשארגאניסטים“ וואס נעמען און שרייבען „בשפת בבל הבלולה“ פאר די אלע דיענסטען און נעהטערינס א. ד. ג., נאר פון דעם מין „סופרים נכבדים“, מישטיינס געזאגט, איז נישט דא וואס צו רעדען, זיי מיינען געוויך גאר נישט קיין שום חכמות, זיי ווילען נאר ארויף אויף דער „במה“ מיט א פאר שאנע געקרייזעלטע מליצות און יוצא, מעהר געהער זיך צו זיי נישט אן; און אפשר זענען זיי טאקי פאר זיך גערעכט אויך: וואס א שטייגער קאן זיי באמת נוטצען דער זשארגאן, אז מען קאן אין איהם נישט האקען מליצות גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, בכן קאן מען צו דעם דאזיגען עולם כלל קיין טענות נישט האבען. דער אינסטינקט פשוט זאגט זיי אונטער, אז נאר אויף לשון־קודש זענען זיי ביי זיך אין דער היים און ווען זיי זאלען וועלען זייערע גרויסע אנגעבלאזענע „מאמרים“ איבערגעבען אין פראסט יודיש אהן די מליצות זייערע, וועט זיך אויסלאזען א גאר־נישט און אין גאנצען וועט עס האבען א פנים עפעס ווי חוזק...

אבער דו, מיין ליעבער ברודער, וואס געהערסט נישט צו דעם דאזיגען קלאס „מליצים“, ווי פאלסט דו אויס פלוצים אנצופאלען אויף מיר, פאר וואס איך שרייב אמאל פראסט יודיש? אז איך זעה אזעלכע לייט ווי דו, קנייטשען זיך אויך און מאכען עפעס זויערע משונה תנועות, ווען עס קומט אויס אמאל א שמיעס פונ'ם זשארגאן – קאן זיך די זאך ביי מיר גלאט נישט לעגען אויפ'ן מח, איך קאן עס בשום אופן נישט איינבייסען, עס קומט אויס אין מיינע אויגען אזוי משונה, אזוי ווילד, און איך קאן אויף קיין פאל נישט געפינען קיין שטיקעל תירוץ אויף דער הארבע קשיא: מה נשתנה?!

אין דער אמת'ן, ווי אזוי, גיב מיר צו פערשטעהן, קאן רעכט ווערען און אויסקומען גלאט און גלייך די צוויי זאכען אין איינעם? פון איין זייט פלאמפייערינע „מאמרים“ פול מיט ליעבשאפט צו אונזער ליעב פאלק ישראל און הייסע ברענענדיגע דרשות, אז ס'איז צייט אונזער פאלק אויפעפענען די אויגען, מען דארף אויפקלערען און געבען איהם צו פערשטעהן ווער ער איז און וואס ער איז, מען מוז אויסווארצלען פונ'ם פאלק די שלעכטע גענג, די מדות רעות, וואס זענען פערבליבען

בירושה פון די פינסטערע ביטערע צייטען און איינפלאנצען אויף זייער ארט מדות טובות, וואס זאלען זיין שאן פאר גאט און פאר לייט, מען דארף און מען מוז דעם פאלק ווייזען א גוטען דרך אין קינדערציהונג א. ד. ג.; — הכלל אלץ מען דארף און מען מוז, און אלץ דאס טייערע פאלק און דאס ליעב פאלק; און פון דער אנדערער זייט טאקי אין דער זעלבער צייט פערדרעהען די נאז און אויסווארפען יענעם חטאים, וואס איז? מען רעדט מיט דעם אייגענעם פאלק אויף זיין איינציגער שפראך וואס ער קען לעזען און פערשטעהן! רבונו-של-עולם, ווי, אזוי, אויף וואס פאר א שטייגער קאנען די ביידע זאכען זיך לעגען גלאט אין איין מח?

נאר סטאטש — לשון-קודש! מיר האבען אזא הייליגע טייערע שפראך, ווי אזוי פארט מעגען מיר זי אוועק-לאזען און נעהמען נאר שרייבען זשארגאן? — אזא מין טענה הייב איך כלל וכלל נישט אן צו פערשטעהן. דו, מיין ליעבער פריינד, קאנסט מיך ברוך-השם נישט פון נעכטען אן, דו ווייסט גאנץ גוט ווי אזוי ליעב און טייער אין מיינע אויגען איז אונזער געטליכע שפראכע, אונזער לשון קודש. אללענפאלס איז זי ביי מיר נישט ווינציגער טייער ווי ביי די אלע וואס פייערען אויף די „זשארגאניסטים" פאר וואס זיי לעגען אוועק אונזער הייליגע שפראך, וואס איז אונז פערבליבען פון אללע אונזערע „גלוסטיגקייטען" פון אמאליגע גליקליכע צייטען, וואס אויף איהר האבען די נביאים גערעדט און דוד המלך געזונגען א. ז. וו., אבער וואס געהער זיך אן איינס צום צווייטען? לשון קודש מעג זיין טויזענד מאל הייליג און טייער, פון דעסטוועגען קאן זי בשום אופן נישט פערנעהמען דאס ארט פונ'ם זשארגאן; דו פערגעסט, ברודער, איין קלייניגקייט, אז העבראיש איז נאך דערווייל נישט קיין פאלקסשפראך, אין דעם פשוטען זינן פון דעם ווארט: דאס גאנצע פאלק איז נישט איך און דו און נאך אזעלכע ווי מיר, וואס העבראישע ספרים זענען פאר זיי אפען; מען דארף זיך און מען טאר זיך נישט נארען, לשון-קודש פערשטעהען זעהר ווינציג מענשען, נאר א קליי-נער חלק פונ'ם פאלק, און נאך ווינציגער לייענען לשון-קודש ספרים. אוודאי ווען אללע יודען זאלען פערשטעהן און לעזען העבראיש, וואלט איך געוועזען פון די ערשטע וואס וואלט זיך אונטערגעשריעבען מיט ביידע הענד, אז מיר זענען איין פאלק און האבען איין און איינציגע שפראך, איין אמת'ע פאלקסשפראך און מיר דארפען נישט וויסען פון קיין זשארגאן, אבער היינט אז דאס רוב פון אונזער פאלק ווייסט טאקי נאר דעם זשארגאן, ווי אזוי עפענט זיך א מויל ביי אזעלכע וואס רעכנען זיך דווקא פאר פאלקספריינד צו האבען טענות מיט מענות אקעגען די וואס רעדען מיט'ן פאלק אויף דעם איינציגער שפראך וואס עס פערשטעהט? ווי פערשטעהען זיי נישט אדער מאכען זיך נישט צו פערשטעהען, אז שמועסען מיט'ן רוב פאלק אויף לשון-קודש איז פונקט גלייך ווי, למשל: אויף קיטייאיש? דאס לשון-קודש'ע ארטיקעל מעג זיין טייער ווי די וועלט, יעדעס ווארט פשוט ווי פערל, אבער אז מען נעמט עס דער-לאנגען פאר א מנה-יפה דעם פאלק, קומט עס אויס גלייך ווי די געוויסע מעשה מיט'ן אראבער אין דער מדבר, וואס איז טוידט-הונגעריג און דארשטיג און געפינט

א זאק פיעל מיט פעריל, וואס טויגען איהם די אללע פעריל? ער דארף נעבעך האבען פשוט ברויט מיט וואסער צו שטילען זיין הונגער מיט דארשט!

ניין, זאג זיך וואס דו ווילסט, אזא מין פאטריאטיזם קאן איך נישט איינבייסען, מיין מח קאן עס נישט סובל זיין, איך הייב עס נישט אן צו פערשטעהן, דאכט זיך, דאנקען גאט דערפאר וואס אונזער פאלק איז נישט חלילה פערגרעבט, נישט גאר קיין עם-הארץ, מען דארף איהם נישט שלעפען מיט געוואלד אין חדר און אנהייבען מיט איהם פון אלף-בית, ער איז ברוך-השם א יודע-ספר און קאן אריינקוקען אין די קליינע אותיות, און קיין מיטלען אויף איינצוגעבען איהם חשק אריינצוקוקען אין א ספר דארף מען אויך נישט זוכען, ער האט ליעב צו האלטען א ספר אין דער האנד ווען ער האט נאר עפעס א פרייע מינוט; וויפיעל וואלט מען געדארפט האריוועען און אוועקלעגען כחות אויסצוארבייטען און ברענגען דעם פאלק צו אזא מדרגה? צום סוף יעצט איז אללעס גרייט, דאס פעלד אויף צו זייען איז ברוך-השם גרויס און ברייט, עס פעהלט נאר ווארפען אויף דעם, גוטע זאמען, עס זאל ארויסגעבען באמת נוטצליכע און טייערע תבואה, ווי מען זאגט, גאט און לייט זאלען הנאה האבען, איז די דאזיגע וואס נעהמען אויף זיך די נוטצליכע ארבייט ווערען בעטראכט פון א געוויסען טהייל מיט א קוק פון אויבען אראפ און מיט א זויער שמייכעל דערצו, ווי איינער רעדט: מענשען האבען נישט וואס צו טהון, מיט וואס זיי זענען בעלנים זיך אפצו-געבען! און ווער קוקט עס אזוי און מאכט חוזק? דווקא אזעלכע וואס רופען זיך אן פאטריאטען, הייסע פייעריגע יודען, שרעקליכע פאלקספריינד!

אבער ווי אזוי איז ביי דיר געווארען רעכט צו שטעהן אין איין שורה מיט דעם געוויסען סארט שמאטע-שרייבער, ווי שמ"ר מיט זיינע נאכשטיפער — אזא קשיא פרעגסט דו מיך און זאגסט אז מיט זיי אין איין צעטיל צו שטעהן איז באמת נית קיין גרויסער כבוד; ערשטענס דארפסט דו וויסען אז אין די לעצטע צעהן — פופצעהן יאהר האבען זיך די טאלאנטפאללע זשארגאניסטען — די אמת'ע יודישע פאלקסשרייבער אין דער שפיטצע מיט דעם בעריהמטען „מענדעלע מוכר ספרים" אין גאנצען זיך אבגעטהיילט פון דעם געוויסען סארט שמאטע-אינטערעסאנט-ראמאנען שרייבער און שרייבערלעך און זאגאר דאס פאלק זעלבסט — די יודישע לעזער האבען זיי צוטהיילט אונטער א נייעם נאמען די „נייע זשארגאן שרייבער" און זייערע ווערק און אויסגאבען — „די נייע זשאר-גאן ליטעראטור", צו שטעהן אין איין צעטיל מיט די „נייע זשארגאניסטען" האט מען זיך כלל נית צו שעמען נאר פערקעהרט עס איז א גרויסער כבוד, ווייל די טאלאנט-פאללע ווערק פון די דאזיגע שרייבער קענען בעשיינען אין א אראפעאישע ליטעראַ-טור, ווער שמועסט נאך אין דער העבראישער שפראך וואס איז נעבעך אין די לעצטע צייטען זעהר ארעם אין טאלאנטפאללע שרייבער, און צווייטענס קאן איך אויף דיין פראגע וועגען כבוד ענטפערען: גלויב מיר, איך זאל וועלען וואלט איך פון מיין זייט אויך געקאנט אויסרעכנען א גאנצען צעטיל, זעהר א שעהנעם, דווקא פון

העברעאישע שרייבער, וואס מיט זיי צו געפינען זיך אין איין מחיצה שמעקט אויך נישט מיט קיין איבעריג כבוד; איך וואלט דיר געקאנט אויסצייכנען א גרויסע רשימה פון פלוני בן פלונים. א גאנצע מחנה סופרים העברעאיסטען, וואס מיט זיי צו זיין חברים פון איין צעך קאן אפשר נאך גיכער פלאמען דאס פנים, ווי צו זיין אין איינעם מיט דעם געוויסען סארט זשארגאניסטען, וואס דו האסט זיך נישט געפוילט זיי אויסצורעכנען; דאס איז ערשטענס, אונ צווייטענס מוז איך דיר זאגען, אז די דאזיגע טענה אין גאנצען קומט ביי מיר אויס עפעס משונה, נישט צום פערשטעהן, אדרבה גאר פערקעהרט, וואס מעהר עס געפינען זיך זשארגאן-שרייבער, וואס פערמיסטיגען די זשארגאנישע ליטעראטור מיט זייערע שמאטעס, איז דאכט זיך פיעל מעהר נעהטיג נישט לאזען זיי געוועלטיגען אליין אונ דער היילינגסטער חוב ליעגט אויף די בעסערע שרייבער, אז זיי זאלען זיך אויך בעווייזען אפטמאל אונ געבען זייערע ארעמע ברידער עפעס רעכטס, אזעלכע זאכען וואס קאנען ברענגען נוצען אונ האבען עפעס א אמת'ן ווערטה, טאקי נאך אמאל דאס אייגענע, ברוך השם קיין מיטלען אויף איינצוגעבען חשק אונזער פאלק צו לעזען ביכער דארף מען נישט זוכען, אפעטיט אויף איינצושלינגען ספרים האט אונזער עולם, דאנקען גאט א גוטען נישט צו פערזינדיגען, נאר צום אומגליק האדיוועט מען איהם מיט אזעלכע מאכלים, וואס אנשטאט צו געבען געזונדטע כחות, מאכען זיי איהם קאליע אינווייניג אונ ברענגען אויף איהם אלערליי צרות אונ שלעק — נו, וואו זשע זענט איהר פאטריאטען, פאלקס-פריינד? ווי אזוי שעמט איהר זיך נישט צו שטעהן פון דערווייטענס אונ צו קוקען קאלטבלוטיג, גלייך ווי אייך געהער עס גאר נישט אן? וואו האט איהר נאך א בעסערען פלאטץ ארויס צו ווייזען אייער ליעבע צום פאלק ווי עס געהער צו זיין? פערקעהרט ווייזט ארויס אייערע אמת'ע ליעבע, טרייבט אראב פון מארק ווי ווייט מעגליך, יענע געוויסע מחבלים, זעהט צו געבען דעם עולם ווי ווייט איהר קאנט, עפעס רעכטע מאכלים וואס זאל איהם דערקוויקען די נשמה אונ באמת אריין געבען חיות אין יעדער אבר.

יא, ס'איז אבער אין גאנצען גאר א פאלשער חשבון: דער פראסטער עולם האפט נאר צו לעזען דווקא די שמאטעס „העכסטאינטערעסאנטע ראמאנען" אלא שמ"ר, אונ צו קיין רעכטע זאך וויל מען גאר נישט שמעקען. אויך אין דעם, מוז איך דיר זאגען, האסט דו, זאלסט מיר קיין פעראיבעל נישט האבען, זעהר א טעות; די מעשה איז גאר נישט ווי מען מאכט, די מאסע איז גאר נישט אזוי גראב ווי מען מיינט, אלענפאלס געפינט זיך נאך תמיד א געוויסער טהייל, וואס דער געשמאק ביי זיי איז נאך נישט אין גאנצען פערדארבען אונ לעזען גוטע ווערק מיט פערגעניגען, מיט דער צייט קאן זיך אויסבעסערען דער געשמאק ביי א גרעסערען טהייל, מען זאל נאר נישט לאזען געוועלטיגען די גרויסע שמ"ר'ס מיט די קליינע שמ"ר'לעך, אונ וואס ווייטער קאן זיך דער צאהל פון די וואס לעזען גוטע אונ נוצליכע ספרים אין זשארגאן אלץ מעהר פערגרעסערען.

אבער ווי לאנג נאך וועט געוועלטיגען דער זשארגאן, עס וועט קומען א צייט וואס זי וועט גאר לחלוטין אראב פון דער סצענע, מיינען בטעות אייניגע טראכטענדיג דער ביי-

זוי אזוי זשע פועלט ביי זיך א שרייבער אבצוגעבען זיך מיט אזא חיי-שעה אין דער צייט וואס ער קאן שרייבען לשון קודש, וואס דאס איז א אייביגע זאך, א מערקווירדיגע זאך, חלעבען: אזא שרייבער ווי ר' מענדעלי מוכר-ספרים זאלל לעבען, וואס זיינע ווערק וועלען באמת איבערלעבען א סך דורות, ער האט דווקא גאר נישט אנגעהויבען מורא צו האבען פאר זיין אונשטערבליכקייט אונ די בעסטע „ספורי-מעשיות" זיינע האט ער געשריעבען פראסט יודיש פארן פאלק, אונ קליינע שרייבערליך, וואס איז א גרויסער ספק צו זייערע ווערק וועלען זיי איבערלעבען, זיי זארגען זיך שטארק פאר זייער אונשטערבליכקייט אונ ציטערען שרעקליך צו שרייבען זשארגאן, סטאטש טאמער חלילה וועט קומען אמאל א צייט, אין אעטליכע הונדערט יאהר ארום, וואס דער זשארגאן וועט בטל ווערען! זאג מיר, איך בעט דיך, זאלען מיר זיך נישט נארען; א סך וועסט דו קאנען אנרופען נאמען פון אונזערע העברעאישע שרייבער, וואס שרייבען אזעלכע זעלטענע זאכען, וועלכע וועלען באמת דויערען לאנגע צייטען? נאר אז מיר וועלען שוין נאכגעבען אפילו אז צווישען אונזערע סופרים געפינט זיך א היבשע צאהל אונשטערבליכע, א סך מעהר ווי ביי יעדער אומה ולשון, אבער ווער זשע זיי אזא גזלן אונ וויל חלילה ביי זיי אוועקרויבען זייער אונשטערבליכקייט? צו דען דער וואס שרייבט זשארגאן איז מחויב צו געבען, ווי מען זאגט אויף מליצה-לשון, א „ספר כריתות" דעם לשון-קודש? לאזען זיי זיך שרייבען לשון-קודש וויפיעל זייער הארץ בגליסט, לאזען זיי פעראייביגען זייער נאמען לעולם ועד, אבער לאזען זיי זיך אויך נישט אפזאגען צו שרייבען אמאל פראסט יודיש פארן פאלק, צו דען האט דאס פאלק נישט פערדיענט זיי זאלען פון זייגעט וועגען מקריב זיין א קליינעם קרבן, וואס עס-איז עפעס א חלק פון זייער אייביגער נחלה? אונ ווייסט דו וואס נאך איך וועל דיר זאגען, אז דער וואס שרייבט אן באמת א גוטע זאך אין זשארגאן האט נישט וואס מורא צו האבען אז עס וועט געהן לאיבוד אונ מעג בפירוש האפען, אז מיט דער צייט, אויב עס וועט נאר נישט אנווערען דעם ווערטה, וועט עס סוף כל סוף איבערגעזעצט ווערען אין לשון-קודש; איך האב דיר שוין געשריבען אמאל דאס ווארט וואס ר' מענדעלי מו"ס זאגט אפט: פקד יפקד אלהים אתכם והעליתם את עצמותי מזה אתכם, עס וועט קומען א צייט וואס זיינע פראסט יודישע ספורים וועלען בעקומען איין עליה אונ איבערגעזעצט ווערען אין העברעאיש, היינט קומט דאך אויס אויף אזא אופן א ממה-נפשך: איז די זאך, וואס דער שרייבער שרייבט פראסט יודיש, עפעס א רעכטע זאך, וואס איז כדאי זאל בלייבען אויף לענגערע צייטען, וועט עס מן הסתם נישט פערפאלען ווערען; אלא אז די זאך איז גאר א געוועהנליכע, וואס קאן נישט האבען קיין קיום אויף לאנג, צוליעב וואס זשע איז דא אינגאנצען דער רעש וואס האט מען דא אזוינס אוועקגערויבט פון דעם לשון-קודש'ן אוצר.

הכלל פון וואס פאר א זייט מען זאל נישט נעהמען בעטראכטען דעם ענין, קומט אלץ אויס אז די אלע טענות פון די „אנטי-זשארגאניסטען" האבען גאר קיין שום יסוד

נישט און זענען פאלש פון אנהייב ביז סוף — אנשטאט זיי זאלען יענעם אויסווארפען פאר וואס מען שרייבט זשארגאן, דארף מען זיי מאכען פארווירפע פאר וואס זיי שרייבען נישט; פערשטעהט זיך, אז אקעגען א סך פון די מליצה-שרייבער, וואס פילדערן אויף'ן זשארגאן, האט מען גאר נישט וואס פעראיבעל צו האבען וואס זיי שרייבען נישט פאר'ן פאלק, הלואי וואלטען זיי די העבראישע לעזער אויך ווינציגער מזכה געוועזען מיט זייערע געוויסע „מאמרים"... איך מיין אבער די בעסערע פון זיי, וואס קאנען שרייבען און ווייסען וואס צו שרייבען, פון זייער זייט איז בפירוש א גרויסע עולה פאר וואס זיי דערמאנען זיך נישט אמאל געבען עפעס צו געניסען די פראסטע לעזער, וואס קאנען קיין לשון-קודש נישט לעזען און האבען די גאנצע יניקה נאר פונ'ם זשארגאן, צו דען זענען די דאזיגע ארימע לעזער נישט זייערע ברידער, נישט קינדער פון איין פאלק, אדער די נשמה זייערע איז גאר קיין נשמה נישט און מען האט אויף איהר גאר נישט וואס צו קוקען?

נאך איין זאך דארף מען נישט פערגעסען, אז אויסער די לעזער וואס לעזען נאר פראסט יודיש, קאן די זשארגאנישע ליטעראטור האבען נאך א פובליקום, וואס די העבראישע האט זי נישט און קאן זי נישט האבען, איך מיין אונזערע „הויבע-אינטעליגענציע", צווישען אונזערע געבילדעטע לייט קאן מען ווינציג געפינען אזעלכע וואס זאלען נישט זיין שטימפיג אויף דער עברי אין א לשון-קודש ספר, אבער אזעלכע וואס קאנען לעזען א זשארגאניש ביכעל געפינען זיך נאך דערווייל ביי אונז זעהר פיל; ר' מענדעלי'ס ספרים און נאך אנדערע וואס געהערען צו „דער נייער זשארגאנישע ליטעראטור", נישט-קשה, שפארען אן אין א סך פון די הויכע פענסטער, לאז מען נאר דעם עולם געבען רעכטס אויף זשארגאן וועלען זיי לעזען און לעקען די פינגער. און אפשר ווערסט דו אפלייקענען אז עס איז א נוצליכע זאך? ניין! זאג זיך וואס דו ווילסט, דער וואס לעזט א יודיש ביכעל פיהלט זיך פארט מעהר געקניפט און געבונדען מיט'ן פאלק, דאס פינטעלע יוד ריהרט זיך פארט אביסעל און דער געוויסער פונק קאן שוין נישט פערלאשען ווערען; אויך דאס יודישע לעבען קאן אין קיין אנדערע שפראך נית אויסקומען אזוי ריכטיג ווי אין דער יודישער פאלקס-שפראכע — און זשארגאן אויף וועלכע עס רעדען עטליכע מיליאן יודען; נאך מעהר האב איך דיר געוואלט אויפמערקזאם מאכען אויף די צווייטע העלפט פון אונזער פאלק, וואס ווייסט נישט קיין סימן פון העבראישע ליטעראטור, דו פערשטעהסט שוין, אז איך מיין אונזערע פרויען פון אללערליי קלאססען; איז דיר אמאל געקומען אויפ'ן זינען די שאלה: וואס הייסט דאס, עס ארבייט זיך א מין ליטעראטור, מען שרייבט ביכער, מען דרוקט צייטונגען, עס קאכט זיך איבער אללערליי פראגעס, מען אמפערט זיך און מען רעדט מיט התלהבות איבער פערשיעדענע ענינים, און אונזערע אללע פרויענצימער, דאס הייסט אונזערע מוטער, אונזערע ווייבער און אונזערע טאכטער, ווייסען גאר נישט פון וואס צו זאגען. זיי לאזט מען שטעהן פון ווייטענס זיי זאלען נישט וויסען פון דאס עס טהוט זיך און פון

וואס עס רעדט זיך, גלייך ווי זיי זענען גאר נישט קיין חלק פונ'ם פאלק און די אללע זאכען קערען זיך צו זיי כלל וכלל נישט אן?! איך וועל שוין נישט שמיעסען פון אזעלכע שאלות וואס זענען נוגע כמעט נאר צו ווייבער, א שטייגער דער ענין פון מאדע; וויפיעל שרייבער לעגען איין די וועלט און שרייבען פלאם-פייעריגע „מאמרים" העבראישע אקעגען דעם לוקסוס, אקעגען דער ווילדער מאדע, וויפיעל מליצות שיטען זיך פון ישעיה, ירמיה א. ד. ג., און זיי אליין, אונזערע פרייליין און דאמען, הייבען נאר נישט אן צו וויסען פון דעם שארפען מוסר וואס מען זאגט זיי דארט, נאר נעהם אפילו א-אנדערע פראגע, אויב זי איז נאר וויכטיג אינ'ם לעבען פונ'ם פאלק, איז זי מעהרסטענטהייל נישט ווינציגער פאר די פרויען ווי פאר די מאנער; נעהם, למשל: די פראגע איבער קינדער-ערציהונג; אמת, דאס רוב מאמרים פון אונזערע שרייבער איבער שאלת החנוך, בעשטעהען פון הוילע פראזען, גערעדט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, און די וואס לעזען זיי נישט ווערען ווינציג אן, אבער עס געפינען זיך נאך פארט פון דערסטוועגען ביי אונז אזעלכע שרייבער וואס שרייבען אמאל אין דעם ענין עפעס נוטצליכע ווערטער; פרעג איך דיך: וואלטען דען ווינציג נוטצען געבראכט אזעלכע ארטיקלען אין פראסט יודיש פאר אונזערע פרויען, פאר די מיטטער פון די קינדער? דארף איך דען דיר דערצעהלען ווי ווייט גרויס איז די ווירקונג פון דער מוטטער אויף דער ערציהונג פון איהרע קינדער און ווי ווייט וויכטיג ס'איז אז זי זאל וויסען און פערשטעהן ווי אזוי צו ווירקען אין דער גוטער זייט? דאכט זיך דו ווייסט גאנץ גוט, אז דער פאטער מעג זיין איין מומחה אין קינדער-ערציהונג, נאר ווי באלד די מוטטער ווייסט נישט ווי איין און ווי אויס, ווערט א תל פון אלעמען און עס העלפט דא נישט קיין שום חכמות; היינט ווי אזוי לעגט זיך אויף דעם מח אפ צו לייקענען, אז עס ליעגט דער היילינגסטער חוב אויף די וואס ווייסען און קאנען עפעס שרייבען רעכטס אין דעם פאך, זיי זאלען שרייבען נאר נישט לשון-קודש, וואס דאס איז פאר די פרויען ווי אראמיש פאר מלאכים, נאר אין דער שפראך, וואס פרויען פערשטעהען זי אויך? אזוי ווי אין דער דאזיגער פראגע אזוי, פערשטעהט זיך, איז זעהר און זעהר נעהטיג אין א סך ענינים צו שמיעסען מיט'ן גאנצען פאלק, נישט נאר מיט איין טהייל, גלייך ווי די אנדערע טהייל איז גאר נישט גערעכענט פאר קיין מענשען און עס איז גאר איבריג מיט זיי צו מאכען א טענה, גלייך ווי די „עזרת נשים" דארף זיין א אנדער מין פערשלאסענע וועלט, וואס אהין זאל נאר האבען א שליטה געוויסע תחנות מיט געוויסע זאגערנס...

נאר גענוג געטענה'ט דערפון, וועדליג א בריעף האב איך שוין דאכט זיך גאנץ גענוג יוצא געווען; איין זאך מוז איך דיר נאך זאגען צום סוף, אז די אללע וואס פאלען אן אויפ'ן זשארגאן דערפאר וואס זיי נעהמען זיך בלומרשט אן די קריוודע פון לשון-קודש, נארען זיך געבעך אליין אב אין זייער אייגענע מיינונג, אויב זיי ווילען נאר יענעם נישט נארען. באמת טאקי זאג מיר, ווען דאס געשריי זאל נאר זיין דערפאר

אין גאנצען, וואס מענשען נעהמען און געבען אוועק די כחות דעם זשארגאן אין דער צייט וואס זיי קאנען שרייבען לשון-קודש — פאר וואס זשע הערט מען קיין מאל נישט פון די דאזיגע „פאטריאטען“ די זעלבע טענה אקעגען א אנדערע שפראך? וויפיעל מיר זעהען העברעאישע שרייבער נעהמען און שרייבען רוסיש, דייטש, צו ווייס איך וואס פאר א שפראך, פאר וואס זשע מאכען נישט אונזערע פאטריאטען אויף זיי די אייגענע שאלות: סטאטש, היתכן מען זאל טהון אזא זאך אוועק-לעגען לשון-קודש און שרייבען גאר אויף אנדערע לשונות?! אודאי געהען זיי איבער אויף אלעמען מיט א שוויג, דער גאנצער געפילדער איז נאר אויפ'ן בידנעם זשארגאן, די גאנצע תוכחה שיט זיך נאר אויף דעם שטיף-קינד, דער וויסטער זשארגאן איז זיי גרוים אין די אויגען, מען פערגינט איהם קיין ביסען, ער פרעסט און זויפט אלצדינג און האט א קישקע אהן א דנא...

אומגליקליכע יודישע פאלקס-שפראכע! דו האסט שוין אזא פינסטער מזל ווי דיין אומגליקליך פאלק זעלבסט, נאר דיין אומגליק איז נאך גרעסער, ווייל דו ליידסט גאר פון א י י ג ע נ ע, וואס בענוטצען זיך מיט איהר זייער גאנץ לעבען פון דעם גאטטס-יודישע ליעדעלע ביים וויגעלע ביז צום קבר ווען מען בעוויינט אויף י ו ד י ש, אט די „אייגענע“ גיט פרעמדע שיטען מיט דער תוכחה אויף זייער פאלקס-שפראכע און ווייסען זעלבסט ניט פאר וואס פאר ווען און וואס זיי ווילען.

ניין, ברודער, זאג זיך וואס דו ווילסט, דא איז נישט דער עיקר מיין, גאטטס קריוודע, דא טענה'ט כלל נישט קיין ריין געפיהל פון אמת'ן פאטריאטיזם, חלילה וחס! דאס איז אין גאנצען א שפיעל גאר פון א אנדער מין געפיהל, טאקי גאר לחלוטין א אנדערם, ווייסט דו וואס פאר א געפיהל? פשוט פון פאלשער אריסטאקראטיזם: „מישטיינס געזאגט“. אויך מיר א שפראך, א שאן מין לשון פון שניידער-יונגען און דיענסט-מיידלעך; מה-אנו מה-חיינו, וואו שפארט אן א זשארגאניש ביכל? — אין דער שיסטער גאס, אין בלאטיגע הייזליך, אין וויסטע פאדוואלען, אין פינסטערע לעבער, מיט אזא „געעהרטען פובליקום“ האבען צו טהון? פי, לאזען זיך מטפל זיין מיט דעם עולם אנדערע, אבער מיר? מיר קערען זיך נישט אן און ווילען זיך נישט אנקעבען מיט דעם צעך!... געוועהנליך, נישט אללע פון די שרייערס וועלען זיך מודה זיין אז דאס איז זייער אמת'ע כוונה, א סך נארען זיך טאקי אליין אפ און מיינען בתמימות אז עס ברענט אין זיי גאטט ווייסט וואס פאר א הייליג פייער א קעגען דעם זשארגאן, אבער אין תוך אריין איז אין גאנצען דער פייער א א נ ג ע ב ל א ז ע נ ע ר, וואס איז גאר ווייט פון צו האבען אין זיך אפילו א פונק הייליגקייט.

ווען איך זאל זיך קענען דורכשמיעסען מיט אונזערע סופרים וואס בלאזען זיך אזוי אויפ'ן זשארגאן, בפרט נאך די וואס רעכענען זיך פאר נאציאנאליסטען „חובבי ציון“ וואלט איך צו זיי צוגעשטאנען אלין מיט דער אייגענער קשיא, זאגט מיר רבותי: וואו איז אייער ליעבע, אייער הייסע ברענענדיגע און פלאקערדיגע ליעבע צו אייער ליעב

פאלק ישראל? נאר זאגט קלארע דבורים, מיט פאלשע תירוצים און פיסטע מליצות וועט איהר נישט אפקומען, איהר ווילט ברענגען נוטצען דעם פאלק, טרייסטען און אויפמינטערען איהם, לערנען און בילדען, אויס-ווארצלען די פעהלער זיינע און איינ-ווארצלען די בעסטע מעלות אין דער וועלט; נאר ווי אזוי ווילט איהר די אללע זאכען זאלען געטהון ווערען? נאר מיט הוילע מעשה נסים, איהר זאלט זיך שטעהן העט פון ווייטענס, נישט חלילה שטעלען א פוס אין זיין פערווארפען גאסיל, נישט אריין קוקען אין זיין איינגעהויקערט שטיבעל, נישט שטעהן חלילה אין זיינע ד' אמות, דארט וואו איהר קאנט באמת רעדען מיט איהם פונ'ם הארצען, ער זאל אייך אויס-הערען און אייך פערשטעהן! אפשר איז דארט נישט שטענדיג אזוי שטארק אנגענעהם, ס'איז אפשר דארט אמאל א ביסעל א שווערער ריח, עס שמעקט מיט ארעמקייט, מיט דחקות, אבער וואס העלפט עס? אויב איהר פיהלט זיך באמת אז איהר זענט פאלקס-פריינד, דארפט איהר דאך זיין גרייט צו ברענגען פון זיינעטוועגען אמאל א שטיקעל קרבן... אז נישט, וואס טויג שפיעלען א פאלשע ראללע? אויף וואס נוטצט דאס פערשטעלען זיך מיט דעם גאנצען קלינגעריי און קלאפעריי?...

נאר דער וויל גענוג, וואס איך האב געהאט אויפ'ן הארצען איבער דער דאזיגער „שאלה“ האב איך דיר ווי מיינעם א פריינד ארויס-געזאגט, איך פערהאף אז דו וועסט מודה זיין אז אומגערעכט ביזט דו געוועזען נישט איך.

דיין אמת טרייער פריינד

רבי-קצין

אדעססא ערב ר"ה התרנ"ו.

וואו זענען זיי?

געדענקט איהר נאך די יונגע לייטלעך מיט די הייסע קעפּלעך וועלכע האבען פאר עטליכע יאהרען צוריק סטודענטסקע קליידער מיט מעשענע קנעפּלעך געטראגען? געדענקט איהר נאך וואס זיי האבען אלעס צורעדט, צוטענה׳ט, צוגעזאגט חאטש קיינער האט זיי ניט געבעטען? ווי שאן האבען זיי גערעדט בעת זיי האבען זיך אביסל צוקאכט: זייערע אויגען האבען געפונקעלט, זייערע באקען האבען געפלאמט, זייער קול האט פאר גרויס כונה געציטערט; און וואס האבען מיר דאמאלס ניט געהערט? „דאס פאלק" „די ארעמע ברידער און שוועסטער" „מיט זיי און נאר מיט זיי ווילען מיר אונזער גאנצעס לעבען אין איינעם ארבייטען" „וואו אהין זיי וועלען געהן וועלען מיר אויך געהן, און וואס זיי וועלען טהון וועלען מיר אויך טהון" און נאך אזעלכע ווארטער וועלכע זענען געוועזען אזוי זיס צו הערען אז אונזערע ארעמע ברידער און שוועסטער האבען זיך פשוט מחיה געוועזען. זיי האבען דערזעהן מיט איין מאל אזעלכע שאנע מיני יונגע לייטלעך מיט וועלכען זיי האבען גאר ניט געספּעיעט פריהער א ווארט אויסצוריידען און טאקי אויך די יונגע לייטלעך האבען מיט זיי ביז אין דער צייט כמעט קיין מאל ניט גערעדט און מיט איין מאל אזעלכע מיני זיסע רייד אז די נשמה פריידט זיך און וויל פשוט אטאנצל געהן; עס צוגעהט זיך פשוט איבער די ביינער אזא נחמה צו הערען.

געדענקט איהר נאך די חברות וואס זיי האבען געסטרויעט, די מאמרים וואס זיי האבען אין צייטונגען געשריבען בכדי זייערע ברידער צו שטארקען, צו ערמינטערען? געדענקט איהר נאך די עצות די פלאנען וועלכע זיי האבען געגעבען?

און ווי גערעכט זענען זיי געוועזען ווי גאר די וועלט. „מען דארף ניט", האבען זיי דאמאלס געטענה׳ט, „מען דארף ניט אז די גאלדענע קעלבער זאללען ביי אונז דאס ראר׳ל פיהרען, א גרויסע דעה זאגען, אומעטום זייער נאז אריינשטעקען. מיר דארפען האבען קלוגע, געבילדעטע ברידער, אמת׳ע מענשען וועלכע פיהלען זיך פיר גלידער פון גאנצען פאלק; די און נור די וויללען מיר האבען, זיי זאללען אונזערע פיהרער זיין, ווייל די זענען מוכן זיך מקריב זיין פאר טובת הכלל" א. ז. וו. א. ז. וו.

וואו זענען זיי אללע יעצט? פאר וואס הערט מען פון זיי יעצט קיין שום רוח, קיין שום אתהעם?

וואו קען איצטער זיין אונזער בעקאנטער סטודענט טינטמאנן, וועלכער איז כמעט פון דער ישיבה גלייך אין קיוב׳ער אוניווערזיטאט אריינגעשפּרונגען, און שפּרינגענדיג האט ער היילינג און זיכער געשוואהרען זיין גאנצען לעבען שפּעטער דעם יונגען דור צו שענקען, בילדונג צווישען זיי צו פארברייטען, זיי קלוג צו מאכען כדי זיי זאללען זייער יוגענד ניט פארברענגען אין דער פינסטערניש ווי ער אליין האט עס געביך א מאל פארבראכט?

וואו איז אונזער פלטיאל זאהן וועלכער האט מיט כוונה שטודירט מעדיצין כדי ער זאל קענען שפּעטער אויסוואנדערן מיט זיינע ברידער און שוועסטער אין „סאחארא", אויף דער לבנה, אין ארץ ישראל אדער אין ארגענטינא, איהם איז גאנץ גלייך וואו אהין אבי מיט זיי צוזאממען, אבי ער זאלל זיי קענען העלפען מיט וואס ער קען נור?

און אונזער דאקטאר קוגעל? זיצט ער טאקי אין איין יודישער קאלאניע ערגעץ און נעמט צו ארעמע קראנקע קאלאניסטען אומזיסט, בעת זיין ווייב זיצט אין קלאסס און לערנט מיט די קינדערלעך פון די קאלאניסטען, ווי איהם האט זיך אלץ שטארק געוואללט בעת ער איז א סטודענט געוועזען?

אויף די דאזיגע אללע שאלות ווייס איך אליין קיין תשובה ניט. אפשר ווייסען אנדערע, ווען ניט וועללען די אללע מיינע פראגען, נעביך מוזען בלייבען אהן א תשובה. דערפאר אבער וואס מיט דעם דאקטאר קוגעל האט זיך געמאכט, וואו ער איז און וואס ער טהוט, קען איך אייך דא קורץ דערצאהלען, ווייל אין דער אמת׳ן געזאגט האב איך פון קוגלען געהאלטען מעהר ווי פון אללע זיינע חברים; איך האב אויף איהם זייער פיעל האפפנונגען געלייגט, ווייל ער האט טאקי באמת עפּיס געקענט טהון א הויץ אללעמען אחוץ וואס ער איז געוועזען פארקאכט, אפגעגעבען מיט לייב און זעלע צום „רעיון" פון ישוב ארץ ישראל האט ער נאך געהאט — דעם גראשען, די מטבע, מיין איך.

ער האט געהאט זיין אייגענעם קאפּיטאל פון פונפצעהן טויזענד רוביל; דאס האט ער געירש׳ת פון זיינע עלטערן. ער שטודירט מעדיצין און פאהרט דערנאך קיין ארץ ישראל פּראקטיצירען; וועט ער די ערשטע צייט שאן פּראקטיקע בעקוממען איז געוויס גוט און אויב ניט איז אויך קיין גרויסע סכנה ניט, ער קען ווארטען אדער ער קען קויפען א חלק ערד.

דארף מען עפּיס בעססער?

די וו. חובבי ציון האבען שוין געווארט מיט גרויס אונגעדולד ווען קוגעל וועט אויסהאלטען דעם לעצטען עקזאמען כדי מען זאלל איהם קענען מלוה זיין קיין ארץ ישראל; קוגלען זעלבסט איז געוועזען יעדער טאג א יאהר, ער האט שוין מעהר ניט געקאנט ווארטען. אבער זיצענדיג אין וו. איז ער אויך ניט געזעססען ליידיג, עס איז קיין איינציגע אסיפה ניט געוועזען וואו קוגעל זאלל ניט זיין און קוגעל זאל ניט רעדען;

איז ער געקומען צווישען זיינע קאללעגען האט ער נור פון ישוב ארץ ישראל גערעדט חאטש אללע האבען איהם „טשודאק" גערופען. מיט איין ווארט, איין בעססערען אונ אמת'ען חובב ציון האט מען טאקי ניט געדארפט אונ עס איז טאקי ניט געוועזען, ווייל – יא, דאס האב איך אייך פארגעססען צו זאגען – אז חוץ אללעמען האט ער טאקי געקענט באמת גוט לערנען אונ גוט לשון קודש וואס צווישען די סטודענטען אונ דאקטורים איז דאך דאס איין יקר המציאות.

קוגעל האט געוואוסט אז פאהרען אין ארץ ישראל גאנץ אליין איז ניט אזוי גוט, אויך זיינע בעקאנטע, זיינע גוטע פריינד האבען איהם אנגעהויבען איינצורידען ער זאלל א שידוך טהון, אונ זיי האבען איהם איבערגערעדט.

געלד, נדן מיין איך, דארף ער ניט דאס האט ער אליין; ער וויל נור א יודיש מיידעל פון א פיינע פאמיליע וואס זאל באמת זיין א הייסע יודענע דערצו, זי זאל גוטע בילדונג האבען, זיא זאלל קענען אונ וואללען לערנען מיט קליינע קינדער אונ איבער-הויפט זי זאלל שטארק האלטען פון ישוב ארץ ישראל.

אזא מיידעל אז עס זאלל זיך קוגלען מאכען וועט ער לאנג ניט טראכטען אונ וועט באלד חתונה האבען. וואו בעקומט מען אבער אזעלבע? קוגעל געהט אויף אסיפות ער בעגעגענט ניט אזא מיידעל; קוגעל געהט צו בעקאנטע פאמיליען וואו דארט געפינט זיך א היבשע ביס'ל טאכטער נור אזא מיידעל געפינט ער ניט, אללע מיידלעך האבען אפילו געוואוסט אז קוגעל קלויבט זיך צו חתונה צו האבען אונ א בעססערען חתן פון איהם דארף מען גאר ניט, א דאקטאר איז ער, געלד האט ער אליין אונ פרעגט ניט אויף קיין נדן, אויף שאנהייט איז ער אויך ניט שטארק מקפיד, אבער וואס קען מען העלפען? מען סטארעט זיך מיט אללע כחות, מען צורייסט זיך, מען מאטטערט זיך, מען זיצט א גאנצען ווינטערדיגען אבענד אונ מען הערט אללעס אוים וואס קוגעל רעדט וועגען ישוב ארץ ישראל, מען זאגט איהם צו לעזען די ביכלעך, בראשורען וועלכע זעגען פול מיט ישוב ארץ ישראל, עס איז דאך שוין גענוג? אבער-ניין! קוגלען איז דאס אללעס ווייניג, ער וויל נאך מעהר, אונ וואס קען מען נאך מעהר טהון?

קוגעל איז גאנץ אומגליקליך, ער וויל דאך פארט חתונה האבען מיט א פרוי וואס זאלל מיט איהם פאהרען אין ארץ ישראל אונ זי זאלל איהם קענען העלפען.

אז מען זוכט געפינט מען פארט; אמאל גרינגער אמאל שווערער אבער געפינען געפינט מען דאך – ווער שמועסט נאך ביי א שידוך. דען איידער מען ווערט נאך בע-שאפען אויף דער וועלט איז שוין יעדען אנגעצייכנט זיין זווג, מעהר ניט מען ווייסט ניט וואו צו זוכען, דריבער דויערט דאס אמאל אביס'ל מעהר ווי מען רעכנט. דער וואס האט טאקי שטארק קיין צייט ניט צו זוכען זיין בעשעהרטע בעט ער אנדערע יודען מען זאלל איהם העלפען זוכען אונ יענע זוכען אונ געפינען טאקי סוף כל סוף. אמת עס מאכט זיך טאקי אמאל אז די יודען וו-לען ער האט געבעטען העלפען זוכען זיין אבדה, ווייל

זיי האבען זיין אבדה קיין מאל ניט געזעהן אונ קענען זי ניט, ברענגען איהם גאר א פרעמדע אבדה אונ ער, ווייל ער קען זיין אבדה אויך ניט גוט, נעהמט ער איהר צו מיט גרויס דאנק אונ בעצאהלט די יודען פאר זייער טרחה גאנץ שאן ווי עס דארף צו זיין; ער צאהלט זיי גאר פשוט פראצענט פון דער אבדה ווי פיעל זי איז ווערט. אין א צייט ארום זעהט זיך טאקי דער בעל אבדה ארום אז ער אונ די יודען האבען איין שטארקען טעות געהאט, די אבדה איז גאר ניט זיינע, א געוואלד, א יאממער, א געפילדער, אבער וואס קען מען טהון, שריי חי וקים, רייס קברים, בייס די נאגיל, קריך אויף אללע פיער ווענד, זאג שמע ישראל, קלאפ זיך על חטא – אבער קיינער טאר דאס ניט וויססען, מען טאר דאס קיינעם ניט דערצאהלען עס איז א חרפה פאר לייטען, עס וועט זיין לייטעשע געלעכטער, וואו צוויי וועסט דו זיין א דריטטער, מען וועט זאגען, חלעבען רעכט א מצוה, פאר וואס האט ער זיך פריהער בעת עס איז געוועזען צייט זיך ניט גוט איינגעקוקט אויב די אבדה איז באמת זיינע. ער האט זיך מן הסתם געקוואפעט אויף דער מציאה ווייל ער האט געמיינט אז זי איז זעהר א טהייערע...

עס איז אפילו אך אונ וויי צו אזא געלעכטער; מען קען אונ מען מוז א פנים לאכען ממה נפשך, אז אברהם'ל האט זיך ארומגעקוקט אז ביי איהם איז גאר א פרעמדע אבדה מוז דאך גאר זיין אבדה ביי יצחק'ן זיין, היוצא מזה אז יצחק האט אויך ביי זיך גאר ניט זיין אבדה נור א פרעמדע, אבער מען לאכט פארט. פאר וואס לאכען מיר בעת איינער גליטשט זיך אוים אונ פאללט אריין טיעף אין בלאטע אז ער קען קוים ארויסקריכען? אנדערע זאגען אפילו אז מען לאכט גאר ניט, מען פריידט זיך נור ווייל איינער איז גע-פאללען, אבער דאס ווייס איך נאך ניט געוויס אויב מען פריידט זיך אדער ניט, אבער לאכען לאכט מען געוויס.

דאס אבער געהערט אללעס ניט צו אונזער שמועס, איך האב נאר געוואללט זאגען אז מען זוכט געפינט מען דאך.

אויך אונזער קוגעל האט געפונען וואס ער האט געזוכט.

איין מיידעל א אמת'ע יודענע, פון פיינער פאמיליע, זעהר גוט געבילדעט, קלוג אונ איינפאך, זי האלט ניט פון דער פארפלוכטע מאדע, געהט פראסט געקליידעט חאטש איהרע עלטערן זענען געפאללענע בעלי-בתים; זי איז ניט זעהר יונג אבער דערפאר איז זיא איין געזעצטער מענש.

איז דאס ניט מעלות גענוג?

דאס איז נאך ניט אללעס – דער עיקר, זי איז איין נאציאנאליסטקע, איין ציוניסטקע. אונ ווייסט איהר נאך ווי אזוי? – מיט לייב אונ זעלע, קוגלען דוכט זיך אז ער איז אנטקעגען איהר א גארנישט, כקליפת השום.

מיט אכטטאג צוריק האט איהם איין עלטערער יוד אין איין פאמיליע אריין גע-פיהרט אונ דארט האט ער געפונען וואס ער האט אזוי לאנג געזוכט מיט טויזענד ליכט. זי געהט איהם גאר ניט פון קאפ ארוים; ווי האט זי מיט אזא פייער איבער ישוב,

ארץ ישראל געערדט, ווי ליעבט זי מיט דעם גאנצען הארצען די קאלאניסטען, ווי ליעבט זי די ערד, ווי ליעבט זי דאס איינפאכע יודישע לעבען..:

א שאדע וואס זי פארשטעהט קיין העברעאיש ניט, אונ עס וואונדערט מיך פאר וואס זי פארשטעהט עס ניט; אזא מיידעל, אזא בת ציון.. אבער יא, איך דערמאהן זיך אז זי האט מיר געזאגט אז נאר איהרע עלטערן זענען שולדיג אין דעם, אונ די מוטטער וועלכע איז געוועסען אונ האט דעם שמועס געהערט האט טאקי די שולד אויף זיך גענומען. „דאס קען זי נאך דערלערנען ווען זי וועט דאס אמאל נאטהיג האבען", האט די מוטטער געזאגט; „דאס מוז איך לערנען אונ טאקי רעכט באלד" האט די טאכטער מיט גרויס פייער געזאגט „א יודענע צו זיין אהן די אמת'ע מוטטער שפראך צו קענען איז בשום אופן ניט מעגליך".

זי איז גערעכט ווי די גאנצע-וועלט! אזא יודישע טאכטער מוז מען העלפען, מען מוז איהר אביסל צולערנען.

א גוטען קאפ האט זי, פלייסיג איז זי, זי לערנט לשון קודש טאג אונ נאכט; שוין מעהר אללם אכטטאג אז זי געהט כמעט גאר ניט ארוים אונ ליעגט איבער דעם תנ"ך.

– צופיעל לערנען איז אויך ניט גוט האט די מוטטער זיך פאר קוגלען געקלאגט, וועלכער האט אנגעהויבען זעהר אפט די פאמיליע צו בעזוכען.

קוגעל הערט די מסירה אונ פראסט דאס הארץ צוגעהט זיך איהם פאר גרויס שמחה אונ נחת. שאדע שאדע וואס ער האט אזוי שפעט אזא פעריל, אזא דימענט אויפגעזוכט אבער עס איז נאך ניט צו שפעט.

קוגעל הויבט אן זעהר שטארק די אבענדע דארט צו צוברענגען אונ וואס ער זיצט מעהר געפאלט זי איהם מעהר, ער האט מיט איהר איבער טויזענדטער פערשיעדענע זאכען געשפראכען אונ הי אי ער געוועזען אויפ'ן זיעבענטען הימעל אז ער האט איינמאל פון איהר געהערט אז זי האט דעם אייגענעם געדאנק וואס ער, וואס ער דענקט שפעטער צו טהון האט ער איהר ניט אויסגעזאגט, ער האט נאר כלומרשט ווי ניט איהם מיינט מען זי אויסגעפרעגט: וואס וויל זי שפעטער טהון?

אונ וואס מיינט איהר וואס דענקט אונזער רבקה? (אזוי איז איהר נאמען) זי וויל נאר אין ארץ ישראל פאהרען עס מעג זיין וואס עס וויל; זי וויל דארטען איינע לעהרערין ווערען אין איין קאלאניע; פיעל פערלאנגט זי ניט: ברוידט צו עססען, וואססער צו טרינקען אונ איין איינפאכעס קלייד צו טראגען, דערפאר אבער וועט זי אויף די הייליגע בארג שפאצירען געהן, די הייליגע לופט אטהמען אונ אין דאס לאנד פון אונזערע עלטערן לעבען...

איז זי ניט גראד דיעזע וועלכע ער זוכט?

– געוויס.

אבער וואס זאלל ער טהון? וואס זאלל ער מאכען? ווי זאלל ער אנהויבען? אונ די גרעסטע צרה איז דאך, אז זי, רבקה, האט אמאל מיט דעם גאנצען הארצען

געזאגט אז זי וועט קיין מאל ניט חתונה האבען, ווייל זי וויל נאר פאר איהר פאלק ארבייטען.

אפילו וואס מאכט דאס שטארק אויס? וויל זי ניט זיין זיין ווייב זיין, קען זי דאך זיין פריינד, ווי א אייגענע שוועסטער, זיין, אונ קענען דאך צוזאממען אין ארץ ישראל פאהרען. אבער ניין עס איז פארט בעססער ווען זי וועט זיין פרוי זיין.

וועט זי אבער חתונה האבען? אונ וועט זי איהם וואללען.

קוגעל ווייסט אפילו אז פאר אזא בת דעת ווי רבקה, דארף מען זיך גאר ניט שעהמען, ער מוז אזוי פיעל לכבות האבען פרעגען איהר פשוטו כמשמעו: ברחל בתך הקטנה: רבקה ווילסט דו אז מיר זאללען חתונה האבען אדער ניין?

אבער קוגעל איז איין אמת'ר יוד. אונ על פי דין איז ער א גרויסער ביישן. שוין שאנע עטליכע מאל האט ער זיך שוין צוגעקליבען זי פרעגען אונ שוין שאנע עטליכע מאל זענען שוין די ווארטער געלעגען אויף זיין שפיץ צונג, אט האט ער שוין זיין מויל געעפענט אונ אט הויבט ער שוין אן צו זאגען.. „זאגען זי מיר"... אבער מעהר האט ער קיין לשון ניט.

– וואס ווילט איהר פרעגען? האט רבקה מיט גרויס חן געפרעגט.

קוגעל האט שטארקען פחד מיט איין מאל בעקוממען אונ האט געזאגט.

– יא, איך האב אייך געוואלט פרעגען צו האט איהר געכטען פיעל תנ"ך געלערנט?

ער האט פערשטאנען אז זי האט פערשטאנען אז ער האט געוואלט גאר עפים אנדערש זאגען אונ איז שטארק רויט געווארן.

זי האט פערשטאנען אז ער האט פערשטאנען אז זי האט עפים גאר אנדערש ערוואַרט אונ איז שטארק רויט געווארן.

קוגעל איז אריינגעפאללען. ער האט אנגעהויבען מוז ער שוין ענדיגען אונ גראד היינט, דערצו איז יעצט א גוטע געלעגענהייט. אפילו אזא געלעגענהייט האט ער כמעט אללע טאג, ווייל ער קוממט אללע אבענד אונ געפינט איהר גאנץ אלליין, ווען די עלטערן פון רבקה'ן זיצען ביז שפעט אין אבענד אין קראם, אונ אסתר, די יונגערע שוועסטער פון רבקה'ן, איז כמעט קיין מאל אין דערהיים ניט דא, אבער היינט מוז ער דאך זאגען.

אונ... ער האט געזאגט.

ער איז שטארק רויט געווארן.

זיא נאך מעהר.

אבער אז ער האט שוין זיין מויל אויפגעמאכט האט ער געערעדט אהן אסוף. ער האט גערעדט, געטענה'ת, בעוויזען ווי גליקליך ער וועט זיין אז זיא וועט זיין פרוי זיין אונ ווי גוט עס וועט פאר דער קאלאניע זיין וואו זיי וועללען זיין.

רבקה האט כמעט די גאנצע צייט געשוויגען. איהרע אויגען האבען געגלאנצט, איהרע האנד האבען געציטטערט, איהרע ליפפען זענען אמאל רויט אמאל בלאסס געווארן, זי האט נור עטליכע ווארטער געשטאממעלט:... איך בין איין ארעמעס.. א בתולה ניט היינ... לאבי' בעססער ווי שוועסטער אונ ברודער..." אבער זי האט

דאס אללעם מיט אזא זיסע שטיממע געזאגט אז קוגעל האט זיך גאר ניט מעהר געקענט בעהערשען אונ איז איהר אויף דעם האלדז ארויפגעפאללען.

אונ צום ערשטען מאל האט זיך איין אמת'ר בן ציון מיט איין אמת'ע בת ציון געקושט, אונ ווי הייליג איז אזא קוש!

טאקי אין דעם אייגענעם אבענד האט מען שוין רבקה'ס עלטערן אללעם דערצאהלט. די עלטערן האבען כמעט געוויינט פאר גרויס שמחה, חתן אונ כלה האבען זיך נאך מעהר געפריידט. גאנץ בעזונדערס אבער האט זיך קוגעל געפריידט וואס ער האט מנצח געוועזען אונ רבקה האט געבראכען איהר ווארט אונ וועט מיט איהם חתונה האבען.

אפילו אסתר, די קלענערע שוועסטער, וועלכע האט שטענדיג מיט רבקה'ן ניט גוט געלעבט, האט זיך אויך געפריידט.

תנאים האט מען געפראוועט אויף אללע יודישע קינדער געזאגט געווארן: דיא אללע חובבי ציון לעקען נאך עד היום די פינגער פון די טייערע דרשות וואס מען האט דארט א גאנצע נאכט גערעדט, גדרשה'ט. מעהר פון אללעמען האט דער חתן גערעדט. אבער די כלה האט אויך ניט געשוויגען. געוויס האט זי זעהר וועניג גערעדט כמעט ווי גארניט, אבער דאס איז נור צוליעב דעם געוועזען ווייל זי איז געוועזען שטארק אויפגערעגט. דאס מאכט דאך ניט אוים וויפיעל זי האט גערעדט. זי האט אבער פארט גערעדט איבער ישוב ארץ ישראל, איבער דעם אינדעפענדענטיזמוס *) וועלכע אונזערע ווייבער בעווייזען דעם הייליגען געדאנקען א. ז. וו. א. ז. וו.

מען דערצאהלט אז אויף מארגען האבען זיך פיעל חובבי ציון צוקריגט מיט זייערע ווייבער. פיעל האבען גאר חרטה געקריגען וואס זיי האבען זיך אזוי געאיילט חתונה צו האבען, פאר וואס האבען זיי אויך ניט אזוי ווי קוגעל געזוכט, אפשר וואלטען זיי אויך געפינען.

אונ קוגעל פריידט זיך אונ גרייט זיך צו דער חתונה
אונ רבקה פריידט זיך אונ גרייט זיך צו דער חתונה.
אונ רבקה'ס עלטערן פרייען זיך אונ גרייטען זיך צו דער חתונה.
אונ אללע חובבי ציון פרייען זיך אונ גרייטען זיך צו דער טייערער חתונה.

דעם עקזאמען האט קוגעל זעהר גוט אויסגעהאלטען; די לעצטע צייט האט ער זעהר פיעל געמוזט לערנען אונ איז אביסל וועניגער געגאנגען צו רבקה'ן אבער דערפאר ווי גליקליך איז ער געוועזען די פאאר שעה וועלכע ער פלעגט דארט צוברענגען.

אמאל פלעגט ער אנהויבען צורעדען איבער ישוב ארץ ישראל, אז ער פלעגט זיך גאר אין דעם זייגער פארגעסען; אז ער פלעגט אויפהערען פלעגט ער זעהן אז דעם

*) גלייכגילטיגקיים; קאל:בליטינגקייט.

צוקינפטיגער שוועהער אונ די צוקינפטיגע שוויגער וועלכע זענען פריהער געזעססען ארום טיש אונ האבען איהם צוגעהערט זענען שוין שלאפען געגאנגען, אסתר איז אויך אין מיטטען אוועקגעגאנגען; אבער ווי פלייסיג האט אללעם רבקה געהערט? זי איז גאר פון זיינע ווארטער ענטציקט! ליעבליך נעהמט זי איהם ארום אונ קושט איהם פאר זיינע זיסע ווארטער וועלכע זענען איהר ווי באלזאם צום הארצען. אונ ווי פערשטעהט זי אללעם, אונ ווי בעגרייפט זי אללעם!

נאר איינמאל האט זיך געטראפען אז בעת ער האט געענדיגט זיין דרשה האט ער בעמערקט אז רבקהלע דרעממעלט שטארק; איהם איז דאס דאמאלס א גרויסער וואונדער געוועזען, ער האט דאס גאר ניט געקענט פארשטעהן, אבער שפעטער האט זי איהם געזאגט אז זי האט זעהר גרויסע קאפ־שמערצען געהאט.

די חתונה איז געוועזען זעהר גיך; אונ באמת צו וואס זאלל מען די צייט אומזיסט פערליערען?

זיין עקזאמען האט קוגעל שוין אויסגעהאלטען אונ גלייך נאך דער חתונה פאהרט מען אין ארץ ישראל. וואס פריהער איז אללעם בעססער.

קוגלען האט זיך צוליעב נאך א טעם געוואללט וואס פריהער חתונה האבען; ער האט זיין גליק גאר ניט געוואלט גלויבען; ער האט נאך אללעם מורא געהאט טאמער וועט מען ביי איהם זיין גליק ארויסחאפען

רבקה האט אויך שטארק מסכים געוועזען אז די חתונה זאלל זיין וואס פריהער ווייל זי וויל שוין וואס גיכער זיין אין ארץ ישראל.

נדן האט קוגעל ניט פערלאנגט אונ מען האט איהם אויך ניט געגעבען; איין נארדעראבע האבען רבקה'ס עלטערן רבקה'ן ניט געמאכט ווייל ערשטענס איז גאר כמעט קיין צייט ניט געוועזען, צווייטענס דארף מען דאך אין ארץ ישראל גאר ניט האבען, אונ דריטטענס האבען זיי ניט פאר וואס. זיי האבען זיך פאר קוגלען גאר ניט געשעמט אונ האבען דאס איהם אללעס געזאגט. אונ קוגלען האט דאס נאר ניט געארט. אויף קליידער קוקט ער זא ווי זא ניט; אי טאמער דארף מען עפיס נאטהיגעס האבען. האט ער רבקה'ן געזאגט זאלל זי איהם זאגען וועט ער איהר דאס נאטהיגע געלד דערצו געבען.

רבקה האט גלייך געזאגט אז זי דארף גאר ניט האבען; די אללע צאצקעס אונ נארישקייטען זענען ביי איהר איבריג, אונ וואס מען דארף זעהר נאטהיג האבען האט זי שוין; פון איהרעטוועגען דארף זי בנאמנות אפילו קיין פאדים ניט — „אבער דו ווייסט דאך”, האט זי איהם געזאגט, „וואס עס איז יעטצט פאר א צייט! יעטצט איז שוין איין שפריכווארט געווארן „קליידער מאכען לייט”; איך וויל אונ דו ווילסט דאך אויך געוויס אז אויף דער חתונה זאללען אללע דיינע בעקאנטע זיין. איך האף אז מען וועט קענען אויף דער חתונה עפיס פאר ישוב ארץ ישראל טהון, עפיס פאר די ארעמע קאלאניסטען שאפפען, גלויב איך אז עס וועט גלייכער זיין אז איך זאל צוליעב די געסט געהן ווי

אללע וועללען געקליידעט זיין ווייל ווען איך וועל פראסט געקליידעט זיין וועללען די גאסט מיינען אז איך מאך פשוט חוזק פון זיי.

איין העללע זיידענע קלייד מוז מען דאך האבען! דו ווייסט דאך ווי איך האלט פון דעם און ווי איך האב דאס נאטהיג, אבער מען מוז דאס שוין צוליעב די גאסט האבען. נאך דער חתונה וועל איך דאס קלייד דער שוועסטער אפגעבען ווייל איך דארף אזעלכע שמאטעס ניט, און ארץ ישראל, ארץ אבותינו, וואו אללע געהען פראסט נאטירליך, דארף עס אויך ניט האבען.

און קוגעל האט געזעהן אז רבקה איז גערעכט. עפיס האט זי נאך אויף קלייניג־קייטען און נאך אויף קלייניגקייטען געבעטען. עס איז טאקי אללעס הבל הבלים אבער מען מוז זיך נארריש מאכען מיט אללע נארען צוגלייך.

א חתונה איז געוועזען אויף אללע יודישע קינדערס חתונות געזאגט געווארן. ניט ערגער האבען זיך ר ב ק ה'ס עלטערן געווינשט ביי אסתר'קען. מען האט גערעדט, געדרשה'ט, מען האט בערך פערציג רובל אויף ישוב ארץ ישראל געזאממעלט און דאס איז אללעס געוועזען ווי רבקה האט קוגלען אויפ'ן אויער געזאגט נאר צוליעב דעם וואס די חתונה איז אזוי גרויסארטיג געוועזען.

אין דער גאנצער צייט פון דער חתונה איז רבקה אזוי שטארק פערנומען געוועזען מיט די גאסט אז זי האט אפילו גאר קיין צייט ניט געהאט וועגען ישוב ארץ ישראל אפילו איין ווארט אויסצורעדען און אויסצוהערען. בעת קוגעל איז געזעססען מיט איין קליינער קאמפאניע און מען האט וכוחים געהאט וועגען ישוב ארץ ישראל האט רבקה געזעהן אז די טאנץ זאללען זיין אין ארדענונג.

פריהער האט רבקה פון טאנצען גאר ניט געוואלט הערען, אבער דאך האט זי זיך שפעטער מיישב געוועזען אז א חתונה אהן טאנץ איז גאר קיין חתונה ניט; און אז מען טאנצט שוין מוזען די טאנץ זיין ווי עס דארף צו זיין.

געלויבט איז גאטט, מען האט אפגעפראוועט א חתונה מיט אללע בראקלעך. מען האט אללעמען צופרידען געשטעלט: רבנים, חזנים, שמשים, ארעמע לייט, און וואס ווילט איהר נאך?

קוגעל און רבקה קלויבען זיך צו צו פאהרען. קוגעל לויפט צו די חובבי ציון, רבקה איז געביך פארנומען מיט גרייטען זיך צו דער רייזע. קוגעל איז שוין פערטיג, רבקה נאך ניט. קוגעל ווייסט אז רבקה וויל פאהרען אין ארץ ישראל נאך מעהר איידער ער, און דאס וואס זי האט די לעצטע טאג אויפגעהערט אזוי שטארק צו רעדען איבער ישוב ארץ ישראל איז נור ווייל זי איז שטארק פערנומען מיט דער רייזע; און ווידער צו וואס באמת א פולע רייזען ווען זי פאהרט אליין אין ארץ ישראל.

קוגעל שווייגט און וויל ניט טרייבען רבקה'ן, און רבקה שווייגט און גרייט זיך און גרייט זיך. קוגעל וויל שוין שוועהרען אז עס איז שוין אללעס גענוג, מען קען שוין פאהרען, רבקה אבער בעווייזט מיט אותות ומופתים אז אין ווירטשאפט פערשטעהט ער גאר ניט, מען מוז נאך דאס און יענס האבען.

קוגלען פלאטצט שוין די געדולד, ער קען זיך שוין ניט מעהר איינהאלטען, ער בעט, ער בעשטעהט דרויף אז מען זאל שוין פאהרען.

קען מען אבער אזוי גיך אוועקלאזען א שטאדט וואו מען האט זיך אויסגעהארעוועט און מען האט אזוי פיעל בעקאנטע.

רבקה הויבט אן מיט קוגלען אפשיעדסוויזיטען צו מאכען. קוגעל געהט אפילו ניט גערן אבער רבקה שלעפט איהם און ער מוז געהן. א חודש האט געדויערט ביז מען איז מיט אללע וויזיטען פארטיג געווארן.

נאך אכטטאג האט געדויערט ביז מען האט זיך גוט אפגעזעגענט מיט די עלטערן, שוועסטער, קרובים און קרובות און אין איינעם שאנעם דיענסטאג האבען אללע חובבי ציון, עלטערע לייט, יונגע לייט, דאמען און הערען קוגעל'ן מיט זיין פרוי אויפ'ן באהנ־בעגלייט.

פיעל האבען פאר שמחה געוויינט; רבקה האט געוויינט מעהר ווי אללע.

פאהרענדיג האט זיך רבקה דערמאהנט אז אין ב ר י ס ק האט זי איינע זעהר א גוטע פריינדין וועלכע זי ליעבט מעהר ווי איהר שוועסטער און מיט וועלכער זי האט זיך שוין עטליכע יאהר ניט געזעהן; צו איהר מוז מען פערביי פאהרענדיג אראפגעהן אויף עטליכע טאג.

ק ו ג ע ל האט דאס אפילו שטארק ניט געוואלט ליידען, אבער וואס זאלל ער טהון? גאנצע צוויי וואכען זענען זיי אין בריסק געבליבען, ר ב ק ה האט זיך גאר ניט געקענט צושיידען מיט איהר פריינדין. ק ו ג ע ל איז די גאנצע צייט אין בריסק ארום־געלאפען צו אללע חובבי ציון, פיעל האבען איהם מיטגעגעבען בריעף צו זייערע בעקאנטע קאלאניסטען און סוף כל סוף האט מען זיך פון בריסק קוים ארויסגעריססען.

מען פאהרט!

ניט פאר אונז געדאכט און ניט פאר קיין יודישע שטוב געדאכט האט געחאפט רבקה'ן אין וואגאן אזא מין שפאזמעס אז ק ו ג ע ל האט געמיינט אז רבקה שטארבט אוועק. וואס האט ק ו ג ע ל ניט געטהון, וואס האט ער ניט פרובירט, עס האט אללעס ניט געהאלפען זי איז קראנק און קראנק; זי עסט ניט, זי טרינקט ניט, זיפצט און קרעכצט אהן איין אויפהער.

קוגעל האט שוין געוואלט אונטערוועגענס זיך אבשטעללען, אבער רבקה האט ניט געלאזט. און אזוי האט מען זיך ניט טוירט ניט לעבעדיג אין אדעססא פארשלאפט.

אין אדעססא האט מען זיך גלייך אין א האטעל אבגעשטעלט און רבקה'ן איז אביסל בעססער געווארן.

קיין סכנת נפשות איז חלילה ניט מעהר געוועזען אבער רבקה איז נאך אלץ וועהר

גערוונע און מוז שטארקע רוהע האבען. פון ווייטער פאהרען קען גאר ניט גערעדט ווערען, די ערשטע צייט איז קוגעל כמעט דעם גאנצען טאג פון רבקה'ן ניט אבגעטרעטען; שפעטער אבער אז איהר איז אביסל גרינגער געווארן האט ער אנגעהויבען אויפצוזוכען די חובבי ציון און מיט זיי אביסל די צייט פארברענגען.

רבקה'ן ווערדט אלץ גרינגער און בעססער אבער פאהרען קען זי נאך אלץ ניט: אפילו ערנסט שפרעכען ווי למשל איבער ישוב ארץ ישראל קען זי ניט, עס חאפט איהר גלייך פאר דעם קאפ. און זי האט זעהר שטארקע שמערצען.

~~~

איינמאל איז קוגעל כמעט דעם גאנצען טאג ניט געוועזען אין דערהיים; פאר נאכט אז ער איז אהיים געקומען האט איהם רבקה דערצעהלט אז זי האט זיך ארום געזעהן אז אין האטעל קאסט זעהר טייער און דערצו האט מען נאך קיין ווינאדע אויך ניט; דריבער בעת זי איז געגאנגען היינט שפאציערען האט זי געפונען איין זעהר שאנע ביליגע וואהנונג און כדי איין אנדערער זאלל זי ניט אויסדינגען האט זי גלייך געדונגען און האט שוין האנד-געלד געגעבען און האט צוגעזאגט זיך מארגען אריבערקלויבען.

קוגעל האט געעפענט מויל און אויערן, עס האט זיך איהם אויסגעוויזען אז ער פערשטעהט גאר ניט וואס זי רעדט; ער האט דאס מויל אויפגעמאכט און האט געוואלט... אבער מיט איין מאל האט רבקה'ן ווידער אנגעהאפט די ספאזמעו, זי האט אנגעהויבען צו שרייען, וויינען, לאכען און איז עטליכע מאל שיעור אין חלשות געבליבען און קוגעל האט זי געמינטערט.

– – – – – – – – – – – – – – – –

אויף מארגען האט מען זיך אריבערגעקליבען.

~~~

שוין אכט יאהר אז קוגעל און רבקה וואהנען אין אדעססא; זיי האבען שוין פינף שאנע קינדערליך. רבקה זעהט זעהר שאן אויס, פיעל זאגען אז זי איז גאר יונגער געווארן, אבער די שפאזמעס וועלכע זי האט, ניט פאר אונז געדאכט, געחאפט אויף'ן וועג פון בריסק האט זי נאך ביז היינטיגען טאג און עס האט איהר קיין דאקטאר און קיין רופא ניט געהאלפען.

איבערהויפט מוז זי רוהע האבען און טאר גאר ניט ערנסט שפרעכען, עס חאפט איהר באלד פאר דעם קאפ דא ווערדט איהר א מינוט צום שטארבען און די קינדערלעך וויינען און יאממערן מיט איהר צוזאממען.

קוגעל האט אפילו מיט איהר א פאאר מאל אנגעהויבען צו רעדען ערנסט נור זי איז באלד אין האלב חלשות געבליבען און ער וועט זיך שוין היטען און פארזאגען דעם צעהנטען אמאל אזא נארישקייט צו טהון. און ווייל רבקה האט שטארק מורא אז די שפאזמעס זאללען איהר ניט אנחאפען לאזט זי קוגלען כמעט זעלטען אוועקגעהן; איבער-

הויפט טאר ער אין אבענד פון שטוב ניט אבטרעטען און טאר אויף קיין אסיפה ניט געהן; איין מאל איז ער פארט געגאנגען אויף איין נאטהיגע אסיפה איז זי שיעור ניט געשטארבען, ער האט איהר קוים אבגעבראטעוועט און זי האט איהם אלאנגע צייט דאס גאר ניט געקענט מוחל זיין.

ד"ר מ. א. אייזענשטאדט.

ס"ט פעטערסבורג, אקטאבער 1895.

די יודישע שפראכע.

(ווי אזוי דארף מען שרייבען?).

וויפיעל שטערען אין הימעל, וויפיעל זאמד אין ים, אזוי פיעל דעות-זאגער האט נעביך אויף זיך די אומגליקליכע יודישע פאלקסשפראכע אדער „זשארגאן" ווי מען רופט זי אן.

עס איז פערהאנען פערשידענע קלאססען דעות-זאגער:

איינינע וואס ווייסען בכלל ניט מן דקאמרי רבנין, זיי ווייסען ניט אז די יודישע ליטעראטור האט א גאנצע געשיכטע פון הונדערטער יאהרען; זיי ווייסען אפילו ניט אז אין דעם לעצטען יאהר הונדערט האבען כמעט אללע געבילדעטע יודען פיעל געשריבען אין דער שפראכע און גאנצע ווערק איבערגעלאזט. עס איז גענוג צו דערמאהנען יצחק בער לעווינזאהן, י"ל גארדאן, א"ב גאטטלאבער, א.צ. הכהן צווייפעל, ד"ר עטינגער. ד"ר אקסענפעלד, מרדכי סובאסטאווער און פיעל אנדערע פון זייער צייט. און אין יעצטיגער צייט פארמאגט די יודישע שפראך אזוינע טאלאנטען וואס יעדע עראפעאישע שפראך וואלט מיט זייגע שטאלצירט ווי אבראמאוויטש. דיק, ליגעצקי, מיכאל גארדאן, פרוג, פרישמאנן, שלום עליכם און נאך אנדערע.

דער קלאס דעות-זאגער, האבען כמעט קיין יודיש ווערק ניט געלעזען, זיי האבען נור געהערט און פיללייכט געלעזען בבא מעשות און שמר'ס ווילדע ראמאנען מיט אנדערע נארישע מעשות.

די דאזיגע לייט פעהלען ניט אוים קיין צופאלל זיי זאלען ניט אנפאלען אויף דער יודישער שפראכע און אויף זיינע שרייבער א שטאך טהון. א טשעפע טהון וואו מען קען נור און ניט איין מאל האבען זיך געפונען אזוינע וואס האבען זיך גלאט מיט א גרינגע לעבער א זאג געטהון אז מען דארף פארטיליגען דעם זשארגאן. אי דאס פאלק? ד. ה. מעהר ווי פיר מיליאן יודען מיט זייערע פרויען און קינדער פארשטעהען דערווייל ניט קיין אנדערע שפראך אויסער יודיש.

נור ביי אזוינע לייט האט דאס גאנצע פאלק ניט וועניגער ווערטה ווי זיין שפראכע—„דער יודישער זשארגאן". וואס קעהר זיך דאס אן צו זיי? יעדער דארף זארגען פאר זיך, זיי קענען א גאנץ פאלק ניט פארזארגען, זעהט איהר, א דעה זאגען אין א געזעלשאפט ווער שמועסט נאך אין א צייטונג זעהר שאן, דאס איז גרינג און עס קאסט גאר ניט; „פארקעהרט זאל מען זעהן אז איך קען רעדען, אז איך קען שרייבען, איך בין קלוג, געבילדעט, א בעוויז אז איך האב פיינד זשארגאן און זאל מען מיינען א

דערמיט זארג איך פאר דעם פאלק, עס איז זעהר שאן פאר מיר אין אללע אופנים א דעה צו זאגען און זיך מישען אומעטום".

פון די דאזיגע לייט איז ניט דא וואס צו רעדען, וועגען זיי בלייבט דיזעלבע אייביגע ניט פערענטווערטע פראגע צו וואס האט גאטט בעשאפען פראשען און אנדערע ווידמונגען אויף זיין וועלט? צו וואס טויגען זיי איהם און וועמען ברענגען זיי נוצען? דערסטגלייבען צו וואס וואקסען אין די גארטנער בודיקעס און דארנער וועמען טויגען זיי? מעהר וועגען זיי איז ניט דא וואס צו רעדען.

טהייל וויעדער, מיר מיינען די איינינע וואס האלטען זיך פאר „סקארבאווע ערענסטע שרייבער", נור דערמיט, וואס זיי רייסען דעם קאפ ביז צום הימעל און ווי פיעל יודען געבען זיי אב כבוד איז זיי אלץ ווינציג און וויללען מיט קיינעם זיך ניט קריגען – קיינעם דערווידער ניט זיין כדי חו"ש ניט צו פארליערען איין יודען וואס זאל זיי קיין כבוד ניט וואללען אבגעבען און דעריבער טהון זיי יעדען צוליעב, טהון אונז יודישע שרייבער אויך אמאל צוליעב און זאגען אז דעם זשארגאן דארף מען יא נור אין זשארגאן דארף מען שרייבען נור ערענסטע זאכען, וויסענשאפטליכעס ד. ה. פון וואגען נעהמט זיך א רעגען, ווי אזוי עס דרעהט זיך די ערד, דאקטאריי א. ד. ג. און די אנדערע איבריגע זאכען וואס געפינט זיך אין דער יודישער ליטעראטור ווי פובליציסטיק, בעללעטריסטיק, שירים, פעליעטאנען א. ד. ג. איז אין גאנצען איבריג, דאס פאלק דארף און טאר ניט קיין איבריגס וויססען זאגען זיי, אי, דאס יודישע פאלק זענען ניט אזוינע בהמות, ווי אונזערע יודישע געלערענטע צאפעס מיינען, און ווילען אויך פון אללעם וויססען און האבען ליעב צו לעזען שאנעס און פיינעס אין זייער פאלקס ליטעראטור און אז אזא ליטעראטור פיינט אוים דעם יודישען פארצרות-טען כאראקטער, מאכט ווייך זיין פערדראסיג פערביטערט הארץ און ברענגט כלל פיעל נוצען מיט פערגעניגען אין זיין לעבען אין פריידען און אין ליידען –

דאס אללעם פערשטעהען אבער ניט אונזערע פערטראכטע סקארבאווע דעות זאגער.

נור זאל זיין ווי זיי זאגען אז נור וויסענשאפטליכעס קען נוצען ברענגען דעם פראסטען לעזער, דאס פאלק איז א קינד און טאר ניט וויססען פון אללעם, פאר וואס זשע זאלען זיי ניט פארשטעהן אז דער פראסטער לעזער קען ניט פארדעען קיין טרוקענע וויססענשאפט? גוטע און פראקטישע דאקטוירים גיבען ניט קיין ביטערע רעצעפטען נור זיי פערמישען עס מיט אנדערע גוטע זאכען.

פון דעם אלעמען ווילען זיי ניט וויססען און בלאזען זיך שטענדיג אויף דעם זשארגאן און זיינע שרייבער.

זיידער איז דא דעות-זאגער וועגען דער שפראכע זעלבסט ווי אזוי מען דארף

שרייבען זשארגאן. ליטוואקעס שרייען מען זאל נור שרייבען ליטוויש, פוילישע – פויליש, וואהלינער – וואהליניש א. ז. וו.

אין די לעצטע יאהרען זענען נאך צוגעקומען נייע צווייערליי דעות־זאגער, די ערשטע זאגען אז מען דארף דעם זשארגאן העברעאיזירען און די צווייטע זאגען – אראפעאיזירען.

צו די לעצטע געהער אויך אונזער געעהרטער מיטארבייטער א. פרעמדער.

אין זיין ארטיקעל אין יעצטיגען פינפטען באנד „הויז־פריינד" וועגען „נייעס אין דער יודישער ליטעראטור" זאגט ער „אז מען מוז זיך מיהע געבען קודם כל די שפראך צו ריינינגען, אויסלייטערן, אראפעאיזירען, מען האט ווענינג געטהון אין דעם; אויסער עטליכע געצאהלטע שרייבער ווי אויך טהיילווייז דער „הויז־פריינד". ער זאגט „טהייל ווייז" ווייל דער „הויז־פריינד" שטאלצירט מיט יעדען אויסדריק פון באבע יענטעס צייטען און האט מורא חלילה מטמא צו זיין די יודישע שפראך מיט א נייעם אויסדריק אדער מיט א ניי ווארט".

די פראגע איז ניט ניי, ניט איין מאל האט מען זי אין פערשיעדענע צייטען געריהרט אין די העברעאישע און יודישע צייטונגען, אונז איז דאנן אויך אויסגעקומען זאגען אונזער מיינונג און יעצט ווידערהאלען מיר:

אז בכלל יעדען שרייבער אין זיין פאלקסשפראכע מוז און דארף טהייער זיין יעדער אויסדריק וואס איז פארבליבען פון זיין באבע יענטעס צייט, און מיר זעהען דאס ביי אללע שרייבער פון אללע אראפעאישע שפראכען.

למשל אין דער רוססישער ליטעראטור קען מען געפינען אזא אויסדריק: „переклюкала ты меня" חאטש מען קען זיך אויסדריקען: „перехитрила ты меня".

טויזענדטער אזויגע ביישפיעלע איזדא אין אללע אראפעאישע שפראכען און יעדער שרייבער אין זיין שפראך שטאלצירט מיט אלטע אויסדריקע פון זיין באבע יענטעס צייט. פארוואסזשע זאלען מיר יודען זיך שעהמען מיט אונזערע אויסדריקע ווי אונזערע זיידעס האבען אמאל גערעדט ווי למשל די דאזיגע יודישע פאלקס ווערטער: „קלאמפערשט" „משמיינסגעזאגט" „בעשיינפערליך" א. ד. ג. אמת אנשטאט זיי קען מען זיך מיט אנדערע ווערטער אויסדריקען, נור ערשטענס פארליערט עס דעם גאנצען טעם, דעם גאנצען זאלץ און אין צווייטענס אנשטאט איין ווארט „משמיינסגעזאגט" מוז מען זאגען עטליכע: „ווי אין דעם שטיין געזאגט" אדער: „געה רעד צום שטיין" א. ד. ג.

און וועגען אראפעאיזירען אונזער מוטטערשפראך ווי דער ה' פרעמדער פערלאנגט קען דאס געמאלט זיין ווען מיר יודען זאלען טאקי מעהר ניט פארמאגען ווי די איינציגע יודישע שפראכע, נור געלויבט זיין ליעבער נאמען מיר פארמאגען א „דריי־גורענדיגע שפראכע" ווי העברעאיש און די לאנדס שפראכע וואס יעדער יוד מוז און דארף קענען, דארפען מיר נאך „אראפעאיזירען" די יודישע שפראכע? אנדערש ניט, עס געהט טאקי אין לעבען!

יודיש דארף, נאך אונזער מיינונג יעדער שרייבען ווי ער רעדט, דער ליטוואק־ליטוויש, דער פוילישער–פויליש א. ז. ו. דער וואהלינער–וואהליניש, דער וואס קען שרייבען ווי ער רעדט דעם וועט יעדער פארשטעהן, אם ווייניגסטען וועט מען איהם אין זיין געגענד געוויס פארשטעהן.

דעם אמת מוז מען אבער זאגען אז די אללע עצות ווי אזוי צו שרייבען יודיש זענען נור פאר די וואס קענען ניט די יודישע שפראכע; אבער די וואס קענען די שפראכע און האבען בכלל טאלאנט צו שרייבען, אזא שרייבער פערשטעהט דער וואהלינער, דער פוילישער און דער ליטוואק. זאגט מיר, איך בעטט אייך, וועלכער יוד פערשטעהט ניט אבראמאוויטשעס „קליאטשע", ליניעצקים „פוילישע יונגעל", גאלדפאדענס „יודעלע", שלום עליכם'ס „פעליעטאנען", פרוג'ס און פרישמאנס יודיש שרייבען.

זשארגאן דארף מען שרייבען ריין־יודיש אז יעדער פון פאלק זאל קענען פארשטעהן און וויססען וואס מען וויל פון איהם.

דער געבילדעטער יוד וואס האט ליעב זיין מוטטערשפראך, דעם יודישען וויץ, דאס יודישע לעבען, פיהלט אויך א בעססערען טעם ווען דאס בוך איז געשריעבען אין א ריינער יודישער פאלקשפראכע.

וואס פאר א טעם עס האט די יודישע שפראכע ווען מען „לייטערט און מען ריינינגט זי" ווי דער ה' פרעמדער זאגט, קענט איהר האבען א נחת רוח פון די דאזיגע צוויי שפראכען וואס מיר נעהמען ארויס ווארט און ווארט פון צוויי פערשיעדענע יודישע ווערק!

איינער וואס פערלאנגט מען זאל זשארגאן העברעאיזירען דבר'ט:

„מיר מוזען לאזען נתחמץ ווערען די פרישינקע חדשות בקש ובתבן אויף די קינפטיגען נומער";

א צווייטער שרייבער וואס וויל אראפעאיזירען די יודישע שפראך קנאקט אזוי:

„... אויף דער ברייטער ראווינא, עבענע, לאזט אראב דער זאממער אבענד א מין דורכזיכטיגע דאממערונג, אללעס איז זיכטבאר נור פערטונקעלט, מען זעהט נאך אן דאס געלע האלפעריגע, שטאפעל פעלד, טששערעניסקא... טריב בלייכט זיך די גריקע, די בארענבוימער ווערען בייביג און די פאפעל, טאפאליע שטאררט מיט די שפיציגע קאלומנעס איבער די יטששוטשע ליניען פון די בנינים אין פאלווארק" א. ז. וו.

און די דאזיגע שרייבער ווילען מיט אזא שרייבען דעם פאלק א טובה טהון נור פון וואנען זאל דאס פאלק וויססען פון אייערע טובות אז איהר רעדט מיט זיי טערקיש מיט חצי טאטעריש.

יודיש רעדט מיט יודען!

דער „הויזפריינד".

דער יידישער אַזרא.

טאָג אונ נאַכט לאַנג זיצט דער עלוי,
ביי דעם רב אונ לערנט דאָרט תּוֹרָה;
לערנט — ביז שוין דער רב אַפילו.
האָט פאַר איהם אַביסעל מוֹרָא.

טאָג אונ נאַכט לאַנג לערנט דער עלוי —
דאָך זיין פלייש ווערדט דינער, ווייכער,
אונ זיין פּנים'ל דאָס שטילע,
ווערדט פון טאָג צו טאָג אַלץ בלייכער.

טאָגליך קומט צו געהן אַ מעדעל,
צו דעם רב אונ פרעגט מיט שׂכל,
שטיל אַ „שאלה" — אוי, ווי עדעל,
אוי ווי גיפטיג איז איהר שמייכעל!

טאָגליך קוקט זי אָן דער עלוי —
אונ ער ווערדט אַלץ דינער, ווייכער;
אויף זיין פּנים'ל, דאָס שטילע.
מאָלט זיך שוין דער טויט, דער בלייכער.

ד. פרישמאַנן

דער אַשמדאַי

איינע מאָראַלישע קורצע ערצעהלונג *)

פון

אפרים דאָמעראַצקי.

אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה: בְּאִשְׁתּוֹ אָמְרוּ ־ קַל וָחוֹמֶר בְּאֵשֶׁת חֲבֵרוֹ: מִכַּאן אָמְרוּ חֲכָמִים כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנּוֹם:
(פרקי אבות פרק א)

.1

איך בין געזעסען, צוליעב אַ ברודערס געשעפטען, פיער אונ דרייסיג מייל ווייט פון די היים, אין דער גרויסער שאָנער שטאָדט „פראַג". עס איז געוועזען אין דעם חודש אַפּריל, אונ חאָטש עס האָט מיר דאָרט קיין פערגניגען ניט געפעהלט, פון רעסטוועגען האָב איך ביי דעם אַלעם דאָך ניט געקאָנט איינשטילען מיין בענקען נאָך אונזער שטעדט'ל, וואו מיין יונגע ווייב האָט שוין גאַנצע זיעבען וואָכען אויף מיין צוריקקומען ווי אויף משיח'ן געהאָפט.

זייט פון אונזער חופּה טאָג אָן, זענען מיר נאָך קיין איינציגען מאָל ניט אזא לאַנגע צייט אָבגעזונדערט געוועזען. אמת, „פראַג" האָט מיר אַפילו אַללע וואָך בריוועלאַך צוגעשיקט, אָבער די אָנגעפילטע שורות מיט ליעבע, האָבען מיין בענקען שטאַנדיג נאָך שטאַרקער געמאַכט. מיין העכסטער וואונש איז געוועזען צו קאָנען ווי אַם גיכסטען פערלאָזען די שטאָדט „פראַג" מיט איהרע אַללע שאָנהייטען, אונ זיין אין דער היים אונטער מיין הויז־פאַמיליע.

ווער עס האָט ניט אַ פרומע גוטהערציגע פרוי מיט צוויי בילדשאָנע קינדער; דער

*) נאָך צשאָקע.

עס ליעבט ניט אונ, שאמצט ניט אזא מין ווייב פינף יאהר נאך דער חתונה אזוי ווי די ערשטע שעה, דעם דערצאהל איך אומזיסט פון מיין באנקען.

קורץ אונ גוט, איך האב געדאנקט אונ געלויבט גאטט מיט דער גראסטער שמחה, אלס די געשעפטען זענען סוף כל סוף אבגעפארטיגט געוועזען, אונ האב שוין ניט מעהר נאטהיג געהאט דארט צו זיטצען. איך האב באלד פון מיינע עטליכע בעקאנטע אונ גוטע פריינד אבשיעד גענומען, אונ דעם בעל הבית פון דעם גאסטהויז געזאגט, ער זאל מיר די רעכנונג געבען. דעם אנדערן טאג האב איך געוואלט מיט דער פאסט אוועקפאהרען.

צו מארגענס אין דער פריה פאר מיין אבריזען, איז צו מיר דער בעל הבית אריינגעקומען, האט מיר אבגעגעבען א בריטען „גוט-מארגען" מיט א שאן אויסגעשריעבענעם לאנגען „חשבון". די אינטערשטע שורה פון דעמזעלביגען האט מיר נעגעבען גוט צו וויסען, דאס מיין געלד וועלכעס איך האב געהאט אין באאר וועט ניט קלעקען צו בעצאהלען איהם דעם חוב אונ צו האבען פאר זיך נאך אויך אויף הוצאות אונטערוועגענס. אלזא בין איך אין דער מיינונג געוועזען צובייטען א באנק-בילעט. איך האב אריינגעשטעקט די האנד אין בוזימטאש ארויסצונעהמען דעם טייסטער, נאכהער געזוכט אין אלע איבריגע קעשענעס, אין אלע ווינקלען. מיט איין ווארט: ער איז פארפאלען געוועזען. עס איז מיר שטארק ניט גוט געווארן; דען איך האב אין איהם געהאט ליגען מעהר ווי פאר צוויטויזענד טהאלער פאפירען, אונ דאס איז דאך קיין קליינגקייט ניט אין דער וועלט.

אללעסדינג וואס אין שטוב האט זיך געפונען איז אומגעקעהרט געווארן קאפויר; עס האט מיר אויך גאר ניט געהאלפען — דער טייסטער איז פערשוואונדען געבליעבען אזוי ווי ער וואלט אין ים אריינגעפאלען.

דער ווירט איז מיט גרויס עגמת נפש אוועקגעגאנגען אין דער פאליציי צו לאזען מודיע זיין מיין שאדען, אונ איך בין אליין אין דעם צימער געבליעבען רעדענדיג צו זיך:

„איך האב דאך איהם ערשט נעכטען אליין אין די האנד געהאלטען איך פלעג דאך איהם אין בוזימטאש פון מיין אונטערראק טראגען. פ ר א נ י א ס אללע בריעף זענען אויך אין איהם געלעגען. מיר דאכט זיך אז נעכטען אבענד ביים אויסטוהן זיך צום שלאפען געהן האב איך איהם געפיהלט, ווי אזוי וועל איך איצט מיינע טהייערע פאפיערען צוריק בעקומען, דען ווער עס האט זיי געגנביט אדער געפונען קען זיי דאך צו יעדער צייט אין גאלד אדער אין זילבער גאנץ גרינג אויסבייטען".

דא האב איך אנגעהויבען צו שעלטען מיין מזל אונ דעם טאג אין וועלכען איך בין געבארען געווארן. אינדעם ווי איך האב אזוי אין זיך געטראכט וועגען מיין שאדען איז מיר אויף די געדאנקען געקומען א פערזאהן וואס איך האב פאר עטליכע טאג אין דעם וויינהאנדעל געזעהן, אין וועלכען א בעקאנטער האט מיך צו שפיעלען אין בילארד געפיהרט.

ביי א קליינעם טיש'ל האבען דאנן צוויי העררען געשפיעלט זייער פארטיע שאך; אייניגע יונגע לייט זענען געזעסען ביים פענסטער אין א שטארקען וכוח איבער נאטור פון דער מענשליכער זעלע, איבער חלומות אונ איבער גלויבען אין שדים אונ מזיקים. א קליינער אלטליכער מאנן אין א רויטהען אויבערראק, האט זיך, מיט די האנד אויף הינטען, אין צימער ארויף אונ אראב שפאצירט. איך האב גענומען א גלאז דאנציגער וואססער אונ די צייטונגען.

קיינער האט גיט אזוי מיינע אויגענבליקען אויף זיך געצויגען, ווי דער רויטהער שפאציערגעהער איהם האב איך אהן א אויפהערונג אנגעקוקט. דער גאנצער מענש איז עפים א זעלטענע בריה געוועזען: ווי זיין קליידונג האט קיין געשמאק גיט געהאט, אזוי האט אויך קיין פארמע ניט געהאט, זיין געשטאלט. זיינע תנועות זענען געוועזען אומגעלומפערט, זיין געזיכט שרעקליך אונ נבזה'דיג. ער איז עטוואס מעהר אלס קליינגעוויקסיג געוועזען, אבער שטארק ביינעריג מיט ברייטע פלייצעס. ער האט אויסגעזעהן פון א יאהר עטליכע אונ פופציג, אונ איז געגאנגען מיט'ן קאפ איינגעבויגען ווי א ניינציגיאהריגער. דער שווארצגעלבער פנים מיט דעם פערקרימטען נאז אונ מיט די ארויסגעשטארצטע באקענביינער האבען א פינסטערע אימה אונ א חלשות'קייט אין א מענשען ערוועקט. פון זיינע גרויסע בלישצענדיגע אויגען האט מען ניט קיין פריינדשאפט אונ ניט קיין פיינדשאפט ארויסגעלעזען. „דער", האב איך מיר געטראכט, „מוז א געבארענער תליין זיין, אדער א הויפטמאנן ביי א חברה גזלנים; אום אבצוטוהן א שפאס, איז ביי דעם מאנן רעכט, שטאדט אויף קאהלען צו פערברענען, אונ קינדער אויף שפיזען זיך צאפלען זעהן". איך וואלט מיט איהם אליין אין איין צימער ניט געוואלט נאכטיגען. ער האט געוויס נאך אין זיין לעבענסטאג קיין פרעהליכען פנים ניט געוויזען, אונ קיין מאל נאך ניט געלאכט.

איך האב מיך אבער טועה געוועזען. ער האט געקאנט לאכען, ער האט די רייד פון דעם יונגען מאנן, וואס איז געזעסען ביים פענסטער, צוגעהארכט אונ געלאכט. נור גאטט! עס האט מיך געגרוילט. זיין לאכען איז שרעקליך געוועזען. „ווענן דער אין דעם רויטהען ראק איז ניט דער אשמדאי זעלבסט", האב איך מיר געטראכט, „זא מוז ער זיין ברודער זיין". איך וויים אליין ניט פארוואס, נור זייט איך האב מיין טייסטער פערלארען, איז מיר אלץ דער מאנן מיט זיין רויטען ראק ניט ארוים פון קאפ. עס האט מיך א קאלטער שווייס בעדעקט ווי מיאוס, שלעכט אונ שרעקליך ער זעהט אויס.

פלוצים האט א קלאפ אין טהיר פון מיין צימער איבערגעשלאגען מיינע איצטיגע געדאנקען אונ זעהט א וואונדערליכע זאך! — ווי איך האב די טהיר אויפגעשלאסען איז טאקי אריינגעקומען דערזעלביגער פון וועלכען איך האב נור וואס געטראכט. —

— נעהמ'ט מיר ניט פאר אונגוט, ווען איך שטאר אייך! — האט ער צו מיר געזאגט איך האב דא עטוואס מיט דעם הערן י א ק א ב צו רעדען.

— דער בין איך זעלבסט! — האב איך געענטווערט.

— מיט וואס קאנט איהר דאס בעווייזען?

„אַ שאַנע פּראַגע חלעבען", האָב איך מיר געטראַכט, „ער מוז געווים אַ שפּיאָן פון דער פּאָליציע זיין". אויף מיין טיש איז געלעגען איין האַלב צוריסענער בריעף פון מיין ווייב, האָב איך איהם געוויזען די אַדרעסע אויף דעם קאָנווערט, ער זאָל זעהן, דאָס ער איז אויף מיין נאָמען געקומען.

— גאַנץ גוט, האָט ער געזאָגט, נור איהר הייסט מיט אַזאַ נאָמען, וואָס איז ניט איין איינציגער אין דער וועלט. בעוויזט מיר, זייט מוחל, מיט אַנדערע סימנים, דאָס איהר זענט דער מאַנן וועלכען איך זוך. איך וויל מיט אייך וויכטיגע געשעפטען מאַכען. מען האָט מיך צו אייך אָנגעוויזען.

— מיין הערר, האָב איך געזאָגט, נעהמט מיר ניט פאַר אונגוט, היינט איז ניט מיין צייט צו געשעפטען, איך דאַרף באַלד אַ היים פאָהרען און האָב נאָך טויזענד זאַכען צו בעזאָרגען. אויסער דעם מוז איך אייך זאָגען, דאָס איהר האָט אַ גאַנצען טעות אין מיר, איך בין קיין פּאָליטיקער און קיין קויפמאַנן.

דער רויטהגעקליידעטער איז אַ קליינע ווײלע שטיל געבליעבען. ווי עס האָט אויסגעזעהן האָט ער שוין געוואָלט אַוועקגעהן. אָבער נאַכהער האָט ער מיך מיט גרויסע אויגען אָבגעמאָסטען און צו מיר געזאָגט.

— אַזוי? איהר האָט דאָך געפיהרט געשעפטען אין פּראַג, איז אַייער ברודער גיט געשטאַנען באַנקראָט צו מאַכען?

מיין פּנים האָט געמוזט רויטה ווערען פאַר גרויס חרפּה, דען איך האָב גע־גלויבט, דאָס חוץ איך און מיין ברודער ווייס פון דעם קיין נפש אין דער וועלט ניט. דערצו האָט ער נאָך ווידער געלאַכט, דער אַשמדאַי, מיט זיין שאָנעם געלעכטער׳ל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט מיין ברודער׳ס שאָדען.

— מיין הערר, איהר זענט זיך טועה נאָך אַ מאָל! האָב איך געזאָגט. איך האָב אַפילו איין ברודער, און מעהר אַלס איינעם אויך, אָבער קיינער פון זיי שטעהט ניט צום באַנקראָטירען.

— אַזוי זאָגט איהר? האָט דער אַשמדאַי געמורמעלט, און מיך שאַרף מיט זיינע גרויסע בלישצענדיגע אויגען אָנגעקוקט,

— מיין הערר — האָב איך מיך דאַנן צו איהם מיט עטוואָס בעס אָבגערופען, דען עס איז מיר גאָר ניט ליעב געוועזען, דאָס אין פּראַג זאָל האָבען געלעבט אַ מענש וואָס האָט בעקומען אַ ידיעה פון מיין ברודער׳ס אומשטענדען, — מען האָט אייך געווים פאַלש, ניט אויף דעם מאַנן וואָס איהר זוכט, אָנגעוויזען; איך בעט אייך, זייט מוחל, מאַכט די זאַך אַ ביסל קירצער און האַלט מיך ניט אַזוי לאַנג אויף. איך האָב קיין איבריגע מינוט צייט.

— זייט נור געדולדיג אַ פּאָר מינוט, האָט ער געענטפערט, איך האָב מיט אייך אַ נאָטהיגען ענין צו רעדען. נור זאָגט מיר, וואָס זענט איהר אַזוי אונרוהיג? וואָס פעהלט אייך? אפשר דאַרפט איהר געלד? איהר זענט דאָ פרעמד. איך אַליין בין אַפילו אויך ניט קיין היגער, איך געהער אויך ניט צו פּראַג, דאָך ווייס איך צו אַללע זאַכען אַ עצה:

איהר מאַגט מיר פערטרויען; אַייער פּנים זאָגט עדות, דאָס איהר זענט איין עהרליכער מאַנן, און מען קען אייך אָהן אַ שום מורא געלד באָרגען. שעמט אייך ניט, זאָגט דעם אמת, איהר ברויכט געלד?

דאָ האָט ער מיט אַ פערקרימטע צורה געלאַכט, אַלס ווי ער וואָלט וואָללען מיין נשמה פון מיר אָבקויפען, אָדער זי פאַר אַ משכון נעהמען; זיין טהון האָט וואָס אַ מאָל מעהר אויף זיך מיין חשד געצויגען; איך שאַם מיך ניט צו זאָגען דעם אמת, עס האָט מיך איין אַבערגלויבישער פּחד אָנגענומען. אויף קיין פאַל האָב איך מיך ניט געוואָלט מיט דעם וואונדערליכען מענשען אַריינלאָזען, און געזאָגט:

— עס פעהלט מיר גאָר ניט, איך האָב געלד און אַללעס וואָס איך ברויך, נור ווען איהר זענט, מיין הערר, אַזוי פריינדליך געוועזען צו וואָללען מיר טוהן אַ טובה, חאָטש איך בין אייך אונבעקאַנט, בעט איך אייך, זאָגט מיר, ווי איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען קאָן אייך וועניג נוטצען, האָט ער געענטפערט, ער איז גאָר ניט נוגע צו דער זאַך, איך בין איין מאַנטייוועל. נו, פערשאַפט מיר דער נאָמען בײַ אייך מעהר צוטרויען?

— איין מאַנטייוועל? האָב איך קוים אַרויסגערעדט, און ניט געוואוסט אין שרעקליכער צומישונג, וואָס איך זאָל זאָגען, אויב צו איז די גאַנצע זאַך טאַקי אמת, אָדער נור אַ שפּאַס.

אינדעם איז אָנגעקלאַפּט געוואָרן אין די טהיר, דער ווירטה איז אַריינגעקומען און האָט מיר אַ בריעף הערלאַנגט.

— לעזט נור דעם בריעף ערשטענס, האָט דער רויטהגעקליידעטער אָנגעפאַנגען, און נאַכהער קאָנען מיר ווידער שמועס׳ן. דער בריעף איז אָהן אַ צווייפעל פון אייער הערצענסגעליעבטע פראַניאַ.

איך בין געוואָרן צומישט נאָך מעהר ווי פריהר.

— ווייסט איהר שוין איצט, האָט דער פרעמדער ווייטער געזאָגט און געלאַכט, ווייסט איר שוין צום סוף ווער איך בין און וואָס איך וויל פון אייך?

עס איז מיר געלעגען אויף דער צונג צו זאָגען: „מיין הערר, איהר זענט, גלויב איך, דער אַשמדאַי, און ווילט מיין אָרימע נשמה צו אַ פרישטיק געהמען?", דאָך האָב איך מיך צוריקגעהאַלטען און געשוויגען.

— נאָך מעהר, האָט ער ווייטער געזאָגט, איהר ווילט נאָך היינט פאָהרען, גוט, איך פאָהר אויך דורך דעם שטעדט׳ל, מאָרגען פריה פאָהר איך פון דאַנען אָב. ווילט איהר אפשר אין מיין וואָגען אַ גוטען פּלאַטץ האָבען?".

איך האָב געדאַנקט, און געזאָגט: „עס איז שוין איינגעצאָהלט געוואָרן אויף דער פּאָכט".

דאָ איז ער אונרוהיגער געוואָרן און האָט געזאָגט: „עס איז אייך גאָר ניט בײַ־צוקומען. אָבער אייער פראַניאַ, דעם קליינעם מאַריטצ׳ן און אַ דאַלפין מוז איך דאָך פאַרבייפאָהרענדיג זעהן און קענען לערנען. נו, טרעפט איהר נאָך אַלץ ניט ווער

איך בין און וואס איך וויל ?, איך וואלט וואללען גערן אייך עטוואס א טובה טוהן. מיין הערר.

— גוט, האב איך ענדליך געזאגט. ווענן איהר זענט יא א כשוף-מאכער, מיר איז מיין טייסטער פערפאלען געווארן. שאפט מיר א עצה, ווי איך זאל איהם קענען צוריק בעקוממען?

— באה, אייך מיר א שאדען, א שטיקעל טייסטער! און אויסער דעם קאן איך אייך מיט עטוואס אנדערס גאר ניט. . . . . . . "

— אין דעם טייסטער זענען אבער געלעגען וויכטיגע פאפיערען פון אונגעפער צוויי טויזענד טהאלער ווערטה, — זאגט מיר א מיטעל וואס איך זאל טוהן, ווענן ער איז פערלארען געגאנגען? און וואס, ווענן ער איז געגנב'עט געווארן?.

— ווי האט דער טייסטער אויסגעזעהן?

— פון זיידענעם שטאף דער איבערצוג, העל גרין, מיט שטיקעריי, מיין מאנאגראם פון בלומען איינוועניג. עס איז געוועזען מיין ווייב'ס אייגענע האנדארבייט צום אנדענקען.

— אזוי? איז דער איבערצוג מעהר ווערטה אלס די צוויי טויזענד טהאלער.

דערביי האט ער מיר ווידער צוגעשמייכעלט; נאכדעם האט ער ווייטער געזאגט: — וואס וועט איהר מיר געבען, ווענן איך וועל אייך אייער שאדען אומקעהרען?.

ביי די ווערטער האט ער מיך שארף אנגעקוקט, עפיס אזוי ווי ער וואלט וואללען מיר ארויפלעגען אויף דער צונג די אנטווארט: „איך שענק אייך מיין נשמה!". נור ווי איך האב א פאר מינוט שטיל געשוויגען און אויף זיין פראגע גאר ניט געענטווערט, האט ער ארויסגענוממען פון זיין קעשענע דעם טייסטער, און געזאגט:

— דא האט איהר אייער טהייערן תכשיט און די צוויי טויזענד טהאלער מיט אללעם איבריגען!

איך בין אויסער מיר געוועזען.

— ווי אזוי קוממט איהר דערצו? האב איך איהם מיט פערוואונדערונג געפרעגט, און גלייך אויפגעמאכט דעם טייסטער, און געפונען אללעסדינג, עס האט ניט געפעהלט דאס מינדעסטע.

— נאכטען זייגער פיער נאך מיטטאג האב איך איהם אויף דער מאלדאוער בריק געפונען", האט ער זיך ווייטער אנגערופען.

— ריכטיג, אין דער צייט בין איך טאקי איבער די בריק געגאנגען, איך האב דעם טייסטער אין די האנד געהאלטען און נאכהער אין בוזימטאש אריינגעשטעקט.

— מן הסתם האט איהר ניט אין דער טאש. נור געבענביי געשטעקט! האט דער רויטהגעקליידעטער געזאגט. איך האב אבער ניט געוואוסט צו מיין געפונענע זאך איז פון א פוסגעהער, אדער פון א רייטער, צו הינטער מיר, אדער פאר מיר פערלארען געוועזען, דארום בין איך א גאנצע שעה אויף די בריק געבליעבען, אבצווארטען איינעם וואס וועט זוכען. וועהענדיג אבער דאס קיינער קוממט ניט, בין איך אין מיין האטעל געגאנגען. דארט האב איך איבערגעלעזען די בריעף, און די חשבונות וועלכע אין איהם

ליעגען, אום זיך צו ערקונדיגען, ווער דער פערליערער איז. איין אדרעס וואס איך האב אין אייער טייסטער געפונען האט מיר אנגעצייגט אייער נאמען און דאס נאסטהויז וואו איהר האלט זיך אויף, דריבער בין איך איצט צו אייך אהער געקוממען. שוין נעכטען אבענד בין איך דא געוועזען אייך אויפצוזוכען, און האב אייך ניט געפונען.

ליעבער גאטט! איז דאס דער מענש וועלכען איך האב פיר א ניט-גוטען געהאלטען!

איך בין דעם מאנטייעוועל אויפ'ן האלז געפאלען און איהם פריינדליך געדאנקט. מיין שמחה איז גאר אהן א מאס געוועזען, אזוי ווי פריהר מיין פערדרוס. ער האט אבער גאר ניט געוואלט פון אללעם הערען. איך האב מיר א נדר געטוהן, מיין לעבענסטאג ניט מעהר צו אורטהיילען א מענשען נאך זיין געזיכט, און ניט צו גלויבען ווידער אין די נארישע פיזיאגנאמיק.

— גריסט אייער ליעבע פראניא פון מ'ר, רייזט אייך גליקליך, מיר וועלען זיך נאך א מאל זעהן ווידער!, האט ער געזאגט און איז אוועקגעגאנגען.

II.

מיין באנקען איז נאך דער מעשה פיעל שטארקער געווארן, איך האב באלד דעם ווירטה בעצאהלט וואס איהם איז געקוממען, און געוואלט שוין אבדייזען. מיין קנעכט, מיט דעם פול אנגעפאקטען רייזע קאסטען אויף דעם רוקען, איז פאראויס, פאר מיר, געגאנגען, אבער אראבגעהענדיג כמעט פון די ערשטע טרעפ, איז מיר אנטקעגען מיין ברודער ארויפגעקוממען, דערזעלבער, וואס צו ליעב איהם בין איך די גאנצע צייט אין פראג געזעסען.

נאטירליך איז שוין פון דער אבדייזע גאר ניט געווארן, און וואס האב איך געקאנט טוהן? מיר זענען ביידע צוריק אין מיין צימער געגאנגען. איך בין געוועזען זעהר נייגיריג צו וויסען די אורזאכע פון זיין פלוצלונגען קוממען. ער האט מיר באלד דערצאהלט, און איך האב מיך זעהר געפרייעט הערענדיג פון איהם, דאס זיין צושטאנד איז ווידער גוט געווארן, און איז באלד נאך פראג געפאהרען, אום די חשבונות פון זיינע געשאפטען זעלבסט צו רעגולירען.

זיין רעגולירען האט אבער געברויכט עטליכע טאג געדויערען, דרום האט ער מיר געהייסען אהן איהם אהיים פאהרען.

איך האב טאקי ניט געווארט און בין באלד אוועק געפאהרען.

פון פראג ביז צו מיין שטעדט'ל בין איך צוויי טאג און איין נאכט אונטערוועגס געוועזען, און דער צווייטער טאג האט שוין אנגעפאנגען פינסטער צו ווערען. אומזיסט האב איך די פאסטילאנען מיט גוטע רייד און געלד געשטאפט — עס איז וואס א מאל מעהר שפעטער געווארן, וואס א מאל מעהר פינסטערער, און מיין הערץ האט וואס א מאל מעהר געבענקט. אך, שוין זייט א פערטיל יאהר האב איך מיין פראניא ניט

געזעהן, אונ ניט מיינע ליעבע טהייערע קינדער! עס האט אין מיר אללעס געציטערט פאר נחת, טראכטענדיג, אז איך וועל מיך נאך היינט מיט זיי רעכט הערצליך פרייען.

וואס אמת, פראניא איז אפילו ניט מיינע ערשטע געליעבטע געוועזען, נאך פריהער, איידער זי איז מיר בעקאנט געווארן, האב איך שוין געהאט געליעבט איין געוויסע פריילין ראזאליא, נור איהרע עלטערן האבען ניט צוגעלאזען, זי זאל מיין ווייב ווערען, ווייל זיי איז מיין פאמיליע ניט אנגעשטאנען, אונ האט אלזא געמוזט געגען איהר וויללען חתונה האבען מיט איין אנדערן, מיט א רייכען עדעלמאנן. אונזער ליעבע איז געוועזען די ערשטע פיר אונז ביידע — גאר אונבעשרייבליך שטארק. מיר האבען אונז נאך אין דער לעצטער אבזעגנונגס-שעה עוויגע ליעבע צוגעשווארען, אונ קושען אונ הייסע טרעהרען זענען עדות צו דער שבועה געוועזען. אבער מען ווייסט שוין, וואס עס ווערט דערפון. זי איז געווארן פרוי נאלדהאבער, אונ איך האב מיר גענומען פראניא. מיין ליעבע צו פראניא איז געוועזען א הייליגערע, צייטיגערע, צארטליכערע. ראזאליא איז א מאל דאס בילד פון מיין פאנטאזיע געוועזען; אבער פראניא דאס לעבען פון מיין הארץ.

דער גלאק פון מיין שטאדט'ל האט געקלונגען איינס א זייגער, בעת מיר זענען אין דער שלאפענדיגער גאס אריינגעפאהרען. איך בין ביי דער פאסט אראבגעגאנגען, אונ מיין קנעכט מיט דעם קופער דערווייל דארט איבערגעלאזען, ווייל איך אליין האב אויך געטראכט גלייך זיך אומקעהרען, ווי באלד אין דער היים וועללען אללע שלאפען, אונ בין ביז צום עק פארשטאדט אזעקגעגאנגען, וואו מיין פריינדליכעס הויז. אין דעם שאטען פון הויכע בוימער, האט מיר שוין פון דערווייטען מיט זיינע פענסטער אין דער ליכטיגקייט פון דער לבנה אנטקעגען געשיינט

III.

אונ אללעס איז אין שוים פון א פעסטען זיסען שלאף געלעגען! — א! פראניא, פראניא, ווי פיעל אנגסט אונ טוידט-שרעקען וואלט מיר פערשפארט געוועזען, ווען דוא וואלסט איינציגע שטונדען מעהר ווי געוועהנליך אויפגעוועזען! — זיי האבען געשלאפען, מיין ווייב, מיינע קינדער, מיין הויזגעזינד, איבעראל חשך פינסטער, אין קיין צימער, אין קיין ארט א שום ליכטיגקייט! איך האב צעהנמאל ארום דאס הויז געוואנדערט — אללעס פערמאכט, פערשלאפען. פון די אויגען דעם שלאף אראבצוגען, האב איך דאך ניט געוואלט קיינעם, ווייל די פערשלאפענע וועלע קאן ניט אזוי גוט פיהלען דאס פערגניגען פון דעם ווידערזעהן; זא האב איך עס ליעבער אבגעלעגט אויף צו מארגענס אין דער פריה, ווען אללע וועללען פון שלאף פריש אויפשטעהן, אונ קאנען זיך מיט א פאלקאמענע שמחה עמפפאנגען.

צום גליק האב איך געפונען די טהיר פון מיין גארטען אפען. איך בין אין איהם אריינגעגאנגען; דא איז געשטאנען אויף א קליינעם טישעלע דער שטריק-קארב פון מיין

פראניא; דא האב איך געזעהן ביי דער לבנה-שיין אויף דער ערד אונ אויף די שטוהלען די שטאקענ-פערדלעך, טראמפעטלעך, ביטשלעך פון מיינע קינדער. מן הסתם האבען זיי די צייט נאך מיטטאג דא צוגעבראכט. אוי ווי גוט אונ וואוהל איז מיר געוועזען נעבען די דאזיגע קינדער שפיעלעכלעך. איך האב מיך אויסגעצויגען אויף א באנק מיט א פעסטען געדאנקען דא איבערצונאכטיגען. די נאכט איז געוועזען זעהר שאן לאוי אונ מילד, אונ די לופט האט זעהר גוט גישמעקט מיט א ריח פון בליהענדיגע בוימער אונ גארטען-בלומען.

ווער עס האט זייט פערציג שטונדען ניט געשלאפען, ביי דעם איז יעדער געלעגער זייך. איך בין באלד אין מיין מידיגקייט איינגעשלאפען, דאך אבער קוים וואס איך האב געהאט די אויגען צוגעמאכט, האט מיך דאס סקריפען פון דעם טהירל אין גארטען ווידער אויפגעוועקט. איך האב מיך אויפגעהויבען אונ האב געזעהן א מענשען אריינטרעטען; איך האב געגלויבט עס זאל א גנב זיין, אבער מען זאל זיך פארשטעללען מיין שרעק, עס איז געוועזען דער רויטהגעקליידעטער פריינד.

— פון וואנען קומט איהר? האב איך איהם געפרעגט.

— פון פראג. אין א האלבע שעה ארום רייז איך ווידער אב. איך האב דאך געוואלט דורכפאהרענדיג אייך מיט אייער פראניא זעהן, אום מיין ווארט צו האלטען. אייער קנעכט האט מיר אויף דער פאסט געזאגט, דאס איהר זענט ערשט ניט לאנג געקומען צו פאהרען, אונ האב זיכער געגלויבט, איך וועל אין אייער הויז אללע וואכענדיג געפינען. איהר וועט דאך געוויס ניט וועללען בלייבען נאכטיגען דא אין דער פייכטער קיהלקייט אונ זיך א קראנקהייט פערשאפען? קומט מיט מיר ארויס א ביסל!

איך בין מיט איהם ארויסגעגאנגען אין דעם גארטען, אונ געציטערט ווי א פיש אין וואססער, אזוי האב איך זיך פון זיין פלוצים קומען דערשראקען. איך האב אפילו געלאכט אין דער שטילל פון מיין פאנאטישען שרעק, אבער דאך האב איך זי ניט געקאנט בייקומען. דער מענש איז שוין אזוי. דער משונה'דיגער פנים פון דעם פראגער פריינד איז ביי דער לבנה-שיין נאך פיעל שרעקליכער געוועזען, אונ זיינע גרויסע אויגען פיעל בלישצענדער.

— איהר האט מיר ווירקליך א שרעק אנגעמאכט, ווי א ניט-גוטער! האב איך צו איהם געזאגט. דאס גאנצע לייב ציטטערט אויף מיר. ווי אזוי איז אייך אויסגעפאלען, מיך אין מיין גארטען אזוי שפעט צו זוכען? איהר ווייסט מן הסתם אפילו וואס ביי א מענשען אונטער די לונג אונ לעבער שטעקט. פיר אייך מוז גאר קיין סוד אין דער וועלט ניט זיין.

ער האט דערביי ווי געוועהנליך מיט אויסגעשפיצטע צאהן געלאכט, אונ זיך אבגערופען:

— קענט איהר מיך שוין איצט, אונ ווייסט וואס איך וויל פון אייך?

— אויף עהרען ווארט, איך קען אייך איצט ניט בעסער אלס אין פראג, האב איך זיך אנגערופען; אבער צום שפאס וויל איך אייך דאך דערצאהלען, ווי איהר זענט

מיר דאָרט פאַרגעקומען. איהר זאָלט עס ניט פאַר אונגוט נעהמען, איך האָב געטראַכט: "ווען איהר זענט ניט קיין כּשוף-מאַכער, זאָ מוזט איהר געוויס דער אַשמדאַי אַליין זיין".

ער האָט ווידער שרעקליך געלאַכט און געענטפערט:

— ווען איך וואָלט, אויף שפּאַס געזאָגט, טאַקי ווירקליך איצט דער אַשמדאַי אַליין געווען, וואָלט איהר מיט מיר טויש געשעפטען געמאַכט?

— איהר וואָלט מיר מוזען פיעל אָנבאָטען, איידער איך וואָלט מיין האַנד צום צושלאָגען אויסגעצויגען, דען טאַקי ווי דער אמת, מיין הערר אַשמדאַי, זייט מיר מוחל, וואָס איך רופ אייך אַזוי אָן אין כּתבות, מיין גליק איז פאָלקאָמען, און וואָס קאָנט איהר מיר באָטען, וואָס קאָנט איהר מיר געבען פאַר מיין נשמה?

— אַהאַ, באָטען וועלל איך אייך גאָר ניט, געבען גאָר ניט. דאָס איז געוועזען אַ מאָל אין די אַלטע צייטען אַ מאָדע, בעת די מענשען האָבען נאָך געגלויבט, דאָס עס זענען דאָ שדים, ניט-גוטע און מזיקים אין דער וועלט, און האָבען זיך פאַר זיי שטאַרק געהיט, דאַמאָלס האָט מען געמוזט מיט געלד נשמות קויפען. אָבער היינטיגען טאָג, וואו קיינער גלויבט שוין ניט מעהר אָן שדים, וואו יעדער בויט אויף זיין אייגענע חכמה, און טהוט אַללעסדינג נאָך זיין שכל, זענען די מענשליכע נשמות שפּאָט ביליג.

— איך בין ניט אַזוי ווי יענע לייט, ביי מיר שטעהט עס גאַנץ אַנדערש, חאָטש איך גלויב אויך ניט אָן שדים, דאָך גע איך פון דעם גלייכען וועג ניט אַראָב, דאָס איין קווינט שכל פיהרט מעהר דעם מענשען צו גוטע מעשים, אַלס אַ פונט אַבערגלויבישע שרעק אין טייוועלסגלויבען.

— אָט דאָס איז טאַקי די מעשה! און דאָס איז אייער אונגליק, איהר שטערבליכע! — דער שטאָלצער בטחון און אייער שכל לעגט אַריין אין די ערד מעהר נפשות, אַלס אַ סך שדים, וועלכע פערמאָגען קרח'ס עשירות. פון דער צייט אָן ווי איהר זעלבסט האָט אָנגעהויבען אין עולם הבא מסופק צו זיין, און דעם גיהנום פיר אַ אויס-געטראַכטע קינדער-מעשה צו בעטראַכטען; פון דער צייט ווי מען ערקלעהרט די עהרליכקייט פאַר אייגענע דומהייט, די תאוה פיר אַ שוואַכקייט, טובת הכּלל פאַר אַ נאַרישקייט און רמאות רופט מען לעבענסקלוגהייט; פון דער צייט אָן, גיט מען זיך אין גיהנום גאָר קיין מיה ניט מעהר אייך צו פאַנגען. די שדים האָבען שוין ניט מעהר נאָטהיג אייך מיט גאָלדענע שטריק אַהינצושלעפען. איהר קומט פון זיך זעלבסט. די תורה וואָס אייער שכל לעהרנט אייך, האָט איהר אויף די ליפּען, — די מאַכט פון הונדערט פער-שיעדענע תאוות, אין האַרצען. די גראָסטע צדיקים און חסידים אונטער אייך זענען די וואָס די צייט האָט זיי ווינציג געלעגענהייט צום זינדיגען געגעבען; ווען אַנדערש וואָלטען יענע אויך ניט בעסער, אַלס איהר אַללע געוועזען; דען קיינער פון אייך האָט, אין די יעצטיגע שוואַכע דורות, קיין כּח דעם יצר הרע איבערצושפּאַרען, און איין נסיון בייצושטעהן

— דאָס הייסט רעכט ווי אַ טייוועל גערעדט! האָב איך מיך אָבגערופען.

— געוויס אַזוי! האָט דער רויטהער הערר געענטפערט און ווידער געלאַכט.

אָבער איך רעד דעם אמת, ווייל איהר מענשען האָט געלערנט אייער צונג ליגען רעדען. אַזוי לאַנג ווי דער אמת איז ביי לייטען נאָך הייליג געוועזען, האָט געמוזט דער שטן אַ פּאַטער פון אַללע ליגענס זיין. איצט איז עס אומגעקעהרט. מיר אָרימע שדים זענען שטענדיג דער היפך, שטענדיג די אַנטיפּאָדען פון דער מענשהייט.

— נו, ווענינגסטענס אין דער זאַך זענט איהר ניט מיין געגנער, דען איך דענק אויך אַזוי ווי איהר, מיין פילאָזאָפישער הערר טייוועל.

— גוט, באַלד אַז אַזוי, געהערט איהר שוין צו מיר. ווער עס גיט מיר נור איין האָר, איז שוין זיין גאַנצער קאָפּ מיינס. און — דאָ איז קיהל — מיין וואָגען איז אפשר שוין איינגעשפּאַנט, איך מוז אַברייזען. אַלזאָ לעבט אייך וואוהל!

ער איז געגאַנגען. איך האָב איהם בעגלייט ווידער צום פּאָסטהויז צוריק, וואו זיין רייזעוואָגען איז ווירקליך נאָר וואָס איינגעשפּאַנט געוואָרן.

— איך דענק, איהר קאָנט נאָך מיט מיר אַרויפגעהן אויבען אין דעם הויז, און טרינקען מיט מיר נאָך צום אָבשיעד אַ גלאָז פּונש, וועלכען איך האָב בעשטעלט, איידער איך בין צו אייך געגאַנגען.

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. עס איז מיר געוועזען אָנגענעהם אין אַ וואַרעמען צימער צו קומען.

IV.

דער פּונש איז שוין געשטאַנען אויפ'ן טיש, בעת מיר זענען אין דעם צימער אַריינגעטרעטען. אַ פרעמדער רייזענדער איז פערזאָרגט און מיד הין און הער אין איהם אַרומגעגאַנגען; עס איז געוועזען אַלאַנגער, מאָגערער, אַלטער מאַנן. אויף די שטוהלען אַרום זענען געלעגען געפּאַק, אונטער וועלכע איך האָב בעזאָנדערס בעמערקט, איין פרויענצימער-שאַל און אַ שטרויהוט, מיט ווייבערשע האַנדשוה.

ווען מיר האָבען דעם פּונש געטרונקען, האָט דער רייזענדער געזאָגט צו איינעם פון די הויזקנעכט, וואָס האָט די געפּאַק אַריינגעבראַכט: — זאָגט מיין פרוי, ווען זי וועט דאָ קומען, אַז איך האָב זיך געלעגט שלאָפען, מיר וועללען מאָרגען גאַנץ פריה פון דאַנען אַוועקפאָהרען.

איך האָב אויך ניט געוואָלט ווידער אין דעם קאַלטען גאָרטענהויז צוריק געהן, און האָב מיר אַלזאָ בעשטעלט די נאַכט אַ געלעגער. דער פרעמדער איז געגאַנגען אין זיין צימער שלאָפען. מיר האָבען די פּונשגלעזער ליידיג געמאַכט אונטער אַלערליי פּלוידעריי. דאָס פייער פון דעם געקאָכטען וויין האָט מיך דערקוויקט. דער רויטהער-קליידעטער האָט געאיילט צו זיין וואָגען, און אינדעם ווי איך האָב איהם געהאָלפען אַריינזעטצען אין זיין וואָגען, האָט ער צו מיר געזאָגט: — מיר וועללען זיך נאָך אַמאָל זעהן ווידער. דערמיט האָט זיך דער וואָגען גערירט.

ווי איך בין אין דעם צימער צוריק אריינגעקומען, איז איין פרוי אין איהם געוועזען וועלכעס האט דעם שאל, די האנדשוה און דעם הוט גענומען. ווי זי האט זיך נור מיט'ן פנים צו מיר אומגעדרעהט, האב איך זי מיט גרויס שרעק באלד דערקענט. עס איז געוועזען ראזאליא, מיינע ערשטע געליעבטע, און ווי איך האב מיך נאכהער ערקונדיגט מאכט זי איינע לוסטרייזע נאך איטאליען. זי האט מיך אויך זאגלייך דערקענט, און איז ניט ווינציגער דערשראקען געוועזען אלס איך:

— אום גאטטעס ווילען, ביזט דו עס יאקאב?

— ראזא! האט מיין צונג געשטאמעלט, און אללע תענוגים פון דער ערשטער ליעבע האבען וויעדער אויפגעוואכט ביי דעם אונערווארטעטען בעגעגעניש. איך בין צו איהר נאהנטער צוגעגאנגען. איהרע אויגען זענען פול מיט טרעהרען געוועזען; איהר געזיכט רויטה און בלאס. איך האב איהר א קוש אין האנד געגעבען. זי וויעדער האט מיין רעכטע האנד מיט איהרע ביידע הענד אנגענומען, און מיט גרויס פריינדליכקייט געדריקט.

ערשט שפעטער אלס מיר זענען צו זיך געקומען, האט זי ווי דערשראקען בעמערקט, אז זי איז האלב אויסגעטהון. — דא איז ניט מיין צימער! האט זי צו מיר געזאגט, און זיך מיט'ן שאל ארומגעהילט און געבעטען:

— קום יאקאב, מיר האבען פיעל צו רעדען.

איך בין איהר נאכגעגאנגען אין איהר צימער.

— דא קאנען מיר איינס דעם אנדערן גאנץ פריי אללעס דערצאהלען! האט זיא זיך ווייטער אנגערופען און מיר האבען זיך אניעדערגעזעצט אויף א סאפע. דא איז פון אללעס גערעדט געווארן. דא האט זיך וויעדער אויפגעפלאמט די אלטע ערשטע ליעבע, וועלכע איך האב שוין לאנג פאר גאנץ פערלאשען געהאלטען. ראזאליא, וואס איז מיט איהר גאלדהאבער ניט גאנץ גליקליך געוועזען, האט זיך אן מיר מיט אמאליגער שטארקער צופריעדענהייט אנגעהאנגען. מיר האבען זיך דערמאהנט דיא פערגאנגענע גוטע צייט, די פערשוואונדענע פרעהליכע טאג און נאכט, די ערשטע בעקאנטשאפט אויף דעם באלל ביי די תנאים פון איהר שוועסטער; דאנן אונזער וויעדערזעהן זיך אין שטאדט-גארטען; דאנן דאס שיפען זיך אויף דעם וואססער, און ווי מיר האבען זיך ליעבע ערקלאהרט, טרייששאפט אויף אייביג צוגעשווארען.

און דערמאנענדיג זיך אזוי אין אונזערע אמאליגע גוטע יאהרען האט זיך פלוצים די טהיר אויפגעמאכט. דער לאנגער מאגערער מאנן איז אריינגעקומען מיט דער פראגע, — ווער איז נאך ביי דיר, ראזא?

מיר זענען מיט שרעק אויפגעשפרונגען. דער עדעלמאנן איז געשטאנען אפאר מינוט אהן לשון און בלאס ווי א טוידטער. נאכהער איז ער מיט דריי טריט צו ראזאליע צוגעלאפען, האט ארומגעוויקעלט מיט איהרע לאנגע בלאנדע לאקען זיין האנד, און האט זי א ווארף, א שליידער געטהון צו דער ערד, און אזוי זי ארום שלעפענדיג האט ער געשריגען: אונטרייע, אויסגעלאסענע!

איך האב געוואלט איהר צו הילף זיין, ער האט מיך אבער מיט א שרעקליכער קראפט אבגעשטופט צוריק, דאס איך בין אזש אויף הינטען אומגעפאלען. ווי איך האב מיך וויעדער אויפגעשטעלט, האט ער די אונגליקליכע צורוה געלאזען, און צו מיר געשריען: — דיך דערשטיק איך דא באלד אויפ'ן ארט!. אין פערצווייפלונג האב איך גענומען א מעסער פון טיש, ער האט אבער גאר ניט מורא געהאט, און איז מיט רציחה צו מיר צוגעשפרונגען, און האט מיט ביידע הענד מיין האלז אנגעכאפט אזוי שטארק אז איך האב ניט געקאנט דעם אטהעם כאפען. איך האב אנגעהויבען אין צומישטקייט צו מאכען מיט דעם מעסער אין אללע זייטען ארום מיר. מיט איינמאל איז דער אונגליקליכער אניעדערגעפאלען. דאס מעסער איז איהם טיעף אין דער ברוסט אריין.

ראזאליא איז געלעגען יאמערענדיג אויף דער ערד נעבען איהר דערהרג'עטען מאנן. איך בין דא געשטאנען ווי איין פערגליווערטער. „א", האב איך געטראכט, „הלואי וואלט עס דאך נור א חלום געוועזן, און איך זאל האבען געלעגען וואכענדיג אויף דער סאפע אין מיין גארטען. פערשאלטען זאל זיין דער רויטהגעקליידעטער צוזאממען אפילו מיט דעם טייסטער! א מיינע ארימע קינדער! א מיין געליעבטע, אונגליקליכע, פרומע פראניא! — נאהנט ביי די שוועלען פון מיין היימישען גן-עדן ווער איך צוריקגעווארפען אין אזא גיהנום, וואס איך האב איהם קיין מאל ניט געקאנט"! —

דער ליארם אין צימער האט די הויזלייט אויפגעוועקט. איך האב געהערט פרעגען, רופען, לויפען. מיר איז קיין אנדערע עצה ניט געבליעבען, אלס נור צו אנטלויפען, כל זמן מען האט מיך נאך ניט געחאפט. איך האב געחאפט דאס ברענענדיגע ליכט וועלכעס אויף דעם טיש איז געשטאנען, אום צו האבען מיר אין דער היים אנצוצינדען.

V.

אינדעם ווי איך בין פון די טרעפ אראבגעגאנגען, האב איך געטראכט אין מיין הויז גלייך צו לויפען, מיין ווייב, מיינע קינדער צו וועקען, זיי נאך איינמאל צו האלזען, נאכהער, ווי הבל'ס ברודער, קין, אין דער וועלט צו לויפען, וואוהין די אויגען וועללען מיך פיהרען, אום ניט אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט אריינצופאללען. אבער ווי איך בין נאך אויף די טרעפ געוועזען, האב איך שוין געזעהן, דאס מיינע קליידער זענען אין גאנצען מיט דעם עדעלמאנ'ס בלוט איינגעשמירט, איך האב זעהר געציטערט, טאמער דערזעהט מען עס.

די הויזטהיר צום ארויסגעהן אויף דער גאס איז צוגעשלאגען געוועזען. ווי איך בין צוריק געלאפען צו דער הינטערטהיר, האב איך געהערט פון די טרעפ לויפען מענשען, שרייען און רופען הינטער מיר: — יאגט איהם נאך ווי איהר קאנט! חאפט איהם דעם רוצח!. איך בין געלאפען איבער דעם הויף, צום שייער כין שטרוי, וואס

מען האט געהאלטען פאר פאסט פערד, איך האב געוואוסט, דאס פון דאנען קום איך ארויס אין גארטענער אין פעלדער אויסער דעם שטאדט'ל. אבער די נאביאגערס, זענען גיך נאך געלאפען. איך בין קוים צו געלאפען צום טייער, האט מיך שוין איינער ביים ראק אנגעכאפט. מיט טוידטשרעק האב איך זיך ארויסגעריסען, און א װארף געטהאן מיין ברענענדיגע ליכט אין דעם הויף אויפגעהויפטען בארג שטרוי, כדי דער נאביאגער זאל זיך געשווינד צום לעשען דאס פייער כאפען, און מיך פון איהם אין גאנצען בעפרייען. עס האט מיר געלונגען. עס איז באלד א פלאם ארויס, מען האט מיך אבגעלאזט, און איך בין אויף דעם פרייען פעלד אנטלאפען.

איך האב גאר ניט געקוקט, און בין געלאפען, איבער צוימען, איבער גראבענס, איבער טהאלען און בערג. מיין פראניא מיט מיינע צוויי קינדערליך, מאריטש'ן מיט אדאלף'ן נאך אמאל צו זעהן, פון דעם איז שוין גאר ניט מעהר געוועזען צו טראכטען. דער רצון צו דערהאלטען דעם אייגענעם לעבען, האט איבערגעשריגען אללע אנדערע געפיהלען פון דעם הארצען און פון דער נאטור.

ווען איך וואלט פון מיין נאכטיגען צוריק א היים קומען, פון מיינע ערוואַרטונגען אויף דעם היינטיגען נאהנטען פריהמארגען געטראכט, וואלט איך גאר ניט געקאנט פאר מעגליך האלטען, דאס אללעס וואס איז געשעהן געווארן. אבער מיינע פערבלוטיגטע קליידער, דער קיהלער מארגענווינד וואס האט מיך דורכגענומען, מיך יעדע מינוט דערמאהנט אין דער שרעקליכער זאך וואס איך האב ניט לאנג געטוהן. וואלט איך ביי מיר איין מעסער אדער איין רעוואלווער געהאט, וואלט וואו ניט ווייט פון מיר א טיעפער טייך געוועזען, וואלט איך מיר גענומען דאס לעבען.

דורכגענאצט פון שווייס, אהן אטהעם, אהן כוחות און אהן קראפטען, מיט ציטערענדיגע קניע, בין איך ווייטער און ווייטער געלאפען, דער אטהעם איז מיר שווער געווארן לויפענדיג און א סך מאל האב איך שוין געהאלטען, אין חלשות צו בלייבען.

אזוי בין איך ביז דעם נאהנטסטען דארף געקומען. איך האב זיך מישב געוועזען, צו זאל איך אין דארף אריינגעהן, אדער פארביי לויפען כל זמן עס האט נאך ניט אנגעהויבען צו טאגען. פלוצים האט אנגעפאנגען אין דעם דארפטהורם צו קלינגען. באלד האבען אויך פון אנדערע נאהנטע אומגעגענדען גלאקען-טאנער געקלונגען. עס איז געוועזען א קלינגעריי אויף א שריפה.

יעדער קלונג האט מיר דעם מוח ווי מיט א האמער צוהאקט, יעדער טאן האט מיך צומאהלט ווי א מיהלשטיין. איך האב מיך אומגעקוקט. א גאטט! הינטער מיר א ברייטער טונקעלרויטהער פייער; גרויסע לאנגע פלאמיגע זיילען שטייגען ביז צו די וואלקענס ארויף! דאס גאנצע שטאדט'ל איז אין פלאמען געשטאנען. יא — איך בין דער ברענער! — א מיין פראניא! א מיינע קינדער, וואס פאר א שרעקליכען פריהמארגען, האט אייך אייער פאטער צוגעגרייט! —

שרעק מאכט א מאל דעם שלאפסטען שטארק. עס האבען זיך אין מיר דא גאר נייע פרישע קראפטען געפונען. מיינע פיס זענען גרינג ווי א פעדער געווארן. איך בין

מיט ברייטע און גיכע טריט איבער די פעלדער ארום דעם דארף צו א סאסנאוען וואלד צוגעלאפען. די פלאמען פון מיין היים האבען געלויכטען. און די שטארקע איבערגעהאקטע קולות פון די גלאקען, האבען מיין הארץ אויף שטיקער צוריסען.

די פרישע כוחות האבען מיך אויך ניט ווייטער געטראגען, אלס נור אזוי טיעף אין וואלד אריין, ביז איך האב שוין דאס פייער ניט געזעהן, און דאנן בין איך ווידער צו דער ערד פאר חלשות'קייט געפאלען. איך האב אנגעהויבען צו יאמערן און צו קלאגען, און דאס לייב פון זיך מיט די צאהן צו בייסען, איך האב געוואלט מיין טוידט זעהן, און האב ניט געוואוסט ווי איהם צו געפינען.

איך האב אנגעהויבען אליין אויסצורעכנען מיינע שלעכטע מעשים: אונטריי געגען מיין ווייב געוועזען, אויף אפרעמדע פרוי מיין אויג געווארפען, א מענשען געהרגט, א גאנצע שטאדט פערברענט -- און דאס אללעס כמעט אין איין איינציגע שעה! א, דער רויטהראק האט טאקי גאנץ רעכט געהאט, וואס ער האט געזאגט: צדיקים און חסידים אונטער אייך זענען, נור די מענשען וועלכע האבען פון דער צייט קיין געלעגענהייט צום זינדיגען בעקומען. פרובט דעם שטן נור איין האאר געבען, דאנן האט ער שוין באלד אייער גאנצען קאפ. וועלכער שלים-מזל האט דעם אשמדאי צו מיר אין גארטענהויז געפיהרט? וואלט איך זיין פונש ניט געטרונקען, וואלט איך אויף ראזאליען מיט גאר אנדערע אויגען געקוקט, וואלט מיט איהר געטענה'ט, גערעדט, געשמועסט, און נור מיין פראניא פון דעסטוועגען אין זינען געהאט; וואלט איך אין איהר און אין מיינע קינדער ניט פארגעסען, וואלט דער עדעלמאנן ניט געהרגט געווארן; איך וואלט מיין היים מיט אגאנצע שטאדט ניט אין פייער פארברענט; איך וואלט ניט געלעגען דא אין שרעקעניש, אין וואלד — דאס אללעס האט דער פונש געמאכט.

די גלאקען האבען אהן א אויפהערונג שטארק געברומט, איך האב מיט אללע אברים אנגעהויבען ציטערן נור איך האב מיך געפרייט, וואס עס איז נאך ניט טאג געווארן, און געקענט האפען, נאך א גוטע שטרעקע אבצולויפען. אבער איך בין ווידער ווייענדיג צו דער ערד אנידערגעפאלען ווען איך האב זיך דערמאהנט אז היינט איז דער צוואנציגסטער מאי, עס איז מיין פראניא'ס געבורטסטאג. א, מיט וואס פאר א פראהליכקייט, מיט וואס פאר א שמחה פלעגען מיר גליקליכע, צווישען אונזער פאמיליע, איהם שטאנדיג יום-טוב'ן! און היינט! וואס פאר א טאג! וואס פאר א נאכט! — וואו בין איך? וואו ליעג איך? וואו האבען מיך די ניט-גוטע, דיא שדים פערטראגען?! — דער רויטהראק איז מיר אויפ'ן געדאנקען ווידער לעבעדיג מיט אללע זיינע וואונדערליכע רייד ופארגעקומען. איצט, וואס זאל איך לייקענען? איצט וואלט איך מיין נשמה אוועק-געגעבען. ער זאל באמת האבען געוועזען, דער ווי ער האט זיך ביי מיר אין דעם גארטענהויז שפאסענדיג אנגערופען, אום מיך צו רעטען, אום מיר מיין זכרון פון מיר צו נעהמען, אום מיר, מיין ווייב, מיינע קינדער ערגיץ א ווינקעל אין דער וועלט ווידער צו געבען, וואו מיר זאלען אונבעקאנט קאנען לעבען.

די קולות פון די גלאקען זענען שוין ניט אזוי שטארק געוועזען און ערשט איצט

האב איך דערזעהן ווי די זונן האט אנגעהויבען אויפגעהן. איך האב מיך גיך אויפגעהויבען פון דער ערד, און בין ווייטער געלאפען און געקומען צו א ברייטען אויסגעפאהרענעם וועג.

VI.

די פריהמארגענדיגע פרישע לופט האט מיך אביסל דערקוויקט, און איך בין עטוואס צו זיך געקומען. אללע געשעהענע מעשים זענען אזוי שרעקליך, אזוי פלוצלונג געוועזען, אז עס האט זיך מיר זעלבסט ניט געגלויבט, דאס זאל קאנען אמת זיין. איך האב מיך אומגעקוקט – אבער דורך די סאסנאווע בוימער האט געגליהט דער רויטהער ווידערשיין פון דער שריפה. איך האב מיך בעטאפט, און געפונען מיינע פינגער איינגעריבט מיט דעם בלוט פון דעם עדעלמאנן. „דאס זאגט אויס דעם ערשטען, וואס וועט מיך בעגעגענען, אז איך האב א מארד בעגאנגען" האב איך געטראכט, און גלייך אראב געריסען פון מיר די בלוטבעפלעקטע קליידער, זיי פערשטעקט אין געדיכטען גראז, און אבגעוואשען מיר ריין די האנד אין דעם טהוי פון דעם גראז. אזוי, האלב נאקעט, בין איך ווייטער אויף דעם ברייטען וועג א היין געלאפען.

„ווער ביסט דו א?" האב איך צו מיר זעלבסט גערעדט. „זאל דיך איצט ווער דערזעהן, זא וועט ער דיר געווים נאכיאגען. נור משוגעים אדער מערדער לויפען אין אבלויסע העמד דורך די וועלדער; אדער איך מוז זאגען איך בין בערויבט געווארן. וועט מיך א פויער בעגעגענען, וועלכען איך וועל קאנען בייקומען, וועט ער מיר מוזען זיינע קליידער געבען. אזוי וועל איך דערווייל זיכער זיין. איבער'ן טאג קאן איך אין דעם געדיכטען וואלד בעהאלטען זיך, און ביי נאכט מיין פליטה ווייטער מאכען. אבער פון וואנען זאל איך נעהמען עסען? פון וואנען געלד"? – איצט איז מיר איינגעפאלען, ווי איך האב מיין מייסטער אין דעם אוועקגעווארפענעם ראק איבערגעלאזען, און מיט מיינע אייגענע האנד פון מיר דאס גאנצע מזומנע געלד אוועקגעווארפען.

עטליכע מינוט בין איך אזוי געשטאנען ניט וויסענדיג וואס צו טהון. איין אויגענבליק האב איך געטראכט, זיך אומצוקעהרען און מיין מייסטער צו נעהמען. אבער – דאס בלוט פון דעם עדעלמאנן! איך וואלט עס ניט וועללען ווידערזעהן, עס זאל אפילו אין מיין ראק ליגען א מיליאן; און צוריקגעהן, דעם גליהענדיגען רויטהען פלאם צווישען די סאסנעס שטאנדיג פאר די אויגען האבען... ניין, די פלאמען פון דעם אפענעם גיהנום ליעבער! – איך בין ווייטער געלאפען.

דא האב איך דערהערט דאס רוישען פון א וואגען – אפשר איין פייערשפריטצער אדער צו הילף איילענדע בויערן. – איך בין צוריק אין וואלד אריינגעשפרונגען און מיך אוועקגעשטעלט אין אזא ארט, וואו איך האב געקאנט אללעס פון דער ווייטען גוט בעאבאכטען. איך האב געציטערט ווי איין פיש אין וואססער. באלד איז געקומען לאנגזאם איין צוויי פערד געשפאנט, א פיינער אפענער וואגען, מיט קאסטען געפאקט. איין

מאנן איז אין איהם געזעסען און האט אנגעטריבען די פערד. ער איז אללע מאל לאנגזאמער געפאהרען, און ענדליך געבליעבען שטעהן נאהנט פאר מיר. ער איז אראבגעקראכען פון וואגען און האט איהם בעקוקט פון אללע זייטען; דערנאך האט ער פערלאזט דעם וואגען און געלאזט זיך געהן אין וואלד. –

„דו וואלסט געהאלפען געווארן. ווען דו זאלסט אין דעם וואגען זיטצען!" האט דאס הארץ אין מיר גערעדט. „דיינע פיס זענען ווי צובראכען, זיי שלעפען דיך שוין ניט מעהר, דוא וואלסט גערעטעט געווארען. קליידער, געלד, גיך אנטלויפען – אללעס וואלט געקאנט זיין. גאט האט עס דיר צוגעשיקט. פערשפעטיג ניט די ריכטיגע צייט. בעניטץ זיך מיט דער גוטער געלעגענהייט. דער וואגען איז לעדיג. חאפ זיך אין איהם אריין!"

געטראכט, געטהון. דענן מיט ישוב הדעת איז ניט מעגליך געוועזען צו טהון, יעדע רגע איז טייער געוועזען, יעדער איז זיך זעלבסט דער נאהנטסטער קרוב, מען רעטעט זיך ווי מען קאן. פערצווייפלונג און נויטה האבען קיין זאקאן. איין שפרונג, און איך בין שוין פון וואלד אויפ'ן וועג, פון וועג אין וואגען. איך האב אנגענומען די לייצען און אויסגעקירעוועט די פערד מיט דעם וואגען צוריק. דער אייגענטהימער איז גלייך אויס דעם וואלד צו מיר צוגעלאפען. און אין דעם אויגענבליק, ווי איך האב די פערד א שמיטץ געגעבען מיט'ן בייטש, האט ער געוואלט זיי ביי דער צוים אויפהאלטען. ער איז פאר זיי געשטאנען, איך האב שטארקער געשמיסען, איצט האט געמוזט אללעס ריזיקירט זיין. די פערד האבען זיך אויף די אינטערשטע פיס געשטעלט און א שטארקען ציה געטהון דעם וואגען פאראויס. דער אייגענטהימער איז געפאלען און געלעגען אונטער די פערד. איך בין איבער איהם אוועקגעפאהרען. ער האט געשריגען הילף און רעטונג. זיין קול האט מיך דורכגעבויערט, עס איז געוועזען א בעקאנטע געליעבטע שטימע. איך בין אויף א מינוט געבליעבען שטעהן און זיך ארונטערגעבויגען אונטער דעם וואגען אום נור דעם אומגליקליכען צו זעהן.

– איך האב איהם געזעהן! – אבער – איך ציטטער מיט אללע אברים ווען איך דערמאהן זיך – איך האב געזעהן מיין ברודער, וואס האט זיינע געשאפטען אין פראג פלוצלונג אבגעטהון, אדער אנדערע סיבות האבען איהם געבראכט געשווינד צוריק א היים צו פאהרען. –

איך בין דא געזעסען, ווי פון א דונער דערשלאגען, ווי געלאהמט און פערשטיינערט. אונטער מיר האט געקרעכצט דער איבערגעפאהרענער. דאס האב איך ניט געוואלט, ניט געמיינט. איך בין פון וואגען אראבגעקראכען און בין צו מיין ברודער אניעדערגעפאלען. דאס שווערע ראד איז איהם געוועזען איבער די ברוסט אריבערגעגאנגען. איך האב מיט א ציטערענדיגע, שטילע שטימע זיין נאמען גערופען. ער האט מיך שוין ניט מעהר געהערט. ער האט מיך שוין ניט מעהר דערקאנט. ער איז שוין טוידט געוועזען. שוין זיין וועלט אויסגעליטען. איך בין געוועזען דער רשע, וואס האט איהם זיין

לעבען גענומען, וועלכעס ביי מיר איז אזוי טהייער געוועזען אלץ מיין אייגענעס. — שרעקליך, צוויי רציחות אין דערוועלכער נאכט בעגאנגען; אמת אפילו, ביידע ניט ווילענדיג, ביידע אויס פערצווייפלונג, אבער איך האב זיי פארט געטהון און אלץ דורך די סבה פון דער ערשטער זינד פון וועלכע איך האב זיך געדארפט פערהיטען.

מיינע אויגען זענען נאס געווארן; אבער עס איז געוועזען ניט טרעהרען פון יסורים, פון שמערצען איבער דעם געליעבטען טוידטען, נור טרעהרען פון דעם משוגעגעם כעס געגען מיין מזל, געגען דער השגחה. קיין מאל אין מיינעם לעבען האב איך מיך מיט א גראבע זינד בעפלעקט, קיין מאל איז דער יצר הרע ניט געוועזען אין שטאנד מיך צו שלעכט'ס צו צורעדען. מיין הארץ איז שטאנדיג פול רחמנות, פול מיטלייד געוועזען. איך האב קיין זיסערע שמחה ניט געהאט, אלס איינעמען א טובה טהון אדער גליקליך מאכען. און איצט, נור איין איינציגע רגע גרינג אויף דער דעה געוועזען, איין רגע אז זיך זעלבסט פערגעסען, האט שוין דער רשעה'דיגער צופאל מיך צו די שרעקליכסטע זינד געפיהרט, און צום אונגליקליכסטען אין דער וועלט געמאכט! א, קיינער זאל זיך ניט ריהמען מיט זיין פרומקייט, מיט זיין גוטהערציגקייט, מיט זיין גבורה, מיט זיין ישוב הדעת! עס געהערט ניט מעהר אלס איין מינוט דערצו, און וועלכער דער מענש זאל ניט קאנען זיין א מושל ברוחו, זאל ניט קאנען איבער זיך זעלבסט הערשען, — ניט מעהר נור אלס איין מינוט, און דער גראסטער צדיק איז צו אללע שאנדליכע מעשים פעהיג. וואוהל איהם, ווען זיין מזל האנדעלט בעסער מיט איהם, אלס ווי מיט מיר, און לעגט איהם ניט א ברודער אין וועג צו איבערפאהרען און צו דארערן.

אבער וואס ניטצט מיר פון מאראל צו רעדען? ווער עס האט דא א מוסר השכל פון זיך זעלבסט ניט ארויסגענומען, פאר דעם איז קיין מוסר ניט מעהר פערהאנדען. איך וויל צום סוף פון מיין אונגליקס-געשיכטע איילען וועלכע אפילו א פאעט האט אויך שוין שרעקליכער ניט געקאנט אויסטראכטען

VII.

איך האב געקושט דעם בלאססען שטערן פון מיין ברודער. דא האב איך געהארט קולות אין וואלד. איך בין דערציטטערט געווארן. זאל איך מיך לאזען חאפען איבער דעם טוידטען קארפער פון דעם געליעבטען, וועלכען איך האב ערשט געוואלט בערויבען און נאכהער טארטען? און איידער איך האב מיר זעלבסט איבערלעגט, בין איך שוין געוועזען טיעף אין וואלד צווישען געדיכטע בוימער, און מיין טוידטען ברודער, די פערד מיט ד׳ם וואגען איבערגעלאזט אויף הפקר. אללעס איז שוין געוועזען אין מיר אבגעשטארבען; נאר דער גרויסער רצון צום לעבען איז נאך ביי מיר געוועזען. — צוכישט ווי א משוגענער, בין איך דורך דארנער און געדיכטע ארא‌בגעלאזענע צווייגען,

געגאנגען; וואו עס איז מעהר פערשטעלט געוועזען, דארט האב איך געאיילט. „ווער עס וועט דיך געפינען", האב איך זיך געטראכט. „דער וועט דיך הרג'נען, קין, ברודערמארדער"!

די זונן איז שוין אין גאנצען אויפגעגאנגען. א נייע לעבען האט געוועהט דורך די נאטור. די שרעקליכע נאכט איז געשטאנען פאר מיר מיט איהרע אללע פערברעכונגען און אט! האב איך געזעהן פאר מיינע אויגען מיין פארוויינטע פראניא מיט די אונגליקליכע קינדער; — געזעהן די אומגליקליכע אלמנה מיט די קינדער פון מיין געהרג'נ'ן ברודער; — געזעהן די אייזערנע גראבע שווערע קייטען — די פינסטערע תפיסה — די תליה פאר מיר מיט דעם תלין.

דא איז מיר דאס לעבען פלוצלונג נמאס געווארן. א, פאר וואס האב איך מיך ניט געלאזט פון דעם עדעלמאן'ס האנד דערשטיקען, איידער איך האב די שטאדט'ל פערברענט! פאר וואס ניט אין דעם פייער ארייננעשפרונגען, איידער איך האב מיין ברודער דערהרג'ט! אויך איצט זעה איך ניט בעסערס פאר מיר, ווי דאס לעבען מיר צו נעהמען; דענן ווער ווייס צו וויפיעל נאך זינדען וועט מיך דער צופאל ברענגען: איך האב שוין געוואלט דאס לעבען מיר נעהמען — אבער אויך דערצו האב איך קיין מיטעל ניט געהאט. דאנן איז ביי מיר פעסט געבליעבען, אליין זיך איבערגעבען אין די האנד פון די ריכטער, פאר זיי מיט חרטה זיך מודה זיין אין מיינע שרעקליכע זינד. דער געדאנק האט מיך א ביסל געטרעסט און בערוהיגט מיין הארץ טראכטענדיג אז מיינע זינד וועט מען דורך מיין טוידט מוחל זיין, און פיעלייכט וועלען די ריכטער איבער מיר רחמנות האבען, ווייל איך האב דאך ניט ווילענדיג דאס אלעס געטהון; אפשר וועלען זיי מיר ערלויבען מיט מיין ווייב און קינדער זיך נאך צו זעהן, זיי נאך איינמאל אין מיין לעבען איין קוש צו טהון, און פון זיי בעטען זיי זאללען מיר מוחל זיין. איך האב געהאפט: איך וועל אזוי ארום נאך קענען איינינע הויזגעשעפטען אין ארדענונג ברענגען. מיין פראניא'ן נאך עטליכע נוטצליכע עצות געבען, און מיין מאריטץ'ן מיט מיין אדאלף'ן איבערלאזען: א צוואה ווי זיי זאלען זיך א מאל אויפפיהרען אין דער וועלט.

איצט בין איך כמעט גאר רוהיג געווארן. מיט דעם לעבען האב איך זיך שוין געזעגנט און מיין געוויסען (סאוועסט) האט מיך אויפגעהערט מוטשען.

איך בין אויפגעשטאנען און געגאנגען; דאך האב איך ניט געוואוסט וואו אהין. אין צומישונג און טוידמושרעק האב איך זעלבסט די געגענד פערגעסען, אויס וועלכער איך בין געקומען. דער וואלד איז געדיכט און פינסטער געוועזען. איך האב חשק בעקומען צו דעם ארט וואו די שריפה איז געוועזען.

זיך האב אנגעהויבען צו געהן ניט וויסענדיג וואו אהין, טראכטענדיג אז יעדער וועג וועט מיך צו מיינע ריכטער פיהרען.

אין דעם ווי איך בין עטליכע מינוט געגאנגען, איז דער וואלד ליכטיגער געווארן. איך האב זיך מעהר ניט געשראקען פאר דעם ליכטיגקייט און בין ווייטער געגאנגען. —

VIII.

איך האב געהערט נאהנט פאר מיר פערד הירזיען. איך האב זיך ווידער דער-שראקען. די ליעבע פון לעבען האט זיך אויף דאס ניי זיין מיר דערוועקט. איך האב געטראכט לויפען צוריק אין וואלד. „דו האסט אפילו געזינדיגט, דו ביסט אפילו א פער-ברעכער פון דער שרעקליכסטער ארט, אבער דו קאנסט נאך וואוהל גליקליך זיין, ווענן דו וועסט זיך נור איצטיגס מאל ראטעווען, ווייל א אמת׳ר רשע ביזט דו קיין מאל ניט געוועזען, חאטש אפילו דער לייכטזיניגסטער“, אזוי האב איך מיר געטראכט און אללע פריהערדיגע פעסטע מחשבות וועגען זיך איבערגעבען די ריכטער האב איך אין גאנצען פערגעסען, און שוין גאר ברעה געהאט ווידער צו אנטלויפען אין א ווייטען ארט וואו איך מיט מיין ווייב און קינדער, וואלט אונבעקאנט אונטער א פרעמדען נאמען געקאנט לעבען, אבער ביי דעם אללעם בין איך פארט ווייטער געגאנגען. –

איך בין געקומען וואו דער וועג האט זיך לינקס פערדרעהט, און האב דארט ווידער געזעהן פערד, א אומגעקעהרטען וואגען, מיט א צובראכענעם ראד, און צו מיין אונגליק אדער צום גליק איז דערביי געשטאנען דער בעקאנטער רויטהראק.

ווי ער האט מיך דערזעהן, האט ער מיך באלד ווי זיין שטייגער, מיט זיין לאכען מכבד געוועזען, און געזאגט:

– ברוך הבא! האב איך ניט געזאגט, דאס מיר וועללען זיך נאך אמאל ווידער טרעפען? -- איך ווארט שוין דא די גאנצע נאכט. מיין פאסטיליאן איז אין דעם שטאדט׳ל צוריק געלאפען, אום הילף צו ברענגען, און קעהרט זיך ניט ווידער.

– ער האט דארט מעהר צו העלפען אלס דא, האב איך געזאגט, דענן די גאנצע שטאדט ברענט.

– איך האב עס גלייך פערשטאנען, האט ער געענטווערט, דענן איך האב גע-זעהן דער הימעל איז רויט ווי געוועהנליך ביי א שריפה. אבער וואס האט איהר דענן צו טהון אין וואלד? וואס זוכט איהר דא? וואס לויפט איהר ניט העלפען לעשען?

– איך האב אנדערע, וויכטיגערע ...בען צו לעשען, אלס האלצווארג. אין מיין הארצען ברענט א פייער פון גיהנום.

– איך האב געוואוסט אייער סוף וועט אזוי זיין, האב איך אייך דען פריהער ניט געזאגט?

– רעטעט מיך, איך בין א שטארקער פערברעכער געווארן – עס איז אום מיר געווארן א לייכטזיניגער מאנן, א רוצח, א ברענער, א גאסענרויבער, א ברודערמערדער; אללעם פון דעם אויגענבליק אן, ווי איהר האט מיך פערלאזט; אללעם ... א משך פון דריי שעה. און דאך, שווער איך אייך אז איך בין קיין שלעכטער מענש ניט.

דער רויטהראק האט געטופעט מיט דעם קרומען פוס אויף דער ערד, און האט

גאר ניט געענטווערט, עס האט אויסגעוויזען אז ער איז זעהר אין כעס. דא האב איך איהם דערצעהלט דאס שרעקליכע אומגליק פון דער נאכט, וואס האט קיין גלייכען און קיין ביישפיעל ניט. ער האט גאנץ קאלטבליטיג אויסגעהערט.

– קענט איהר מיך איצט, און ווייסט וואס איך וויל פון אייך? האט ער ענדליך איך אנגערופען.

– מיין נשמה! מיין נשמה ווילט איהר! האב איך געשריען, דענן איצט הויב איך אן צו גלויבען, דאס איהר זענט באמת דער, פאר וועלכען איך האב אייך אין פראג, ביי מיר זעלבסט שפאסענדיג, געהאלטען.

– און ווער גלויבסט דו בין איך?

– דער אשמדאי!

– זא פאל פאר מיר אניעדער און זיי מתפלל צו מיר! האט ער געשריען מיט א שרעקליך קול.

איך בין געפאלען אויף דער ערד, ווי א משוגע׳נער, פאר איהם צו די פיס, און האב אויפגעהויבען די האנד און געבעטען: ראטעוועט מיך! – רעטעט מיין ווייב און מיינע קינדער! זיי זענען אונשולדיג. ברענג אונז אין א וויסטעניש, וואו מיר וועללען נור ברויט מיט וואססער האבען, ברענג אונז אין א ארט וואו קיין מענשענס פוס קומט ניט אהין. מיר וועללען אונז גליקליך האלטען אזוי ווי אין א גן-עדן. אבער, נעהם ערשט פון מיר דעם זכרון, כדי איך זאל ניט געדענקען מיינע פערברעכונגען פון היינטיגער נאכט, דען ווען ניט, איז אויך אין גן-עדן דער גיהנום. קאנסט דו דאס ניט, דאנן איז מיר בעסער צו שטארבען מיט ודוי און תשובה אויף דער תליה.

ווי איך האב דאס געזאגט, האט ער מיט דעם קרומען פוס א שטויס געטהון מיט פעראכטונג אנטקעגען מיר, דאס איך בין אויף דער ערד געפאללען. איך האב געוואלט מיין בקשה נאך אמאל בעטען, אבער ער האט מיך ניט געלאזט און געזאגט: – קוקט נור דא אן דעם צדיק תמים, דעם בעל-רחמנות! קוקט נור דא אן דעם שטאלצען חכם וואס בויט אללעס אויף זיין פערשטאנד! קוקט נור אן דעם פהילאזאף, וואס פער-לייקענט די שדים, און גלויבט ניט אין עולם הבא! אין איין נאכט האט ער אזוי פיעל שאנדליכע מעשים בגעטהון, און צום סוף פארגעסט ער אין גאטט, און קניעט פאר דעם אשמדאי׳ס פיס, טהוט גאר צו איהם תפלה, בעט גאר פון איהם הילף. ער וויל קראנען זיינע רציחות מיט די תחנות צום רוח.

– אין דעם, אשמדאי, דערקען איך דיך, האב איך מיט כעס געשריען, אין דעם דערקען איך, דאס א מענשליכעם הארץ וואוהנט ניט אין דיר, דאס מיטליידונג מיט רחמנות פעהלט אין דיין אייזערנעם הארץ. איך וויל גאר קיין מיטלייד מיט רחמנות פון דיר, וועלכער ווייסט ניט מעהר, אלס נור צו פרייען זיך מיט דעם מענשענס אומ-גליקען. איך האב געוואלט דיין רחמנות קויפען מיט מיין נשמה. זי וואלט זיך געקאנט יא נאך בעסערן. זי קאן יא דעם וועג צו חרטה געפינען, און זי וואלט געקאנט פון דיינע האנד יא זיך ארויסדרעהען, ווענן דו גלויבסט זי פעסט און זיכער אויף אייביג צו האבען.

— ניין, מיין זינדיגער נאַרישער הערר, האָט ער געענטפֿערט, איך בין ניט דער טייוועל, ווי איהר גלויבט. איך בין קיין אַשמדאַי, קיין שׂטן און קיין יצר הרע. איך בין איין מענש ווי איהר. איהר זענט אַ פֿערברעכער געוועזען, איצט זענט איהר אַ שוטה געוואָרן, אַ משוגע׳נער, איהר זענט אַראָב פֿון שׂכל. אָבער ווער עס האָט מיט זיין בעסערן גלויבען איינמאָל געבראָכען, דער איז אויך מיט זיין שׂכל באַלד פֿאַרטיג. איך פֿעראַכט אייך ווי אַ שפּיען, און ווען איך וואָלט אייך אַפֿילו געקאָנט העלפֿען, וואָלט זיך אייך אויך ניט געהאָלפֿען. אייער נשמה פֿערלאַנג איך ניט, זי איז צום גיהנום אָהן אַללעם שוין פֿאַרטיג, און אַפֿילו דער אַשמדאַי וועט אייך אויך פֿאַר איהר קיין צו־בראָכענעם גראָשען ניט געבען.

IX.

עטליכע מינוט בין איך ווי צומישט געשטאַנען פֿאַר איהם. בושה און כּעס, חרטה און פֿעסטע געדאַנקען צו יעדען פֿערברעכען וואָס האָט מיך דערווייל געקאָנט ראַטעווען, האָבען מלחמה געהאַלטען אין מיר.

— ווען איהר זענט ניט דער, וואָס איך האָב אייך געהאַלטען, האָב איך ענדליך געזאָגט, זאָ מוז איך ווינשען, דאָס איהר זאָלט עס ווערן. ראַטעוועט מיך, ווען ניט, בין איך פֿערלאָרען. רעטעט מיך, דען איהר אַליין זענט אין מיינע פֿערברעכען שולדיג, איהר אַליין — דער באַזער שליח צו אַללעם שלעכטס.

— אַט אַזוי מאַכט עס שטענדיג דער מענש!, האָט ער לאַכענדיג מיט אַ פֿער־קרימטען פּנים געזאָגט. ער וויל שטענדיג דער ריינער צדיק זיין ווען אַפֿילו ער זאָל זיך אין ברודערבלוט באָדען.

— ניט אַנדערש, איהר, מיין הערר, איהר זענט געוועזען די ערשטע אורזאַכע צו אַללע רציחות פֿון היינטיגער נאַכט. — פֿאַר וואָס זענט איר געקומען שפּעט אין דער נאַכט אין מיין גאָרטען, וואו איך האָב רוהיג און אונשעדליך געשלאָפֿען? וואָלט איהר מיך ניט געוועקט, וואָלט אַללעס ניט געשעהן, וואָס געשעהן איז.

— איהר האָט רעכט. דער שלאָף פֿון די רשעים איז אַ טובה פֿאַר זיי און אַ גליק פֿאַר די וועלט; אָבער וואָס איז מיין שולד? האָב איך אייך דען געוועקט צו אָבגעבען זיך מיט אַ פֿרעמדע פּרוי? צו הרג׳נען און בּרענען? אַזוי איז דעם מענשענ׳ס שטייגער, ווען ער האָט טויזענדטער מיט אַ מעסער דערשטאָכען, אָדער מיט אַ האַק געהרג׳ט, וואָלט ער וועללען אַללע שולד, אויף דעם גראָבער אַרויפֿלעגען, וואָס האָט דאָס אייזען אויס דער פֿינסטערער טיעפֿער ערד אַרויסגעצויגען.

— פֿאַר וואָס האָט איהר דען ביי מיר אין דעם גאָרטען געשפּיעלט די ראָליע פֿון דעם טייוועל, און מיט אַ וואָרטציילען געזאָגט: ווער עס באָט מיר אָן איין האָר, דעם׳ס קאָפּ שלעפּ איך באַלד מיט זיך נאָך, ווי מיט אַ שטריקל?

— דאָס איז גוט! האָב איך דען אַ ליגען געזאָגט? ווער קאָן דעם אמת שרעקליכער דערוויזען, אַלס איהר זעלבסט? האָב איך דען די האָאר פֿון אייך פֿערלאַנגט? אָדער האָט איהר עס מיר אָנגעבאָטען? — ניין, מיין הערר, בעת איהר האָט ראַזאַליען, אייער ערשטע געליעבטע, אויף דער פּאָסט דערזעהן, דאַ האָט איהר ניט געדאַרפֿט אייער פּראַניאַ פֿאַרגעסען; ניט געדאַרפֿט איין איינציגען אויגענבליק זי פֿאַרגעסען, זאָ וואָלט איהר צו דעם העלישען פֿייער ניט געקומען. איהר שטעלט אויף אייערע גוטע מדות צו־פֿיעל, אָדער פֿיעל מעהר, איהר האָט גאָר ניט אין זינען גוטע מדות. רעליגיאָן און גוטע מדות וואָלטען אייך געזאָגט: פֿליהט אַ היים צו אייער גאָרטען. הערר, די ערשטע עבירה, וואָס אַ מענש טהוט, זי זאָל אַפֿילו לייכט ווי איין האָאר זיין, שלעפּט די שווערסטע זינד מיט זיך נאָך. אַט, דאָס איז די בעדייטונג: ווען מען שענקט דעם רוח אַ האָאר שלעפּט ער דעם קאָפּ מיט.

— איהר האָט רעכט. אָבער צו האָב איך געקאָנט דאָס פֿאָראויסזעהן?

— געוויס האָט איהר געקאָנט.

— עס איז אונמעגליך געוועזען. דערמאַהנט אייך נור די גבֿה׳גע צוזאַמענטרעפֿונג פֿון די אומשטאַנדען, און וועלכער מענש וואָלט עס זאָ געקאָנט פֿאָראויס וויסען?

— וויסען נאַטירליך ניט, אָבער רעכנען דאַרויף וואָלט יעדער. זאָגט איהר אַליין, צו האָט איהר ניט געקאָנט רעכנען, דאָס דער עדעלמאַנן וועט אַריינקומען, בעת איהר זענט מיט זיין ווייב, אונטער פֿיער אויגען, אין דעם צימער צוזאַמען געזעסען? ניט געקאָנט רעכנען, דאָס עס וועט אַ שׂריפֿה זיין, בעת איהר האָט דאָס ליכט אין דעם באַרג שטרוי געוואָרפֿען? ניט געקאָנט רעכנען, דאָס איהר וועט דעם ברודער צוהאָדערן, דאַן ווען איהר האָט די פֿערד אַנטקעגען דעם בעל עגלה געטריבען? — עס איז קיין אונטערשיעד ניט דער אָדער איין אַנדערער, יעדער מענש איז אייער ברודער.

— עס קען זיין, אָבער איך בעט אייך, ברענגט מיך ניט צו גרעסערע פֿערצווייפֿלונג; איהר מוזט ווייניגסטענס מודה זיין. דאָס עס וואָלט נור דער ערשטער קליינער חטא אַליין געשעהן געוואָרן, אָהן אַללע אַנדערע געוואַלדיגע רציחות, ווען ניט די זעל־טענע שרעקליכע סבות וואָלטען צום שלים־מזל צוזאַמענגעטראָפֿען, וועלכע האָבען שטאַנדיג געקאָנט צוזאַמענטרעפֿען.

— איהר זענט זיך טועה. וואָס פֿאַר זעלטענס שרעקליכעס איז דען דערינען גע־לעגען? וואָס דער עדעלמאַנן האָט זיין פֿרוי בעזוכט? וואָס מען האָט אין שייער שטרוי געהאַלטען, ווי אין אַללע שייערן? וואָס אייער ברודער איז בשלום אויף דעם ריכטיגען וועג אויס פּראַג געפֿאָהרען? ניין, הערר, וואָס איהר רופֿט באָזע, שלים־מזל׳דיגע סבות, האָבען געקאָנט פֿאַר אייך, פֿראָהליכע, אַנגענעהמע זיין, ווען איהר וואָלט זיך אין גוטען וועג אויפֿגעפֿיהרט. די סבות זענען גאַנץ גוטע געוועזען, נור איהר האָט זיי צו־שלעכט געמאַכט. די וועלט איז אַ גן־עדן, נור די מענשען מאַכען זי צו אַ גיהנום. דער מענש מאַכט אויס דעם אייזען אַ שווערד, און אויס די גראָזען פֿון פֿעלד סם המות; אויסערדעם, וואָלט אויס דעם אייזען איין אַקערגעצייג צו דער ערד־אַרבייט געוואָרן,

און אוים די גראזען — רפואות פיר קראנקע. זוכט גאר קיין זכות ניט אויף זיך, דענן איהר וועט עס ניט געפינען.

— א! האב איך דא מיט דער העכסטער פערצווייפלונג אויסגעשריגען, בין היינטיגע נאכט בין איך ריין פון זינד געוועזען, א גוטער פאטער, א טרייער מאנן, אהן פארווירפע — איצט בין איך אהן רוה, אהן כבוד, אהן טרייסט!

— ניין, מיין הערר, אויך אין דעם מוז איך אייך כנגד זיין. איהר זענט ניט ערשט אין דער נאכט געוואָרן, וואס איהר זענט, נור איהר זענט עס פון לאנג אן געוועזען. מען ווערט ניט אין איין שעה פון א מלאך א טייוועל, וועננ מען האט ניט פאהיגקייטען שוין פון לאנג א טייוועל צו ווערען. עס האט נור געלעגענהייט געפעהלט דערצו. עס האט אייך געפעהלט די ראזאליא און דער בעזונדערער ארט. אין שטאהל און שטיין שלאפט דאס פייער, וועננ מען זעהט עס אפילו ניט ארוים — נור א קלאפ איינם אן דעם אנדערן, ווערט שוין פונקען. איין פונק שפרינגט אריין אין א פאס פולווער, און עס ווערד פון א האלבער שטאדט א בארג אש, פון הונדערטער מענשען א תל עולם. ריהמט אייך ניט קיין מאל, איהר פרומע לייט, מיט אייער שטאלצע אונשולד, וועננ איהר זעהט דעם ארימען זינדער דעם פערברעכער אויף דער תליה הענגען! דאס וואס הענגען ניט א סך פון אייך אויף דערזעלביגער תליה, איז נור בלוים א חסד פון דער צייט, וואלט זי איין רגע אייער באזען יצר הרע צו הילף געוועזען, דענסטמאל וואלט איהר אללע אויף דער תליה געהאנגען. —

— אזוי טרעסט איך מיך. אזוי איז דאך, וועננ איהר זאגט דעם אמת, די גאנצע וועלט ניט בעסער, אלס איך און איהר דערצו.

— ניין, מיין הערר, איהר זענט זיך ווידער טועה. די האלבע וועלט איז גלייך צו אייך, אבער ניט די גאנצע. איך גלויב, עס געפינען זיך נאך אמת'ע פרומע לייט, מענשען וועלכע בעזיטצען שאנע מדות, און האבן כח בייצושטעהן א נסיון. נור איהר איינגערעדטע חכמים, פערשטעהט ניט זייער ווערטה. אבער די האלבע וועלט, יא, די האלבע זענען גלייך צו אייך! און בפרט אין אונזערע צייטען, וואו תאוות צו גרויסע תענוגים, צו לוקסוס, וואו אמביציע, גזלות און רציחות, קנאה און פאלשקייט האבען קיין גרענעץ ניט. דרום קאנען זיי ניט גובר זיין דעם יצר הרע אזוי ווי איהר.

— איהר קאנט רעכט האבען, אבער איך בין ניט בעסער און שלעכטער, אלס אללע אנדערע מענשען פון היינטיגער צייט.

— וואס איהר זענט, דאס ווייזט אייך אויס אז דיא גאנצע וועלט איז אויך אזוי; מיר זעהען קיין מאל ניט דעם דרויסען אין אונז, נור אונז אין דעם דרויסען, עס איז אללעס נור שפיעגעל.

— אום גאטטעס ווילען, הערר! האב איך אויסער מיר געשריגען, רעטעט מיך, דענן די צייט לויפט אוועק; וועננ איך בין שלעכט געוועזען, קען איך דען ניט תשובה טהון און בעסער ווערן?

— געוויס! נויטה ברעכט אייזען; — אבער איהר זענט שוואך אהן גלויבען, און

דיעזע שוואכקייט איז די מוטטער פון אללע באזע מעשים, דיעזע שוואכקייט לאזט ניט תשובה טהון און בעסער ווערן.

— רעטעט מיך און מיין ווייב מיט מיינע קינדער! איך קאן און וויל בעסער ווערן.

— איך וויל אייך רעטען, וועננ איהר קאנט זיך זעלבסט רעטען. קענט איהר מיך איצט און ווייסט וואס איך וויל פון אייך?

— איהר זענט א מלאך פון הימעל! א שליח פון גאטט מיך צו רעטען!

— איך בין צו אייך ניט אומזונסט אין גארטען געקומען פאר די געשעהענע רציחות. איך האב אייך מתרה געוועזען, האב אייך געווארנט, און איהר האט זיך ניט געהיט. דאך מוטה און האפפנונג פערלאזט ניט! גלויבט אין גאטט וועט איהר אללעס בעקומען; גלויבט אין זיינע נביאים וועט איהר געהאלפען ווערן, דענן וואס אמונה מאכט, מאכט קיין זאך אין דער וועלט ניט.

X.

אין דעם ווען דער רויטהגעקליידעטער האט דיעזע ווארטער געזאגט, איז עס מיר פארגעקומען, ווי העללע פלאמען וואלטען ארום איהם געברענט, און ווי א גרינער פייער וואלט ארום אונז פון דער ערד ארויסגעשאסען; אבער עס איז נור דער אבשיין פון זיינע רויטהע קליידער און פון די גרינע בוימער געוועזען. די פארבען האבען געבלאנקט פאר מיינע אויגען אויף א וואונדערבארע ארט. צום סוף האט זיך אללעס אויסגעלאשען, איך בין אין אהנמאכט געלעגען. איך האב ניט געוואוסט מעהר פון מיר, עס איז מיר עפים געשעהן געוועזען.

דאנן האב איך געפיהלט, דאס איך קום צו זיך ווידער, געהערט א ווייטען קול אין די אויערן; פאר די אויגען געזעהן עפים א צומישטע מראה. ווי די געדאנקען זענען מיר עטוואס קלארער געווארן, האב איך אנגעהויבען צו טראכטען איבער מיין צושטאנד, אבער איך האב אויף קיין פאל ניט געקאנט דערגעהן, וואס מיר איז געשעהן.

„ענטוועדער דאס איז אהנמאכט, אדער משוגעת, אדער גסיסה פאר דעם טוידט" — האב איך מיר געטראכט, און אויפגעמאכט די אויגען. און איבער מיר, אין דער לופטען, האט דער אלטער גאלדהאבער, ראזאליעס מאנן, געשוועבט, מיט א פריינדליכע ערנסטע מינע. דאך האבען מיך די שטראהלען און דער גלאנץ פון זיין פנים געבלענדט, איך האב באלד די אויגען ווידער צוגעמאכט, און ווייטער אין חלום געלעגען. איך האב מיט קיין גליעד ניט געקאנט ריהרען.

„וואס איז מיר, אדער וואס ווערט אוים מיר"? האב איך געטראכט. דענן עס האט זיך מיר געדאכט, איך האב א געטומעל פון שטאדט און דארפער געהערט פארביילויפען נעבען מיר. באלד א געשרייען פון בעוועגטע וואלדער, באלד א גערויש פון חוואליעס

און א קלאפעריי פון אונטערגעהענדע ים-שיפען, באלד א בלעקעריי פון סטאדעס שאף און געזאנגען פון פאסטוכער.

„וואס מאכט זיך דא מיט מיר? ווי קום איך אהער?" האב איך אין דער שטיל מיט גרויס ציטערניש געפרעגט.

איבער מיר איז נאך אלץ געהאנגען דאס געשטאלט פון דעם אלטען, און זיינע אויגען האבען מיך מיט רחמנות אנגעקוקט.

— איך רעטע דיך! האט ער צו מיר מיט א גאנץ שטילען קול געזאגט. האב קיין מורא ניט מעהר, דו האסט דיין לעבען און דיין טוידט געזעהן. אונגלויבער, שטארק דיך, ווער א מענש א גבור, נאך א צווייטען מאל וועל איך דיך מעהר ניט רעטטען.

נאך דעם איז ווידער העלער געווארן פאר מיינע אויגען, און מיר איז געוועזען, אזוי ווי איך וואלט עפים געהאט אין א קעלערלאך געלעגען, אין וועלכער דאס ליכט פון דעם טאג שיינט דורך ענגע שפאלטען הערייז. אבער דער אלטער איז נאך אללעס ווי פאר מיינע אויגען געשטאנען.

— איצט ביסט דו געראטעט, און איך האב דיינע בקשות מקיים געוועזען, האט ער צו מיר ווידער געזאגט.

— אבער וואו איז מיין פראניא? וואו זענען מיינע קינדער?

— זיי זענען דא גאנץ נאהנט ביי דיר.

— און מיינע זינד מעק אויף אייביג אויס, ווענן דו ביסט אומשטאנד.

— איך וועל זיי אויסמעקען, זיי וועללען דיך שוין קיין מאל ניט מעהר מצער זיין, האט דער אלטער געענטווערט.

ווי ער האט דאס געזאגט, איז ער גלייך פערשוואונדען געווארן, איבער מיר האט זיך עפים ווי א תהוי אויסגעשפרייט. איך האב זיך אומגעקוקט, און פון דעם אללעס גאר ניט געקאנט בעגרייפען. אבער מיר איז אונבעשרייבליך וואוהל געוועזען. איך האב הימלישע תענוגים געפיהלט.

פלוצלונג זענען מיינע ליפען דורך אנדערע ליפען אנגעריהרט געווארן. איך האב א ווארעמען קוש געפיהלט.

XI.

דער קוש האט מיין נשמה אויס יענע וועלט ווידער אין דער וועלט געבראכט. איך האב געגלויבט, דאס די אויגען זענען מיר אפען, אבער איך בין גלייך איבערצייגט געווארן דאס זיי זענען צוגעשלאסען געוועזען; דענן איך האב שטילע טריט געהערט ארום מיר רוישען, און קיינעם דאך ניט געזעהן.

דא איז אין מיין מויל איין נייער ווארימער אטהעם אריינגעהויכט געווארן, און צוויי ווייכע ליפען האבען נאך איינמאל מיינע ליפען בעריהרט. אין מיינע גליעדער

האט דאס געפיהל פון דעם לעבען ווידער אריינגעטרעטען. מיינע אויערן האבען געהערט קליינע קינדער גאנץ שטיל צווישען זיך רעדען. דער אמת האט אנגעהויבען צו פעריאגען דעם שקר פון דעם חלום, ביז מיינע געדאנקען זענען העלל געווארן, און איך בין צום קלארען פערשטאנד געקומען.

איך האב געפיהלט מיין געלעגער איז הארט, עס איז מיר אויסגעקומען, אזוי ווי איך ליעג עפים אויף דער באנק אין מיין גארטען. איך האב די אויגען אויפגעמאכט, און פראניא איז איבער מיר געהאנגען, מיט איהרע קושען האט זי מיך אויפגעוועקט. אונזערע יונגע קינדער האבען מיט גרויס שמחה געפאטשט אין די הענדלעך דערזעהענדיג מיין ערוואכען פון שלאף, און באלד ארויפגעקלעטערט איבער מיר אויף דער באנק, און מיט איין קול געשריען: „פאפא, גוטען מארגען, פאפא!" — און מיין ווייבעלע האט זיך פעסט אן מיר אנגעהאנגען, און מיט אויגען פול טרערן פון נחת, האט זי מיר דאך פארווירפע געמאכט, וואס איך בין די גאנצע קאלטע נאכט אין דעם גארטען געשלאפען, און קיין מענש האט דערפון ניט געוואוסט, ביז מיין דיענער איז פאר איין פערטיל שעה מיט דעם קאסטען פון דער פאסט אהיים געקומען, און האט די בשורה אנגעזאגט.

אבער דער שווערער שרעקליכער חלום איז נאך אין גאנצען פאר מיינע אויגען געשטאנען, דאס איך בין א לאנגע צייט געלעגען, און האב מיך ניט געוואגט די אויגען און די אויערן צו גלויבען. איך האב מיין ווייב מיינע קינדער געהערט צו מיר רעדען, איך האב נאך געזעהן ליעגען אויף דער ערד דא און דארט, די שטעקענפערדלעך, די בייטשלעך, און די טראמפעטלעך, נאך געזעהן ליעגען פראניא'ס שמריקקארב אויף דעם טיש — אללעס ווי איך האב עס נאכטען געפונען, בעת איך האב דא מיין נאכטלאגער אויסגעקליבען; און פון דעסטוועגען האב איך געגלויבט, איך ליעג אין פעלד אין דער וויסטעניש.

נור קוים ערשט ווען איך האב מיך בעטאפט און געזעהן דאס דער טייסטער ליעגט אין מיין בוזעם קעשענע, און אויף מיין ראק איז קיין צייכען פון בלוט ניט דא, בין איך פון טעות ארויס, און מיין ווייב געפרעגט:

— האט פערדינאנד די גאנצע נאכט אויף דעם פאסטהויז געשלאפען?

— געוויס, דו וואונדערליכער! האט פראניא געענטווערט. לויט ווי ער האט דערצאהלט, האסט דו זעלבסט איהם געהייסען אזוי צו טהון.

אבער פארוואס ביסט דו דא אין דעם גארטען אויף דער הארטער באנק איבער נאכט געבליבען? פאר וואס האסט דו אונז ניט פון די בעטען ארויסגעטריבען? ווי גערן וואלטען מיר אויפגעשטאנען דיך צו אויפנעהמען!

— און נור ערשט ניט לאנג איז ער פון דער פאסט אהיים געקומען? און ווייס גאר פון קיין אונגליק צו זאגען? האב איך, נאך צומישט, געפרעגט.

— וואס רעדסט דו, מיין ליעבער! איז ביי דיר די פאסט פאר א געפאהרליך הויז פאררעכענט?

– און אִיהר הָאט אַלְזָא אַלֶּע שְׁטִיל און רוּהִיג דִי נַאכְט גֶעשְׁלָאפֶען ? הָאב אִיךְ ווייטער גֶעפְרֶאגְט .

– נָאךְ צוּ גוּט ! הָאט פְרַאנְיַא גֶעזָאגְט . וָואלְטֶען מִיר גֶעקָאנְט טְרֶעפֶען אַז דוּ לִיעגְסְט דָא גָאר אִין דֶעם גָארְטֶען , וָואלְט פוּן דֶעם שְׁלָאף גָאר נִיט גֶעוָוארֶן .

– און טַאקִי גָאר נִיט גֶעהֶערְט , נִיט שְׁרַייֶען אִין דִי גַאסֶען , און נִיט קְלִינְגֶען דִי גְלָאקֶען ? הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַלְץ גֶעפְרֶאגְט .

– פַאר וָואס פְרֶעגְסְט דוּ עֶפִּים אַזָאלְכֶע ווִילְדֶע שַׁאֲלוֹת ? הָאט פְרַאנְיַא אוּנְרוּהִיג גֶעזָאגְט . מִן הַסְתָּם הָאט זִיךְ דִיר עֶטְוָואס פוּן אַ שְׂרֵיפָה גֶעחָלוֹם'ט .

– יָא , מַיין לִיעבֶּע פְרוֹי . אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער חָלוֹם הָאט זִיךְ מִיר דִי נַאכְט גֶעחָלוֹם'ט , אָבֶּער גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאטט דָאס אִיךְ בִּין אוֹיף און שְׁלָאף שׁוֹין נִיט מֶעהר !

אִיךְ הָאבּ מִיר גְלַייךְ דִי אוֹיגֶען גוּט אוֹיסגֶעריעבֶּען , און פְרֶעהלִיךְ גֶעלַאכְט , דָאס מַיינֶע אַלֶע פֶערְבְּרֶעכוּנְגֶען זֶענֶען נוּר אַ חָלוֹם גֶעוֶועזֶען ; דָאס נִיט דִי פֶּאסְט און נִיט דִי שְׁטָאדט הָאט גֶעבְּרֶענְט , דָאס נִיט דֶער רוֹיטהָאק פוּן פְּרַאג , און נִיט דִי לַאנְג פֶערגֶעסֶענֶע רָאזַאלְיֶע , הָאבֶּען מִיךְ בֶּעזוּכְט . אִיךְ הָאבּ דִי קִינְדֶער אוֹיף מַיין שׁוֹים אַרוֹיפגֶענוּמֶען און גֶעפִיהלְט דָאס גְלִיק פוּן דֶעם רֵיינֶעם הַארְצֶען און לֶעבֶּענְדִיגֶער אַלְס שְׁטֶאנְדִיג אַ יוּנְגֶע וֶועלְט הָאט אַרוּם מִיר גֶעבְּלִיהט ; מֶעהר אַלְס אַיינְמָאל אִיז זִי מִיר צְווֵייפֶעלְהַאפְט גֶעוָוארֶן , ווִי אַ נַייֶער חָלוֹם . אִיךְ הָאבּ אָפְט אַרוֹיסגֶעקוּקְט אוֹיף דִי פְרַיינְדְלִיכֶע דָאכֶער פוּן דֶעם שְׁטֶאדט'ל , כְּדֵי זִיךְ צוּ אִיבֶּערצַייגֶען , דָאס אִיךְ הָאבּ קֵיין בְּרֶענֶענְדִיגֶע לִיכְט אִין דֶעם בַּארְג שְׁטְרוֹי נִיט גֶעוָוארְפֶען .

אַזוֹי לַאנְג ווִי אִיךְ לֶעבּ אוֹיף דֶער וֶועלְט , הָאט זִיךְ מִיר נִיט גֶעחָלוֹם'ט אַזַא קְלָאהרֶער , שְׁרֶעקְלִיכֶער חָלוֹם , וָואס אִיז גַאנְץ נַאטִירְלִיךְ , און קָאן בֶּאֱמֶת אִין דֶעם מֶענְשֶׁען'ס לֶעבֶּען פָארקוּמֶען , נוּר צוּם סוֹף , ווָאוּ עֶר הָאט זִיךְ מִיט דֶעם אוֹיפוַואכֶען צוּזַאמֶענְגֶעקְנִיפְּט , אִיז עֶר גֶעוָוארֶן פַאנְטַאסְטִישֶׁער .

מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און גְדוּלָה זֶענֶען מִיר דוּרְךְ דֶעם שֶׁאנֶעם גָארְטֶען אִין מַיין הוֹיז אַריינגֶעגַאנְגֶען , ווָאוּ דִי גַאנְצֶע גֶעזִינְד הָאט מִיךְ פְרַיינְדְלִיךְ מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶועזֶען . נָאךְ דֶעם ווִי אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַרוּמגֶעוַואשֶׁען און אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער אָנגֶעטהוּן , בִּין אִיךְ אַרַיין אִין פְרַאנְיַא'ס צִימֶער פְרִישְׁטִיקֶען און אַלֵיין בֶּעלָאדֶען מִיט אַלֶערְלַיי שְׁפִּיעלְצַייג פַאר מַיינֶע צְווֵיי יוּנְגְלֶעךְ . דָא אִיז דִי יוּנְגֶע מוּטְטֶער גֶעבֶּען דִי קִינְדֶער גֶעזֶעסֶען , וֶועלְכֶע זֶענֶען כִּמְעַט אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוָוארֶן , פַאר פְרֵייד , אַלְס זֵיי הָאבֶּען מִיךְ ווִיעדֶער דֶערזֶעהֶן , און דֶערצוּ נָאךְ מִיט דִי שֶׁאנֶע מַתָּנוֹת אוֹיךְ . יֶעדֶער נַייֶער בְּלִיק פוּן דִי לִיעבֶּע נְפָשׁוֹת , הָאט מִיר פֶערשַׁאפְט נַייֶע פֶערגֶענִיגֶען , שְׁווַייגֶענְדִיג בִּין אִיךְ גֶעבֶּען מַיין פְרַאנְיַא צוּגֶעגַאנְגֶען . מִיט טְרֶאהרֶען פוּן נַחַת אִין דִי אוֹיגֶען , הָאבּ אִיךְ אִיהר דֶערלַאנְגְט דִיא מַתָּנָה , וֶועלְכֶעס אִיךְ הָאבּ פַאר אִיהר אִין פְּרַאג גֶעקוֹיפְט , און צוּ אִיהר גֶעזָאגְט : „פְרַאנְיַא , הַיינְט אִיז דַיין גֶעבּוּרטְסְטָאג" ;

– יָא , מַיין קְרוֹין ! הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט , נָאךְ קֵיין מָאל אִין מַיין לֶעבֶּענְסְטָאג הָאבּ אִיךְ אִיהם נִיט שֶׁאנֶער גֶעיוֹם-טוֹב'ט , אַלְס אִיצְטִיגֶען מָאל ! אִיךְ זֶעה דִיךְ , גָאטט צוּ

דַאנְקֶען , גֶעזוּנְד ווִיעדֶער , אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַלֶע דַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד און מַיינֶע חַבֵרוֹת פַארבֶּעטֶען , כְּדֵי דֶעם טָאג פוּן דַיין צוּרִיק אַ הֵיים קוּמֶען , בֶּאֱמֶת פְרֶעהלִיךְ צוּ פַארבְּרֶענְגֶען .

וָואס זָאגְסְט דוּ דֶערצוּ מַיין לִיעבֶּער ? זִיךְ גְלוֹיבּ , דוּ וֶועסְט זַיין הֶערְפוּן צוּפְרִיעדֶען , אַ יָא ? אִיצְט זֶעטְץ זִיךְ נֶעבֶּען אוּנְז און דֶערְצֶעהל מִיר כְּסֵדֶר , פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין , ווִי עֶס אִיז דִיר גֶעגַאנְגֶען ?

אָבֶּער דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער חָלוֹם אִיז נָאךְ צוּ נָאהנְט פַאר מִיר גֶעשְׁטַאנֶען , אִיךְ הָאבּ גֶעהָאפְט צוּם בֶּעסְטֶען זַיינֶער פָּטוּר צוּ וֶוערֶן , וֶוענְן אִיךְ וֶועל אִיהם דֶערְצֶעהלֶען . פְרַאנְיַא הָאט פוּן דֶעם אָנהוֹיבּ בִּיז צוּם סוֹף אוֹיסגֶעהֶערְט , און הָאט זִיךְ אַבִּיסֶל טְרוֹירִיג פַארטְרַאכְט .

– הֶעלֶעבֶּען . הָאט זִי עֶנְדְלִיךְ מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער'ל גֶעזָאגְט , מֶען דַארְף גְלוֹיבֶּען אִין חֲלוֹמוֹת , און זֵיי נִיט הַאלְטֶען פַאר גְרִינְג . אַזַא קְלָאהרֶען חָלוֹם מִיט אַזוֹי פִיעל מֶעגְלִיכֶע סִבּוֹת , הֶער אִיךְ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין מַיין לֶעבֶּען . וֶוער פְרִימֶער , דוּ צַדִיק'ל , דֶען גֶעווִיס הָאט דַיין מַלְאָךְ מִיט דִיר גֶערֶעדט ; שְׁרַייבּ דַיין חָלוֹם אוֹיף , אַזַא חָלוֹם אִיז מֶערְקְווִירְדִיגֶער אַלְס אַיינִיגֶע לֶעבֶּענְסגֶעשִׁיכְטֶעם . פִיעל חֲלוֹמוֹת בֶּעדַייטֶען אֲפִילוּ גָאר נִיט פָארוֹיס , אָבֶּער זֵיי בֶּעדַייטֶען טְהֵיילְמָאל אוּנְז זֶעלְבְּסְט , זֵיי זֶענֶען אָפְטְמָאל דִי קְלָארְסְטֶע שְׁפִּיעגְלֶען , אִין וֶועלְכֶע מִיר זֶעהֶען דִי פְלֶעקֶען פוּן אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת !"

XII.

אֱמֶת אֲפִילוּ נִיט אַיין אוּנְנַאטִירְלִיכֶער , אָבֶּער דָאךְ אַ מֶערְקְווִירְדִיגֶער צוּפַאל , הָאט אִין דֶעם אַיינֶענֶעם טָאג דִי אִינְטֶערֶעסֶע פוּן מַיין חָלוֹם פֶערְגְרֶעסֶערְט .

מַיין פְרַאנְיַא הָאט מַיינֶע פְרַיינְד און אִיהרֶע חַבֵרוֹת פוּן דֶעם שְׁטֶעדט'ל צוּ אַ קְלֵיינֶעם פַאמִילְיֶענְבַּאל פַארבֶּעטֶען . דָאס וֶועטֶער אִין דְרוֹיסֶען אִיז זֶעהר גוּט גֶעוֶועזֶען , אַזוֹי אַז מִיר הָאבֶּען מִיטָאג גֶעגֶעסֶען אִין דֶעם גְרוֹיסֶען זַאאל פוּן דֶעם גָארְטֶען . אוּנְטֶער דִי אַיינגֶעלַאדֶענֶע גֶעסְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען דִי קִינְדֶער פוּן מַיין בְּרוּדֶער , וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ אִין חָלוֹם אִיבֶּערגֶעפָאהרֶען . דִי גַאנְצֶע גֶעזֶעלְשַׁאפְט אִיז גֶעוֶועזֶען פְרֶעהלִיךְ , יֶעדֶער הָאט גֶערֶעדט , גֶעלַאכְט , גֶעוָוארְטֶעלְט זִיךְ , נוּר אִיךְ אַלֵיין הָאבּ וֶוענִיג גֶערֶעדט , דֶענְן דֶער חָלוֹם אִיז מִיר נָאךְ אַלְץ אוֹיף דִי גֶעדַאנְקֶען גֶעקְרָאכֶען , און דֶער אֱמֶת אִיז נִיט אוּמשְׁטַאנְד גֶעוֶועזֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן אִיהם אוֹיסצוּרַייסֶען מִיט דֶעם וָוארְצֶעל פוּן מַיין זִכָּרוֹן .

אִיךְ הָאבּ פוּן דֶער ווַייטֶען אַנְטְקֶעגֶען מִיר גֶעזֶעהן דָאס אָרְט ווָאוּ דֶער רוֹיטהָאק אִיז דִי נַאכְט גֶעשְׁטַאנֶען ; אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערמַאהנְט אִין אִיהם און אִין זַיין טְהַייֶערְן אוֹיסגֶעצֵייכֶענְטֶען מוּסָר , ווָאס עֶר הָאט גֶעזָאגְט , דָאס אִיךְ זָאל עֶהרְלִיךְ הַאנְדְלֶען , און גוּטֶס אוֹיף דֶער וֶועלְט טהוּן , נִיט דֶערִיבֶּער ווַייל דֶער אוֹיסגֶעלֶעהרֶענְטֶער שֵׂכֶל הֵייסְט

עס, נור אלס בעפעהל פון גאטט. איך האב מיר זיינע ווארטער איבערלעגט, אונ איינגעזעהן, דאס עס איז גוט חכמה מיט אמונה צוזאממען.

ווי איך בין ביים טיש געזעסען אונ וועגען דעם געטראכט, איז מיין בעדינער אריינגעקוממען, אונ האט מיר געמעלדען, דאס איין פרעמדער העררר וויל מיט מיר רעדען, זיין בארן מאנטייוועל פון דראסטאוו. — פראניא האט געזעהן, דאס איך האב מיך דערשראקען.

— איצט האסט דו ניט וואס מורא צו האבען פאר דעם אשמדאי, האט זי לאכענדיג געזאגט, דו וועסט שוין ניט מעהר צו יענע שאנדליכע זאך קוממען, וואבאלד איך בין געבען דיר דא!

איך בין גלייך ארויסגעגאנגען פון אונטערן טיש דעם גאסט אויפנעהמען. אבער ווי דערשטוינט בין איך געבליעבען, אלס איך האב דערזעהן דעם רויטהגעקליידעטען פון דראסמעצען אויף דערזעלבער באנק, וואו איך בין געשלאפען. ער האט זיך אויסגעשטעלט אונ מיך בעגריסט ווי איין אלטען בעקאנטען אונ געזאגט:

— איהר זעהט איך האלט ווארט. איך מוז איצט אייער ליעבענסווירדיגע פראניא זעהן, וועלכע איך האב צופעליגער ווייזע קענען געלערנט דורך איהרע בריעף צו אייער וועלכע זענען געלעגען אין אייער טייסטער. ווערט נור ניט אייפערזיכטיג, אונ מיינט ניט - האט ער ווייטער געזאגט וויזענדיג מיט דער האנד אין דעם גארטען — מיינט ניט, דאס נור איך אליין בין צו אייך געקוממען, זעהט איך האב אייך נאך א פאאר געסט מיטגעבראכט, מיין ברודער אונ זיין פרוי, דאס הייסט מיין שוואגערן, וועלכע איהר קאנט שוין פון לאנג זעהר גוט. מיר האבען זיך פלוצים אין דרעזדען צוזאממען-געטראפען, אונ מאכען איצט די רייזע אין קאמפאניע.

איך האב איהם געזאגט, דאס עס טהוט מיר הנאה אונ האב גרויס פערגניגען דערפון. אינדעם איז א דיקער שטארקער העררר אריינגעקוממען פון גארטען אין דעם קאבינעט, וואו מיר האבען געשפראכען; געבען איהם א פרויענצימער אין רייזעקליידער. שטעלט אייך אללע פאר מיין שרעק! — דאס איז ראזאליא געוועזען. דאס אלטען גאלדהאבער'ס פרוי. דאס גאנצע בלוט איז מיר אין פנים אריין, אונ מיין צונג האט מיין ווארט ניט געקאנט ארויסרעדען. ראזאליא איז פיעל יינגער צומישט געוועזען. אלס איך, חאטש זי איז אין אנהויב אויך גענוג פערשאמט געוועזען. איך האב מיינע געסט, נאך די ערשטע קאמפלימענטען, אין דעם זאאל אריינגעפיהרט, ווא אללע איינגעלאדענע זענען געזעסען, אונ האב פאר זיי מיין פראניא פארגעשטעלט. דער רויטהער העררר האט זי זעהר געחנפ'ט.

— איך האב אייך שוין אין פראג פערגאטטערט, האט ער צו איהר געזאגט, בעת זיך בין, אהן אייער מאנ'ס וויסען, אללע קליינע סודות דערגאנגען, וועלכע איהר האט איהם געשריעבען.

— איך וויים אללעס! האט פראניא געאנטווערט, עס מאכט ניט אויס, איהר האט פאר די קליינע סודות גאנץ עהרליך בעצאהלט. צוויי טויזענד מהאלער, גלויב

איך, איז ניט ווענינג געלד. איהר זענט אבער ביי דעם אללעם א שלעכטער מענש, דענן איהר האט מיין יאקאב'ן א אונרוהיגע נאכט געמאכט.

— דערמיט הייסט מען נאך ניט שלעכט, פראניא, האב איך געזאגט, אונ פארגעשטעלט פאר איהר צום ערשטען דעם אשמדאי, אונ נאכהער ראזאליען מיט איהר מאנן.

ווייבער בלייבען ניט לאנג אין פערלעגענהייט. פראניא האט באלד ארומגענוממען ראזאליען, האט זי געהאלזט, געקושט, ווי א לייבליכע שוועסטער.

— איהר, מיינע הערען, נעהמט אייך גיטינקסט פלאמץ דארט, אונ אייך, ראזאליע, מוז איך געבען מיר זעטצען, אזו ווייט ווי עס נור מעגליך פון מיין מאנן, האט זי מיט א געלעכטער'ל געזאגט, קוקענדיג אויף מיר.

פראניא אונ ראזאליא, חאטש זיי האבען זיך ביידע אין זייער גאנץ לעבען [illegible] געזעהן, זענען דאך באלד ווי צוויי איינענע שוועסטער געווארן, זיי האבען פיעל שפאס געהאט צום רעדען צווישען זיך, אונ עס איז ביי זיי א שמחה געוועזען פון מיר דוקא צו מאכען.

שפעטער האב איך די נייע געסט ערקלערט, דאס היינט איז מיין ווייב'ס געבורטסטאג אונ געבעטען, זיי זאלען אין דער שמחה אנטהייל נעהמען, אונ אזו גוט זיין מיט אונז מיטטאגען. זיי האבען מיין בקשה אנגענוממען. דער נאך האב איך זיי אין דעם גארטען געפיהרט. אויף דעם שפאציערגאנג האב איך ראזאליען אן א זייט אבגערופען אונ זי געפרעגט, ווי איהר געהט עס? האט זי מיר געזאגט, דאס זי איז זעהר גליקליך, זי ליעבט איהר מאנן מיט איהר גאנץ לעבען, וועגען זיין עדעלען כאראקטער אונ גוטהערציגקייט. פון איהר שוואגער, פון דעם רויטהגעקליידעטען, האט זי מיר גאר זעלטענעם דערצעהלט, דאס הייסט, אז עס איז זעלטען צו געפינען, נאך אזא געבילדעטער אונ אזא פיינען מאנן ווי ער איז. זי האט פון איהם מיט בעגייסטערונג גערעדט אונ געזאגט, אז זיא האט פאר איהם דרך ארץ, ווי א קליין קינד פאר זיין פאטער. אין די יונגע יאהרען איז ער א לאנגע צייט געוועזען אויף רייזען, אלס געזאנדטער פון קאניגליכע הויפע; וועגען פאליטישע זאכען, אונ איצט לעבט ער איין פהילאזאפישעס לעבען אויף א קליינעם גוט, נאהנט ביי די גיטער פון איהר מאנן. חוץ אללעם, איז ניט צו בעשרייבען זיינע צדקות אונ גמלות חסדים וואס ער טהוט. איך האב מיר דערפון א נוטץ ארויסגענוממען, דאס מען דארף ניט צופיעל געטרויען דער פהיזיאגנאמיע (חכמת הפרצוף).

נאך דעם בין איך צום רויטהגעקליידעטען חכם צוגעגאנגען, אונ צו איהם געזאגט:

— פאר וואס האט איהר מיך דענן אין פראג איינינגע מאל געפרעגט: „נו איצט קענט איהר מיך שוין, אונ ווייסט וואס איך וויל פון אייך?" — אייערע פערשטעלטע ווארטער האבען אין פראג אויף מיר א גרויסען איינדרוק געמאכט, אונ אויף זיי האט זיך נאכהער דער פונדאמענט פון מיין שרעקליכען חלום געבוים.

— אבער מיין גאטט! האט ער מיר געענטווערט; בעת איך האב אייך דעם טייסטער געבראכט, בין איך אין דער מיינונג געוועזען, אייך באלד צו זאגען וועגען וואס איך בין געקומען, אייך באלד צוריקצוגעבען, דאס איך בין דער געפינער, ווען איהר וואלט נור צו מיר צוטרויען געהאט, ווען איהר וואלט נור איינינגע סימנים פון אייער שאדען געזאגט; אבער איהר האט נור געזוכט ווי צום גיכסטען פון מיר פטור צו ווערן, אזוי ווי איך וואלט עפים א גנב געוועזען. און דאך ווי איך האב געזעהן אין אייך, אז איהר זענט זעהר אונרוהיג, איז ביי מיר שוין קיין ספק ניט מעהר געוועזען, דאס איך האב פאר מיר דעם ריכטיגען מאנן, וואס האט זיין טייסטער פארלארען!

איצט האב איך איהם מיין גאנצען חלום דערצאהלט.

— דאס איז איין מערקווירדיגער, זעלטענער חלום! האט ער מיט גרויס פער־וואונדערונג געזאגט; דער חלום פערדיענט צו זיין איין קאפיטעל אין דער מאראלישער פהילאזאפיע און פסיכאלאגיע (תורת הנפש). און אויב איהר, מיין העהר, וועט איהם ניט איי א בוך איינשרייבען, דאן וועל איך שרייבען און וועל אייך די זאך געדרוקט צושיקען — אין איהם זענען „אונדערבארע גאלדענע לעהרען פערהאנדען, וועלכע זענען ניטצליכער און טהייערער, אלס טהייל מוסר־ספרים. מען מוז עס דורכאויס לאזען דרוקען. מיר ווייסען, דאס עס גיעבט היינטיגע צייטען פיעל מענשען אויף דער וועלט, וועלכע זענען כיבזה, וועלכע פעראכטען זייער אלטע גרייזגראהע מוטטער — די אמונה —; וועלכע שאמצען און גיעבען אב כבוד דער בילדונג אליין, און הערען נור וואס זייער אייגענער שכל הייסט זיי; זאלען זיי עס לעזען און זעהן, דאס בילדונג אהן אמונה, איז ווי ליכטיג־קייט אהן אויגען:

מיר האבען דעם טאג גאנץ גוט פערבראכט; איך האב מיך מיט דעם געביל־דעטען מאנטיוועל אונטערהאלטען, און פראנניא האט ווידער מיט ראזאליען פארבראכט גוט די צייט.

דעם זעלבען אבענד האבען זיך די ליעבע געסט מיט אללע אבגעזעגנט, און מיר האבען זיי ביז צו דער פאסט בעגלייט.

— דא זאל אבשיער געגומען ווערן, און קיין טריט ווייטער זאלסט דו ניט בע־לייטען ראזאליען! האט פראנניא צו מיר געזאגט, אלס מיר זענען פאר דער טהיר פון דעם פאסטהויז געשטאנען, ווייל דיין חלום גיעבט מיר אויך א גוטע לעהרע. קענסט דו מיך איצט, מיין מאנן, און ווייסט וואס דיין פראנניא וויל פון דיר?

פאפירליך.

א ראמאן פון דער יעהופעצער בערזע אין בריוליך

פון

שלום עליכם.

I.

בעוה"ש יום יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק יעהופעץ.

לכבוד זוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שיינדיל שתחי'.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאל העלפען מען זאל תמיד הארכען איינס פונ'ם אנדערען, נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות—אמן. והשנית זאלסטו וויסען אז איך בין נאך לעת עתה א היגער. איין גאטט איז יודע דעם אמת, ווי ווייט עס האט מיך געצויגען אהיים אויף יום־טוב, נאר א מענש טראכט און גאטט לאכט, מען זעהט ארויס בעשיינפערליך, אז ס'איז אפנים באשערט איך זאל פארט בלייבען א היגער אויף שטענדיג. געגומען האט זיך דאס דערפון וואס איך בין נישט פאר קיין יודען געדאכט נאך דעם שאנעם מסחר פון יקנה"ז געבליבען ווי מען זאגט, אויפ'ן וואססער, און דא איז אונטערגעשפרונגען פכח, אזא יום טוב, נישטא וואו דעם קאפ אנידערצולייגען, חאטש געה נעם לייג זיך און שטארב! וועסט דו דאך מסתמא וואללען פרעגען: היתכן? אזא שטאדט ווי יעהופעץ קיין עין הרע זאל לאזען א יודען פאלען אין מיטען גאס? זאלסט דו גאר קיין יסורים ניט האבען — ס'איז דא א קאמיטעט, וואס גיט אכטונג, — פארט יודען רחמנים. בני רחמנים. אמת ביז מען דערשלאגט זיך צום קאמיטעט קומט אן בקריעת ים־סוף, מען בעדארף לויפען ברענגען א צעטיל פון א „טשלען", און דער „טשלען" הייסט זיך ברענגען א צעטיל פון א בעקאנטען, און ערשט נאכדעם מאכט מען א „זאסעדאניע" — בקצור מען ווערט פערשווארצט, וואס זאלסט דו קלעהרען? נאר גאר ניט, ס'איז גם זו לטובה, א יוד איז מחויב אלסדינג אננעמען פאר גוט? א סימן האסט דו, אט האב איך מיך געשלאגען — געשלאגען און פארט צוגעשלאגען צו א שטיקעל תכלית, היינו: איך האב היינט ברוך השם א לייטיש געשעפט אין האנד, א קאראנטנע געשעפט, נישט קיין ווינד, קיין לופט, קיין יקנה"ז — פע! איך האנדעל היינט מיט פאפירליך. פאפירליך האנדעל איך. פאפירליך — דאס איז פער־

שטעהסט דו מיך אנא מין געשעפט, וואס דו קאנסט זיך פון דעם „אפוויקלען" ווען דו ווילסט; און אז גאט העלפט עס קומט אן פון פייטערבארג א רעכטער קורז, כאפסט דו פון אויבען און אנטלויפסט. היינט האט דאס פאפירגעשעפט נאך א מעלה: ביזט ניט געבונדען מיט דער יעהופעצער בערזע ביזט דו ניט, און געהערסט זיך כלל ניט אן מיט קיין פייטער און מיט קיין גרייגער, מיט קיין רוח און מיט קיין שלים מזל; ביזט זיך א מענש פאר זיך און א גלייכער מיוחס מיט חינקיסען; חינקיס געהט קיין פייטערבארג קויפען, געהסט דו אויך קיין פייטערבארג קויפען; חינקיס געהט קיין פייטערבארג פארקויפען געהסט דו אויך קיין פייטערבארג פארקויפען, – מיט איינעם ווארט ביזט זיך אויף דיינע פאפירליך א בעל הבית און קיינער קאן דיר קיין דעה ניט זאגען, וואס דו ווילסט טהוסט דו מיט זיי...

איך דאנק דיר פיעל מאל פאר די עטליכע רובל, וואס דו האסט מיר ארויסגעשיקט. איך וועל דיר זאגען דעם רעכטען אמת: לכתחלה האב איך טאקי אין זינען געהאט פאהרען אהיים ווי א יוד איך בין, נור אז איך האב מיך ארויסגעכאפט אויף א מינוט אויף דער בערזע און האב דערזעהן אזא כרען אויף פאפירליך, ס'איז א „האס" – מען רייסט פון די הענד, רייסט מען, האט מיך אנגענומען א יצר-הרע און האב „געמאכט א פרעמיע" און ס'איז מיר ברוך השם געראטהען, כ'האב געחאפט פון אויבען, בין איך מיר באלד אוועק דורך א קאנטאר קיין פייטערבארג, האב מיך „איינגעזשירט" מיט פאפירליך, אביסל דאס, אביסל יענץ – א שיינעם „פארטעפעל"ז נאר מחמת איך האב קיין צייט ניט מאך איך דאס בקצור, אי"ה אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות, לעת עתה לאז גאט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס שוועהר און שוויגער און אלעמען בעזונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי. –

אז דו וועסט מיר שרייבען זאלסט דו מיר שרייבען אויף מיין נאמען קיין בויבעריק, מחמת אין יעהופעץ טאר איך נאך ניט זיין... דרעה איך מיך ארום דעם גאנצען טאג אויף „חרעשטשאטעק" און קומט ביינאכט, כאפ איך מיך אראפ קיין בויבעריק; דארט זיצט די גאנצע חברה „שפעגולאנטען" אויף די דאטשעס און מען שפילט א גאנצע נאכט אין קארטען (זכרים מיט נקבות אינאיינעם – אזוי איז דא דער מנהג...) און גאנץ פריה לויפען אללע קיין יעהופעץ און איך אויך בתוכם.

הנ"ל.

II.

בעזה"ש יום יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק מאזעפעווקא.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אללע גאט צודאנק אין בעסטע

געזונד, געב גאט דאס געמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, דו זאלסט אזוי כח האבען צולעבען, רבונו של עולם, ווי איך האב כח צושרייבען דיר א בריוויל, אז קאם קאם וואס איך פלאנטע מיט די פיס; ס'איז גאר א סברא, אז איך וועל דארפען א „רעפעראציע", אזו זאגט דער נייער דאקטאר, געזאגט זאל איהם ווערען צרות מיט פרעה'ס שלעק! ער מיינט ער וועט ביי מיר צאפען בלוט, אזוי ווי ביי לאה דער מומע קרענים, – איהר צוגעזאגט קינדער און צום סוף ווער וואס וועמען? א נאכטיגער טאג! דאנקען גאט חאטש דערפאר, וואס איך דארף צו איהם ניט אנקומען דערמיט... הלוואי וואלט איך שוין אזא דאגה געהאט מיט אלדעם גוטס און מיט דיר און מיט אללע דיינע גילדענע מסחרים דארטען אין יעהופעץ, איינגעזונקען זאל דאס ווערען מיט דיר אינאיינעם, איך זאל מיך אויפהערען צו שווארצען דאס פנים, אז וואו איך געה און וואו איך שטעה הער איך נאר יקנה"ז און יקנה"ז. עפיס א ביכעל זאגט מען, צו אלידעל האט מען אויף דיר געמאכט אזעלכעס, וואס עס הייסט יקנה"ז. מסחרים! געשעפטען! איך האב אלץ געמיינט, אז דאס שיינע יקנה"ז האט שוין יא איינגענומען א מיתה משונה, וועל איך אויך אויפגערעכט ווערען, און ער וועט קומען אהיים חאטש מיט'ן לעבען, דער זיסער ברויטגעבער מיינער, דער גאלדשפינער; איך שיק איהם ארויס אויף הוצאות און זאג איהם אן צוואנציג מאל למעה"ש קום אהיים! – וואס לאזט זיך אויס דער סוף? א נייער חלום, א וויסטער א פינסטערער אויף זיין קאפ – פאפירליך! נא דיר אזא משא מתן! יודען זאללען גאר האנדלען דער שווארץ יאהר ווייסט מיט וואס, מיט שטיקליך פאפיר, אשר יצר'ליך!... איך לייען דיין בריוויל, בעלי היקר, און קלעהר מיר בשעת מעשה: ליבער פאטער הארציגער געטרייער! צו דו ביזט משוגע צו איך בין חלילה ניט ביי אללע געדאנקען? עפיס רעדסט דו מיט מיר טערקיש לשון: אביסל דאס... אביסל יענץ... פאפירליך... פייטערבארג... חרעשטשאטעק... פארטעפעל... עפיס א קליפה א ניט גוטער האט זיך אין איהם אריינגעכאפט, צו דער רוח ווייסט די נשמה זיינע, אז ביי טאג איז ער אין יעהופעץ און ביי נאכט איז ער אין בויבעריק מיט די מאנסבילען און מיט די ווייבער אינאיינעם... וועה איז מיר, ווינד איז מיר, וואס טהוסט דו ביי נאכט אין בויבעריק? וואס טראכטסט דו זיך? ממה נפשך, ווילסט מיך ניט, קום צו פאהרען און גט מיך אפ: אלא ניט פאהר שוין אוועק צו אלדע שווארצע יאהר קיין אמעריקע, ווי יוסיל לייב אהרנ'ס, און לאם איך חאטש ניט וויסען וואו דיין געביין איז אהינגעקומען, אויב ס'איז מיר שוין יא באשערט צו בלייבען איין אייביגע עגונה מיט קליינע קינדער פיסקליאטעס! נאר אזוי לאנג קרענקען מיינע שונאים, ווי לאנג איך וועל דיך ארויסלאזען פון מיינע הענד א לעבעדיגען; דיין טרפה'נע הצלחה וואס איך קאן אצונד צו דיר ניט פאהרען; איך בין משטיינסגעזאגט אזוי געשטראפט, אז איך מוז גאר ליגען צו בעט; ווי זאגט די מאמע מיינע זאל געזונד זיין: אז „מען האט ניט קיין פינגער קאן מען קיין פייג ניט מאכען", און „אז מען קאן ניט אריבער מוז מען ארונטער". דאריבער בעט איך דיך מיט גוטען, בעלי היקר, שלאג זיך ארויס פון קאפ דיינע פוסטע נארישע

זאָגען, שוין צייט חלעבען זאָלסט ווערען אַ שטיקעל מענש, וואָס טויג דיר יעהופּעץ? וואָס טויג דיר בויבעריק? וואָס טויג דיר פּאַפּירליך מיט חרעשטשאַטיק מיט פּאַרטעפּעלען? טהו אַ שפּיי אויף זייערע משׂא מתּנ׳ס מיט זייערע אַללע גענג, דאַרטען, לאָזען זיי זיך אָנצינדען מיט דיר אינאיינעם! אַנטלויף. מענדיל, אַנטלויף פון זיי ווי פון פייער און קום צופאָהרען אַהיים, דו האָסט אַ ווייב ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר און קליינע קינדערליך וואָס קוקען אויף דיר אַרויס. אַז וואָס איך האַפּ זיך אַמאָל אַרויס מיט אַ האַרב וואָרט, איז דאָס גלויב מיר ניט חלילה מחמת שׂנאה, ווי זאָגט מען בּייז אַבּי ניט אַלדעם בּייז, עס מעג דיר אָנגעהן האַלב, וואָס איך ווינש דיר, ווי זאָגט די מאַמע מיינע זאָל לעבען: „בּעססער איין אמת׳ער פּאַטש איידער אַ פאַלשער קוש“ און אַז דו בּיזט מיר אַ מאַנן, בּעדאַרפסט דו וויסען וואָס הייסט אַ ווייב בּיז הונדערט און צוואַנציג יאָהר; ווי זאָגט די מאַמע: „אַז מען שפּיעלט זיך מיט דער קאַץ, דאַרף מען אָנגעמען פאַר ליעב איהר קראַץ“, דאָס אייגענע ווען עס קומט אויף בּלוּמעלאַטען, וואָלסט דו פון איהר געהאַט אַפּגעשניטענע יאָהר, אַזוי וויא דו בּיזט וועֶרטה; נאָר וואָס זאָל איך טהון אַז איך האָב אַזאַ נאַטור? אַשוועבעלע, זאָגט מען, צינד זיך גיך אָן און ווערט בּאַלד פערלאָשען. זעה זשע, מענדיל, נשמה מיינע, למעה״ש קום בּאַלד צו פאָהרען, לאָז די וועלט אויפהערען האָבּען צו טהון מיט מיר, אַ שלאַק זאָל דיר אין דיינע בּיינער אַריין! זיי געזונד און פיעל גליקליך ווי עס ווינשט דיר היינט און אַללע מאָל

דיין אמת געטרייע פרוי שיינדל.

יאָ, וואָס זאָגסט דו אויף יענטלען? זי איז זיך מישב יענע וואָך און לאָזט אַרויס אַ קלאַנג איבּער דער גאַנצער שטאָדט, אַז דו בּיסט אַוועק קיין אַמעריקע און מיך האָסט דו, ניט דערלעבען זאָלסט דו, אַוועק געוואָרפען איין אַלמנה חיה! פון וואַנען נעמט זיך דאָס? שׂרה חנה האָט געהערט פון לייזי הערשקע בּנימינ׳ס מויל, אַז בּרוך בּנציונ׳ס האָט אַליין געזעהן בּיי משה בּנימינען אַ בּריוויל, וואָס מאָטיל שרייבּט איהם פון אַמעריקע. איך קום צו שׂרה חנה׳ן קוקט זי מיך אָן ווי אַ משוגע׳נע, זי ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען, אַ בּייזער אַ וויסטער חלום אויף יענטלען!! מאָהל דיר זי האָט זיך פון מיר גישט גענאַררט, איך האָב איהר אויסגעדרעכנט אַ צעטיל נאָך פון מיידיל-ווייז... וואָס זשע זאָגט יענטיל? אַנו טרעף? אַט לויפט זי שוועהרען בּיי ריינקייט, אַז זי ווייסט ניט פון קיין פּותר און פון קיין חלום! — אַ הולטייקע קאָן!?...!

III.

בעזה״ש יום יום... פּרשה... שנת תרנ״ה לפ״ק יעהופּעץ.

לכבוד זוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שיינדיל שתחי׳.

ראשית בּין איך דיר מודיע, אַז איך בּין ב״ה בּקו החיים והשלום, השם יתבּרך זאָל

העלפען מען זאָל תּמיד האָרכען איינס פונ׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בּשׂורות טובות ישועות ונחמות- אָמן. והשנית זיי וויסען אַז דער ענין פון פּאַפּירליך איז ניט ווי דו מיינסט טאַקי פּאַפּיר ממש, ניין! עס רעדט זיך נאָר אַזוי פּאַפּירליך; מיינען מיינט מען גאָר אַקציעס, פיין בּאַרגער אַקציעס, למשל: „פּוטיוול“ „טראַנספּאָרט“ „וואָלגע“ „מאַלצעווער“ וכדומה; דאָס איז אַללערלע פאַבּריקעס, וואָס עס אַרבּייט זיך דאָרטען אייזענבּאַהנען אויף אַקציעס, דאָס הייסט מען לאָזט אַרויס אַקציעס אויף אַ הונדערטער און מען צאָהלט פאַר זיי דריי, וואָרום מען גיט „דעוועדענט“; וואָס מעהר „דעוועדענט“ איז אַלץ בּעססער; נור כּפי אַזוי ווי עס ווייסט קיינער נישט פאַר׳ן יאָהר, וואָס פאַר אַ „דעוועדענס“ מען וועט אַרויסגעבּען, לכן געהט מען בּלינד און מען קויפט און מען קויפט, און דערפון ווערדט אַ „האָס“, דאָס הייסט פּאַפּיר שטייגט און יודען פערדיענען געלד. נאָר ווי אַזוי מיינסט דו פערדיענען? פערדיענען צו פערדיענען איז ניט גלייך, מען איז מאסף ממון! ממש מען שאַרט געלד מיט לאָפּעטעס! וואָס דאַרפסט דו מעהר? קליינע מענשעלעך, מעקלערס, אָרעמע לייט זענען פּלוצים מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען, געוואָרן גבירים אדירים! מען זיצט שוין אויף „דאַטשעס“ אין בּויבעריק, מען פאָהרט זיך שוין בּאָדען קיין „אויסלאַנד“, זייערע דאַמעס געהען איינגעטונקען אין געלד און אין סאַמעט, די קינדער פאָהרען אַרום אויף „לעסעפּעדען“, אין שטוב האַלט מען „גובּער-נאַטערקעס“, מען רעדט „אויף פראַנצויזיש“ און מען שפּיעלט „פּיאַנע“, מען עסט „איינגעמאַכטס“ און מען טרינקט „ווישניק“, אַ הונדערטער איז בּלאָטע, ס׳איז חי געלעבט און איין עק, און אַלץ פון די פּאַפּירליך! אַז עס קומט דער טאָג זאָלסט דו זעהן וואָס עס טהוט זיך אויף „חרעשטשאַטעק“, פול און פול מיט יודען! נאָר וואָס איז דאָס חדוש? אַז פון די קאָנטאָרען טרייבּט מען, און אויף דער גאַס לאָזט מען גיט שטעהן, און דאָ איז פּונקט די צייט, וואָס עס דאַרפען אָנקומען די קורסען פון פּייטערבּאַרג, ווילט זיך איטליכען וויססען וואָס פריהער, — איז חשך! חשך! אַט איז היינט אָנגעקומען פון פּייטערבּאַרג „פּוטיוול“ הונדערט אַכט און זיבּעציג; נו, ווי אַזוי קויפט מען גישט? צו למשל „מאַלצעווער“, זאָגט מען, זענען אָנגעקומען שוין דרייצעהנהונדערט פופציג; זאָל מען ניט קויפען? אַז אַללע טאָג, אַללע טאָג שפּרינגט דאָס אַרויף; אויף מיין „פּוטיוול“ בּרוך השם שטעהט מיר איצטער צו פערדיענען שאָנע עטליכע רובל; נאָר זוי לאַנג שמייסט מען זיי ווי לאַנג איך וועל זיי פערקויפען! אדרבּה, איך רעכן נאָך צוקויפען אַ פופציג שטיקלעך „פּוטיוול“ מיט אַ פינף „מאַלצעווער“ מיט נאָך אַבּיסל „וואָלגע“, און אַז גאָטט וועט שאַנקען דאָס לעבען — צו קויפען אַבּיסל „טראַנספּאָרט“, מחמת מען שרייבּט פון פּייטערבּאַרג מען זאָל למען השם קויפען „טראַנספּאָרט“! אַללע האָבען דאָ „טראַנספּאָרט“; יודען, ווייבער, דאָקטוירים, מלמדים, משרתים, דינסטען, בּעלי מלאכות — ווער האָט ניט קיין „טראַנספּאָרט“? דאָ אַז אַ יוד בּעגעגענט זיך מיט אַ יודען, איז דער ערשטער בּרוך הבּא: ווי אַזוי איז היינט „טראַנספּאָרט“? קומסט אַריין אין אַרעסטאָראַציע, בּעגעגענט דיך די בּעל הבּית׳טע: וואָס איז „טראַנספּאָרט“? געהסט דו קויפען אַ פּאַקל שוועבעליך, פרעגט דיך דער קרעמער: ווי

טהייער איז היינט „טראנספארט״? הכלל יעהופעץ איז טאקי פארט א מקום פרנסה, ס׳איז אין בית אשר אין שם מת — נישטא דער יוד, וואס זאל ניט האבען קיין „טראנספארט״; אללע „שפעגעליעו״, אללע וואקסען, אללע פערדינען געלד און איך אין בתוכם; נאר מחמת איך האב קיין צייט ניט מאך איך דאס בקצור, אי״ה אינ׳ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות, לעת עתה לאז גאטט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גריס שוועהר און שוויגער און אלעמען בעזונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם מענדיל.

IV.

בעזה״ש יום יום... פרשה... שנת תרנ״ה לפ״ק מאזעפעווקא.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה״ר מנחם־מענדיל נ״י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אללע גאטט צודאנק אין בעסטען געזונד, געב גאטט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז ביי אונז האט זיך געטראפען איין אומגליק מיט א גליק אינאיינעם, אונזער משה הערשעלי האט איינגעשלונגען א קאפיקע! איך בין געקומען פון׳ם מארק, פרייטאג איז דאס געווען, געקויפט פיש, פרישע, צאפלדיגע, זיך נאך געווארפען, און דאס קינד שרייט, ווערד צוריסען! איך שלאג דאס, איך הרגע דאס. — עס האלט אין איין שרייען! „וואס ווילסט דו? שלים מזל! באשעפעניש! נא דיר צרות מיינע! נא דיר א קאפיקע! נא דיר בויכווייטאג״! קוים מיט צרות אנשווייגען געווארן. אין עטליכע מינוט ארום איך טהוא מיך א כאפ: „משה־הערשעלי! וואו איז די קאפיקע?״ „ניטא טאפעטע״ — מאכט ער צו מיר און ווייזט מיט׳ן האנדט׳ל אין מויל אריין. איינגעשלונגען? א צרה איז מיר! א שלאק איז מיר! איך נעם דאס קינד, איך קוק דעם אין מויל אריין, וועה און ווינד איז מיר! משה הערשעני! נשמה מיינע! מיר זאל זיין פאר דיינע ביינדעלעך! זאג וואו האסט דו אהינגעטהון די קאפיקע? איך בעטעל אידם, איך שלאג איהם, קנייפ איהם, מאך איהם ברוין און בלוי — ער שרייט אין איין קול: „ניטא, האס טאפעטע האם!״ בקצור איך האב איהם געבראכט צום דאקטאר, האט ער געהייסען מען זאל איהם געבען קארטאפלעס אזוי לאנג ביז די קאפיקע וועט אליין ארויס... צוויי טאג האט מען דאס קינד געמוטשעט, געשטאפט מיט געוואלד, נישט קיין מילך, נישט קיין טרונק וואסער, נאר קארטאפלעס, גאר קארטאפלעס, — איך האב געמיינט, ס׳איז איין עק פון מיין קינד! ערשט אויפ׳ן דריטען טאג איך נעם אויסקעהרען די שמוב, איך טהו א קוק אונטערן קישען — ליגט ניט די קאפיקע? דאקטוירים זאללען אזוי וויסען פון זייער געזונד ווי זיי ווייסען, ווער עס האט זיי געשלייערט! נא דיר נאך, טאמער איז קארג, ווי זאגט די מאמע, א רעשטעל צו די צרות. איך דארף האבען צו טהון מיט זיינע קינדער, מיט דאקטוירים, מיט רוחות און מיט שדים, און ער, דער שיינע בהויטגעבער מיינער, דער זאלדשפינער, גאר נישט,

פליהט ארום פון אדעס קיין יעהופעץ, פון יעהופעץ קיין בוידבעריק; וואס איז? א גדולה אויף איהם, א היטץ: „פאפירליך!״ „טראנספארטען״! „פארטעפעלען״! האט זיך איינגערעדט, אז מען קאן ווערען אין איין שמע ישראל א נגיד! איין איינרעדעניש איז ערגער פון א קרענק; נארעלע, וואס וועסט דו מיר דערצאהלען גליקען, פיזמונ׳ס: „אקציעס, שמאקציעס, דעוועדענט, מעדעווענט״ — ס׳איז ווערטה איין אויסגעבלאזען איי; מיט פינף פינגער ווערט מען ניט רייך, אז מען לייגט אריין, זאגט די מאמע קדחות, נעמט מען ארויס א קרענק. פערשרייב דיר, מענדיל, וואס איך זאג דיר, אז אללע דיינע יעהופעצער לייט, וואס דו שרייבסט, אז זיי זענען מיט אמאל בעגליקט געווארען, וועללען אם ירצה השם אין גיכען ווערען צוריק די איינענע קבצנים וואס פריהער נאך מיט מעהר פרישקייט, ווארום איך גלויב אזוי אין דיינע „טראנספארטען״ מיט דיינע „שמאלצעווער״ ווי אין דעם פאראיאהריגען שניי; אין כשוף און אין שרעטעלעך גלויב איך שוין א סך מעהר ווי אין אללע דיינע יעהופעצער „פארטעפעלען״. אוי, א הונד זאל אויפעסען מיין הארץ וואלט ער משוגע געווארן, אז איך זעה ביי לייטען ווייבער האבען אויך א שטיקעל דעה ביי זייערע מאנען, מישען זיך אריין אמאל מיט א ווארט, טהוען א געשריי, א הוק, אז עס ווארפט מיט׳ן מאנן דאס נייניאהריגע, נישט אזוי ווי איך דארף מיט איהם געהן מיט ווייכע ריידעלעך, נישט דיירוועגען זיך חלילה א קרום ווארט, צו אויסשעלטען אביאל, א מכה דיר, פאר די בזיונות וואס איך טראג דא איבער פאר דיר, אז איך דארף דיך נאך פאר איטליכען בעזונדער פערענטווערען, מאכען יענעם א פרעהליך פנים, ווי זאגט די מאמע: א קניפ אין באק די פארב זאל שטעהן. נאר, געוואלד, מה אנו מה חיינו? וואס העלפט דאס רעדען, וואס העלפט דאס שרייבען? ווי זאגט די מאמע: איין אקס האט א לאנגע צונג און קאן קיין שופר ניט בלאזען. איך וועל אזוי לאנג צאנקען און צאנקען שמילערהייט, ביז איך וועל, שונאי ציון, אויסגעהן ווי א ליכט מיינע שונאים, אדער אזו צוזעצט ווערען פון גריזאטע, צוזעצט און צושפרונגען זאלסט דו ווערען, בעלי היקר! זיי געזונד און פיעל גליקליך ווי עס ווינשט דיר היינט און אללע מאל

דיין אמת געטרייע פרוי שיינה שיינדיל.

שא, בעריל דעם רעטער מנשה׳ס האט שוין אויף זיך א נייעם אומגליק: ער איז יענע וואך אפגעברענט געווארן, ארום ווי די מאמע האט איהם געהאט, און איצט האט ער נאך דאס לויפעניש: שונאים האבען איהם געמסרט, אזוי ווי ס׳איז ביי איהם געווען געסטרעכעוועט אלסדינג דריי מאל אזוי פיעל, האט ער דאס מסתמא אליין געמאכט בורא מאורי האש, האט מען איהם גערופען צום סלעדאוואטעל. בעריל איז אבער אויך ניט פון די וואס זעהן א דרייער; שטעלט ער עדות, וואס געזעהן שווערען, אז ער איז יענע נאכט גאר ניט געווען היע; דערווייל האט מען איהם איינגעזעצט, און זלאטקע איז כאר שרעק געלעגען געווארן און געהאט א וויעבעלע.

V.

בעזה"ש יום יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק יעהופעץ.

לכבוד זוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינדיל שתחי'.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאל העלפען מען זאל תמיד הערען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות – אמן. והשנית זיי וויסען אז איך געה שוין קיין וואַרשאַ. וועסט דאך מיך וואללען פרעגען מסתמא, אז איך האנדעל מיט פייטערבארג, היינט ווי קום איך קיין וואַרשאַ? זאלסט דו גאר קיין יסורים ניט האבען: וואַרשאַ איז אויך אַ שטאדט! וואַרשאַ האט אויך פאפירליך, אונ נאך וואסע'רע פאפירליך! אויף וואַרשאַ זענען שפעגעלאנטען גליקליך געוואָרן! וואַרשאַ איז ניט פייטערבארג; וואַרשאַ שמייסט מיט הונדערטערס! וואַרשאַ איז זיך מישב ערשט יענע וואך אונ הויבט אויף „לילעפוטען" פון צוועלף הונדערט אויף צוויי טויזענד! נו, פרעג איך דיך, געה ווער זיך אנידער אונ קויף ניט אזא פאפיר! צו למשל „וואַנגעליך", געשטאנען אט ערשט פריהער מיט א וואך דריי, פיערצעהן הונדערט, וויפיעל מיינסט דו שטעהען זיי היינט? א נו טרעף! צוויי טויזענד, נארעלע, אונ דווקא אהן דעם קאפאן!! מען דארף דאך זיין, דאכט מיר, א משוגע'נער מען זאל ניט אוועקגעהן קויפען קיין „וואַנגעלעך"! היינט האט דיר וואַרשאַ גלאט א מעלה: זי פאדערט נישט קיין געלד; זי וויל נישט וויסען פון קיין „דעפא"; דו ווילסט האבען „לילעפוטען", „וואַנגעלעך"? צאהל איבער א פאר הונדערט רובל אויפ'ן קורס אונ מאך דיר א „פרעמיעלע" אויף „אולטימא": אויף אונזער לשון הייסט דאס ביז ראש חודש; עס וועט קומען ראש חודש וועסט דו דערמאלט האבען די ברירה א נעמען די פאפירליך. נאר וועלכער רוח וועט דיך לאזען ווארטען אויף ראש חודש? דארויף האט דאך גאטט באשאפען מעקלערס אויף דער וועלט. זיי זאלען נישט לאזען דורכגעהן די גאס: „אפשר האט איהר „לילעפוטען"? אפשר האט איהר „וואַנגעלעך"? אזוי לאנג אזוי ברייט ביז זיי געבען דיר עפיס „פון אויבען" אונ נארען אוים ביי דיר דיינע פאפירליך. אט האבען זיך ערשט נעכטען צוגעטשעפעט צו מיר צוויי אדעססער מעקלערס אונ דווקא אין בויבעריק. פון די אדעססער מעקלערס קאן מען זיך דען אויסבעהאלטען? דאס איז עפים אזעלכע מזיקים, וואס גאטט זאל שומר ומציל זיין! איין מאל פאר אללע מאל איך זאל זיי אפגעבען מיינע „לילעפוטען" מיט מיינע „וואַנגעלעך". געפונען דאס ארט, וואו אויסצונארען סחורה! „ברידערלעך, – טענה איך צו זיי – איך האב ניט, איך זאל אזוי ריין זיין פון שלעכטס!" „איהר האט, רב מנחם מענדיל, זאגען זיי, איהר האט, מיר זאללען אזוי האבען אלדעם גוטס, ווי איהר האט!" „אסור! ווער האט אייך געזאגט, אז איך האב?" „עס קאן ניט זיין אין דער וועלט, שרייען זיי, איהר זאלט ניט האבען, מיר זענען מעקלערס, אונ מעקלערס ווייסען, ווער עס האט אונ ווער עס האט ניט..." הקצור איך האב מיט זיי אזוי לאנג געראנגעלט, ביז זיי האבען פארט אויסגענארט ביי מיר מיינע פינף „לילעפוטלעך" מיט

די פינף „וואַנגעלעך", נאר וואס רעדן? איך האב זיי אבער אויך גוט אפגעטאן. איך האב מיך באלד „אפגעדעקט", איך האב געקויפט אונ אריבערגעקויפט, אונ צו גאטט א האפנונג איך וועל, אם ירצה השם, חאפען א גראב שטיקעל, ווארום עס געהט מיר, קיין עין הרע, די לעצטע צייט אזוי, אז וואס איך קויף היינט, ווערדט מארגען טהייערער; אללע זאגען, אז איך בין קיין עין הרע א מוצלח; ס'איז א סברה, אז מען וויל שוין גאר נעמען מיינע בריוולין; דהיינו למשל: מען הייסט מיר קויפען „פוטיוול" מזומנע שטיק, דאס הייסט דורך א קאנטאר מיט א „דעפא" פון צעהן פראצענט, אונ איך זאל ארויסגעבען מיינס א בריוויל אויף דריי פיער חדשים מיט א דרייערל אין אדראף. א דרייערל איז אפילו ניט אזא גרויסער משא מתן; דערפאר אבער גיט מען מיר א פינף אונצוואנציגער אריבערגעשמיכען אופ'ן פרייז! אם כן וואס זשע ארט דאס מיך? פאפירליך הויבען זיך דאך, וועללען זיי דאך געווים זיין טהייער, וועט דאך זיי יענער געווים אויסקויפען ביי מיר, – היינט וואס איז מיר שלעכט א דרייערל? אבי ס'איז פערקויפט! לאז גאטט געבען דאס „אולטימא" אין וואַרשאַ זאל אפלויפען גלאט, ווערד ביי מיר פריי דער גאנצער פארטעפעל, דערמאלט טראג איך מיך איבער אין איין אנדער קאנטאר, דען אין דעם קאנטאר וואס איך ארבייט אצונד איז דא, קיין עין הרע, אזוי פיעל יודען, אז מען ווייסט ניט וואו מען איז אין דער וועלט; בייא דער טהיר שטעהט שוין א שומר אונ לאזט ניט אריין, אונ אז מען חאפט זיך שוין יא אריין, שרייט דער באנקיר מיט קולי קולות אונ טרייבט אונז ווי להבדיל די כלבים, אונ אז מען וויל געהן קיין פייטערבארג אויסשרייבען פאפירליך מוז מען נעהן עטליכע יודען מיט אמאל – א גאנצער מנין! אונ נאך דעם ע"שט, אז עס קומט שוין אן די גוטע ידיעה, אונ מען הויבט אן איינטהיילען די אקציעס, ווערד אין קאנטאר א געוואלד, א הריגה, ווי להבדיל ביי אונז אין בית המדרש הושענא רבה, בעת דער גבאי טהיילט דעם עולם פון א זאק לעקעך, ווארום איטליכער וויל וואס פריהער אונ וואס מעהרער. יענע וואך איז שיער ארוים דורך דעם א גאנצער שקאנדאל: חברה זענען געגאנגען קיין פייטערבארג אויסשרייבען „פוטיוול", א פאר הונדערט שטיקלעך, אונ האבען זיך נישט געקאנט איינטהיילען; איך האב דארט אויך געהאט א חלק. ס'איז געווארן א רעש גדול; אללע מיט אמאל האבען גערעדט, געשריגען, געפילדערט; דער באנקיר אליין האט געקלאפט מיט די קולעקעס אין טיש, געווארפען די ביכער, געשאלטען מיט טויטע קללות: „א חליר'ע זאל אויף אונז – זאגט ער – קומען מיט די פאפירליך אינאיינעם!" בקצור עס איז פערגאנגען אזו ווייט, אז עס האט שוין געהאלטען כמעט ביי פאטש, דאס הייסט איינער פון אונז האט מחילה געחאפט א פאטש... נאר מחמת איך האב קיין צייט ניט מאך איך דאס בקצור, אי"ה אינ'ם אנדערע בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלסדינג באריכות, לעת עתה זאל גאטט געבען מיט געזונד אונ מיט הצלחה. גרים שוועהר אונ שווינער אונ אלעמען בעזונדער גאר פריינדליך.

מאני בעלך מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי. —

וואס דו שרייבסט מיר מכח בעריל דעם פעטער מנשה'ס, איז ביי מיר וועהר צו גלויבען; ביי אייערע מאזעפעווקער פרנסות קאן זיך קיין סוחר אנדערש נישט אויסהאנדלען. זעהסט דו ביי אונז אין יעהופעץ קאן זיך שוין אזא מעשה נישט טרעפען, ראשית איז דא איטליכען בעזונדער, קיין עין הרע, זעהר גוט; והשנית, אז עס מאכט זיך דא חלילה איין אומגליק, לעשט מען דא גאר אנדערש, היינו: נאך איידער עס הויבט אן צו נאצען, לויפט שוין די קאמאנדע מיט די מעשענע קיוועהס, שפרינגען אין פייער אריין און שפריצען מיט דער קישקע. חלעבען, דו וואלסט געמעגט זיך פערגינען אנקוקען אין יעהופעץ א שריפה!

VI.

בעזה"ש יום יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק מאזעפעווקא.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אללע גאטט צודאנק אין בעסטען געזונד, געב גאטט דאס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, אז איך האלט, אז דו ביזט שוין, ביי דיר בלייב עס, פארמאלגע משוגע, מענסט שוין באלד אנהויבען לויפען אין די גאסען. קארג פאר איהם וואס מען קען איהם אין אדעס, אין יעהופעץ, אין בויבעריק, ער בעדארף נאך האבען, אז אין ווארשא זאל מען אויך וויססען, אז ס'איז דא אויף דער וועלט א מנחם מענדיל, וואס פארנעמט זיך מיט הענדיל; אמאל האט ער געהאנדעלט מיט „לאנדאן", און מיט יקנה"ז און היינט האנדעלט ער מיט אלטע פידקאוועס, אפגעשלאגענע הושענאות, עפים „פאפירליך", „פארטעפעלען", „וואגעלעך", פיפערנאטערס". וואס מען דארף דאס נאך געהן זוכען אזש אין ווארשא, און זיך נאך שלאגען איבער דעם. געבענשט זאללען זיין די הענד, וואס דו האסט געחאפט פון זיי א פאטש; הלוואי רבונו של עולם, זאל זיך געפינען א חכם, וואס זאל דיר טאקי בראכען די ביינער, ווי עס געהער צו זיין, ארויסשלאגען דעם נארר דיינעם, זאלסט ניט אין זינען האבען דארטען דער שווארץ יאהר ווייסט וואס, בעת דא אין דערהיים האסט דו א ווייב ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, וואס האט צו טהון מיט די קינדער זיינע טאג ווי נאכט, טא דאס טא יענץ; ערשט נעכטען שיער אפגעקאכט א קינד מיט זודיג וואססער פון א דורכשלאג, גליק וואס ניט אויפ'ן גאנצען קאפ'ל - און ער, גאר ניט, שפאצירט דארט ארום אויף שרפות, א גדולה אויף איהם: יעהופעץ ברענט, פערברענט און פערשרפעט זאל דאס דיר ווערען מיט ווארשא, מיט פעטערבארג און מיט דיר אינאיינעם, ליבער גאטט, איך זאל איין מאל דיינער פטור ווערען און איין עק! וואס זשע? איידער אזעלכע בזיונות ליידען איז ניט גלייכער טויזענד מאל בלייבען א יונגע איין אלמנה? אז ווער עס האט גאר גאטט אין הארצען, דער באדט זיך אין מיין בלוט, איך קאן רענ

דורכגעהן די גאס אפילו? יעדער טייט אויף מיר מיט די פינגער: „אן געהט זי, די יקנהזיבע"! א שיינער נאמען, אז אך און וועה איז מיר! לעבען זאל טאקי די מאמע מיינע; זי טענה'ט איינס: „א מאנן - זאגט זי - טאר מען ניט אפלאזען אויף קיין מינוט, דען - זאגט זי - אז דער טעסער זיצט אויף די שפינער ווענען די שפינער - שפינער... איך האב - זאגט זי - פריהער געוואוסט, אז קיין גוטער סוף וועט דערפון נישט ארויס; א געלד שדוך - זאגט זי - האט זיך מיר פערגלוסט, ווי זאגט מען: חזיר, האסט געלד? זיי מיין מחותן! א שמאלץ גרוב - זאגט זי - די שמאלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. בריוולך - זאגט זי - וואלט איך איהם געשריבען? קדחת! ווער עס פערשטעהט ניט אויפ'ן וואונק - זאגט זי - דעם גיט מען מיט'ן שטאקען. איך וואלט איהם - זאגט זי - אויף א בעזעם אראפגעבראכט אהיים. אויף א קאטשערע!" זאג אפשר אז זי איז אומגערעכט!! נאר וואס זאל איך טהון, אז איך בין אזא ציג, אז וואס מען זאגט מיר איז רעכט און וואס מען וויל פועלט מען ביי מיר; איין אנדערע אויף מיין ארט, למשל בליומע זלאטע וואלט שוין לאנג געווען אין יעהופעץ ביי אללע רבנים און דיינים, דיך אנגעפאללען אין גאס און געגעבען דיר א וויסטען א פינסטערען סוף, אז דו וואלסט פערגעסען אפילו צו דו הייסט מנחם מענדיל. אז איך טענה מיט דיר איינס; איך וויל ניט דיין האניג איך וויל ניט דיין גיפט! איך דארף דיך אויף זיעבען און זיעבעציג כפרות מיט דיינע מיליאנען, איך וויל ניט זיין קיין נגידית - און געה טהו מיר עפים! מאהל דיר, דיינע גילדערנע געשעפטען מיט די גליקען וואס דו חאפסט דארטען זעהט מען שוין ארוים פון די מתנות, וואס דו שיקסט מיר איבער פון יעהופעץ; די דימענטען מיט די בארליאנטען מיט די געשטיקטע העמדער, מיט די געשטעפטע קאלדרעס, גאטט און לייט זענען מיך מקנא; א קליינינגקייט? אז ער האנדעלט גאר מיט פיפערנאטערס! א מכה איהם א גרויסע! ער זאל דאס מיר אנהויבען געבען צו פערשטעהן; וואס פיפערנאטער? ווער פיפערנאטער? צו ס'איז אזא מאכל וואס מען עסט דאס? צו ס'איז אזא מין צייג, וואס מען טראגט עס? צו אזא מין רויכווארג? צו אפשר גאר אזא מין זאך, וואס מען נעמט דאס פאר א רפואה? נאר איך בעדארף דען אויך עפיס וויססען? ווארום ווער בין איך איהם משטיינסגעזאגט? א מאזעפעווקער טאפ-יודענע, וואס דארף איהם האבען קינדער און זיצען איהם ווי א הוהן אויף די אייער, טאג ווי נאכט זיך מוטשען מיט זיי און זיך בענוגענען מיט די זיסע בריוולעד, וואס ער וועט מיר אמאל שרייבען, ניין, איך זאג דיר מיט גוטען, בעלי היקר, איך קאן דאס שוין מעהר ניט אויסהאלטען; איינס פון די ביידע: אדער קום צו פאהרען וואס גיכער אהיים און זיי א מענש גלייך מיט אללעמען, אדער נעם איין דארטען א מיתה משונה, מיינע שונאים, און לאז דאס האבען איין עק! דערוויל זיי געזונד און פיעל גליקליך ווי עס ווינשט דיר היינט און אללע מאל

דיין אמת געטרייע פרוי שיינע שיינדיל.

שיער שיער פארגעססען דיר זאגען א בשורה, אז רבקה'לע גט זיך שוין מיט'ן מאנן, חאטש זי איז אויף דער צייט. ס'איז א סברה, אז זי זאל נעמען דעם פריהריגען

חתן פון יאמפעלע, א מכה איהר. דא זעהט מען ארויס, אז גאטט זיצט אויבען און פארט אונטען... מזל טוב, פייטעל־הערשקע בנימינס האט מען געמסרט, ער דארף זיך שטעלען אין דער גובערניע „נא וואספיטאניע", און קאפיל חיה דבורה׳ס האלט שוין ווידער אמאל ביי אנזעצען. כלומרשט געהט דאס נאך צו שטילערהייד, מען שטיקט זיך, נור אז יענטיל ווייסט שוין דערפון ווייסט די שטאדט פון איין עק ביז׳ן אנדערען! א סוד פאר גאנץ בראד!

VII.

בעזה"ש יום יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק יעהופעץ.

לכבוד זוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שיינדיל שתחי׳.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאל העלפען מען זאל תמיד הערען איינס פונ׳ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות – אמן. והשנית זיי וויסען, אז איך קנאק, און פליה, איך ברען, איך שפרינג אין פייער, קיין עין הרע, איך וואקס, איך וואקס! מיינע בריוליך געהען ווי א מזמור. מען חאפט זיי ווי הייסע לאקשען, נישט ערגער פון קאנטארסקי; אסך זענען מיר מקנא, ווארום וואס איך קויף ווערדט מארגען טהייער. „וואגעלעך" האבען זיך א רוק געטאן נאך אויף צוויי הונדערט רובל, און מיינע „לילעפוטען" שטעהען שוין ברוך השם אויף יענער זייט דריטהאלבענטויזענד; נאר מיר לוינט נאך נישט צו פערקויפען, ווייל אללע זאגען, אז עס וועט נאך געהן און געהן. ס׳איז גאר א סברה, אז „אויסלאמר" האט זיך א ווארף געטאן אויף אונזערע פאפירליך, מען מאכט א „סענדעקאט", דאס הייסט יד אחת, מען וויל זיי אויסקויפען עד לפק, נישט איבערלאזען אפילו אויף א רפואה! ווייסט דו דאך מסתמא וואללען פרעגען, פאר וואס? גאנץ פשוט: געלד, פערשטעהסט דו מיך, איז היינט פאראן ביי דער וועלט אהן א שעור; עס וואלגערט זיך אין די גאסען; פראצענט – איז בזול הזול, – פיער פינף לשנה איז פאר אונז איבער־ענוג; היינט אז עס טראגט גאר צעהן פופצעהן, איז דאך דאס א גליק! און וואס דו פרעגסט, וואס בעדייט „לילעפוטען" (נישט ווי דו רופסט דאס אן „פיפערנאטערס") האב איך דיר שוין געשריבען, אז דאס איז אזא מין פאפיריל פון א פאבריק, וואס מען ארבייט דארטען אייזענבאהנען און מען גיט דערויף „דעווידענט". די אייזענבאהנען זענען אין „סימביר", די פאפירליך זענען אין ווארשא און די קונים זענען אין יעהופעץ, – היינט פערשטעהסט דו שוין? דאס אייגענע איז מיט „וואגעלעך", מיט „פוטיוול" און מיט „טראנספארט". נאר דו קעהנסט מיינען, אז מען קויפט פאפירליך, קוקט זיי עמיצער אן אין די אויגען? האסט דו ווידער א טעות. מען מוז דיך קלאהר מאכען אקוראט, וואלסט פערשטעהן דאס געשעפט. למשל, עס פערגלוסט זיך דיר קויפען „טראנספארט"; געהסט דו אריין אין א קאנטאר; מילא איז דאך פול און פול מיט יודען, איידער דו שטופסט זיך דורך, בלייבסט דו אהן זייטען, אינ אז דו דערשלאגסט זיך צום באנקיר,

האפסט דו ערשט א רעכטען פסק, ווארום ער איז תמיד אין כעס: די יודען לאזען איהם ניט לעבען, טהוען איהם צום טוידט. בקצור דו טראגסט איהם אריין אין קאסטע עטליכע רובל, הייסט דאס „דעפא", הייסט דיר פערשרייבען אביסל „פוטיוול", מאכט זיך אפט מאל מען זאל דיר גאר קויפען „טראנספארט", ניט קיין „פוטיוול"; א ווארטעלע אזא יריד? און מען גיט דיר ארויס א בריוועל, אז מען האט איינגעקויפט פון דיינעט־וועגען אזוי פיעל און אזוי פיעל „טראנספארט" אויף אזא און אזא מקח מיט אזא און אזא „דעפא", און באם חלילה עס פאלט אראפ, ביזט דו מחויב צוטראגען געלד. נאר ס׳איז בלאטע, ניט אזוי גיך פאלט דאס אראפ, און מען בעדארף ניט צוטראגען קיין געלד; אדרבה, עס הויבט זיך גאר אויף; איז ממה נפשך; ווילסט דו, געהסט דו דיר קיין פייטערבארג באלד פערקויפען; אלא ניט, – פערקויפסט דו דאס אויפ׳ן ארט א סך טהייערער, נאר מיט א דרייערל איין אדראף אויף צוויי – דריי חדשים און גיסט ארויס א בריוויל. אט אזוי ארבייט איך כסדר און מאך, ברוך השם, גאר ניט שלעכט; הלוואי וויטער ניט ערגער, גאטט זאל העלפען איך זאל מיך קאנען אפרייסען אויף א פאר טאג, וואלט איך זיך אראפגעחאפט קיין וואסילקאוו און וואלט אריין גע־טראגען „געלדיע"; דעמאלט וואלט איך פערשפארט זיין נע וונד, ביי טאג א יעהופעצער און ביי נאכט א בויבעריקער. אז חינקיסען שטעהט אן צו זיין א פערווי געלדיע קופעץ. מעג מיר אויך אנשטעהן... אללע מעקלערס זענען היינט געווארן „קופצים". זאלסט זעהן, ווי מען לעבט, ווי מען עסט – מסוכן נפש! היינט די דאמעס זייערע מיט די דימענטען און מיט די ברילאנטען! עס פערנעמט א שטיק אויג! איך האב מיך צופרעגט, וואו קויפט מען דא ברילאנטען, האט מען מיר אנגעוויזען צו מארשאקען. איך האב מיך שוין מיט איהם אביסל בעקאנט, ס׳איז ביי איהם א גאנצע פאבריק פון ברילאנטען; איך ווינש מיר פערדינען היינטיגען „אולטימא" א דריטהעלק וואס איין פענסטער זיינער טרעפט אן! אלליין איז ער א גוטער ברודער, מאקי וואס א גוטער ברודער הייסט. איך זאג צו איהם: „פאני מארשאק! איך האב בדעה ביי אייך עפיס צוקויפען א מתנה מיין ווייב". „אך – זאגט ער – מיט אללע כבוד׳ען! ס׳איז טאקי א יושר זאגט ער, איהר זאלט אייער שיינה שיינדלען זאגט ער, עפיס קויפען, זאגט ער... פון וואנען ווייסט ער, אז מען רופט דיך שיינה שיינדיל? – דאס פערשטעה איך שוין ניט. דערווייל האב איך בעטראכט פון דיינעטוועגען דארטען א פאר זאכען, זאג איך דיר, אז ניט נאר ביי אייך אין מאזעפעווקע, אפילו ביי אונז אין יעהופעץ וועט דאס אויך אנמאכען א רעש! איך האב מיך נאך דערווייל מיט איהם נישט אויסגעגלייכט מיט׳ן מקח, נאר מיר וועללען מסתמא דורכקומען. און מחמת איך האב קיין צייט ניט מאך איך דאס בקצור. אי"ה אינ׳ם אנדערען בריעף וועל איך דיר ארויסשרייבען אלעדינג באריכות. לעת עתה זאל גאטט געבען מיט געזונד און מיט הצלחה. גרים שוועהר און שוועגער און אלעמען בעזונדער גאר פריינדליך.

ממני בעלך מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי. —

וואס דו שרייבסט מיר מכח אייערע מאזעפעווקער נייעסען, געהט דאס מיר אין איין אויער אריין, פונ'ם אנדערען ארויס; דער קאפ איז מיר גאר ווייס איך וואו, אין פייטערבארג, אין ווארשא, ווי זאגט ער: עס דרעהט זיך מיר די יארמעלקע; צום סוף דולסט דו מיר א ספאדיק מיט ווייס איך וואס; פון מיינעטוועגען מעג זיך רבקה'לע יא גט'ען ניט גט'ען; גאטט זאל העלפען מען זאל בעססער ביי מיר אויסקויפען צום זמן מיין „פוטיוול" מיט מיין „טראנספארט". פאר די „לילעפוטלעך" מיט די „וואנגעלעך" זארג איך מיך ווינציג וואס; וואלטען שוין יודען אזא דאגה געהאט מיט פרנסה אונ מיט אלדעם גוטס.

הנ"ל.

VIII.

בעזה"ש יום יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק מאזעפעווקא.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אללע גאטט צודאנק אין בעסטען געזונד, געב גאטט דאס געמליכע פון דיר. צו הערען אויף וואייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר, זאלסט זאגען קדיש — די מאמע דיינע איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט! געקומען איז דאס איהר פון א קימפעט; אזא צייט נישט געקינדעלט. אונ אויף דער עלטער נאר פלוצים א יונגעל! דאס יונגעל לעבט אונ זי איז געשטארבען. נאר גאטט פרעגט מען קיין קשיות נישט, מסתמא דארף אזוי צו זיין. לאז זי זיין ווייט אפגעשיידט פון מיר, איך האב צו איהר אוודאי נישט געהאט גאר ניט; ווי זאגט מען: אויף מיין ערד איז זי דאך נישט געגאנגען; ווען נישט די שוועסטער דיינע די רכילות'ניצע: וואס קאן צונויפפיהרען א וואנד מיט א וואנד, וואלטען מיר זיך קיין מאל נישט צוקריגט. לאז זי זיין דארט א מליץ יושר, זיך מיהען פאר מיר אונ פאר מיינע קינדער אונ פאר אללע מיינע ליעבע אונ געטרייע. איך האב דיר נישט געוואלט קלאפען קיין דעפעש וועגען דעם, דו זאלסט זיך נישט דערשרעקען. איך בעריהם זיך חלילה נישט פאר דיר מיט מיין געטריישאפט, איך דארף מיך פאר דיר נישט אויסשטעלען, דו ווייסט אליין, ווי ווייט איך בין דיר געטריי, הלוואי דו זאלסט מיך נאר תמיד וואללען פאלגען אז איצט אויך, דו זאלסט א שפיי טהון אויף דיין יעהופעץ מיט דיין בויבעריק, אפשניידען ווי ווייט דו קענסט, אויספערקויפען דייניגע אללע „פאפירליך", וואס זענען דארט מיט גאלד גלייך, לאז יענער האבען דאס גליק, אונ קומען צופאהרען אהיים בשלום צו דיינע קינדערלעך, זאלען זיין געזונד אונ שטארק; דו פרעגסט אפילו נישט אויף זיי גלייך ווי זיי וואלטען דיר געוועזען ווילד פרעמדע... אבי דו קוקסט זיך צו צו דיינע יעהופעצער דאמען, צודמט אונ צובלוטיגט זאללען זיי דיר ווערען מיט זייערע בארליאנטען אונ מיט דיר אינאיינעם, רבונו של עולם! דען אז מען דערמאהנט מיר נאר

זייער נאמען, קאכט אין מיר ווי אין א קעסיל, אזוי פיינד האב איך זיי! עס איז מיר שוין נמאס אפילו די מתנה דיינע, וואס דו ווילסט מיר דארטען קויפען; איך זאג דיר פריהער, בעלי היקר, אויב דו ווילסט מיר עפים קויפען, זאלסט דו מיר קויפען אזעלכעס, וואס מען טראגט דארט ניט, איך דארף ניט דו זאלסט מיך פערגלייכען צו עמיצען, לאזען זיי דיר זיין מיין כפרה היינטיגען טאג! נאר לאם איך שוין דערלעבען זעהן טאקי עפים פון דיר אויף דער רעכטער אמת, ניט אויף פאפיר, ווי זאגט די מאמע: ווינציגער גערעדט מעהר געטאן; וואס טויג דיר דינגען זיך, אפלייגען אויף מארגען, נארהעלע, ביי אזא געשעפט אז מען רייסט נישט אפ מיט געוואלד האט מען נישט! נאר הערכט דו, בעלי היקר, מעגסט דיר זאגען וואס דו ווילסט, ביז איך וועל נישט זעהן אליין מיט מיינע אויגען, וועל איך דיר נישט גלויבען; נישט מחמת איך האלט דיך חלילה פאר א ליגנער, נאר דערפאר וויל דו ביזט א גרויסער לעקיש, אונ אלסדינג, וואס די יעהופעצער פיינע מענשלעך דערצעהלען דיר, מיינסט דו, אז ס'איז תורה-לאקש. בהמה בצורת פערד! מען גיט דיר פאר דיינע פאפירליך עפים געלד, נעם! וואס מאכסט דו אנשטעלען? די אדעססער שארלאטאנעס האבען געטראפען צו דיר קיין בויבעריק אזש, געוואלט אויסנארען ביי דיר דעם טהייערען אנטיק? — מיט מזל ברכה! פאר זיי די מציאה! ווי זאגט די מאמע מיינע: „חאפ אוים די יארמעלקע מיט נים אונ אנטלויף..." נאר נעה רייד מיט א משוגע'נעם! אט האט זיך איהם פלוצים פערוואלט ווערען א קופעץ אונ נאך א וואסילקאווער דערצו. ער ווייסט שוין גאר נישט, וואס אויסצוטראכטען פאר גרוים ראסקאש, וואס איז דיר עפים געפאללען געווארן וואסילקאוו? נאר וואס איז דאס חדוש: אז ביי טאג איז מען א יעהופעצער, ביי נאכט א בויבעריקער אונ געהן געהט מען קיין פייטערבארג אונ קיין ווארשא, מעג מען שוין זיין נישט נאר א וואסילקאווער נכתב, אפילו א טאלנער... וועה נאר אז פון אללע גליקען, זאל איך דיר ניט דארפען ארויסשיקען פון דאנען נאך אמאל אויף דער הוצאה, איך מעג שוין דעמאלט האבען קאפ-וועהטאג, ווען איך וועל דיר שוין שיקען געלד! איך וועל שוין מוזען אליין טרעפען צו דיר קיין יעהופעץ אונ וועל דיך ארויסברענגען אהיים א לעבעדיגען אדער א טוידטען. דערוויל זיי געזונד אונ פיעל גליקליך, ווי עס ווינשט דיר היינט אונ אללע מאל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינע שיינדיל.

מענדיל! האסט שוין אנגעהויבען ארומגעהן צו חלום? היינטיגע נאכט האט זיך מיר געחלומ'ט, אז מיר שטעהען ביידע ביים רב אונטער א דעקטוך, צוויי דאמעס ברענגען זאללען זיי, שטעהען פון ביידע זייטען אונ מען שלעפט דיך, די אהער די אהין, אונ ביי דער זייט שטעהט דער שמש מיט בארליאנטענע אויהרינגליך, האלט א געקוילעטען האהן אין האנד אונ שרייט: „ווייבערלעך! נאט אייך א פיפערנאטער!"... איך האב מיך פון זיין געשריי אויפגעחאפט, אויסגעשפיגען דריי מאל אונ אום געבעטעלט אללע בייזע ווייסטע חלומות אויף מיינע שונאים'ס קאפ! אפילו נישט אין זינען געהאט קיין אויהרינגלעך, מיט קיין דאמעס, מיט קיין פיפערנאטערס...

IX.

בעזה"ש יום יום... פרשה.. שנת תרנ"ה לפ"ק יעהופעץ.

לכבוד זוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שיינדיל שתחי'.

ראשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ב"ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאל העלפען מען זאל תמיד הערען איינס פונ'ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות – אמן. והשנית זיי וויסען, אז די גוטע ידיעה האב איך בעקומען אין בויבעריק אויף דער דאטשע אונ האב מיך געזעצט שבעה, עס טהוט מיר הארצעדיק באנק, וואס איך האב נישט געקאנט זיין ביי דער לויה, עס רייסט מיר דאס הארץ אויף די קליינע קינדער נעביך אונ האב רחמנות אויפען טאטען ער זאל מאריך ימים זיין. איך האב געמיינט די גאנצע וואך, אז איך וועל אראפ פונ'ם זינען: א קליינינגקייט, זיעבען טאג במדר זיין אפגעריסען פון דער בערזע, נישט וויסען פון קיין קורסען? עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז דארט וועט זיך איבערקעהרען די וועלט! אי"ה מארגען פאהר איך שוין אין שטאדט אריין, דערווייל שרייב איך דיר א בריוויל, עס ווילט זיך מיר אביסל דורכשמועסען מיט דיר אונ אגב דיר שרייבען א ריכטיגען חשבון, וואו איך האלט, זאלסט נישט מיינען, אז איך בין חלילה פערדרעהט אדער איך בין גענארט. מיין פארטעפעל בעשטעהט אצונד סך הכל פון פופציג שטיקלעך „פוטיוול", הונדערט שטיקלעך „טראנספארט", פינף „מאלצעווער", פינף „ליליעפוטלעך" אונ פינף „וואגעלעך" א חוץ פרעמיעס. מילא „פוטיוול" אונ „טראנספארט" איז ביי מיר פערקויפט אויף שפעטער מיט א דרייעריל האנדגעלד, ווי באלד מען קויפט זיי ביי מיר אוים צום זמן – אונ אויס קויפען וועט מען זיי דאך געוויס – בלייבט מיר איבער אויף זיי ריין פערדינסט נאך אללע הוצאות א רובל פיער-פינף טויזענד. חוץ לזה האב איך א פאר „האסליך" אויף „פוטיוול" אונ אויף „מאלצעווער", פרימא בריוועלעך, רעכן איך חאפען אויף זיי אויף א רובל זיעבעצעהן-אכצעהנהונדערט; האסט דו שוין גוטע זיעבענטויזענד רובל. אויף די פינף „מאלצעווער" מזומן רעכן איך אויף טרפה'ס פיערטויזענד רובל, דען עס וועט זיין א חרפה, א בזיון, אויב זיי וועללען נים שטעהן אין גיבען צום וועניגסטען צוויי טויזענד רובל א שטיק, חאטש אפילו זיי האבען זיך די לעצטע טאג א קאפעלע אראפגערוקט; נאר דאס איז נישט מעהר ווי א מאניפארגעלע פון די פייטערבארגער בלאנקיסטען (א רוח אין זייערע פאטער אונ מוטער אריין!) בכדי זיי זאללען זיך קאנען אפדעקען! בלייבט איבער דער רעכטער שפיגעל: איך מיין די „ליליעפוטלעך" מיט די „וואגעלעך"; דא איז א ריינער חשבון ווי גאלד: ביז „אולטימא" האבען מיר נאך אזוי גרוים ווי אכטצעהן טאג. אונ אזוי ווי די „ליליעפוטלעך" הויבען זיך אויף הונדערט רובל א טאג, האסט דו א קיימא לן פון אכטצעהן מאל הונדערט געכפלט אויף פינף, בעטרעפט דאס פונקט ניין טויזענד רובל אונ די „וואגעלעך"? זיי שפרינגען דאך אויף ק"ן רובל א טאג; האסט דו אכטצעהן מאל ק"ן געכפלט אויף פינף, בעטרעפט דאס נים קיין דרייצעהן טויזענד פינף הונדערט רובל? היינט וואו איז עפים „וואלגע"? „דניעפר"? „דאן"? אונ שאר ירקות"? הכלל

גאר קיין גרויסען בייטעל גאה איך מיר נישט, נאר איך רעכן אלסדינג, שוין נאך אללע הוצאות: „קורטאזש", „גנבה'זש" ארום אונ ארום, – קרוב צו פערציג-פופציג טויזענד! השם יתברך זאל העלפען, דאס „אולטימא" זאל נאר אפלויפען גלאט, וועל איך אי"ה „רעאליזירען" אללע מיינע פאפירליך אונ וועל מיך „איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט", דאס הייסט איך וועל געהן „א לא בעס", ווערען א מוכר אויף אלסדינג אונ וועל פערדינען געלד אויף דער „לינקער זייט"; נאך דעם וועל איך מיך א ווארף טהון צוריק „א לא האס" אונ ווידער אמאל חאפען א גראבס. אזוי אז פון די פופציג טויזענד וועט ווערען מאה אלף, פון די מאה אלף וועט ווערען רי"ש אלפים; פון די רי"ש אלפים-ת"ק אונ אזוי ווייטער ביז א מיליאן. ווי אזוי זשע דענן, נארעלע, ווערדט מען א מיליאנשטשיק, א בראצקי? אונ וואס מיינסט דו איז בראצקי? א בשר ודם, איך האב איהם אליין געזעהן, איך זאל אזוי זעהן אלדעם גוטס!... הכלל זאלסט גאר קיין יסורים נישט האבען, מיין ווייב, איך האב מיך גוט צוגעקוקט צו דער „שפעגעלאציע" אונ בין געווארן דא אויף דער בערזע אזא חריף, אז מען קומט שוין צו אמאל צו מיר, נישט קשה, מיט איין עצה; מיט גאטט'ס הילף איך פערשטעה די שפיעל! אונ וואס דו גלויבסט נישט אונ הייסט מיר שניידען איז ביי מיר קיין חדוש נים. למאי חינקים? חינקים האט זיך יענע וואך נים איבערגעשראקען? עס האט זיך איהם ביי נאכט געחלומט א שלעכטע קארט, – א סימן אויף א בעס – איז ער אוועק קיין פייטערבארג אונ קיין ווארשא אונ האט אפגעשניטען אין איין טאג דעם גאנצען פארטעפעל; אוודאי רייסט ער איצט נעביך אויף זיך די האאר! א מצוה אויף איהם! ווער הייסט איהם זיין א נארר? איך קוק שוין ארוים אויף מארגעדיגען טאג, געוואהר ווערען די קורסען; איך האב מיך בעשלאסען תיכף ווי באלד איך קום אין שטאדט אריין, זיין ביי מארשאקען נאך דיין „בראש" מיט די בארליאנטענע אויהרינגלעך. אונ אז איך וועל נאר האבען צייט, חאפ איך מיך אראפ אויף „פאדאל" איינקויפען דיר אביסל וועש, טישטוכער, האנדטוכער אונ די קינדער אויף העמדלעך אונ נאך עפים אין בעל-הבתיש קיים אריין, נישט ווי דו זאגסט, אז איך האב דיך חלילה פערגעססען. אונ מחמת איך האב קיין צייט נים מאך איך דאס בקצור. אי"ה אינ'ם אנדערען בריעף וועל איך דיר-ארויסשרייבען אלסדינג באריכות. לעת עתה זאל גאטט געבען מיט געזונד אונ מיט הצלחה. גרים שוועהר אונ שוויגער אונ אלעמען בעזונדער גאר פריינדליך אונ זאג דעם טאטען זאל לעבען, ער זאל זיך נים נעמען צום הארצען. ד' נתן ד' לקח...

מימני בעלך מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי

וואס דו שרייבסט מיר מכח נואסילקאוו, האסט דו א פנים גאר נים פערשטאנען, וואס איך מיין. אזוי ווי איך טאר דא נים זיין, וויל איך ווערען א היגער קופעץ, קאן מען אנדערש נישט אויספיהרען, סיידען מען איז פריהער חאטש א האלב יאהר א וואסילקאווער נכתב. אונ קוים וועך איך א היגער, דינג איך אי"ה א דירה אונ געהם דיך

ארוים אהערצו אין א גוטער שעה. און וואס דו ביזט אזוי אויפגעטראגען אויף יעהופּעץ, איז נאר דערפאר, ווייל דו קענסט נאך נישט די שטאדט מיט די היגע מענשען; מילא די שטאדט אליין שמועסט מען נישט, ס'איז א צאצקעלע, און די מענשען די היגע זענען ממש גאלד און זילבער; ווייס איך, ווי קומט דאס צו אדעס? אין אדעס קאן א יוד געהן און שטארבען אין מיט'ן גאס פאר הונגער; און דא איז אנדערש: דא איז פאראן אויף אלסדינג א „קאמיטעט", מיט „טשלענעס", מיט „זאסידאניעס" אלע מאנטאג און דאנערשטאג... היינט גלאט אזוי די מענשען זענען מילד, אזוי צוגעלאזט, סאי די מאנסבילען, סאי די נקבות... איין שטיקעל חסרון האבען זיי דא, וואס זיי האבען אלע ליב א קארטיל; קומט די נאכט - נעהמט מען זיך צו דער ארבייט און מען זיצט אוועק ביז טאג און מען שרייט: „פאס"! די גרויסע שפּילען אין אזא שפּיל, וואס הייסט „פרעפעראנץ", און די קליינע שפּילען אין „סטוקעלקע", אין „סטראשאק", אדער גאר אין „טערטעל-מערטעל". —

הנ"ל.

X.

בעזה"ש יום יום... פּרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק מאזעפּעווקא.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה"ר מנחם-מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אז מיר זענען אלע גאטט צודאנק אין בעסטען געזונד, געב גאטט דאס געמליכע פון דיר צו הערען אויף ווייטער ניט ערגער. צווייטענס שרייב איך דיר, בעלי היקר זאלסט גאר נישט איבערטראכטען חלילה קיין שלעכטס, עס קומט דיר מזל טוב: דער טאטע דיינער האט שוין חתונה געהאט, אין א גוטער שעה, א מזל'דיגער! ער האט קיין צייט ניט געהאט צו ווארטען אפילו גאנצע צוויי חדשים; ער איז אוועקגעפאהרען קיין באַרדיטשעוו, פון וואנען מען בעציהט אויף דער גאנצער וועלט שטיפמאמעס, און האט אראפגעבראכט פאר זיינע קינדער א מאמע און דווקא א מיידיל פון א יאהר ניינצעהן! אזא יאהר, אזא מזל אויף אייך, אלע מאנסבילען, וואס פאר א פּנים דאס האט! גאטט מעג אייך זיין אזוי געטריי ווי איהר זענט אונז געטריי! אייערע ווייבער זאללען אייך אלעמען איבערלעבען! בעסער זאללען מיר בלייבען נאך אייך אלמנות, איידער איהר זאלט מאכען אונזערע קינדער פאר יתומים! איך שטעל מיר פאר דיינע טרעהרען, מענדיל, ווען איך זאל חלילה אשטייגער דיך איבערלאזען, ניט דערלעבען זאלסט דו, איין אלמן! די יעהופּעצער דאמעס, א כפּרה פאר מיין מינדסט פינגעריל, וואלטען דיך בעפאלען ווי די בינען, איין אויסהאפּעניש וואלט אויף דיר געקומען נאך פאר שלשים! עס וואלט געוועזן ביי דיר, ווי די מאמע זאגט, אבשר'ער טאפּ מיט א כשר'ען לעפעל; וואלסט שוין דעמאלט געקאנט בלייבען א יעהופּעצער אויף אייביג! דו קנאקסט זאגסט דו, מענדיל? קנאק! פּליה! שפּרינג אין פייער! ווער פערברענט! — איך וועל צו דיר נישט פאהרען, איך זאל וויסען, אז דו ליגסט דארט

אויפ'ן טויטען בעט! און דיינע פופציג טויזענד שרעקען מיך אויך קארג וואס. ערשטענס ביזט דו מיינער מיט די פופציג טויזענד, אזוי ווי אהן די פופציג טויזענד, און צווייטענס האבען ביי מיר דיינע פופציג טויזענד א ממש פונקט ווי א שמעק טאבעקע. דען כל זמן דאס געלד איז אויף פּאפּיר, איז דאס פּאפּיר, נישט קיין געלד, ווי זאגט די מאמע: דער חשבון איז ריכטיג, נאר דאס געלד פעהלט. איך וועל דיר זאגען דעם אמת, בעלי היקר, אזוי לאנג פוילסט דו. ווי לאנג דו ביזט זיי גאר ווערט? דען אז דו האסט געזעצט ביד איבערצוצאהלען עטליכע רובל און ווילסט ווארטען ביז עס וועט ווערען דווקא פופציג טויזענד, ביזט דו אדער א משוגענער אדער א גזלן, א רוצח, האסט קיין רחמנות נישט אויף דיין ווייב ביז הונדערט און צוואנציג יאהר און אויף דיינע קינדער. עס געפעלט מיר, ווי ער האדעוועט מיך מיט „זאוטריקליך": מארגען וועט ער זיין ביים גאלד-וואַרגער, מארגען וועט ער קויפען וועש, — אלץ אויף מארגען. נארר איינער! פאר מארגען לאז זיך גאטט זארגען! דו קויף בעסער היינט; רייס אפּ, חאפּ אריין, עס וועט זיין גלייך ווי געפונען! די מאמע מיינע, זאל לעבען און געזונד זיין, זאגט גאנץ קלוג; זי זאגט: „וואס טויג דיר, טאכטער, מתנות, טישטוכער, האנדטוכער? געלד, זאגט זי, לאז ער דיר שיקען! ער איז דיר, זאגט זי, א מאנן, בעדארף ער דיך, זאגט זי, מפרנס זיין! וואסער א גוט מארגען אזא גוט יאהר! געב איין, זאגט זי, אויף איהם אין גלאסנע סוד! וואס געהר זיך דאס אן מיט דיר, צו ער האט געלד צו גיין? דער מלאך המות, זאגט זי, פרעגט נישט צו דער מת האט תכריכים. — שטעל איהם צו, זאגט זי, דיין כתובה, דו האסט, זאגט זי, פון איהם א תוספת כתובה"!... נאר דאס איז אבער אלץ ווארטער, ווי זאגט מען: גרינג צו זאגען, שווער צו טראגען. ס'איז בלאטע, איך וועל נישט געהן אין גלאסנע סוד, איך וועל אויף דיר גישט איינגעבען קיין פּאפּירען, איך וועל ווארטען נאך א פּאר וואכען, ביז איך וועל מיך פיהלען אין גאנצען געזונד, דעמאלט זעץ איך מיך אויף און פאהר אראפּ צו דיר אהינצו, און דעמאלט בין איך דיר נישט מקנא. איך וועל דיר דארטען נאכגעהן פּים מריט, איך וועל דארטען זיין אומעדום איך וועל אין גוטען מוטה דערצאהלען איטליכען בעזונדער אלע דיינע גאנג פון דער ערשטער מינוט אן, וואס איך האב דיך דערקענט ביז צו היינטיגען טאג; איך בין דיר ערוב, אז דו וועסט אנטלויפען פון דארטען האלבע נאכט! לכן, בעלי היקר, וואס טויג דיר קוקען אויף יענעם? וואס גלייכסט דו זיך צו די בראצקעס? ווי קומסט דו צו מיליאנען גאר? וואס דארפסט דו פופציג טויזענד? און שי"ן רובל איז דיר קארג? א יעהופּעצער גלוסט זיך איהם ווערען! און מאזעפּעווקע איז דיר קליין? קראנק ביסט דו זיין א קרעמער, ווי נחמיה, אויך אזא לייטישער יונגערמאנן ווי דו? מיט די יעהופּעצער חצופות ווילט זיך איהם זיין בעקאנט, שפּילען מיט זיי אין „פערדעל-מערדעל" — א שאנע שפּיל!... מיט'ן מלאך המות וועסט דו זיך ביי מיר שפּילען! איין מאל פאר אלע מאל, דאס שרייב איך דיר, מענדיל, דאס לעצטע מאל: אויב דו ווילסט מיך נישט האבען אין גיכען פאר א נאסט אין יעהופּעץ, — מאך איין עק, פערקויף אויס דיין גאנצע קראם, צאהל איבער, לייג אריין אין קעשעני און פאהר אהיים! נאר למעה"ש פארגעס

גישט מיטגעהמען די אללע זאכען, וואס דו שרייבסט — אללע מאל דארף מען איהם דער־מאהנען! — און אז דו וועסט שוין זיין ביים גאלדווארגער דארטען, פרעג איהם שוין אין איין וועגס, צו טראגט מען נאך היינט אויך גארגעלקייטען צו גיין? אמאל איז דאס גע־ווען די גאנצע מאדע. אויף בליומע־זלאטען האב איך געזעהן א בראנזעליעט מיט א פיגעדיל איינגעפאסט, דאס האט ער איהר נאר וואס געבראכט פון יארמעליניץ פונ׳ם יריד, זי האט דאס א מאנן! זי האט דאס א לעבען! פערשטעהרט זאל דאס איהר נאר ווערען, ליעבער גאטט! ווי זאגט די מאמע: פעריל אויפ׳ן האלז, שטיינער אויפ׳ן הארצען. דאכט זיך איך בין אויך אזא מאטענס א קינד, ווי בליומע זלאטע; אפשר אזוי שיין אזוי ווי זי און קלוגער אוודאי, — פאר וואס זשע קומט דאס מיר?... נאר וואס העלפט טענות? געשוויגען איז גערעדט, ווי זאגט מען: חאטא פאקרעשקע. א שטיקעל גליק, וואס דו האסט דיך דערמאהנט, אז איך בעדארף טישטוכער מיט האנדטוכער אין בעל־הבית־ישקייט אריין. ווי קומט דאס צו דיר ח׳לעבען? אפשר וואלסט דו זיך שוין דערמאהנט, אז איך דארף האבען נאך עפים? אשטייגער: האנדטוכליך, נאזטיכלעך, איינזעצלעך, א פלעשעל וואדעקאלאן, און עפים נאך? אנו דערמאהן זיך אקארשט! נאר אזא מכה דיר ווי דו האסט דאס שוין פערגעססען! זיי געזונד און פיעל גליקליך ווי עס ווינשט דיר היינט און אללע מאל

דיין באמת געטרייע פרוי שיינה שיינדיל.

יא, איך וועל דיר דערצעהלען א שאנע זאך פון דיין שטיפמאמע, מיין נייע שוויגער, מיינע וועהטיגען אויף איהר! אז דער טאטע דיינער האט זי געבראכט צו פיהרען, דעם אנטיק פון בארדיטשעוו, האט ער באלד געשיקט צו אונז מיר זאלען אללע קומען צוגעהן איהם אפגעבען מזל טוב. דו קאנסט פערשטעהן, מיט וואסער א הארץ מיר זענען דארט געזעסען. נאר פון דעסטוועגען קאן מען דאך אזוי גראב נישט זיין; פארט א פרישער מענש: קוצעניו־מוצעניו, א קוש אין פיסקיל, א רוח אין הערציל — הכלל מיר האבען זיך בעקענט, געווארן גוטע שוועסטער, גאר אויף איין אנדער אופן! ס׳איז דאך אבער דא א יענטיל, א הולטייקע, דאס שווארצאפפעל פונ׳ם אויג! — איז זי זיך מיישב מסתמא און געהט אוועק צו איהר באלד אויף מארגען און פירט אן א רכילות. מען זאל טאקי נאר בעהיט און בעווארענט ווערען! היינו: זי זאגט, אז איך האב גע־זאגט, אז... נאר שא, איך האב גאר פערגעססען, אז דו ביזט היינט געווארן א גאנצער פריץ און קאנסט שוין גאר ניט אויסהערען אפילו אונזערע מאזעפעווקער מעשיות. האב קיין פאראיבעל נישט, וואס איך דול דיר א ספאדיק, לאז זיך דיר דאכטען, עלעהיי איך בין א יעהופעצער דאמע, א כפרה פאר מיר און פאר מיינע ווינטעריגע קליידלעך.

XI.

בעזה״ש יום יום... פרשה.. שנת תרנ״ה לפ״ק יעהופעץ.

לכבוד זוגתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה שיינדיל שתחי׳.

דאשית בין איך דיר מודיע, אז איך בין ב״ה בקו החיים והשלום, השם יתברך זאל

העלפען מען זאל תמיד הארכען איינס פונ׳ם אנדערען נאר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות — אמן. והשנית זיי וויססען אז עס טהוט זיך חשך! היינו עס איז אנגע־קומען פון פיטערבארג אזעלכע קורסען, אז ס׳איז אונז אלעמען פינסטער געווארן אין די אויגען; ווי א דונער האט דאס אונז דערשלאגען. עס איז געווארן פינסטער אין אללע קאנטארען, ערד־ציטערניש אויף „חרעשטשאטעק"! תיכף נאך פיטערבארג האט אויך ווארשא געגעבען א זעץ איהרע קורסען! ס׳איז געווארן א לויפעריי, א בהלה, א פחד, א מהומה, א שרפה, א מגפה! די שפעגעלאנטען זענען זיך צולאפען, אויסגעטריקענט געווארן, די קאנטארען זענען געבליבען פוסט; די באנקירען פערזארגט אין גרויס גרימצארען — ס׳איז חורבן בית המקדש. שטעל דיר פאר, זוגתי היקרה, אז די „מאלצעווער", וואס איך האב זיי גערעכנט אויף טרפה׳ס צוויי טויזענד רובל, האבען זיך מיישב געווען און האבען זיך גאר אראפגערוקט ביז פינפהונדערט פופציג! צו למשל „פוטיוול": גיכער וואלט איך זיך גערעכט אויף זיי א מפלה איידער זיי זאלען ווערען פון הונדערט אכציג צוריק הונדערט זיעבען און צוואנציג! פון „טראנספארט" — שמועסט מען נישט; „טראנספארט" איז גאר אין דער ערד; קיינער געהמט דאס נישט אין די האנד אריין און געה טהו זיי עפים! דאס אייגענע איז מיט „וואלגע", מיט „דאן" און מיט אללע אנדערע פאפירליך. נאר דאס אלסדינג איז נאך גאלד קעגען ווארשא. אין ווארשא איז גאר איין אומגליק! זינט די וועלט שטעהט איז נאך אזא שחיטה נישט גע־שעהן ווי אין ווארשא. ווארשא איז זיך מיישב און טהוט א שמיץ די „ליליעפוטען" פון צוויי טויזענד פיערהונדערט פופציג גאר אויף טויזענד צוויי הונדערט צוואנציג! היינט „וואגעלעך"! „וואגעלעך" זענען שוין געשטאנען אזוי שיין, אזוי פיין, מיר האבען געמיינט: אט, אט זענען זיי דריי טויזענד רובל! וויפיעל מיינסט דו שטעהען זיי היינט? וועסט נאך נישט טרעפען: טויזענד פיערהונדערט שמארדאוועצים! ווי געפאלט דיר א קורס? ס׳איז עק וועלט! אז אך און וועה איז ווארשא, זיך שאן אויסגעפיינט: געטריבען, געטריבען און פלוצים אין מיט׳ן דרינגען — נא דיר א חתונה! פון וואנען געהמט זיך דאס איבערקעהרעניש — ווייסט קיינער נישט. דער זאגט דאס, דער זאגט יענץ. נאר ווערדליג איך הער איטליכער זאגט „קריזישעס" — פערשטעה איך, אז עס וואקסט פון געלד, דאס הייסט, פון דעם וואס ס׳איז נישט דא קיין געלד. אויף דייטש רופען זיי דאס אן: „געלד־מאנגעל" און אויף אונזער לשון הייסט דאס פשוט: „נישט דא א פיערער". וועסט דו דאך מסתמא וועללען פרעגען: וואו איז אהינגעקומען דאס גאנצע געלד? סטייטש עס האט זיך דאך ערשט נאכטען געוואלגערט אין אללע גאססען? תיקו, בלייבט א קשיה! נאר ווי אזוי די מעשה איז, שפעגעלאנטען זענען געווארן אפגעקאכט און איך אויך בתוכם. נאר דאס אליין וואלט נאך נישט געווען אזא אומגליק, מילא דערויף איז מען דאך א שפעגעלאנט: היינט א גביר און מארגען א קבצן; שוין געוואוהנט צו אזעלכע קלאפ, ווי זאגט מען: א פערד מוז האבען א בייטש און א הונד א שטעקען...! שלעכט איז דאס, וואס אללע זענען געבליבען דערונטער און איך אויך בתוכם. וועסט דו דאך מסתמא וועללען פרעגען, וואס הייסט „דערונטער"? מוז איך דאס דיר צוקייען, און אריינ־

לעגען אין מויל אריין: למשל איך האב געהאט מזומנע סחורה, וועללען מיר זאגען „פוטיוול"; געקאסט האט דאך מיך הונדערט אכציג; געהאט האב איך אויף מיין „דעפא" אין גאנצען צעהן פראצענט, אכטצעהן רובל אויף א שטיקעל. היינט ווי באלד זיי שטעהען איצט הונדערט דרייסיג, בעדארף איך נאך צוצאהלען דעם קאנטאר אזוי גרויס ווי זעכציג רובל אויף א שטיק. וואו זשע האב איך? אזוי איז מיט „טראנספארט", אזוי איז מיט „מאלצעוו" אונ מיט אללע אנדערע „פאפירליך". די באנקירען געביך שרייען: געוואלד, ברידערלעך, אדער טראגט צו נאך געלד, אדער נעהמט ארויס אייערע פארטע־פעלען, ווען נישט וועללען מיר געהן קיין פעטערבארג אונ קיין נווארשא — וועט מען אייך שניידען! נאר ווער הערט זיי? געהט שניידט! אונ אזוי שניידט מען אונ מ'שניידט אללע טאג; עס רינט בלוט אין די גאססען! ס'איז אללע טאג שקאנדאללען, אנזעצען, עס האלט שוין ביי פאטש, גאטט איז יודע צו וואס עס קאן נאך קומען! איך וואלט אפשר נאך נישט אזוי בעגראבען געווארן, ווען נישט דאס דרייעריל, דאס הייסט, וואס איך האב פערקויפט מיינע פאפירליך אויף שפעטער מיט א דרייעריל איין אדראף. אט דאס דרייעריל האט מיך געקוילעט! דען אז ס'איז אנגעקומען דער ערשטער פאל, האט מיר דער באנקיר געזאגט מיט גוטען: „פעטער, עס געהט אויס פאדעם... מהוט עפים א טראכט מכח אכטצעהן אונ דרייצעהן"... צום צווייטען קלאפ האט ער שוין מיט מיר גערעדט אויף איין אנדער לשון: „געלד! געלד! למען השם געלד!"... צום דריטען מראסק האט ער געשריגען אויף א קול: „וואס האט איהר צו מיר? אדער טראגט צו געלד, אדער נעהמט אייך ארויס אייער „פארטעפעל!"... אונ שפעטער, אז ס'איז אנגעקומען גאר דער גרויסער קנאק, האט ער שוין געקלאפט אין טיש אריין: „א חלירע אויף אייך! נעמט אייך צו אייערע פארטעפעלען צו אלדע שווארצע יאהר! איך ווארף אייך אויף דריי אונ דרייסיג כפרות מיט אייערע פאפירליך!"... איך האב איהם פערשטעהט זיך, געפאלגט, געטראגען ביסלעכווייז ווי ווייט איך האב געקאנט; איך האב איהם אפגעגעבען אללע מיינע „האסלעך" מיט די ווארשעווער „פרעמיעס", איך וואלט איהם די נשמה אויך אפגעגעבען; ס'איז עפים א תירוץ? איך האב אלץ געמיינט, איך ראטעווע מיך, צום סוף געה זיי א נביא! נאר, איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אויף פעטערבארג פערדריסט מיך נ"ט אזוי ווי אויף ווארשא. פעטערבארג געהט זיך פאוואליגקע, אללע טאג פאלט דארטען צוואנציג־דרייסיג רובל אונ גענוג, ס'איז חאטש, ווי זאגט ער, מעשה סוחר. ווארשא — קיין יוד זאל דאס נישט קענען! — דאס איז עפים א מין סדום, רחמנא לצלן: נישט דא דער טאג ווארשא זאל נישט געבען א ריס מיט ק"ן, מיט רי"ש אונ מיט ש"ן רובל נידריגער, א פאטש נאך א פאטש, אזוי אז מיר זענען דא אללע געבליבען פריהלישעט, גאר קיין צייט נישט געהאט אפילו זיך ארומצוקוקען! מיליאנען קאסט אונז ווארשא, מיליאנען! געוואלד, וואו איז געוועזען אונזער שכל? איך זאג אבער תמיד, אז א ווייב זאל מען טאקי האבען! הלוואי וואלט איך דיך געפאלגט, זוגתי היקרה, וואלט איך איצט ארויסגעשטעלט דער וועלט דריי פייגען; בראצקי וואלט צו מיר נישט געוועזען גלייך! נאר מסתמא הייסט גאטט אזוי; ס'איז א פנים

נאך נישט געקומען די רעכטע צייט... צו שלים מזל, זאגט מען, בעדארף מען אויך האבען מזל; א שטיקעל גליק, וואס מיין באנקיר, לאנג לעבען זאל ער, מאהנט מיך חאטש נישט די עטליכע רובל, וואס איך בין איהם געבליבען שטעהן אין קאנטאר. אדרבה, ער זאגט מיר צו, אז עס וועט זיך אביסל פערבעססערען די צייט, וועט ער אפשר זעהן מיר צושארען איך זאל ארום איהם קאנען פערדיענען א רובל... נאר דערווייל איז נישט דא וואס צו טהון, עס געהען ארום אויף דער בערזע מתים, נישט קיין שפעגע־לאנטען; די אדעססער חברה דרעהען זיך ארום פוסט אונ פאס; מעקלערס שפיעלען אין „ביליערד" — ס'איז ביטער אונ פינסטער ארום אונ ארום; אויף דער „דאטשע" בין איך שולדיג פאר סטאנציע; אין שטאדט — פאר קעסט. אונ אין קלייטיל האב איך אויך א קאנטע. — ס'איז שלעכט — ביז עק אריין שלעכט! די שפעגעלאציע, זאגט מען, איז אפגעשטארבען, קאן שוין תחית המתים נישט אויפשטעהן; נישט דא זיך צו וואס צו נעהמען. פאהרען אהיים? איז ראשית נישט דא אויף הוצאות, והשנית — וואס פאר א פנים האט דאס? ווי קאן איך מיך שוין ווייזען אין מאזעפעווקע? מען וועט דאך מיר נאכלויפען אין די גאססען! איך זאל האבען מיט וואס, וואלט איך מיך נאך פארט יאקאש דורכגעשלאגען, איבערגעווארט די שלעכטע צייט, דען דער הימעל, ווי זאגט ער, איז נאך צו דער ערד נישט געפאללען; עט, נארישקייטען! דאס הארץ זאגט מיר, אז עס וועט נאך זיין וואס צו טהון, גאטט לעבט אונ יעהופעץ איז א שטארט; אז נישט דאס איז יענץ... נאר וואו נעהמט מען קלינגערס? ווי זאגסט דו: אז מען האט נישט קיין פינגער קאן מען נישט שטעללען קיין פייג... איך האב מיך געפרובט אנמוטהען א פאר מענשלעך מכח א גמילות חסד'ל אויף א קליינער צייט, האבען זיי מיר גע־שוואוהרען, אז אין שטאדט איז איצט אזוי ענג אין געלד, אפילו ביי גאר די גרויסע ביי די בראצקעס, אז ממש מען פאלט מיט'ן פנים צו דער ערד, מען ציהט זיך אויס פאר א רובל... דערווייל געה איך ארום שוין דעם דריטען טאג אהן א לעפעל געקאכטס. שוין אויסגעפערזעצט אונ אויסגעפערמשכנ'ט וואו איך האב געהאט ערגיץ א חפץ, אפילו דעם טלית ותפילין!... השם יתברך זאל עפים א נס טהון מיט מיר: גזלנים זאללען אויף מיר אנפאללען אונ מיך הרגענען, אדער איך זאל אזוי שטארבען געהענדיג אין גאס, דען, זוגתי היקרה, איך קאן דאס שוין מעהר נישט איבערטראגען!! אונ מחמת איך האב קיין צייט ניט מאך איך דאס בקצור. לעת עתה זאל גאטט געבען מיט געזונד אונ מיט הצלחה. לאז גריסען שוועהר אונ שוויגער אונ איטליכען בעזונדער גאר פריינדליך.

מפני בעלך מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי:

די וועלט זאגט א ווערטעל, אז נאך א שרפה ווערדט מען רייך. איך מיין, אז נאך אזא מפלה, ווי מיר האבען אצונד דא, קאן מען ערשט מאכען גוטע געשעפטען, דען ס'איז אלסדינג געווארן בחצי חנם, מען קאן היינט מאכען „האסלעך" מיט „פרעמיעס" אויף די בעסטע „פאפירליך" כמעט אהן געלד. איך זאג נביאות, אונ קאן דיר

שוועהרען בײַ דעם טלית און קיטעל, אַז ווער עס וועט איצט אוועקגעהן קײַן פּײַטערבאַרג אָדער קײַן וואַרשאַ עפּיס קויפען, וועט ער גליקליך ווערען! דען נאָך אַלע מעשיות קאָן איך מיך בעריהמען, אַז איך בין פאָרט נישט קײַן שלימזלניק: איך פערשטעה די שפּיעל אין תוך אַרײַן: צו דער שפּעקולאַציע בעדאַרף מען האָבען נאָר דרײַ זאַכען: שׂכל, מזל און געלד. שׂכל איז ברוך השם, פאַראַן בײַ מיר אַזוי פיעל וויפיעל בײַ אַללע היגע שפּעקולאַנטען... מזל איז בײַ גאָטט, און געלד — איז בײַ די בראָצקעס. ווען מען גיט מיר בראָצקעס מיליאָנען, וואָלט איך זײַ בעוויזען אַ קונץ!... נאָר געה שרײַ אני שלמה! ווי זאָגט ער: „וואָס קומט אַרויס פון קאָנען פּויליש רעדען, אַז מען לאָזט ניט אין הויף אַרײַן?"...

הנ"ל.

XII.

בעזה"ש יום... פרשה... שנת תרנ"ה לפ"ק מאַזעפּעווקאַ.

לכבוד בעלי היקר הנגיד המפורסם החכם מופלג מוה"ר מנחם־מענדיל נ"י.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען, אַז מיר זענען אַללע גאָטט צודאַנק אין בעסטען געזונד, געב גאָטט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען אויף ווײַטער ניט ערגער. צווייטענס שרײַב איך דיר, בעלי היקר, אַז אייגענטליך וואָלט איך דיר בעדאַרפט שרײַבען גאָר אַ סך, נאָר איך האָב דיר נישט וואָס צו שרײַבען, עס האָט זיך שוין אויסגעלאָזט בײַ מיר שטאָף, דען וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אַז איך וועל דיך שוין אַרײַנלעגען אין דער ערד אַרײַן, בעגראָבען לעבעדיגערהייד, עס וועט מיר דען עפּיס העלפען? איך בין דאָך ניט בלומע־זלאַטע; בלומע־זלאַטע האָט ליעב עסען אַ מאַנן, איהם דערגעהן די יאָהרען. ניין. איך וועל דיך נישט עסען, איך וועל דיר נישט זאָגען קײַן קרום וואָרט, נישט איבערקעהרען די צונג אַפילו, נאָר איין זאַך וועל איך בײַ דיר פרעגען, אַ שלאַק זאָל אין דײַנע בײנער אַרײַן: זאָג צו האָב איך נישט געזאָגט פריהער אַז עס וועט אַזוי זײַן דער סוף? זאָג, צו האָב איך דיר נישט געשריבען די גאַנצע צײַט: „אַנטלויף, זאָג איך. מענדיל, ווי פאַר פײַער! וואָס טויג דיר, זאָג איך, שמאַטעס, פּאַפּירליך, אשר־יצרלעך? זײַן, זאָג איך, אין דער היים—וועסט דו נישט רײַסען קײַן שטיוועל". פאָלגט ער מיך נישט! עס האָט איהם צוגעקאָוועט צו יעהופּעץ! ער איז גאָר די כפּרה נאָך די דאָרטיגע פײַנע מענשלעך, די כפּרה מעגען זײַ שוין זײַן פאַר דיר און פאַר מיר און פאַר אונז אַללע און פאַר כל ישׂראל, נישט איך זאָל מיך פאַר זײַ אויסציהען אַ גמילות חסד, געבען זאָל זײַ גאָטט צרות מיט דיר אינאײנעם! ווי זאָגט די מאַמע מײַנע: „בעסער אָנקומען צו עלינו איידער צום בעסטען מענשען"... מיר דאַכט, מענדיל, אַז אויב דו דאַרפסט האָבען עטליכע רובל,—וואָלסט דו מיר געמעגט זאָגען גלײַך, נישט בעטען אויף זיך דעם טוידט, און איך זאָל—בײַם זיך אָב די צונג!—חלילה בלײַבען איין אַלמנה מיט פּיצלעך קינדער; אַ גליק האָט מיך געטראָפען! אויף דיר איז מיר אַ חדוש, מענדיל

דו ווייסט דאָך יאַ, וואָס אין די הייליגע ספרים שטעהט געשריבען: „מיט געוואַלד לעבט דער מענש און מיט געוואַלד טהוט ער שטאַרבען". נאַררעלע, ס'איז אַלסדינג פון גאָטט, דו זעהסט דאָך ווי אַזוי דער רבונו של עולם פיהרט מיט דיר, עס זאָל זיך דיר נישט גלוסטען קיין גרינגע פייגעלעך אין יעהופּעץ, אַ יוד בעדאַרף האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערען און געבען אַ ווייב ברויט. אָט איז נחמיה אויך אַ ליטישער יונגערמאַן, אַ יודע ספר — לאָס איך האָבען אַזאַ יאָהר! — פון דעסטוועגען טהו אַ קוק, ווי אַזוי ער ווערדט אויסגעריסען, פאָהרט אויף אַללע ירידים, געהט צו פוס, קריכט אין דער ערד אַרײַן, האָרעוועט ווי איין אייזיל. עס קאָן זײַן, ער וואָלט אפשר אויך געוואָלט, אַזוי ווי דו, אַרומגעהן מיט'ן שטעקעלע, נישט טהון קיין האַנד אין קאַלטע וואַססער, האַנדלען מיט שמות, שליטלען זיך קיין בויבעריק און שפּיעלען דאָרטען מיט די יעהופּעצער דאַמעס אין דער גוטער שפּיל „פּערדיל מערדיל", — האָט ער אָבער זײַן אייגענם אַ ווייב וואָס זי הייסט בלומע־זלאַטע. בלומע־זלאַטע אַז זי טהוט נאָר איין קוק אויף נחמיה'ן — געהמט איהם אָפּ דאָס לשון; ער פערשטעהט זי שוין אויפ'ן ווינק. אַ נו לאָז איהם גאָטט געבען אַזאַ זינן, ער זאָל קומען פון יאַרמעליניץ און נישט ברענגען איהר קיין מענטעלע, קיין היטעלע, קיין זאַנטיקעל, מיט צרות, מיט שלעק איהר אין האַרצען! וואָס זשע? אַזוי ווי איך קום אָפּ דערמיט וואָס דו שרײַבסט מיר אַללע מאָל: אָט קויפסט דו מיר דאָס, אָט קויפסט דו מיר יענץ — און ביז עפּיס וואָס — לאָזט זיך אויס אַ בוידעם! גאָר דו מיינסט אַוודאי, אַז איך געה אויס נאָך דײַנע מתנות? איך דאַרף דיך אויף כפּרות מיט דײַנע ב׳אָשען און מיט דײַנע בארליאַנטען! לאָס איך דערלעבען זעהן דיך געזונדטער־הייט; עס גלויבט זיך מיר גאָר ניט, אַז דו לעבסט! הײַנטיגע נאַכט האָט זיך מיר געחלום'ט די באָבע צייטיל, עליה השלום, פונקט אַזוי ווי זי איז געוועזען, נישט גע־מינערט אויף אַ האָאר, געל אַזוי ווי וואַקס, אין ווייסע תכריכים, מיט אַ זאַק אין דער האַנד: „דו פאָהרסט? — זאָגט זי — פאָהר געזונדטערהיידט, מיין קינד, און לאָז גריסען מענדעלען"... אין דער פריה האָב איך געוויינטלעך, דערצאָהלט דעם חלום דער מאַמען, זאָל לעבען, האָט זי מיר פּותר חלום געוועזען: „טאָכטער — זאָגט זי — איך זעה אַרויס, אַז דו וועסט מוזען פאָהרען נאָך איהם, נאָך דעם שיינעם תכשיט דײַנעם, גאָטט זאָל דיך היטען — זאָגט זי — ווי אַ שטאָך אין אויג, איהם שיקען געלד אַהינצו! זײַ, זאָגט זי, אַ הונד אַ פינגער, וועט ער וואַללען די גאַנצע האַנד; ער וועט בעקומען, זאָגט זי, די עטליכע רובל וועט ער זײַ באַלד אַוועקטראַגען אַהין וואו דער ליעבער שבת קודש געהט אַוועק: דורך אַ קאַטץ, זאָגט זי, שיקט מען נישט קיין שלח־מנות"... אַזאַ מכּה דיר ווי זי זאָגט גלײַך! אם ירצה השם זונטאג גאַנץ פריה זעץ איך מיך אויף און פאָהר אַהין, אין דעם שיינעם יעהופּעץ דײַנעם, ברענגען זאָל דאָס מיט אַללע דאַמעס און מיט דיר אינאײנעם, ווי עס ווילט זיך מיר אפילו ריהרען פונ'ם אָרט און הערצקען זיך אַזוי ווײַט. נאָר עס העלפט ניט, מען מוז פאָהרען; אַגב וויל איך טאַקי זײַן בײַם פּראָפעססער... וועט קאָסטען אַ פּאַר רובל, ווי זאָגט די מאַמע: אויפ'ן רוח געבינט

איך, זיי געזונד, און פיעל גליקליך, ווי עס ווינשט דיר האנט און אללע מאל.
דיין באמת געטרייע פרוי שיינה שיינדיל.

איך קאן דיר אנזאגען א בשורה: די מאמע זאל לעבען און געזונד זיין פאהרט אויך מיט מיר. זי זאגט: „דאס גאנצע געלד צאהלט מען אפ פאר'ן אתרוג און א ברכה מאכט מען אויפ'ן לולב"—וואס זי מיינט דערמיט, פערשטעה איך נישט... זאלסט זיך רעכטען אויף אונז און למען השם צוגרייטען עפיס א רעכטע סטאנציע, ווי אונז שטעהט אן; זאלסט נישט ארויספאהרען אונז א קעגען, דען איך ווייס נאך נישט פון וואסער א זייט מיר קומען אן קיין יעהופעץ און אויף וואסער אכסניה עס וועט אונז אפוואַרפען דער בעל עגלה; מיט דער באהן וויל די מאמע מיינע נישט פאהרען בשום אופן: ערשטענס האט זי פיינד, זאגט זי, דאס איילעניש. מיט'ן ענגשאפט, מיט'ן פייפען, וואס עס פייפט; וויינציגער עולם, זאגט זי, גראססער די שמחה; און צווייטענס זאגט זי, אז פאהרען זאל מען שוין זיין אומעדום; ווי אזוי שטעלט מען זיך נישט אפ חאטש אויף איין טאג אין יאמפעלע זיך זעהן מיט דער משפחה? פארט, זאגט זי, אייגען בלוט... פון יאמפעלע פאהרען מיר אראפ קיין טעטרעוויץ: דארט זיצען אונזערע נייע מחותנים, וויל זי זעהען זיך מיט זיי און שמועסען מכח דאס נדן, וואס זיי האבען צוגעזאגט איינלעגען; זי מוז זיך, זאגט זי, מיט זיי צוקריגען; בעססער, זאגט זי דער ערשטער רוגז... פון טעטרעוויץ חאפען מיר זיך אראפ קיין סטרישטש: מיטוואך האבען מיר דארט איין אנגעלייגטען ברית: הענעלע האט אלע יאהר א מיידיל, היינט איז זי געלעגען געווארן און געהאט צוויי יונגלעך מיט א מאל אזא גליק! ווי זאגט די מאמע: אדער גאר אדער גאר נישט... ערשט ארום דאנערשטאג-פרייטאג רעכנען מיר זיין אין דעם שאנעם יעהופעץ. אייינגעזונקען זאל דאס ווערען! לכן זאלסט דו זיך מטריח זיין נאכפרעגען אויף אונז אין אללע אכסניות, ווי זאגט די מאמע: ווער עס פרעגט בלאנזעט נישט... דאס זאג איך דיר פריהער, מענדיל, אז מיר וועלען נישט ארומגעהן איבער יעהופעץ דיך זוכען — „צו ווייסט איהר נישט וואו זיצט דא ערגיץ א יונגער-מאן מנחם מענדיל יקנה"ז?"...

צו די בילדער.

I.

דוד פרישמאנן.

מען דערצאהלט פון אמאליגע יאהרען ד. ה. אין דער צייט ווען מען האט יודישע קינדער זעהר יונג חתונה געמאכט. האט איינער געפרעגט א יודען: — „שוין לאנג אז איהר האט א פרוי?" — „איך געדענק ניט, מיר דאכט זיך אז זינט איך לעב האב איך א ווייב" האט דער יוד געאנטווערט.

אויף דער פראגע ווי לאנג איז פרישמאנן א שרייבער?, ווען האט ער אנגעהויבען שרייבען? קען מען, דאכט זיך, אויך אנטווערען „אז זינט ער לעבט איז ער א שרייבער".

כמעט נאך אין די יונגעלשע יאהרען האט ער שוין אוסגעפעט איבערזעצען אזא גרויס און בעריהמט ווערק ווי „ידיעות הטבע" פון ד"ר בערנשטיין וואס דער איבערזעץ איז באמת א שאץ אין דער העברעאישער ליטעראטור.

א צייט פריהער האט ער שוין געשריבען שירים און פראזא אין פערשיעדענע העברעאישע זשורנאלען, דא האבען מיר שוין געזעהן פרישמאנען ניט אלס פעהיגער איבערזעצער און שפראכען קענער נור אלס יונגער פרישער און רייגער טאלאנט.

שפעטער זעהען מיר איהם אלס בעללעטריסט און פאעט אין די ערשטע באנדער „האסיף" פון נ. סאקאלאוו. נאכהער אין פעטערסבורג אללעס צווייטער רעדאקטאר און שטענדיגער מיטארבייטער אין דער ערשטער טאגליכער העברעאישער צייטונג „היום" און אין זשורנאל „בן עמי" פון ד"ר ל. קאנטאר.

דא זעהען מיר פרישמאנען פערשיעדען מיט זיין גאנצען אויסגעארבייטען ענטוויקעלטען טאלאנט, מיר זעהען איהם אללעס זשורנאליסט, בעללעטריסט, קריטיקער און פעליעטאניסט. (ווער געדענקט ניט זיינע אותיות פורחות).

און אומעטום זעהט מען אין זיין שרייבען טאלאנט און וויץ.

אין יאהר 1888 האט פרישמאנן אין איין צייט מיט דעם בעריהמטען פאעט פרוג אנגעהויבען שרייבען יודיש. זיינע ארטיקלען געפינען זיך אין „יודישעם פאלקסבלאטט" „הויז פריינד" און „יודישע פאלקסביבליאטהעק" און אין יודישען זעהט מען דעמזעלבען פערשיעדענעם טאלאנט פון פרישמאנען ווי אין העברעאיש.

אפט מאל באגעגענען מיר איהם אויך אללעם בעללעטריסט אין איינינע דייטשע זשורנאלען.

און ווי פרישמאנס טאלאנט איז פערשיעדען, פארנעהמט ער אומעטום אין דער העברעאיש-יודישער ליטעראטור איינעם פון די גרעסטע פלעצער.

אויספיהרליך שרייבען וועגען זיינע ווערק און זייער ווירקונג האבען מיר דא צו ווינציג פלאץ מיר בעגניגען זיך נור מיט עטליכע ווארטער צו זיין בילד אין „הויז פריינד".

פרישמאנן איז גענוג פאפולאר צווישען יודען און מיר וועלען קיין טעות האבען ווען

מִיר וֶועלֶען זָאגֶען אַז וֶוער עֶס פַּארשְׁטֶעהט נוּר הֶעבְּרֶעאִישׁ דֶער הָאט גֶעלֵייעֶנְט פְּרִישְׁמַאנְ'ס — עֶר הָאט פִיעל גֶעאַרְבֵּייט אִין דֶער הֶעבְּרֶעאִישֶׁער לִיטֶערַאטוּר אוּנ פִיל וִויכְטִיגֶע וֶוערְק גֶעשְׁרִיעבֶּען אוּנ אִיבֶּערְזֶעצְט. —

אִין דִי לֶעצְטֶע יָאהרֶען הָאט פְּרִישְׁמַאנן גֶעשְׁרִיעבֶּען אֵיינִיגֶע אָרִיגִינֶעללֶע זַאכֶען אִין דִי דְרַיי יָאהרגַאנְגֶע „לוּחַ־עַם" אוּנ אַ בֶּעזוּנְדֶער וֶוערְקֶל „מִכְתָּבִים עַל דְּבַר הַסִּפְרוּת", הֶערוֹיסגֶעגֶעבֶּען פוּן „אַחִיאָסָף". פוּן זַיינֶע נַייֶע אִיבֶּערְזֶעצוּנְגֶען הָאבֶּען דִי חֶבְרָה „אַחִיאָסָף" הֶערוֹיסגֶעגֶעבֶּען דִי דָאזִיגֶע וֶוערְק: א) „תּוֹלְדוֹת הַשְׁלָמַת הָאָדָם" פוּן יוּלִיוּס לִיפֶּפֶּערְט. ב) „דָּנִיֵּאל דִּירוֹנְדָה" פוּן גֵיאוֹרְג עֶלִיוֹט, ג) „בְּרִינִיקַה" — פ. שׁוּמַאכֶער.

עֶס אִיז עֶפִּיס אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אַז בַּיים לֶעבֶּען גִיט מֶען נִיט אָב קֵיין כָּבוֹד דֶער וֶוערְטֶה נָאךְ, אוּנ לֶעגֶען עֶס שְׁטֶענְדִיג אָב אוֹיף אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר נוּר כְּדֵי צוּ גֶעבֶּען אִין קוּרְצֶען אַ רִיכְטִיגֶען בְּלִיק וֶועגֶען פְּרִישְׁמַאנְס וֶוערְק, עֶרלוֹיבֶּען מִיר זִיךְ אוֹיף אִיצְטִיגְס מָאל אַרוֹיסטְרֶעטֶען פוּן דֶעם מִנְהָג, חָאטְשׁ פְּרִישְׁמַאנן אִיז נָאךְ אַ יוּנְגֶער מַאנן, אוּנ וֶועלֶען זָאגֶען אַז מִיט דֶער צַייט וֶועט עֶר צְוִוישֶׁען יוּדֶען אַזוֹי וֶוערֶען פָּאפּוּלֶאר אוּנ בֶּעלִיעבְּט וִוי מַאפּוּ אוּנ סְמָאלֶענְסְקִין אִין זַייעֶרֶע צַייטֶען. —

II.

„שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם„ (שלום ראבינאוויטש).

„שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם" אִיז אֵיינֶער פוּן דִי טַאלַאנְטְפָאללֶע שְׁרַייבֶּער אִין דֶער נַייעֶר יוּדִישֶׁער פָאלְקְס לִיטֶערַאטוּר, עֶר גֶעהֶער צוּ דִי גֶעצֶאהלְטֶע שְׁרַייבֶּער וָואס זַייעֶר צְוֶועק אִיז אוֹיסֶער גֶעבֶּען אִין דֶער יוּדִישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע וֶוערְק וָואס זָאל הָאבֶּען אַ לִיטֶערַארִישֶׁען וֶוערְטֶה, נוּר אוֹיךְ צוּ רַאנְגְלֶען זִיךְ אוּנ אוֹיסצוּרָאטֶען פוּן צְוִוישֶׁען פָאלְק דִי שְׁמוּצִיגֶע זְשַׁארְגָאן רָאמַאנֶען אוּנ בִּיכְלֶעךְ וָואס שְׁמַ"ר מִיט אַללֶע קְלֵיינֶע שָׁמַ"ר'לֶעךְ הָאבֶּען פֶּערמִיסְטִיגְט צְוִוישֶׁען דִי פְּרָאסְטֶע יוּדִישֶׁע לֶעזֶער. צוּ דֶעם צְוֶועק הָאט עֶר אָנְגֶעשְׁרִיעבֶּען זֶעהר אַ נִיצְלֶעךְ וֶוערְקֶל „שְׁמַ"ר'ס מִשְׁפָּט" דָאס הָאט אַבִּיסל אָבְגֶעוָואשֶׁען צְוִוישֶׁען עוֹלָם דִי גְרוֹיסֶע לִיעבֶּע צוּ דִי זְשַׁארְגָאן שְׁמַאטֶעס. אִין יָאהר 1883 הָאט עֶר דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייבֶּען אִין צֶעדֶערבּוֹים'ס צַייטוּנְג „יוּדִישֶׁעס פָאלְקְסבְּלַאטט" וואו עֶר הָאט דָארְט אָפְט גֶעשְׁרִיעבֶּען בִּיז 1890. אִין דֶער צַייט אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארן אֵיינִיגֶע אוֹיסגֶעצֵייכֶענְטֶע עֶרְצֶאהלוּנְגֶען וִוי „הָאבֶּער אוּנ גִידֶערִיגֶער", „דִי וֶועלְט רַייזֶע", „דָאס מֶעסֶערֶעל", „דִי קִינְדֶערשְׁפִּיעל" אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע. אִיבֶּערהוֹיפְּט זֶענֶען פוּלל מִיט סַאטִירַא אוּנ וִויץ גֶעשְׁרִיעבֶּען זַיינֶע פֶעלִיעטָאנֶען „דִי אִיבֶּער־גֶעחַאפְּטֶע בְּרִיעף". נַאכְהֶער הָאט עֶר הֶערוֹיסגֶעגֶעבֶּען צְוֵויי גְרוֹיסֶע בֶּענְדֶער „דִי יוּדִישֶׁע פָאלְקְסבִּיבְּלִיאָטְהֶעק"; מִיט דֶער אוֹיסגַאבֶּע הָאט עֶר בֶּאֱמֶת בֶּערַייכְט דִי יוּדִישֶׁע פָאלְקְס לִיטֶערַאטוּר. אִין דֶער „בִּיבְּלִיאָטְהֶעק" אִיז גֶעדְרוּקְט זַיינֶע צְוֵויי רָאמַאנֶען „סְטֶעמְפֶּענְיוּ" אוּנ „יוֹסֶעלֶע סָאלָאוֵויי". אִין „הויז פְּרַיינְד" אִיז גֶעדְרוּקְט אַ דְרַאמַא „דֶער גֶּט" אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע אַרְטִיקְלֶען. — עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיעבֶּען אֵיינִיגֶע פֶעלִיעטָאנֶען אוּנ בִּילְדֶער אִין הֶעבְּרֶעאִישֶׁען וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעדְרוּקְט גֶעוֶועזֶען אִין „הַמֵּלִיץ".

„שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם" אִיז צְוִוישֶׁען דִי יוּדִישֶׁע לֶעזֶער בֶּעלִיעבְּט וַוייל עֶר קֶען זַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אוּנ זַייעֶר לֶעבֶּען.

פוּן פְּרָאוִוינְץ.

עֶס בְּרֶענְט

דִי מַעֲשֶׂה קוּמְט פָאר אִין אַ קְלֵיין פּוֹילִישׁ שְׁטֶעדְטֶעלֶע זַאמְבְּרָאוו, גֶעבּוֹיעֶט אִיז זִי אוֹיף אַ בַּארְג, אוּנְטֶען אִין טָאהל שְׁטֶעהְט אַ אַלְטֶע — כִּמְעַט אַ חוּרְבָּה — קוּזְשְׁנֶיע; עֶס אִיז פְרַייטָאג פַארְנַאכְט, דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין צוּרִיק פוּן מֶרְחָץ, אוּנ אִין דֶער לוּפְט שְׁפִּירְט מֶען שׁוֹין אַ רֵיחַ פוּן פְרִישֶׁע פִּישׁ אוּנ צוּגֶעבְּרֶענְטֶע צִימְּעֶס. דֶער שְׁמִיעד (קָאוַואל) שְׁטֶעהְט בַּיי דֶער חוּרְבָּה־קוּזְשְׁנֶיע אוּנ קוּקְט מִיט הֲנָאָה אָן דֶעם נַייעֶם בִּנְיָן וָואס שְׁטֶעהְט נִיט וַוייט. עֶר הָאט זִיךְ נִיט לַאנְג צוּקְרִיגְט מִיט דֶעם בַּעַל־הַבַּיִת פוּן דֶער חוּרְבָּה אוּנ הָאט אִיהְם וִוי אוֹיף צוּ לְהַכְעִיס אוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַ נַייעֶ קוּזְשְׁנֶיע, אָבֶּער וָואס פַאר אַ קוּזְשְׁנֶיע אַ מְחַיֶּה — אַ פְּרַאכְט!

נָאר פְּלִיצְלוּנְג בֶּעוַוייזְט זִיךְ אַרוֹיךְ פוּן דֶער חוּרְבָּה, ס'הוֹיבְּט זִיךְ דָארְטֶען אָן וָואס צוּ קְלֶיעֶן.

— „אַ שֶׁאהֶנֶע כַּפָּרָה" טְרַאכְט דֶער שְׁמִיעד — לָאז בְּרֶענֶען, רֶעכְט אוֹיף אִיהְם; נִיט אוּמְזִיסְט אִיז דֶער בַּעַל־הַבַּיִת פוּן דֶער חוּרְבָּה אַ צַד כְּנֶגֶד פוּן רָב.

נָאר דֶער וִוינְד וַוייסְט קֵיין חָכְמוֹת נִיט, עֶר הָאט פַיינְט זִיךְ צוּ שְׁפִּיעלֶען, פַייל פוּן בּוֹיגֶען טְרָאגְט עֶר דִי פוּנְקֶען בַּארְג אוֹיף; עֶס גֶעדוֹיעֶרְט נִיט אַ פָּאר מִינוּטֶען אוּנ זַאמְבְּרָאוו בְּרֶענְט...

זִי בְּרֶענְט וִוי בְּרִיסְק, קָאבְּרִין, רָאזֶענִי אוּנ אַנְדֶערֶע יוּדִישֶׁע שְׁטֶעדְטְלִיךְ, זִי בְּרֶענְט אִין גַאנְצֶען פוּן אָנְהוֹיב בִּיז אִין סוֹף, זִי בְּרֶענְט אוֹיס גֶעשְׁווִינְד וִוי אַ לִיכְט וַוייל אִיהְרֶע הִילְצֶערְנֶע אַיינְגֶעהוֹיקֶערְטֶע אֵיינְס נֶעבֶּען דֶער אַנְדֶערֶע הַיְיזֶלֶעךְ צִינְדֶען זִיךְ גֶעשְׁווִינְד אָן, עֶס וַוארְפְט הַייזֶער אוּנ שְׁטִיקֶער, ס'בְּרֶענֶען חֲפָצִים, כֵּלִים, סְחוֹרָה אַ מוֹרָא! אוּנ אַ עֵדָה מִיט יוּדֶען בַּעֲלֵי־בָּתִּים וָואס אַ שָׁעָה צוּרִיק הָאבֶּען זֵיי זִיךְ גֶעאַמְפֶּערְט וֶועגֶען אַ רָב, כִּמְעַט זִיךְ דִי נָאזֶער גֶערִיסֶען אִיבֶּערְן שׁוֹחֵט, וֶוערֶען מִיט אֵיין מָאהְל גֶעוָואר וָואס הֵייסְט אָרֶעמְקֵייט, זֵיי שְׁטֶעקֶען אוֹיס דִי הַאנְד בֶּעטֶען רַחֲמִים אוּנ בְּלַייבֶּען אוּמְגְלִיקְלִיךְ אוֹיף אֵייבִּיג; עֶס אִיז שְׁוֶוער מִיט שְׁוַייס צוּ דֶער יָאגֶען אִין לַאנְגֶע יָאהְרֶען אַ אוּמְגְלִיק פוּן אֵיין מִינוּט. אָט דָאס אִיז דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע עֶנְדֶע פוּן דֶער קָאמֶעדְיֶע מִיט זַאמְבְּרָאוֶוער קוּזְשְׁנֶיע.

אין דעם גרויסען פייער פון די קליינע שטאדטלעך וועלען נישט לעשען די גראשען וואס יודען געבען, דען נאמען געדרוקט צו זעהן אין „הצפירה“, ניין! דאס וועט נאר געבען א נייעם פאטענט די שנארערס אויף „נשרפים“, דער עדלער בעל-הבית בלייבט פארט אומגליקליך; די אורזאכע פון פייער ליעגט טיעפער ביי יעדען יודען אין הארץ, אונ עס איז נישט גענוג דעם פייער צו לעשען דעמאלט ווען ער הערשט שוין געוואלדיג, ניין מען דארף פאר-אויס זעהען עס זאלל צו קיין פייער ניט קומען.

ביינינגען, דיזענפעקצירען, דאס הארץ, לעשען די קנאה אונ די מחלוקת אין יודישע קהלות; אט דאס זענען מיטלען געגען פייער, אונ די אפפאראטען קאנען אונ דארפען פאבריצירען אונזערע שרייבער מיט טינט, אונ רבנים, מגידים מיט׳ן מויל, זאגען, שרייבען אין פערזען אונ פראזע ווער עס קאנן אונ פערשטעהט ניט אויס-הערען, גענוג צו זאגען שבחים איינשלעפערן ישראליק׳ן, עס איז שוין צייט צו ריי-ניגען, בילדען אויסראמען שלעכטע זיטטען אונ עקשנות, אפפען אויף ווייזען אונזערע בייזע מדות אונ יודישע שטאדט וועלען שוין ממילא אויפהערען צו ברענען, פיסטע מחלוקת וועט אויפהערען, די ברידער-ליעבע וועט זיך שטארקען, אונ ווען א קליינע קוזשניע וועט אנהויבען צו רויכערען וועט א גרויסער יוד ניט האבען קיין נקמה, וועט ניט לאכען פון יענעמס אומגליק, נאר וועט גיך חאפען וואסער צו לעשען דער פייער זאלל ווייטער ניט קומען, דערצו וועלען עטוואס די איינוואהנער זעהען עס זאל טאקי אין שטאדט זיין א לייטישע „פאזשארנע קאמאנדע“ (סטראזש), וועט געוויס זיין ווינ-ציגער שרפות.

סאקאלא.

וייט פון „סטאמבולאווען“ מיט „מילאנען“ וייט פון די טערקען מיט די אומגליקליכע ארמעניער, וייט פון דער גרויסער קלוגער וועלט ליעגט א קליין יודיש שטאדטעל גרויס ווי א מילב אונ דווקא נאר אין א שאנעם ארט, א לאנדשאפט א מחיה! הערום פעלדער, וועלדער, גארטנער מיט בלומען, פרישע וואסער אונ לופט — א גן-עדן, אונ דאס שטאדטעל ווייסט ניט פון קיין ערד-ציטערניש. אינטערעסירט זיך ניט מיט פאליטיק, דארף ניט קיין מאדע אונ זוכט ניט קיין בעסערס.

— „אונ מע לעבט“ — דערצעהלט מיר א היגער יוד — „מע לעבט ווי גאטט האט געבאטען, דאס שטאדטעל איז אין גאנצען ניט ארעם. כמעט יעדער האט חיונה בכבוד“.

מיך אינטערעסירט ווי אזוי האט דאס א שטאדטעלע בכבוד חיונה אין אזעלכע

שלעכטע צייטען, נאר א סאקאלער פערענטפערט מיר קורץ: „מע האנדעלט מיט פראצענט!“.

דער ביי דערצעהלט ער מיר, אז דאס געגענד איז אגעבענטשטעס: דער פויער פערשטעהט נאך קיין חכמות ניט, ער צאהלט פינקטליך מיט געלד אדער אין נויט איז מיט שוה כסף, אונ אונזערע יודעלעך לעבען אונ לויבען זיין ליעבען נאמען!

— אונ איהר, פרעג איך איהם — וויפיעל פראצענט נעמט איהר?

— חלילה — ענטפערט ער שטיל — איך בין א קצב אונ קום לויב גאטט אויס אהן דעם אויך.

מעהר פרעג איך איהם ניט, יעצט פערשטעה איך פאר וואס ער רעדט אזוי גלייכגילטיג איבער פראצענט, ער האט עס קיין מאהל ניט פרובירט צו נעהמען אונ צו געבען. פראצענט! ווי שרעקליך איז דער ווארט! וויפיעל רציחות, גזלות, אומ-גליקען אונ שלעכטס שטאמען פון איהם ארויס, אונ פאר מיינע אויגען קומט פאר א שרעקליכע חיה מיט פיעל הערנער אונ פיס, זי לעגט זיך מיט איהר שווערען קערפער אויף ארעמע שוואכע בהמות אונ עופות, זי רייסט מיט רציחה זיי דאס עססען פון מויל ארויס, אונ נעמט מיט געוואלד צו זייער שוויים, זייער מיהע, אונ זי ציפט אן רחמנות, פליקט פון אללע זייטען, אונטער איהרע פיס ווערען צו טרעטען די שענסטע בלומען, די בעסטע תבואות.

אונ מיין סאקאלער אבער רעדט ווייטער: ניט דא פיעל אזעלכע שטאדט ווי אונזער סאקאלע! אט דעם ר—ס איידעם איז געקומען צו אונז א בעטלער כמעט אן שטיוועל, א פראסטער ישיבה-בחור, אונ אצונד קוקט איהם נאר אן, א גאנצער מאג-נאט! אונ פון וואס? אלם פראצענט! מען רעדט אין שטאדטעל, אז ער ציהעט זיך אריבער קיין ווארשא; סאקאלא איז שוין פאר איהם צו קליין, אודאי אין ווארשא רעכענט ער צו עפענען א לאמבארד...

אלעבענדיגע מצבה!

איך יקרא מות מות זך מפשע!

עס איז געווען איינער פון די יונגע-לייט וואס זענען ליידער ביי אונז זעהר זעלטען, כמעט מיט ליכט צו זוכען, זיינע קליינע בעגרענעצטע בילדונג האט איהם ניט געשטערט אויפצוטהון א סך גוטע זאכען, אהן וויסענשאפט איז ער געווען ענט-וויקעלט, זיין מענשליכער אינסטינקט האט איהם פאר-געזאגט א סך זאכען, וועלכע מיר ערלערנען ניט אין די גרעסטע אוניווערזיטעטען, אלם האט אין איהם געלעבט; יעדעם גליד געשלאגען מיט הייסע פייערדיגע ליעבע צו יעדען מענשען, אונ זיין „איך“ — זיין איינענער פערזאהן האט פאר איהם כמעט קיין שום ווערט ניט געהאט;

שטענדיג געטראכט וועגען צווייטען, געזארגט פאר דעם כלל, קראנקערהייט ביי א שלעכטער אויסצעהרונג (טשאחאטקע) האט ער אין זיין געזונד פערגעסען און איז יונגערהייט ביי די בעסטע יאהרען געשטארבען; ער איז אבער ניט געשטארבען — זיינע מעשים לעבעי און ווער עס קומט אין דער שטאדט סאקאלא מוז איהם קאנען;

איהר ווילט וויסען ווער דאס איז? אדרבא קיין סוד איז דאס ניט: דאס איז ניט קיין העלד פון א ראמאן, ניט קיין גבור פון א דועל, ניט קיין גביר מיט געלד, ניט קיין למדן, ניט קיין חכם, א גאנץ איינפאכער הויבער יוד מיט א געל בלאסען פנים און א האלב רויטליכע בארד, געהייסען האט ער ישראל צארנעווסקי.

מיין בעל-הבית ביי וועלכען איך האב זיך אין סאקאלא אבגעשטעלט, דערפרייד זיך וואס האט געקריגען א מענשען פאר וועמען ער קאן זיך אמאל אויסרעדען, און ער הויבט אן ברייטליך פילאזאפירען:

— אין אונזערע יודישע שטאדטלעך — זאגט ער, ליגען קהל'שע זאכען אין שלעכטע הענד; א דעה צו זאגען זענען דא אפילע, פראיעקטען שיטען זיך פון די ארבעל, נאר קומט אויס עפעס צו טהון איז ניט דא קיינער. פונקט ווי ביי קארטען פאסט יעדער ווייטער, און תוף כל סוף מוז ווערען א מנהיג וואס זוכט נאר דעם כבוד, אדער דער וואס האט דערביי אבעזונדערן אינטערעס, און דאדורך שרייען אומזיסט יודישע קינדער נאך א תלמוד תורה מיט ארדנונג און גוטע לעהרערס; געמיינע לייט געהען געבעך אויך און קריגען ניט א „גמילת חסד"; פון א „סומך נופלים" אדער שטארבען אין א ווינקעל ווען זיי ווערען ח"ו קראנק...

— און מיר סאקאלער — דערצעהלט מיין בעל בית ווייטער, זענען אויך אמאל בלינד געווען, פשוטע חמורים! אונז איז גאר ניט איינגעפאלען אז סאקאלא קאן האבען א דאקטאר, מוז האבען א אפטייק, עד שקם צארנעווסקי און אונז די אויגען געעפענט; ער האט ניט געמאכט קיין אסיפות, ניט געפרעגט קיין דעות, ניט מישב געווען זיך מיט קהל, נאר אלס געארבייט ענערגיש לויט ווי ער האט געוואלט און פערשטאנען, ער האט איינגעפיהרט גאר א נייע סיסטעמע פאר קהל'שע זאכען, אויפגעשטעלט צום ביישפיעל א בית-מדרש, א בקור חולים אויף איינענע הוצאות, אליין געפארען נאך מאטעריאלען קיין ווארשא, געקויפט און געדינגען ווי פאר זיך, און דערנאך ביסליך ווייז האט איהם דאס שטאדטעל אויס-געצאהלט אין גאנצען, חלילה ניט פערלאנגט זיינס, ווארום יעדער האט זאנאר ניט וויללענדיג געמוזט געבען, עס איז עפעס אריין אין כבוד און די גרעסטע חרפה וואלט געווען איהם אפ צו זאגען; צארנעווסקי האט געהאט אין זיך עפעס אמאדנעם כח, אז דאס שטאדטעל האט איהם ניט מעיז פנים געוועזען, און יעצט האבען זיך סאקאלער יודען אזוי צוגעוואוינט צו געבען אז ביי די גרויסע שרפות, ניט פאר אונז געדאכט, גיבט סאקאלא אין

—

ערך נאך מעהר ווי אללע הערומיגע שטאדט און ווארט ניט געדרוקט צו זיין אין די צייטונגען.

און ביי דעם אללעמען איז צארנעווסקי געשטארבען יונג און ארעם, כמעט ניט פערזארגט די קליינע יתומים; א גוטער נאמען האט איהם בעגלייט צום גוטען ארט און אין שטאדט'ל איז געבליבען זיין אייביגע מצבה, תנצב"ה.

א חרפה אויסצוזאגען!

א חרפה! א שאנד! א אייביגער פלעק אויף אונזערע ליעבע ברידער, וועלכע אונזערע שונאים ווארפען אונז אזוי אפט פאר; ווען איך זאלל דעם פאקט ניט לעזען מיט מיינע איינענע אויגען וואלט איך קיין מאהל ניט געגלויבט אז היינטיגע צייטען קאן נאך אזוי פארקומען, א יוד א גביר זאלל פערגעסען אין רחמנות און רודף'ן זיינע איינענע ברידער נאך ערגער ווי דער שלעכטסטער אנטיסעמיט, נאר דער „מליץ" האט עס געדרוקט און ליידער האט עס געשעהען; הערט וואס קאן זיך טרעפען.

אשאמיכער (טשערניגעווער גוב.) יודען געהען אוים פאר הונגער, כלו כל הקצין, חאטש צוביים זיך, איז ניט דא פון וואס צו פערדינען א קערבעל, עס איז ביטער ווי גאל, נאר פליצלינג גיבט זיי אשטראהל די האפנונג אין די אויגען — זיי דערמאנען זיך אז עס לעבט נאך א גביר חיים-ישעיהו גוטעסמאהן.

— „צו איהם" האבען זיי אללע בעשלאסען אין איין קול — „צו איהם! ער בוועט יעצט נייע בנינים, ער דארף האבען ארבייטער, וועט ער געוויס ניט אפזאגען איינענע ברידער".

נאר אומזיסט איז זייער מיהע: פון קאנטאר האט מען זיי די האפנונג געלאשען, ה' חיים ישעיהו גוטעסמאן פערלאנגט ניט קיין ארבייט פון יודען.

ווייטער שלעכט און אשאמיכער יודישע ארבייטער קוקען ארוים אויף דעם זוממער לעבען, דעממאלט זוכט מען ארבייטער ווי מיט ליכט, און זיי וועלען טאקי זיך אנשטרענגען ארבייטען פלייסיג, אז אללע וועלען מוזען מודה זיין אז יודען ארבייטען וועלען ניט בעסער, איז לכל הפחות ניט ערגער ווי אנדערע, און זיי האבען זיך ניט געניארט: דאס מאל האט דער קאנטאר אליין זיי געבעטען אויף ארבייט, און פרעהליך ענערגיש שטעהען אשאמיכער יודען אין די גרויסע היצען אויף די גרינע פעלדער, דער שווייס רינט זיי פון פנים, די הענד ברעכען פון דער שווערער ארבייט, נאר זיי שפירען עס ניט; ביי זיי אין כח ארבייט דער איינציגער געדאנק אז די זוממער ארבייט וועט זיי דאך בלייבען אויף שטענדיג און פרנסה וועט זיי פערזיכערט חאטש אויף עטליכע חדשים.

נאר ניט אזוי טראכט ה' גוטעסמאהן, ער קומט צו פאהרען אין זיין ביי-בער קארעטע און פערשטעהט ניט „ווי אזוי קאנען ביי איהם ארבייטען יידען"; אומזיסט

גיבען איהם זיינע מענשען צו ערקלערען, אז די יודען ארבייטען פיעל בעססער ווי אנדערע, און יעצט איבער-הויפט קריגט מען כלל קיין ארבייטער ניט, ווען ניט זיי וואלט די גאנצע תבואה געבליבען פערפאללען. נאר ניין, ה' גוטעסמאהן וויל עס אלס ניט פערשטעהן, ער ווייסט נאר איינס — יודען טארען ביי איהם ניט זיין!

שעהמט אייך ה' גוטעסמאהן! לאכען וועט מען פון אייך אין די גאססען, נאר א חרפה אויס צו זאגען! באראן הירש, דער „נדיב" זוכען ארבייט פאר זייערע ברידער אויף עקין וועלטען, געבען אויס אויף זיי מאססען געלד, און אייך איז צו שווער צו זעהען אייגענע ברידער אין אייער גבול.

קריסטען נעמען יעדען זוממער יודישע ארבייטער אויף זייערע פעלדער, ווייל זיי האבען זיך שוין ניט איין מאל איבערצייגט אז יודישע ארבייטער זענען פעהיג ניט ווינציגער ווי אנדערע, און אזא ייד ווי ה' גוטעסמאהן גיבט קיין ארבייט ניט קיין יודען!

ביי אזא טרויעריגען פאקט איז ניט דא קיין ווערטער צו זאגען, צו שרייען און צו שרייבען.

אוי מה היה לנו!

שווער צו שרייבען א יודישע כראניקע; ניט דא קיין נחת פון די שכנים און אין דער אייגענער פאמיליע איז נאך ערגער; דאס לעבען איז פערגליווערט געווארען, ניט דא קיין ווענדונג צום גוטען, און די פאר מעלות מיט וועלכע מיר האבען אמאל שטאלצירט פאלען אויך פון טאג צו טאג אוועק; וואו איז היגגעקוממען די יודישע ברידער-שאפט, געטרייישאפט? אויס מיט דעם, אנשטאט הייסע ברידער-ליעבע ברענט די קנאה, די קאכעדיגע קאנקורענץ. און מען מסרת און מען רודפ'ט אהן אברעג אהן א גבול, און ניט נאר אין אייראפע נאר אפילו אין דער ווייטער אמעריקא, אין דער הייליגער פאלעסטינא; איינעם געפעהלט ניט דר. אדלערס שחיטה, און די „מחזיקי הדת" ווילען ניט שענקען בן-יהודה זיין עהרליכע נאטור, זיין אמת

„אוי מה היה לנו!" האט אמאל געקלאגט דער מקונן, און א היינטיגער פע-ליעטאניסט זאגט נאך דעם פזמון! געוואלד וואס איז פון אונז געווארען? אומזיסט געווען די שווערע ארבייט פון אונזערע „משכילים", דאס רעדעל פיהרט זיך ווי גע-הוידעליך: חסידישע רבי'ים נעמען פדיון ווי אמאל, רבנים זענען פערנוממען מיט נייע תומ'ה און ווילען ניט וויסען פון אונזערע שוואכע זייטען, די „שרייבער" ווייטער האבען פאר זיך א עסק מיט „אתרוגים" פון ארץ ישראל און לאזען איבער כל ישראל אויפ'ן ווינד. הכלל גיט דא ווער זאל דעם אמת אפען ארויס זאגען, און די צייט

בענוצט יעדער שלים-מזל אביסעל אב צו ציפען פון דעם כלל, בערייסען „ישראליקען" און ווי ווייט פעהלט אז א ייד זאל גלויבען דעם ערשטען בעסטען משוגענעם, פאק-טען איז ניט ווייט צו זוכען, אט איינער:

אין מיליציץ (גראדנער גוב.) האט א קליינער שוסטער יונגעל שטארק חשק געקריגען צו פרעמדע קעשענים, נאר ביסלעכווייז האט ער זיך בעטראכט, אז דאס געשעפט לוינט ניט; די לעצטע צייטען געפינט מען כמעט ליידיגע קעשענים, עס לוינט די מיהע גאר ניט; האט דער בחור געמאכט א רייזע נאך די „ישיבות", צום אנהויב אין „לאמזע" נאכהער אין „טעלז", שנעלל האט ער זיך אויס-געלערנט די תנועות פון א אמת'ן למדן, ד. ה. צו פינטלען מיט די אויגען און זיך קרימען אין דאווענען; פון דעמאלט אן איז דער קליינער „גנב" א גרויסער „עלוי" געווארען, איהם איז געלונגען אויס צו בעטלען ביי עטליכע רבנים „כתבים" און ער פאהרט יעצט אין די פינסטערע יודישע שטאדט, דארט זאגט ער דרשות בפרהסיא, פלוידערט זאכען נישט געשטויגען ניט געפלויגען, אדער ווי ער רופט עס „פלפול", ער איז מבטל די גרעסטע רבנים, און ביי דער געלעגענהייט חאפט ער וואו עס מאכט זיך א ווייב מיט נדן אדער נדן אהן א ווייב און דאס רעדעל געהט; ער האט שוין דורך גערייזט נווארשא און אנדערע גרויסע שטאדט אויך, און עד היום האט זיך ניט געפינען א מענש וואס זאל איהם ווייזען וואו זיין געהעריגער ארט איז; דער פאקט איז איינער פון טויזענד ווייל מיר זענען אב-געשטאנען, פערגליווערט געווארען, און אויף אנידריגען בוים שפרינגט יעדע ציעג.

אוי מה היה לנו!

חדרים אדער שקאלעס.

זאלל זיין וואס עס איז אבי נאר אין ארדנונג מיט גוטע צו זייער פאך לעהרער און א אויס-געארבייטע פראגראמע; פון ווינציא, קאוונא און אנדערע הונדער-טער שטאדט קומען טאג טעגליך בריעף אין יודישע צייטונגען און אללע מיט איין געשריי: וואס מאכט מען מיט די קינדער, עס פעהלט שקאלעס, עס פעהלען לעה-רערס, און די חדרים שטעהען שוין אין האלז אז עס געהט זיך אן די גרינגע נאל, און דער עולם — אפילו די זיידעס די ארטאדאקסען — זענען שוין אויך מודה אז מען דארף האבען דורך אויס שקאלעס, זיי זאלעווען אפילו קיין געלד ניט פון דער טאקסא (ווי אין ווינציא) נאר וואס העלפט עס, אז עס איז ניט דא קיין מנהיג ווער זאלל זיך דער מיט אינטערעסירען; די בילדונג האט נאך ליידער פארלייפיג ניט קיין מענשען וואס זאלען זיך וועלען פאר איהר מוסר נפש זיין, און דעריבער איז זי שוואך געגען די „מחזיקי הדת", און די לעצטע טהון וואס זיי ווילען גלייך ווי די וועלט וואלט הפקר זיין. אין סווישלאצק (גראדנער גוב.) האבען זיי אין א העלל

פריה-מארגען צו טריבען אשקאלע קינדער, צעבראכען דאס מעבעל און אראב-גע-ריסען דעם שילד, אויפ'ן לעהרער — קאהן — האט מען געמסרת אז ער איז א כופר בעיקר, ווען ניט דער אינספעקטאר „באגאראדסקי" וואלט די שקאלע פערמאכט גע-וואָרען ווי אנדערע שקאלעס אין גראדנער גובערניע.

א בעזונדערען שבח קומט די יונגע לעהרערס אין פערשידענע שטעלען וואס זשאלעווען ניט קיין מיהע, אט דער וועלבער קאהן האלט פיעל שילער אהן געלד און לעהרענט מיט זיי גלייך ווי מיט די גבירישע קינדער.

„סאפיע ראפאפארט" אין רזשישצאוו (קיעווער גוב.) א בעל-בתי'ש קינד פון דער היים, האט געארבייט אזוי לאנג שווער און ביטער ביז זי איז געשטארבען אין די בעסטע יאהרען אויף א אויסצעהרונג (טשאחאטקע), אויף איהר קאן מען ריכטיג זאגען, זי האט דאס לעבען געלאזען אין שקאלעס.

זעהר פיעל ענערגיש ווייזען אויף די לעהרערינען פון דער אדעססער מיידעל-שע „שבת-שוהל", די שוהל קאן דיענען פאר א מוסטער פאר אנדערע גרויסע שטאדט ווי ווארשא, ווילנא א. ד. ג.; יעדען שבת קומען זיך דארט צונויף צוויי הונדערט מיידלעך פון נײַנצעהן ביז זעקס און צוואנציג יאהר אלט, וואס בעשעפטיגען זיך א גאנצע וואך אין פערשידענע פאבריקען און קלייטען, פיהר שעה לערנען זיי רוסיש און מאטעמאטיק (רעכענען); די שוהלע איז איינגעטהיילט אין פיהר קלאססען, די מיידלעך וואס קאנען לעזען, קריגען ביכער מיט צו נעמען אהיים; צוועלף לעהרע-רינען מיט אטעסטאטען פון גימנאזיום ארבייטען רעגעל אונטער אויפזיכט פון פריילין מרגליות און געבען זיך מיהע אז די מיידלעך זאלען געניסען אין דעם פרייען טאג וואס מעגליך מעהר.

אין באברויסק איז דא א חברה וואס לעהרענט ארימע ישיבה בחורים, זיי האבען א קליינע קאססע און האפפען אז די וואס קאנען וועלען ווייטער העלפען, וואס אמת איז, ניט אזוי לייכט איז זיי דאס אן געקומען, צום אנהויב האבען די בעלי-בתים געמאכט קולות, פערביטערט די ישיבה-בחורים „די טאג", נאר צום סוף האבען זיי געמוזט זיך אונטער געבען.

איך האב עקסטרא צוזאממען גענוממען אט די אללע ליכטיגע פאקטען פון אונזערען פינסטערען לעבען צו מאכען אויף זיי א „שהחינו" אויף א גוטען אנהויב; איך האב געוואלט ווייזען אז דער וואס וויל טוהען קאן תמיד געפינען א ארט זיין גוטען ווילען אויס צו פיהרען; ארבייט וועט קלעקען אויף יאהרען, עס פעהלען נאר גוטע איניציאטארען זאלען וועלען מקריב זיין אויפ'ן מזבח פון פאלק עטליכע שעה אין טאג און עטוואס געלד אויך.

א גוטער ביישפיל קאן אויך דיענען אין דעם פאלל „דר. חאזאנאוויץ" פון ביאלאסטאק, אהן רעש און אהן ליארעם האט ער אב געטוהען א מעשה, פאר

וועלכע, ער וועט בלייבען אונשטערבליך, און זיין נאמען וועט אויף אייביג פער-צייכענט זיין אין דער בלוטיגער יודישער-געשיכטע: 233 פוד לערך 8800 ספרים פערשידענע אינהאלטע אין אללע שפראכען, איבער-הויפט לשון-קודש און אויך יודיש-זשארגאן, האט ער אוועק געשיקט קיין פאלעסטינא אויף צו גרינדען דארט א „בית אוצר הספרים בירושלים".

א קלייניגקייט, אזא מתנה קאן אויף לעבען די אלטע אזיען, אויפרידערען די חלוקה און מאכען א גאנצען רושם אין די פינסטערע אָרדנונגען פון דעם „הייליגען לאנד"; מעהר ספרים, מעהר שקאלעס! אין דעם שטעקט דער פאלקס כח, זאללען געדענקען די אללע וואס ליעבען זייער „ישראליקען", די אללע וואס ציעצקען איהם אין גראמען און מאכען איהם קאליע די ציינדלעך מיט שלעכטע צוקער. זאלל זיין ווי עס וויל, חדרים שקאלעס, ארץ-ישראל, ארגענטינא, נאר דער אייביגער דעווי"ז ביי אונז יודען וועט בלייבען „בילדונג".

מ. פרייד

אַ „בריה"

(ערצאהלונג).

א.

דוד'קע איז געווען אַ וואול יונגעל, אַ קלוג יונגעל מיט אַ גוט קאפּעל, נור לערנען האט ער בשום אופן ניט געוואלט, עס האט איהם אַלץ געצויגען צו מסחור, צו עסק, ער וואלט נור גערן אומלויפען, שווינדלען, האנדלען, האַנדלען, חאַטש ערד גראָבען, אַבי אין חדר ניט געהן. דאס האט ער ליעב געהאַט, געלד צאהלען! געלד, האט ער ליעב געהאַט אהבת נפש. זיינע בעסטע מינוטען זענען געווען, ווען זיין טאַטע, אַ קאָממיסיאָנער פון שוה (שיך) וואארע, פלעגט אויסשיטען אַ זאַקעלע קופּער, און דוד'קע פלעגט קלויבען די פּאַטאַקעס. מען האט בפירוש געזעהן, אַז דעם יונג קומט צו געזונד פון דער אַרבייט.

ער פלעגט אַרבייטען מיט דער זייל, העלפען אין געשעפט מיט אַזאַ חשק, אַז זיינע עלטערן האָבען בפירוש געדאַרפט פאַרשטעהן, אַז זיי צאהלען גאר אומזיסט שכר למוד, און פאַרליערען אין איהם, אַ פעהיגען און געטרייען מיטאַרבייטער.

דוד'קע האט ענדליך דערלעבט צו הערען, ווי זיין טאַטע שמואל איציק'אהן, האט נאך די שבת'דיגע זמירות אַזוי ווי פאַרבייגעהענדיק געמאַכט אַ שמועס, אַז פון דוד'קעס לערנען, זעהט ער עפּיס קיין נחת ניט, און מען צאהלט נור אומזיסטע געלד. דוד'קע האט בעת מעשה ווי געהעריג איז געמאַכט אַ משונה ברוגז'דיק פּנים, גלייך ווי מען וויל איהם דא אַ רעה טהון אין לעבען, ער איז נור געווען אין איינע ציטערנעס, די מאַמע זאל זיך דא ניט אַריין מישען און ניט קאַליע מאַכען דעם גאַנצען עסק, און ווי די מאַמע וואלט פאַרשטעהן זיין מחשבה, האט זי זיך אָנגערופען:

— איך וואלט זאָגען שמואל, אַז ער האט נאך בעדאַרפט געהן אַ פּאָר זמנים אין חדר, די תורה וועט זיי' נאך קאָנען, און אַז ער וועט איצט אַרויס פון חדר, וועט ער זי אוועגען אויך פאַרגעסען.

דוד'קע האט אַ קוק געטוהן אויף דער מאַמע מיט אַזאַ אש להבה'דיגע אויג, ווי איינער זאָגט: „ראַוועגען ווילט זיך איהר, זי איז שוין דא מיט איהר קרבן מנחה", נור

ער, האט שוין אַליין געזעהן אַז די מאַמע רייצט זיך נור מיט איהם, און זיין „אַרויס פון חדר" איז שוין אַזוי ווי קרוב למקח, ער איז אַזוי זיכער געווען אין זיין גיבער גאולה, אַז קומענדיג אויף מאָרגען אין חדר, האט ער זיך געפיהלט דאָרט ווי איין אורח, ווי ער וואלט בעדאַרפט אָבדינגען אַ סראָק. זיין לערנען איז שוין געווען אויף צרות, ווי נאך געשטופט. און אַז דער רבי האט אוים געשריען „וויהין קוקסטו אין שוואַרץ יאָהרען? הער וואס דו רעדסט", האט דוד'קע אַ טראַכט געטאָן: „קאַמאַנדראָווע קורנאָסער שד נאך אַ פּאָר וואָכען, באַלד וועל איך דיך פטור מיט אַללע דיינע מעשים טובים".

ב.

אין דעם זעלבּיגען ווינטער, איז טאַקי דוד'קע אַרויס פון חדר, און איז ענדליך געוואָרען ביי זיין טאַטען געשעפטסמאַן, און געזעהן מיט אַללע מעגליכקייט ווייזען דעם טאַטען, אַז ער האט געטאָן אַ שכל גדול, וואס ער האט איהם גענומען אין געשעפט. ער פלעגט תמיד אַרבייטען איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם, ווייזען, אַז ער איז גאר ניט מיד, אַז איהם טשעפּעט דאס גאָר ניט, אויך מיר הייסט דאס איין אַרבייט, ס'איז דאָך גלאַט אַזוי וואול, ס'איז ניט דא וואס צו טאָן, אַדרבה, גיט נור אַ רעכטע שטיקעל אַרבייט, וועל איך אייך ווייזען, וואס פאַר אַ טוהער איך בין.

דוד'קע לויפט אום דעם גאַנצען טאָג צו אַללע שוסטער, נעמט אָב די אַרבייט פאַרפּאַקט, ווישט דעם שטערען און ווידער געפּאַקט, און אַלץ אַזוי פלינק, בריה נפלאה'דיק, אַז ס'ברענט פּשוט אין זיינע הענד; אויף גיך אָב געהאַפּט דעם פרישטאָג, אַ ציה אַרויף דעם פּאַלטא, פלינק פאַרבונדען דעם גרינעם נאַרטעל, מיט צוויי לאַנגע עקען ביים זייט, און מאַרש צום וואָגזאַל.

— וואַרט! וואַרט! סוחר מיינער, וואס פליהסטו ווי אַ היצעל? שרייט איהם נאך די מאַמע, טהוא אָהן די וואַליקעס! אַ בייזע שמחה אויף איהם, ער איז שוין פון חדר פטור געוואָרען.

— נאַ דיר אַ נייעס, וואַליקעס וועל איך אָנטוהן, טאָמער וועסט דו מיר נאך געבען אַ פּייער טעפּל, און דוד'קע גיט אונצופרידען אַ קלאַפּ מיט'ן טיהר, איהם שטייט ניט אָן די מעשה, וואס די מאַמע מיינט נאך אַלץ אַז ער איז אַ יונגעלע ערשט פון חדר, דאַכט זיך זיי זעהען שוין, אַז ער קאָן זיין שטאָדט'ל באַשטעהן. — ער זעצט זיך שוין אויף די קאַסטענס סחורה מיט ווייניגער קוראַזש, נור אָבפּאַרענדיג אַ פּאָר גאַסען, פיהלט ער זיך ווידער פאַר אַ זעלבסטשטענדיגען סוחר אויף וועמען מען פאַרלאָזט אַ גאַנצען אייגענס. וועה שמועסט, אַז ער בעגעגענט זיינס אַ חבר, וועלכער געהט נאך עד היום צו שמעריל דעם קורנאָסען אין חדר, קוקט ער שוין אויף איהם, מיט אַ גדלות־לצנות'דיק שמייכעלע ווי איינער זאָגט: „דו ווייסט מיט וועמען דו שפּיעלסט זיך" און גיט בעת מעשה אַ געשריי אויף דעם פורמאַן: „וועה ווי דו פאָהרסט, נעם רעכטס" כדי ווייזען דעם חבר זיינעם, אַז גופא דער פאָהרען, איז ביי איהם שוין גאר פון די

קליינע התפעלות. אויך מיר א בעטרעף, סחורה טראנספארטירען, דאס איז ביי איהם פון די „מעשים בכל יום". איבערהויפט איז ער אומרוהיג, וואס דער פורמאן איז אויף צרות, פורמאן, און ער, וועלכען קער וועניג אן דוד'קעס עהרע־ליעבע פלאנען, רייבט איהם אן דא גופא פאר דעם חבר אין די אויגען, א גרויסע נאז, און איז איהם מבטיח אז ער וועט איהם אראפוואַרפען פון וואגען. דוד'קע שלינגט אראב די באליידיגונג שציפענדיק אומערבארמט די אויבערשטע ליפ.

ג.

ס'איז דורך געלאָפען נאך א פאר יאהר, ביי דוד'קען האט זיך שוין בעוויזען איין אנצוהערעניש אויף וואנסען, און צוזאמען מיט זיי איז געוואקסען זיין סוחר'שע רענאמע, מיט זיין מבינות אויף סחורה, אזוי, אז די מאמע זיינע פלעגט איהם שוין אויך נאכקוקען, און מלא נחת'דיק צושאקלען מיט'ן קאפ: „איי א ברען א „בריה", אין וועמען איז ער געראטען אזא סנחרב", און דעם טאטען זיינעם האט אויך שטארק הנאה געטוהן וואס זיין זוהנדעלע איז שוין באלד פעהיגער און געניטער פון איהם אליין. צייטען ווייז, נאר אהן דעם טאטענס וויסען, פלעגט דוד'קע ארויסלויפען חאפען א גמלות חסד, און אבי געבען דעם טאטען מיט אזא קאלטבלוטיגע מינע, ווי איינער זאגט: א דאגה א גמלות חסד, חאטש טויזענד רובל. דער טאטע פלעגט אמת אראב לאזען די ברעמען: — א העזה אביסל פון א שקאץ, געהן אהן מיין ידיעה לייהען גמלות חסדים, נור צוריק, אז ער האט שוין געבראכט מהיכא תיתא, מען דארף דאך דעקען דעם צאהלונג. אגב האט איהם עפים דאס הארץ ניט געטראגען, וועהענדיג זיין געטרייקייט, אבשטעלען איהם, זאגען איהם אז ער האט זיך צו פיעל צוקאמאנדעוועט, ער זאל ניט קארטשען פון זיך קיין גרויסען סוחר. עס איז איהם עפים משונה שווער געוועזען דאס דאזיגע. נו מילא, טראכט דער טאטע, א קינד ער וויל זיך מענטשלען, זאל ער זיך מענטשלען, ביי איהם איז דאך דאס א גאנצע גדלות; וואס זשע מאכט דאס אויס, ניט כדאי אבקיהלען אין איהם די סוחר'שע היטעל. און טאקי מהאי טעמא, פלעגט שמואל איציקזאהן, נור א קנייטש טוהן די נאז און צושווייגען, ווען דוד'קע פלעגט זיך אריין מישען אין א סכסוך מיט א קונה. אויך העלפען געבען צו פארשטעהן, איין ריידען א. ד. ג. דער קונה פלעגט איהם אמת אני־קוקען כולא מוקשה'דיג, ווי ער וואלט זאגען: „צו פריה האסט דו זיך שאנער בחור אנגע־טוהן דעם טאטענס מיטצעל".

ד.

וואס ווייטער, האט זיך דוד'קע מעהר געמענטשעלט. ער האט פלוצים איבער גע־נומען אלע הוויות אללע פאסטעמפקעס פון א גרויסען סוחר, און גאר פלוצים האט זיך ביי איהם געוויזען צו דער קריאה און צו שבת'דיגע זמירות, האבערע, ברייטערע. בעלי

בתי'שע טאנער, מיט א הייזעריג בייקול'כעל, ביי די האכערע אקטאוועס. זיין הלוך, זיינע עובדות, אללע זיינע פאסטעמפקעס האבען זיך לחלוטין גאר אומגעביטען, ווי גאר ניט דער דוד'קע וואס געוועזען. ביים ריידען, ביי דערצאהלען עפים, אריין גע־מישט אזעלכע ווארטער ווי למשל: „וויים איך וואס", „גלויבט מיר אויף מיין הן" „פאר־לאזט זיך אויף מיר", „לאזט זיך רינגען" „איך האב בטבע" „מיין פרינציפ" און נאך כדומה וכדומה. ווער שמועסט אז איהם איז אויסגעקומען זיין ביי דער קאססע אויף זיין ארט, האט איהר איהם בעדארפט אנקוקען, זיצענדיג צושפרייט אין זיין טאטענ'ס שטוהל מיט א זיידען אכטקאנטיג יארמעלקעלע מיט א קוטאס, אין איין אויסגענאהטען שלאף־ראק מיט טופליעס, מיט א פאפיראס אין א גרויסען יאנטארענעם ציגארען שפיץ, און צאהלען הונדערטער, וועלכע ער האט שוין היינט דריי מאל געוועקסעלט, פון גרויסע אויף קליינע און צוריק אויף גרויסע, און מיט דעם טאן פון א פארמאטערטען סוחר, פלעגט ער זאגען:

— דו ווייסט דאך, חייקעל, ניט פון נעכטען, אז איך זאג א ווארט איז קודש, ווילסט דו נעם געלד און דול מיר ניט מיין קאפ אומזיסט.

— שטייטש דו... ר' דוד, דער טאטע פלעגט דאך...

— וואס אמאל איז געוועזען, וויל איך גאר ניט וויסען, נעמסט ניט?! און דוד'קע קלאפט צו די קאססע.

חייקעל, פאר וועמען דוד'קע האט מיט אזא שטאלץ פארקלאפט די קאססע איז געוועזען אויך ווי מען זאגט „א טאטענס א קינד" ד. ה. אויך פון בעלי בתי'שע לייטישע עלטערן און איז יונג געבליבען א יתום. ירושה האט איהם זיין פאטער איבערגעלאזט אויף דעם ארט פון א קאססע מיט געשעפטען, — א מוטער מיט קליינע קינדער און ער איז געבליבען דער איינציגער ברוידט־געבער. חייקעל איז נאך אלס קינד דורך גע־גאנגען „פייער מיט וואסער" איידער ער האט אנגעהויבען פארדיענען א רובל און האט ווי אזוי עס איז שווער און ביטטער מפרנס געוועזען די אלמנה מיט די קינדער. חייקעל איז מיט דוד'קען געוועזען אין איינע יאהרען, חייקעל איז שטענדיג געוועזען טרויעריג, פארזארגט, איינגעבויגען אין דרייען און ניט געוועזען צופריעדען פון דער וועלט און דוד'קע איז שטענדיג געוועזען אליין פרעהליך, גלייך ווי א סאסנע און פרעהליך געקוקט אויף דער וועלט. און דוד'קע, נאך א גוטען מיטטאג מיט א פאפיראס אין מויל, מיט ביידע האנד אין די קעשענעס און מיט א פארריסענעם קאפ פון גדלות און צופריעדענ־הייט, פלעגט אפט ליעב האבען צו רעדען אביסל מיט זיין חבר חייקעל'ן, שטראפען איהם פאר זיין אראבפאלען ביי זיך און געבען איהם עצות ווי א מענש דארף קענען גוטע געשעפטען צו מאכען און געלד פארדיענען.

— נא, חייקעל, וואס געהסט דו ווייטער ארום פארזארגט? האסט שוין באלד א פנים ווי א יוד פון פערציג יאהר, פע חלעבען, עס פאסט ניט פאר א יונגען מאנן אין די בעסטע יאהרען.

— גלויבט מיר, ר' דוד, אז עס איז דא פון וואס אלט צו ווערען, איהר ווייסט

וואָס הייסט פאַרדיענען אַ רובל, ווי שווער עס קומט אָן און איך מוז פערדיענען, איך האָב אויף זיך קיין עין הרע אַ פאַמיליע, עס קומט מיר שווער אָן דער רובל, איך בין שטענדיג ווי אין אַקער, עס בלייבט מיר ניט קיין מינוט אויסרוהען און אויסשלאָפען זיך ווי עס דאַרף צו זיין — האָט זיך חייקעל געקלאָגט.

— חאַ, חאַ, וועמען דערצאָהלסט דו וואָס הייסט פאַרדיענען געלד! וועד פיהרט מיין געשעפט, וויפיעל אַרבייט האָב איך, מיט וויפיעל מענשען האָב איך יעדען טאָג צו טהון, וויפיעל געלד דאַרף איך יעדען טאָג צו צאָהלען, אַלץ אויף מיר. אומשטיינס געזאָגט וואָס איז דיין אַרבייט אַ קעגען מיינע, פון דעסטוועגען האָב איך פיינט צו זיין פאַרטרויערט. ניין ברודער, זאָג וואָס דו ווילסט, צו יעדען געשעפט דאַרף מען זיין אַ מענש, מען דאַרף זיין פעהיג, און מען דאַרף ניט זיין קיין שלימזלניק, אָט דאָס וויל איך דיר זאָגען, קיין שלימזלניק דאַרף מען ניט זיין, דו קומסט צו מיר אַריין אַלע טאָג און זעהסט ב"ה ווי איך פיהר געשעפט, נור גלויב מיר ווען מיין פאָטער זאָל מיר ניט שטערען וואָלסט דו געזעהן ווער דוד איז, וואָלסט געזעהן וואָס פאַר נייע גוטע געשעפטען עס געפינט זיך אויף דער וועלט, דו וואָלסט ערשט דענסטמאָל געזעהן ווער דוד איז. יאָ ליעבער חייקעל, פריהר פאַר אַלעמען אין יעדען געשעפט דאַרף מען זיין אַ בריה, מען דאַרף ניט זיין קיין שלימזלניק, דאַנן קען מען אין יעדען געשעפט פאַרדיענען גרינג געלד.

חייקעל האָט מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אויסגעהערט דוד'קעס בריהשאַפטען, ער האָט איהם געוואָלט אַ סך, אַ סך זאָגען נור ער האָט זיך ניט געדרעשעט ווייל ער האָט געוואוסט ווי די גליקליכע האָבען פיינט ווען מען זאָגט זיי דעם אמת נור ער האָט זיך איצטיגם מאָל ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך אָנגערופען:

— גלויבט מיר ר' דוד אַז עס איז נור גוט צו זיין אַ בריה נעבען טאַטענס גרייטע און גוטע געשעפטען, נעבען אַ שווערען וואָגען איז גוט צו פוס צו געהן און ווען חו"ש איהר זאָלט זיך געפינען אין מיין שטאַנד וואָלט איהר געזעהן אַז ווען איך פאַרדין אַ רובל בין איך מעהר בריה ווי איהר.

דוד'קע האָט זיינע וואָרטער אַראָבגעשלונגען און גאָר ניט געענטפערט און ברוגז'דיג האָט ער נור געזאָגט: „אַלע קבצנים וואָלטען געוועהן בריה'ם מיט פרעמד געלד". חייקעל האָט די ווערטער זיך געמאַכט ניט הערענדיג און דערמיט האָט זיך זייער שמועס געענדיגט.

ה.

די צייט איז געגאַנגען און וואָס ווייטער האָט זיך דוד'קע געהאַלטען פאַר אַ גרעסערן בריה און דערמיט אָנגעהויבען שטאָלצירען ניט נור פאַר פרעמדע נור אויך פאַר זיין אייגענעם פאָטער אַזוי, אַז איין מאָל ביי אַ היימישען איבערשמועס האָט ער גע-געבען אָנצוהערען אַז ער איז מפרנס זיינע עלטערן, אַז ווען ניט ער וואָלט זיך [illegible]

פאָטערס געשעפט ניט געקענט פיהרען, אַלע סוחרים קענען נור איהם א. ד. ג.

ר' שמואל זיין פאָטער האָט זיין בן יחיד'ל געוואָלט בעצאָהלען ווי איהם קומט פאַר אַזאַ עזות. נור ער האָט זיך בעטראַכט אַז אין דעם עזות איז ער אפשר אַליין שולדיג ווייל ער האָט איהם ווינציג געלערנט, צו פריה איהם אָבגעריסען פון חדר און צו פריה איהם אין געשעפט אַריין גענומען. ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה נור עס איז שוין לאַנג געווען פאַרפאַלען. דאָך האָט ער גלייך פעסט געזאָגט זיין זוהן אַז מעהר קיין בעל בית איז ער ביי איהם ניט, ער זאָל איהם ירש'ענען ביים לעבען ווייל ער גיט און ער קען נור פאַרנעמען ביי איהם אַ שטעלע אַלס קאַססיר אָדער איין אַנדער פערטרעטונג.

דוד'קע האָט געהאַט איין אומרוהיגע נאַכט, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער געזעהן, י זיין־אַזאַ גוטהערציג שמייכלענדען פאָטער, אין אַזאַ שרעקליכע עקשנות. אין זיין נאָך ניט גאָר פאַרדאָרבען האַרץ האָט זיך ערוועקט מיטלייד צו זיינע עלטערן, ער האָט געזוכט טעמים מאַכען זיך גערעכט, און האָט ניט געפונען. וואָס מעהר ער האָט געטראַכט, האָט ער געגען זיין ווילען, אַלץ מעהר געפונען, אַז ער האָט זיך ניט גוט בעגאַנגען, און ער וואָלט פיעל געגעבען, דער פאָטער זאָל איהם גוט אויסהרגענען די ביינער, און לאָזען די זאַך ווי פריהר, נור דוד'קע האָט גוט געקאַנט זיין פאָטערס נאַטור, אַז ער האַלט שטענדיג וואָרט, און בלייבען ביים געשעפט ביי אַנדערע קאָנדיציעס, ד. ה. ווערען אויס בעל בית און פאַרנעמען אַ שטעללע, און שפּילען אַ קלענערע ראָללע, האָט איהם זיין שטאָלצער כאַראַקטער ניט דערלאָזט. אין די געדאַנקען איז ער אַנטשלאָפען געוואָרן מיט'ן טאָג.

ווען ער איז אויף געשטאַנען, איז ביי איהם געבליבען בהסכם פאָהרען אויף אַ שטעללע, — (דאָס וואָרט „זוכען" אַ שטעללע, איז איהם גאָר אויף זיין זינען נישט גע-קומען; נאָך זיין מיינונג, וועט מען אַזאַ ספּעציאַליסט ווי ער, אויסכאַפּען מיט ביידע הענד), נור איין מניעה איז געווען, די געשיכטע האָט איהם אָן געטראָפען פּלוצים, גאָר אומגעריכט, און ביי דוד'קען איז צו דער מינוט אַ פּרוטה אין טאַש ניט געוועזען......

און ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען זיין פאָטער איז צו איהם אַריין געקומען, אַוועק געלייגט אויפ'ן טיש פופציג רובל מיט אַ פאַספּאָרט, איהם געראַטהען ניט מאַכען קיין שהיות און געענדיגט מיט די ווערטער:

— ביז אַהער, ביזט דו מיין זוהן געוועזען אַ בריה, צו אַ פאַרטיג געשעפט, און איצט וויל איך אדרבה זעהן, ווי דו וועסט קומען צו אַ תכלית מיט דיינע אייגענע יגיע כפיך. אין דעם וואָס דו האָסט זיך בעגאַנגען געגען אונז ניט איידעל, בין איך פילייכט מעהר שולדיג ווי דו, נור וואָס מאַכט דאָס אויס. פאָהר מיין קינד בשלום, און געדענק אַז דו לאָזט דאָ איבער איין אַלטען טאַטען, מיט איין שוואַכע מאַמע, גאָט זאָל דיר מוחל זיין אונזערע שפיכות דמים, פון דער מאַמע איז האַלב געוואָרן, נור וואָס קומט אַרויס מן הסתם האָט באַדאַרפט אַזוי זיין. איין זאַך בעט איך דיך, אַז דיר וועט קומען גאָר ענג, און דו וועסט פאַרשטעהן אַז אַ לעבעדיגען טאַטען איז ניט שאָן צו

ירש'נען, זאלסט דו למעה"ש אהיים קומען. פון גדלות קומט קיין גוטס ניט ארויס. מענסט קומען אבגעריסען, אהן שטיוועל, נור מיט א בעסער הארץ, ביזט דו ביי אונז א גוטער גאסט.. בלוט איז ניט וואסער.... וועה! וועה!... ניט פארגעס מיט א בעסער הארץ קומען צוריק.... אך דוד! ... דוד!.. שמואל האט מיט דעם ארבעל אבגעווישט די טרעהרען, וועלכע האבען נאך אצייט געבלישצעט אויף זיין גרויע בארד. נו א סוף פאהר געזונד, אונ געה זעגען זיך מיט דער מאמע, פון נעכטען הערט זי ניט אויף צו וויינען.... אונ דער טאטע מיט דעם זוהן האבען זיך הערצלעך צו־קושט....

ו.

— אויף מארגען איז דוד'קע געקומען אין ווארשא. אויף טיראספאליער וואגזאל האט ער דערזעהן ביים ארויסגאנג, שווייצארען פון אלערליי האטעליען, יעדער שרייט אויס זיין האטעל: האטעל „אראפא", „אנגלייסקע", „רימסקע", „וויקטאריע" א. ז. וו. דוד'קע האט זיך אבגעשטעלט אין „וויקטאריע" וועלכע האט אויסגעוויזען ניט אזוי רייך געקלונגען ווי אללע אנדערע, אין דעם מיינונג אז מען דארף זעהן פארשפארען א רובל. פאהרענדיק אין פאיעטאן צום האטעל, איז דוד'קען אמת אריין אין זינען, אז פון אזא פאיעטאן וועט קיין גרויסער תכלית ניט ארויסקומען, אין האטעל „וויקטאריע" מוז זיין צו אברייטע „אכסניא" פאר איהם, נור אבשטעלען דעם פאיעטאן אונ חרטה האבען איז אויך ניט מעשה סוחר. קומענדיג אין האטעל, איז איהם ווידער טאקי ניט אנגעשטאנען דינגען זיך פאר א נומער, ווייל דער שווייצער אנגעטוהן ווי א פריץ, האט זיך פאר איהם העפליך פארנייגט, אונ ער איז מיט א קלאפענדע הארץ ארויף אויף די מראמארנע טרעפ. זיינע גאלדענע פאנסנעע. אונ גרויסער לעדערנער רייזע־זאק, האבען איהם פארפיהרט גלייך אין דריטען נומער, א פירשטליך וואהנונג מיט א סאמעט קאוויאר איבער גאר דער פאדלאגע. דוד'קע האט זיך אין דער מינוט דערמאנט אויף זיין אייגענם פופציג רובל אונ האט זיך איינגעשטעלט אונ געפרעגט: וויפיעל געהט דער נומער?

— דריי רובל הערר!... דוד'קען איז געווארן פינסטער אין די אויגען. בעטען א וואלוועלערען נומער, איז איהם ווידער ניט אנגעשטאנען אלץ טאקי מהאי טעמא, ווייל דער קעלנער אליין האט אויך אויסגעזעהן ווי א גרויסער שררה, נור דוד האט בע־שטימט, אז מעהר פון איין מעת לעת זאל ער דא ניט בלייבען אונ מארגען בעטען א וואלוועלערען נומער. ער האט אבגעטרונקען טהיי, איינגעוואשען זיך, אונ געשריבען אין דער צייטונג „קורייער ווארשאווסקי", איין מודעה, אז א גרויסער ספעציאליסט פון לעדער וואארע דארף א שטעללע קאססיר אדער פערוואלטער מיט גאוש פון פינף אונ זיבציג ביז הונדערט רובל מאנאטהליך; לאזשירט, האטעל וויקטאריע נוממער 3, פון 10 ביז 12 פריהמארגען אימער צו הויזע. אבגעשיקט די מודעה מיט דעם נומערנאיי מיט א צעהן רובל'דיגע אונ איז ארויסגעגאנגען אנקוקען ווארשא.

ז.

— געהענדיק איבער „ווארעצקע פלאץ" האט ער איבערגעלעזען. אז אין „אקציאנערנע לאמבארד" קומט פאר א טארג. דאס האט ער געוואוסט, אז אויף איין אויקציאן קויפט מען די בעסטע ארטיקלעך בזיל הזול, אונ אז ער איז שוין אין ווארשא, מהיכא תיתא פאר וואס ניט פארדינען א זייטיג קערבל. ער איז אריין, בעת דער טשינאוניק האט אויסגעשריען, „לייכטער זילבערנע צוואנציג ניין רובל, קיינער ניט מעהר"? דוד'קע האט דא גופא געמאכט אויף גיך א ספראווקע, וויפיעל בעטרעפט דער סכום, אונ האט מוסיף געווען א רובל, ביז א גלייכען רעכנונג, דרייסיג רובל, אונ די מציאה איז געבליבען פאר איהם. נאך זיין רעכנונג, האט זיין מאמע לויט ווי זי דערצאהלט מיט א יאהר צוואנציג צוריק אבגעצאהלט פונקט פאר אזא פאר לייכטער, נאך דוכט מיר א ביסל קלענערע, זיבציג רובל. חברה האט דערזעהן אזא „ליץ", ווי זיי רופען אן א קאנקורענט פון אונטער ווארשא, האט איהם דא גופא איינער געבאטען צעהן רובל רווח, נור דוד'קע האט זיך אבגעהאלטען; ער האט אפילו געהערט מן הצד ווי איין אלט יודעל האט זיי מסיח לפי תומו געשאצט אין א פינף אונ צוואנציגער יקרת געצאלט, ווייל זילבער איז איצט געווארן חצי חנם, נור דוד'קע האט דאס אן גענומען פאר א שפאס. — קויפען האט ער שוין מעהר ניט געטראכט, ווייל ביי איהם איז גאר אונ גאר געבליבען, א פינף רובל'דיגער אין טאש, נור איהם איז גלאט ציקאווע געווען צוזעהן ווער עס וועט אנקומען דער זילבערנער פארטסיגאר, גאר איין אנטיקעל. שאדע ער האט מעהר קיין געלד ניט. אונ ווען ער האט דעם תירוץ געענטווערט דעם דאזיגען, וואס האט איהם געגעבען צעהן רובל רווח, האט איהם יענער, גאנץ ערנסט פאר־געלייגט, ער זאל זיינעם א בעקאנטען פארהאנדלען זיין זייגער אונ קויפען דאס אנטיקעל. „דא שטייט — זאגט ער — פרנסה, בלא גוזמא א צעהנרובל'דיגער". אין פינף מינוט, איז פארטיג געווארן די קאמבינאציע, אונ דוד'קע האט אבגעצאהלט זיבצעהן רובל פאר דעם פארטסיגאר, וועלכען מען האט אומיסטנע אריין געטריבען אין איבריגע פינף רובל...

פאר ביידע ארטיקלעך, האט דוד'קע דא גופא אין זאלל גענומען מיד ליד, א צעהנרובל'דיגען אנ־ווער, אונ האט זיך געגעבען א ווארט מעהר ניט געהן אויף אויקציאנען. עס איז איהם אמת ניט אנגעשטאנען די מעשה, ער זאל אזוי אריינפאלען, נאר צעהן רובל טראכט ער איז ניט קיין גרויסע רבי געלד. דערווייל איז נאכט געווארן, אונ ניט וויסענדיג וואס ווייטער צו טוהן איז ביי איהם געבליבען אז אין ווארשא מוז מען זעהן דעם טעאטער.

ח.

— קומענדיג ארום צוועלף דעם זייגער נאך האלבע נאכט צוריק אין האטעל,

האט ער זיך אויסגערעכנט אז דער אויקציאן מיט דעם טהעאטער און אבענד-ברוידט, האט איהם געקאסט, פונקט פופצעהן רובל.

דוד'קע האט געהאט איין אומרוהיגע נאכט. פון די פופציג רובל, האט ער שוין אויסגעגעבען מיט רייזע קאסטען א רובל דרייסיג, מיט די רעשטע פון זיין זייגער איז איהם געבליבען נאך א רובל דרייסיג, און דארט ביי „וויקטאריען" אין קאנטאר וואכסט אויף איהם א רעכנונג ווי אויף הייוען; און ווען ער וואלט ניט געשטעלט אין דער צייטונג דעם אדרעס אהער, וואלט ער טאקי ניט ווייטער ווי מארגען פריה אריבער אויף א וועלוועלער קוואטיר, נור א טאג דריי פיער מוז ער דא בלייבען, אין וועלכער צייט וועט נאך זיין מיינונג, געוויס ווערען א שטעללע.

די אללע דריי טאג, האט דוד'קע פון צעהן ביז צוועלף אונגעדולט געוואדט אויף א פערזאן, וואס וועט איהם איינלאדען אויף א שטעללע, און ביי יעדען קלאפ מיט'ן טהיר האט ער שנעל אַרויף געהאפט די פענסטנע, וועלכע ער האט בכלל ניט גערן גענוצט צו זיינע געזונדטע אויגען.

נור אומזיסט זיין האפענונג, אין פיער טאג צייט איז א נפש ניט געקומען, דוד'קע האט זיך געהייסען געבען א רעכנונג, וועלכער האט אנגעטראפען, מיט סאמאווארען, ליכט, בעהייצונג, בעטטצייג, און פאספארט איינשרייבען, קרוב צו פיער רובל א מעת לעת, און ס"ה האט אנגעטראפען זעכצעהן רובל מיט קאפיקעס, אויסער זייטיגע הוצאות, עססען מיט בעדינונג א רובל פיער. דוד'קע האט זיך ענדליך ארויס געכאפט פון דער אומגליקליכער „וויקטאריע", מיט א צעהנרובל'דיגען און מיט א צו געשפיל'עט קייטעל צום ברעג פון זשילעט קעשענע אהן א זייגער, און איז אריין אויף נאלעווקע אין א פראסט יודיש „האטעל דע וואנצען", מיט א טוץ בעטלעך אין יעדען צימער ווי אין א לאזארעט...

ט.

— די דאזיגע אכסניא עקסעסטירט שוין א יאהר צוואנציג, דער אלטער בעל אכסניא, ר' משה קראצמאן, א פאר-ווארשעווער ליטוואק, האט פון א מאליגע גוטע יאהרען, מיט מעקלעריי ביי די אורחים אנגעקליבען א גראב קערבעל און האט זיך אויף דער אלטער גענומען צו תורה מיט עבודה, נור עד היום האט ער איין עובדא, אונטער טראגען יעדען נייעם אורח, א ברייטען שלום עליכם, און אבלייגען די איבריגע שאלות אויף מארגען, (מן הסתם האט ער פון איינעם דערפאר געהאפט ניט גאר קיין פיינע תשובה). דאס געשעפט פיהרט יעצט זיינער איין איידים, וועלכער איז שוין חזקא א געבוירענער ווארשאוויאק, און צוליעב דעם מען זאל איהם גוט קאנען לערנען, האט מען באדארפט דארט שבת האלטען, וואָרום א גאנצע וואך, איז דער יונגער בעל אכסניא געוועז א מזג טוב, געחנפ'ט די אורחים די רייכערע, שטארק געהאווירט און במעט אליין בעדינט, נור ווי עס קומט דער ליעבער שבת הערט ר' גרונם פלוצים א

רוצח היער, לערנט די קינדער דרך ארץ, לאזט ניט רעדען ביים טיש וועגען פוילישע גוטע יודען, ער לאזט ווארטען דעם עולם א שעה צייט ביז ער זינגט אב, מיט משונה ווילדע קולות, אללע פוילישע זמירות, רעדט מיט קיינעם א ווארט ניט, הכלל, ער ווארפט אן אויף אללעמען אזא מרה שחורה, אז ס'איז פשוט ניט ניחא דאס לעבען, און נאך הבדלה ווערט ער ווידער דער זעלביגער ווירענער ר' גרונם פון א גאנץ וואך. צו די דאזיגע לייט איז אריין דוד'קע אויף קוואַרטיר, און מעשה שטן האט איהם ר' גרונם א פרעג געטאן. ווי פארבייגעהענדיג, ווי האלט ביי אייך די אוהר אצונד? אזא מרה האט ער שוין געהאט נאך דעם זייגער נאך האט זיך ר' גרונם די רגע פאר-געשטעלט, מיט וואס פאר א סוחר ער האט דא צו טהון. דוד'קע איז רויט געווארן, און האט עפים אונטערגעברומט, אז דער זייגער שטעהט שוין א פאר טאג, און האט ביי זיך בעשלאסען, טאקי באלד געהן קויפען עפים א זייגער'ל פאר א רובל פינף אדער זעכס. ר' גרונם האט באלד ראפארטירט זיין „וואבי", אז דער נייער אורח מוז זיין א נשרף, נור חפצים האט ער ווי עס ווייזט אויס גענוג. דוד'קע האט געוואלט אומיסטנע ווייזען, אז דער זייגער איז נור א האלבע ראיה לדבר, אז ער איז קיין בטוח ניט, און האט אומיסטנע אויסגעהאנגען אללע קליידער פון זיין רייזע זאק אויף דער וואנט, געלייגט אופ'ן בעט זיינע אייגענע וועש, זיין קאלדרע, און ר' גרונם האט שוין אנגעהויבען גלויבען אז טאקי מעגליך, זיין זייגער זאל זיך פלוצים אוועקשטעלען, און האט איהם דא גופא געראטהען די צווייטע טהיר איין ארענטליכען בעל מלאכה, און אז ער וויל מיטטאג, איז פארטיג גוטע „בראטען" אדער „וועמפלעך", צוויבעל פלייש א. ד. ג. וואס ער פארלאנגט נור. געגענאיבער, איז געזעסען א יונגער מאנן, און האט אללע מינוטען איבערגעביטן נאסע טיכלעך אויף זיין פארשוואלען אויג. אין ווינקעל פון מזרחית דרומית, האט איין אלט יודעל בשום אופן ניט געקאנט אויסהוסטען זיך, און איז נאך שטארק אין כעס געוועזען גלייך ווי איינער פון די אורחים איז שטארק שולדיג אין זיין הוסטען. אין אללע ווינקעלעך איז געלעגען פודעלעך, שטאקלעך, רעגענשירעמס, פאק מיט פארים, קאסטליך און נאך אנדערע מינים סחורה, בכלל א גאנצער מיש מאש, פון געלע שווארצע און ברוינע יודען, אללע שטארק צוטראגען ווי עפים ניט גאר צופרידען. דוד'קע האט בעמערקט אז צווישען אללע אורחים, איז ער איינער וואס ווייסט נאך ניט וואס אייגענטליך איז ער געקומען קיין ווארשא. דער היפך פון וויקטאריעס דריירובל'דיגען נומער, מיט דעם גיהנם התחתון, האט איהם פארטומעלט דעם מוח. די פיער טאג אין ווארשא, האט אויף איהם געמאכט א רושם. וועגען א שטעללע קאססיר מיט הונדערט רובל געהאלט, האט ער שוין אויפגעהערט טראכטען.

— שדים, טראכט ער, האבען מיך געטראגען אין דעם פינסטערן תהום אריין אין ווארשא, ווער האט מיך דא אין זינען? ווער קאן מיך דא? מען דארף עפים אנהויבען טהון. — אקוראט וואס טהון, האט זיך נאך דוד'קע אליין קיין רעכנונג ניט געקאנט

גיבען, ער האט נאר פארשטאנען, אז אין דער לאגע בלייבען איז ניט מעגליך, ער האט דריי מאל אויסגעשפיגען און איז מיט א שווער הארץ ארויס אין גאס.

ווי ער איז ארויס פון טויער אין גאס אויף די נאליווקעס האט איהם דער שרעקליכער רעש פון טויזענדטער מענשען איינגעשלונגען. ער איז געגאנגען ווי א תם און יעדען פארביילויפענדען יורען אריינגעקוקט אין פנים אריין. קאפעלושען, צילינדער-הוטען, ברייטע סאמעטענע היטלען מיט פרויען היטעלעך זענען געפלויגען פארביי איהם, דער אהער דער אהין. אללע היילען, פארעסק'ט, ווי ס'ווייזט אויס געהט יעדער צו זיין ציל, יעדער ווייסט נאך וואס ער געהט, נור ער איינער האט קיין שום צוועק פאר זיך.

אויפ'ן הארצען איז איהם נעביך ווייסט און פינסטער געווארן, הגם ער בדארף נור פארבייגען דאס ביסל גדלות, איז ער ווייטער דערזעלביגער בן-יחיד ביים טאטען, נור מיט וואס פאר א פנים קומט מען איצט אהיים? נאך קיין וואך ניט דא, האט ער שוין געפטרט פופציג רובל, דעם זייגער מיט, א צוגאב און בעקוממען איין אויסגעדארט שווארץ פנים'ל. ניין! אהיים פאר קיין געלד ניט, מילא בכן איז א קלענערע שטעללע חאטש צוואנציג רובל א חודש אויך גוט, אבי איבערקוממען די שלעכטע צייט. ביי דעם בעשלוס איז דוד'קע אביסל לעבעדיגער געווארן, אזוי אז ביים האנדלען א זייגער, האט ער נאך געהאט מוטה זיך צו ווייצלען, וועלכעס האט איהם אין איין וועג ניט געשטערט עפיס איבערצאהלען. דוד'קע איז געקוממען צוריק אין אכסניא מיט מעהר מוטה, ווי ער איז אוועק פון איהר.

י.

— דעם זעלביגען אבענד, האט ביי איהם ר' גרונם געבעטען לייהען א צעהנרובל'דיגען, און דוד'קע האט שוין חרטה געהאט וואס ער האט געקויפט דעם זייגער.

— איך דארף צובייטען א הונדערטער, האט דוד איבער געחזרת זיין אלטע היימישע נוסחא... א דרייערל האב איך, אויב איהר ווילט...

— נו מילא, ענטווערט ר' גרונם. עטץ ווערט מיר געבען אצונד דאס דרייערל, און שפעטער די רעשט, אמת?

דוד'קע האט מיט א פארביטערט הארץ אבגעגעבען דאס לעצטע דרייערל און האט זיך איבערגעלאזט א קאפ-וועהטאג, וואו נעמט מען שפעטער די זיבען רובל סיידען, זאגען איהם אז איך האב נאך ניט צובייטען, נור ער וועט זיך אנשטויסען. נור צוריק, וועט ער טראכטען, אז איך וויל איהם מעהר ניט לייהען אויף אפעסען ניט זייערע סם המות מיט צוויבל; מילא בכן, מיט איהם איז א קליינע דאגה. אבער, וואס טוהט מען אליין אהן א פרוטה ביי דער נשמה.. דעם זייגערל סיידען... געקאנט אפילו נעמען א פינף רובל'דיגען, שארע אנווערען צוויי רובל. און ווי טראגט מען איהם פארקויפען? איך געה אריין נעמט מען אראב פאר מיר די היטלען, מען מיינט ווער ווייסט וואס פאר א רייכער שררה איך בין, און מיט אמאל איז אפילו קיין

פאפיראס ניט דא. ער עפענט דעם לעדערנעם פארטמאבאק, ער געפינט דארט א פאר פאפיראסען.

— ווענינ! אנצינדען זאל זיך ווארשא מיט אללע איהרע מעשים טובים!, האט דוד'ל אויסגעשריען מעמקא דליבא, און האט אנגעהויבען אומגעהן איבער דעם צימער שטארק צוטראגען..

יא.

אריינגעהענדיג אין פראנציסקאנער שטראססע בעדארפט איהר נור אבגעהן א הונדערט טריט, וועט איהר גלייך בעמערקען אין דער לינקער האנד, א שמאל גאס'ל, וועלכע ציהט זיך אריין אין סוויענטא יורסקא שטראססע. דאס שמאלע גאס'ל הייסט וואלאווע. פון ערשטען בליק וועט איהר זיך אנשטויסען אז דא איז דער מקום מנוחה פון ווארשעווער דלות. פון ביידע זייטען הענגען אויף די טהירען אלטע סאלדאטסקע שינעלען, בלויע מונדירען מיט גרויסע געלע קנעפ און פעטע קאלנער, און דא גופא א זיידען קלייד מיט קארטענע ליכטיגע הויזען. דאס אללעס, איז שוין לאנג אבגעקראכען פון דער זונן און דיענט נור פאר א שילד אז ווייטער אביסל אין קלייט געפינט איהר אללערליי חפצים פון ששת ימי בראשית ביז די לעצטע מאדע. די קראמער שטעהען ביי די טהירען, ווי קאץ ביי די מויזען-לאכער און ווארטען אויף א „נשרף" (ווי זיי רופען איהם אן). אזא נפש דערקאנען זיי פון ערשטען בליק, ער מעג זיך זיין אפילו פירשטליך געקליידעט, דאס אליין דיענט פאר א בעווייז זיין שפאצירען אויף וואלאווע שטראססע, דען א לייטישער מענש וועט ניט געהן אומיסטנע מען זאל איהם פון אללע קראמען שלעפען ביי די ארבעל, און אז א אונבעקאנטער פארבלאנדזעט ווען אהין, חאפט ער זיך ארויס ווי פון א שרפה, און קוים הארט איהם ניט אז מען צופט איהם פון אללע זייטען, איז שוין א קלארע ידיעה אז דער דאזיגער שררה, וועט צוריק געהענדיג פלוצים מגולגל ווערען אין איין ארעמען פראנט.

דער בעסטער מסחר איז פאר די וואלאווער קרעמערס א שטיקעל חלוף, אין די בייטענעס ווערט דער קונה בפועל ממש בדלות. ער פאקט איהם אריין איין אלטע שמאלע אויסגעוואשענע שמאטע, וואס האט די ווערטה עובר לסוחר א דריי רובל'דיגען, גיט איהם נאך מיט א רחמנות פנים ווי ער וואלט איהם א טובה טהון אין לעבען. נאך א פאר רובל, און נעמט צו זיינ'ס א בגד, וואס איז ווערט פופצעהן רובל.

דער מסחר האט פון די וואלאווער קרעמער אויסגעארבייט זעלטענע פסיכאלאגען, נאך די פעדערן דערקענען זיי די פויגעל און ווייסען שוין ריכטיג אויב דאס איז א פארשפילטער, א פארלעבטער, א ניט אהיים דערפארענער אדער אזוי זיך א אין ברירה'ניק. און אז דער „נשרף" קומט אהיים, חאפט ער זיך ערשט וואס פאר א מאוס'ן מסחר ער האט געמאכט. קיין חזרה געהט שוין דא נים אן, אין א שעה ארום דערקאנט ער שוין

ניט דעם סוחר און אַלע שכנים זאָגען עדות, אַז דער „העכט" איז גאָר די טאָלאָווע נאָך ניט געווען. אין דעם פּרט איז ביי זיי אַחדות.

יב.

עס איז דורך געלאָפען נאָך אַ וואָך, דוד'קע איז שוין געקומען צו דער מדריגה, ער זאָל באַקאַנט ווערען מיט „וואָלאָווע" גאַס'ל; ביי דעם שטאָלצען דוד'קען איז אויסגעקומען אַז אין לאָמבאַרד לעגען אַ משכון שטעהט איהם ניט אָן, אָבער פּאַסט ניט פון קוואַרטיר אַוועקטראָגען אַ פּעקל חפצים זיי קאָנען זיך נאָך אָנשטויסען אויף דער אמת'ע מעשה. פון דעם סוד אַז ער זיצט שוין אַ וואָך צייט אָהן אַ פּרוטה, ווייסט שוין ר' גרונם (ער איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף די זאַכען), און האָט איהם שוין איינינגע מאָל פאַרביינגעהענדיג דערצאָהלט, ווי גאָר אָן אַ פּניה נור ס'קומט עפּיס ביי איהם ממילא צו רייד, אַז ער צאָהלט למשל זעכס הונדערט רובל דירה געלד, פלייש קאָסט זעכס און דרייסיג גראָשען אַ פונט. הכלל ר' גרונם'ן איז ענג, אַלזאָ ווען דוד'קע וועט אַרויסטראָגען אַ פּעק'ל וועט ר' גרונם די רגע פאַרשטעהן דעם עסק, און דוד'קע האָט אָבגעהיט די מינוט ווען ער איז אַליין געבליבען אין צימער, אויף גיך אַ־ויפגעכאַפּט אויף זיך צוויי סורדוטען, דעם זוממער פּאַלטאָ פון אינטען דעם ווינטער פּאַלטאָ פון אויבען, און איז מיט שטילע טריט אַרויס פון גאַסטהויז.

אויף דער ערשטער פראַגע וואו פאַרקויפט מען דאָ צוגעניצטע קליידער האָט מען איהם גלייך אָנגעוויזען „וואָלאָווע".

געהענדיג אַזוי אָנגעטהון מיט זיין נייעם וואָלאָווער גאַרניטור האָט ער אויף פראַנציסקאַנער גאַס פּלוצים באַגעגענט זיין חבר חייקעל. ווען ער האָט איהם דערזעהן האָט ער זיך ווי דערשראָקען, געוואָלט איהם אויספּעהלען נור עס איז ניט מעגליך געווען, זיי האָבען זיך באַגעגענט ווי מען זאָגט „אַ נאָז און אַ נאָז".

— ר' דוד! האָט דערשראָקען אויסגעשריען חייקעל, דערזעהענדיג איהם אין אַזאַ געשטאַלט, אין אַזוינע קליידער און מיט אַזאַ בלאַס פערוואָרגט פּנים:

— חייקעל! האָט דוד'קע קוים אויסגערעדט, ווי קומסט דו קיין וואַרשאַ?

— ביי אונז אין שטאָדטעל איז כלל ניט דאָ וואָס צו טוהן, חאָטש אין גאַס זיך אויסציהען פאַר אַ גראָשען, פאַרדיענען איז ניט דאָ וואו און ביי וואָס, בין איך געקומען קיין וואַרשאַ עפּיס זוכען, האָב איך קוים געפונען אַ שטיקעל שטעלע. קיין גליקען פון דער שטעלע האָב איך ניט, נור פאַר הונגער שטאַרב איך שוין ב"ה ניט.

— און וואָס מאַכט מיין פאָטער, מיין מוטטער?

— וואָס זאָלען זיי מאַכען, אַלטע שוואַכע לייט, זיי לעבען זיך רוהיג און וואָלטען אַוודאי זיך געשאַטצט פאַר גליקליך, איהר זאָלט אַוועקוואַרפען אייער שטאָלץ און קומען צוריק צו זיי. איהר וואָלט זיך אַ גליקליכער געוועזען, הלואי אויף יעדען געזאָגט גע-

וואָרן, דאַרפט איהר זיך וואַלגערן אין וואַרשאַ, און ווי איך דערקען מאַכט איהר דאָ ניט קיין גליקען.

— יאָ. אַוודאי ניט גוט... נור זאָג מיר חייקעל, ווער פיהרט איצט מיין טאַטענס געשעפטען.

— ווער עס פיהרט? — קיינער ניט.

— וואָס הייסט קיינער ניט?

— ווייל איין אַלט איינגעפיהרט געשעפט דאַרף קיינעם ניט, עס פיהרט זיך שוין אַליין אָהן שום בריה'שאַפטען, דאַכט זיך אַז אייער טאַטע האָט אויף אייער אָרט צוגענומען עפּיס אַ יונגעל פאַר דריי רובל אַ חודש מיט עססען?

דוד'קע האָט גאָר ניט געענטפערט און חייקעל האָט באַלד ווייטער אָנגעהויבען:

— פאָלגט מיך און פאָהרט באַלד אַ היים, איהר וועט גאָר ניט אויספיהרען מיט אייער גדלות, איהר האָט זיך איינגערעדט אַ פוסטע זאַך אַז איהר זענט אַ „בריה", אַז אַ געשעפט דאַרף האָבען אַ „בריה", גלויבט מיר אַז איהר האָט אַ טעות, בריה'ס זענען אפשר אַמאָהליגע יאָהרען געווען, היינטיגע ביטערע שווערע יאָהרען זענען נור בריה'ס די וואָס האָבען רייכע טאַטעס מיט פייערקאַסעס, מיט אַלטע איינגעפיהרטע געשעפטען.

חייקעל האָט זיך געזעגענט מיט איהם:

— איך וואָלט אַוודאי מיט אייך מעהר פאַרבראַכט נור איך בין אַ פאַרקויפטער מענש, איך האָב קיין צייט ניט, איך האָב שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיגט. פאָלגט מיך און פאָהרט צו אייערע עלטערן, האָט חייקעל געזאָגט און איז פאַרפאַלען געוואָרן צווישען טויזענדטער מענשען וואָס דרעהען זיך אויף דער רעשנער גאַס.

* * *

אין אַ האַלבע שעה אַרום, איז דוד'קע געקומען אַהיים אין אַ ליכטיגען גאַרניטור פון דור המבול.

ר' גרונם האָט אָנגעקוקט דעם חילוף און האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געקומען די צייט אָהן שום פּניות בעטען געלד.

— מיר שיינט איהר האָט זיך געהייסען געבען אַ רעכנונג? פרעגט ער ביי דוד'קען, וועלכער האָט דערווייל נאָך ניט געטראַכט וועגען אַ רעכנונג, און ניט וואַרטענדיג אויף איין ענטפער, האָט ר' גרונם אַרויסגענומען אַ פאַרטיגען רעכנונג, אַלעס בעזונדער פאַרשריבען מיט איין סך הכל צוועלף רובל מיט זיבען און נייַנציג קאָפּ'. דאָס הייסט פונקט מיט אַ רובל מעהר וויפיל דוד'קע האָט אָבגעלייזט אויף „וואָלאָווע".

ער האָט דערצאָהלט ר' גרונם'ן די גאַנצע געשיכטע, און געבעטען, נעמען ביי איהם אַ פינף רובל'דיגען און לאָזען איהם די רעשטע אויף אַ היים דערפאָרען.

— אָך פאַר וואָס ניט, אַ מענטשען אַ טובה טוהן, האָט זיך אויסגערופען ר' גרונם מיט אַ רחמנות פּנים, זעהר שאָן, גיט מיר פינף רובל און די רעקע מיט דעם קישען לאָז

דא ליגען; ווי איך וועל ערהאלטען די רעשטע מיט פראכט קאסטען וועל איך אייך די גאנצע אבשיקען די חפצים. ווי דען? — איהר דארפט מיך דען בעטען, קיינער איז ניט פארזארגט פון א שלעכטע צייט, ווען גאטט העלפט מיר נאר א טובה טאן א יודען איי! וואיי! פאר וואס זשע ניט;

דוד'ל האט געמוזט בייזשטעהן אויף די קאנדיציעס און איז דעמזעלבינען טאג, א שווארצער א חושכ'דיקער אהן קליידער אהן געלד מיט א שווער געמיטה און א צו־בראכען הארץ, ווילענדיג ניט ווילענדיג צוריק צו זיינע עלטערען א היים געפאהרען. —

ש. נ—ק.

ליעדער.

I

ער האט איהרע קושען געטרונקען
ווי פון א גן עדן דעם ריח;
עס האבען געפלאמט איהרע ליפען
ווי פייער פון הייסען מזבח.

און לאנג האט געווארט דער מזבח,
געווארט אויף איין אכם אלס א קרבן,
דא האט ער דעם קוש איהר געגעבען —
זיך מקריב געווען און געשטארבען.

II

ווענן'ס שטארבט א טהייערער טויט'ער,
דא ברענט אים יאהרצייט־טאג
א ליכט פאר די נשמה —
דאס ליכט פון שטילער קלאג.

עס ברענט א יאהרצייט־ליכטעל
ביי מיר דאס גאנצע יאהר,
ביי מיר איז ווער געשטארבען —
און ווען, ווייס איך ניט קלאר.

ביי מיר איז ווער געשטארבען.
און ניט אין איין מעת־לעת —
אך, ביסלעכווייס געשטארבען
איז מיר מיין טהייערער מת!

III

די נאכט איז שטיל און זומערדיג.
מיר ביידע געהן צוזאמען,
איך בליק צו דיר, דו בליקסט צו מיר
און צו די שטערענס פלאמען.

די נאכט איז שטיל און זומערדיג.
עס שלאפען שטיל די גאסען,
מיר געהען שטיל, און אט גאר גיך
און ווידער אט געלאסען.

זיי רוהיג, קינד! לאז רוהיג זיין
דיין אויפגערעגט געוויסען:
דער טאטע שלאפט, די מאמע שלאפט,
און וועלען גאר ניט וויסען.

מיר געהען שטיל, מיר זעהען נור
דער דיין געהט, דער אלטער,
ער געהט גאר מיעד און אין דער האנד
א שווערען ספר האלט ער.

דער אלטער איז א גוטער מענש
און וועט אונז ניט פערמסרן —
זיי רוהיג, קינד! און האריך, ווי שאן
עס רוישען שטיל די וואסערן!

דער אלטער געהט אין שול אריין,
ביי נאכט לערנט ער דארט תורה
און אונזער סוד נימט ער מיט זיך —
וואס האסטו, קינד, דענן מורא?

און אונזער סוד בעגראבט ער דארט
אריין אין זיינע ספרים,
זיי זענען פאר א זאלכען סוד
גאר היילינ שטילע קברים.

און פון די שטילע ספרים וועט
דער סוד צום הימעל פליהען
און פאר די פים פון גוטען גאטט
וועט ער זיך פאר אונז מיהען.

ד. פרישמאנן.

די מלמדות'ע פראגע:

די מלמדות'ע פראגע איז איינע פון די גרעסטע פראגען, וועלכע בעריהרען אונזער מאראלישען אונ פהיזישען לעבען. זי איז נים אזוי פראסט לויט עס שיינט אונז יודען. אין פלוג שיינט אונז אזוי: מלמדים האבען מיר ב"ה גאנץ גענוג, לעהרנען פיל ווינציג קענען אללע, קיין טרחה ושאלעוועז זיי אויך ניט: דרייצעהן שעה פינפצעהן שעה אין טאג, וואס קאן מען פון זיי געביך נאך פאדערן? דאך, די פראקטיק זאגט אונז גאר עפים אנדערש, גאר א היפוך: זי רוימט אונז איין א ביטטערן סוד אין אויער: אז קיין מלמדים *) האבען מיר כמעט ניט; אז לעהרנען קענען זיי כמעט אללע ניט; אז זיי פערברענגען מיט די קינדער כמעט דריי מאל מעהרער צייט, אלס עס פאדערט זיך, וועלכעס איז ניט נאר קיין מעלה, נאר דער גרעסטער חסרון, אי פאר די מלמדים, אי פאר די קינדער —.

די מלמדות'ע פראגע איז ניט ערשט געבאהרען: גאנץ לאנג, לעדך דרייסיג יאהר צוריק האבען שוין יודישע שרייבער אנגעהויבען ארויסזעהן גרויסע פעהלער אין אונזער מלמדות אונ האבען גענומען בודק חמץ זיין אין די חדרים...; זיי האבען געפיהלט, אז מיט'ן אלט-מאדישען לעהרנען קען מען היינט ניט יוצא זיין, אז דאס האט געקענט עקסעסטירען נאר פערצייטען, נאר אין די אמאליגע גוטע יאהרען, ווען מיט גמרא האבען זיך געשפייזט יונג אונ אלט אונ קיין אנדער מאכל בילדונג, אפילו קיין תנ"ך, קיין עברי, האט זיך ניט געפאדערט; קיין תכלית פונ'ם לעהרנען האט מען צוליב ניט געפאדערט, נאר דאמאלס האט יענער ארט לעהרנען געקענט טויגען. די שרייבער האבען עס פערשטאנען אונ האבען גענומען וועקען דעם עולם... הונדערטער ארטיקעל האבען זיך געדרוקט אין פערשידענע ביכער, ביכליך, צייטונג, אין דער העברעאישער אונ אין דער זשארגאנישער שפראך, ליידער האט עס זייער ווינציג געווירקט אויפ'ן עולם. — אונ עס איז גאר קיין חידוש ניט: ווער עס וויל אויף זיך נעמען די מיהע לעזען זייערע ארטיקעל, וועט ער ארויסזעהן, אז זיי שמעקין מעהר מיט לצנות אלס מיט קריטיק: דער לאכט אויס דעם מלמד מיט זיינע קאלטינעס, זיין פערשמאלציווייטע יארמילקע, זיין לאנגען צוריסענעם טלית קטן; דער לאכט אפ פון דער מלמד'קע מיט איהר ציעג, א. ד. ג. אזעלכע ארטיקעל זענען גוט צום לאכען, צום צייט פערטרייבען,

*) מיט'ן ווארט „מלמדים" מיין איך ניט „לעהרער-מלמדים", ד. ה. געענדיגטע, געבילדעטע אין שפראך, משכילים, לויט אנדערע שרייבער האבען גערענקט אונ דענקען נאך אצונד. חלילה! ניט דאס מיין איך! איך מיין „פשוטע מלמדים", ווי מענגען זיך זיין פרומע עהרליכע יודען, אהן שפראך, אהן ארטאפעאישע בילדונג, קען עס דעם לעהרנען קינדער אויף קיין האאר שאדען. פון די מלמדים פאדערט זיך נאר, אז זיי זאלען פערשטעהן גוט זייער ארבייט: זיי זאלען וויסען, אז דאס איז עדעלע מאטעריאל און מען מוז זיין צו איהם אגוטער כ' יס...ער.

אבער ניט צום אויסבעסערן די פעהלער. פון אללע זייטען האט מען געהערט פראקלאמירען: „די מלמדות טויג צום טייפעל, זי פאדערט אויסבעסערונג"! פאר וואס? מיט וואס איז די אלט-מאדישע מלמדות ניט גוט? האט קיינער ריכטיג ניט דערוויזען. ערשט אז אין לעצטער צייט האבען זיך אנגעהויבען ווייזען אינ'ם „וואסכאד" „המליץ" „הצפירה", גוטע ארטיקעל וועגען דער מלמדות'ע פראגע. — ארטיקעל — וועלכע זענען אין שטאנד עפענען דעם עולם די אויגען, ארויספיהרען איהם פונ'ם מצרים-חשך —. נאר, אזוי ווי די אללע ארטיקעל זענען געשריבען רוסיש אדער העברעאיש, וואס, צו אונזער באדויערן, לעזען דאס אצונד אויך ניט מעהר אלס פינף פראצענט יודען, אונ דער איבריגער עולם בלייבט אומוויססענד אזוי ווי ביז אצונד — אלזא געפין איך פיר א חוב דורכשמועסען זיך מיט אייך, רבותי, אויף מאמע לשון. ערקלעהרען אייך אביסל דעם ענין פון מלמדות? וואס פאדערט זיך פון די מלמדים, אונ אויף וויפיל זיי פאלגען עס אויס. איך וועל אייך געבען א ריכטיגע פאטאגראפישע ביל, אהן בעזונדערע פארבען, פון דעם ארט לעהרנען גופא. וועט איהר שון ממילא פערשטעהן, וואס איהר האט צו טאהן. דען וויססען די קראנק הייסט שוין אזוי ווי האלב אויסגעהיילט.

איהר חידושט זיך פיללייכט, וואס איך האב געזאגט: „אפילו קיין עברי האט זיך פערצייטען אויך ניט געפאדערט". וואס הייסט? זאגט איהר: עברי איז אויך א יחוס? אונ וויא איז עס מעגליך לעהרנען גמרא בעפאר מען קען עברי?

זייט זיכער, רבותי, אז איך רעד ניט אויסען וועג, אונ דאס איז טאקי די גרויסע מכה, וואס מיר מיינען, אז עברי איז א קלייניגקייט! אזוי איז עס: אונזערע קינדער לעהרנען גמרא אונ קיין עברי וויסען זיי ניט א ווארט, ניט פריער ניט שפעטער! גוטע עברי פאדערט: אקצענט (ударение) אבטהיילונג (препинание), שארפע אויסשפריכע, ניט לעזען ש אזוי ווי ש, ס) גלייך מיט אללע שפראך — אויסער דעם פערלירט דאס ווארט זיין בעדייטונג, אונ דער זאטץ — זיין געדאנק. הערט זיך איין ווי עס לעזט למשל, דער דייטש, דער רוסס, דער פראנצויז זיין שפראך! ווי ריין עס איז, ווי ריכטיג. ווי פערשטאנדיג! עס צוגעהט זיך ממש אין אללע גלידער! אונ מיר...? אז אך אונ וויי איז צו אונזער עברי! (אויב מען קאן עס אזוי אנרופען). אין דעם פאך, זאל אונז צו קיין חרפה זיין, איז דער רב מיט'ן באדער פערגלייכט....

פאר וואס איז עס אזוי?

ביי אללע געבילדעטע פעלקער פאדערט זיך פיר „אלף-בית" קינדער פונקט אזא לעהרער אזוי ווי צו דערוואקסענע קינדער. דער לעהרער האט געמעגט ענדיגען א שוהלע, טאר ער זיך דאך אלץ ניט וואגען לעהרנען קיין קינדער, קיין אלף-בית קינדער אפילו, ביז ער ווערדט געפראבירט פאר א קאממיסיע הויך-געבילדעטע לעהרער, אויב ער פערשטעהט אויסער אללע זיינע קענטניסע — לעהרנען מיט קינדער אויך. בעסער ווי אויף אלץ הערט מען זיך איין צום לעהרערס לעזען; לעזען איז די ערשטע זאך אונ

דער עיקר ביים פארהארען, יודען דענקען, אז פיר א גאנץ קליין קינד איז גענוג א קליין מלמד'ל. „משטיינס געזאגט, פאר א ברעקיל קינד וועט נאך ביי דעם רבי'ן אויך סטייען תורה"! זאגט דער פראסטער עולם. זיי אבער, די ציוויליזירטע פאלקער, לעהרען דעם פשט אנדערש: זיי לעהרען דעם פשט, אז וואס קלענער דאס קינד איז, אלץ גרעסער מוז זיין דער לעהרער; נאר א גרויסער לעהרער איז אין שטאנד לייגען אינ'ם מיילכיגע פונ'ם קינד בילדונג אזוי אז דאס קינד זאלל עס שלינגען אזוי ווי צוקער-געבעקס! אזא סארט לעהרער רופט זיך „פעדאגאג".

ווי גרוים די קונסט איז פון דרדיק איז גענוג ברענגען א ביישפיעל ווייניגסטען פון איין רוסיש ביכעל וואס איז יעדען באקאנט, איך מיין די ערשטע טהייל „Родное слово", צו וועלכער דער בעוואוסטער פעדאגאג „אושינסקי" האט געגעבען נאך א בעזונדערען בוך, א „האנד-פיהרער", — דאס איז א לעהרע-בוך פיר די לעהרער, ווי אזוי זיי, די לעהרער, זאללען לייבט לייגען די ווערטער פונ'ם „ראדנאיע-סלאווא" אינ'ם קינד'ס מויל אריין לויט די יאהרען; און פון וואס, משטיינס געזאגט, שמועסט זיך אינ'ם בוך? נארישע קינדערשע מעשה'ליך, ליעדעליך, אויף א פראסטע, נידריגע שפראך, וועלכע איז פיר רוסישע קינדער זעהר לייבט צום פארשטעהן. זונ די לעהרער זענען, ווי מיר האבען שוין געזאגט, אויך ניט קיין פראסטאקעס! און ער, דער בעוואוסטער פעדאגאג אושינסקי, האט עס גוט געוואוסט, ער האט געוואוסט אז די שפראכע פון „ראדנאיע סלאווא" וועלען בריסטליכע קליינע קינדער אליין פארשטעהן, און אז די לעהרער וועלען ניט זיין: אלטער זאאיקע, יאסקע דער רויטער א. ד. ג. וועלכע האבען געשטודירט צעהן, צוועלף יאהר אויסנארען די אנבייסענס און מיטאגס ביי די קינדער, אין דער צייט ווען זיי זענען געווען בעהעלפערס —, זאבוואהל דער געצייכנעטער מחבר האט עס גוט געוואוסט, האט ער דאך פארט געפונען פיר נאטהיג שרייבען א לעהרע בוך פיר לעהרער. אזויגע ביכער זענען פאראן פיעל; אויסער זיי ווערען געדרוקט פערשידענע יאהרליכע און מאנאטליכע פעדאגאגישע זשורנאלען, וועלכע די לעהרער ערהאלטען כדי צו זעהן אויף וויפיל די פעדאגאגיק ענטוויקעלט זיך אללע טאג; די אללע זשורנאלען בעמיהען זיך געפינען אללערליי עצות און מיטעל ווי ווייט מעגליך פערגרינגערן און אויסבעססערן דעם למוד.

דאס אלץ דיענט אונז פיר א גוטען צייכען, אז דרדיק איז אפנים ניט קיין קלייניגקייט לויט פראסטע מענשען שטעללען זיך עס פאר!

דער עולם רעכנט, אז א קינד איז אזוי ווי א צאפיקל, וועלכעס ווייסט נאר עססען, טאנצען, שפרינגען, און איז לחלוטין קיין מחותן ניט מיט די אינטערעססע און נעשפרעה פון די עלטערע מענשען. ניינע אויגעליך, ניינע אויהרליך, זענען לויטער אפגעגעבען צו שפילעכלעך, צו צאצקעס, אזוי דענקט דער עולם—, דאס איז אבער א טעות, רבותי! א קינד איז פונקט אזוי ווי וואקס: אללעס צייכנט זיך אויף זיין קאפילע ווייער לייבט, אללעס קלעבט זיך אויף זיין הארצעלע און עס פערבלייבט אויף אייביג. אלזא איז געבונדען מיט דער פעדאגאגיק טאקטיק פונ'ם לעהרער אויך: דער לעהרער

אדער מלמד איז מחויב זיך אויסצייכענען מיט זיין געשפראך, מיט זיין אויפפיהרונג, דאמיט אז ער זאלל דינען אלס מוסטער דעם קינד. אויסער דעם בלייבט דאס קינד אזוי פערדארבען, אז קיין טאטער, ווי זאגט מען, וועט שוין אויך ניט העלפען! אט דאס זאגען אונזערע חכמים: „אם אין תורה אין דרך ארץ, אם אין דרך ארץ אין תורה". ד. ה. דער אומגעבילדעטער פיהרט קיין שיינע שטאט, ווער עס פיהרט קיין שיינע שטאט, קען דעם צווייטען ניט בילדען.

דער ארט לעהרנען כון דרדיק.

אצונד איז צייט, אז מיר זאללען ווארפען א בליק אויף אונזער דרדיק, בעטראכטען דעם ארט לעהרנען גופא. איך ערלויב מיר אפענען פיר אייך א דרדיגען חדר, נאר שא! כמעט איז עס איבריג: מיר מעגען זיך שטעהן גאנץ רוהיג אין דרויסען — ווייטליך פונ'ם חדר, וועללען מיר ניט ערגער הארען אלס אין שטוב. יא, אזוי וועט מאכי זיין פיר אונז געזונטער... און פאר'ן מלמד שאנער...

מיר הערען קולות, געוואלדען פונ'ם מלמד, פונ'ם בעהעלפער, פון אללע קינדער צוזאממען, אזוי ווי יום כפור נאך נעילה ביים פסוק „ה' הוא האלהים"!

וואס איז דאס? (שרייעט א גראבער-קול). א סין! (ענטפערען דינע קול'כליך). — שרייעט שטארקער — ! „א סין!" — זאגט זע — ! „א סין!"; — דעראינטער? — „א סייווע!" שרייעט זע! „א סייווע"! סייווע שין ווי זאגט מען? „סיי!" וואס איז דאס? „א מעם!" דעראינטער? „א פתח". פתח מעם ווי זאגט מען? „מא". אינאיינעם! „סמי" —

דאס זענען קינדער וועלכע לעהרנען שוין כמעט א זמן.

אט הארען מיר צווייטע קולות:

ס-מע — ? (אויסגעזאגט!) יס-ר-א (אויסגעזאגט!) אל.

דאס זיינען קינדער וועלכע שטודירען שוין אנדערהאלבען זמנים.

דריטען זמן לעהרנט אפשטליך דאס קינד שוין חומש.

איך ווייס ניט, רבותי, וואס פיר א איינדרוק אויף אייך מאכט די גוטע שיינע עברי מיט דער פעדאגאגי, נאר פון מיין הארץ טריפט זיך בלוט, אלס איך בעטראכט די גרויסע מיהע פון די קינדער און פון די פויער'ן די מלמדים. א האלב יאהר צייט איז אריבער גענוג פיר דאס שווערסטע קאפיל מיט דער הילף פון א גוטען פעדאגאג, אז דאס קינד זאלל זאגען גוט, נאר ניט גיך, עברי; איך מיין עברי לשון קודש, ניט קיין טערקישע, אהן קללות, אהן געוואלדען, אהן קמץ אלף, אהן אויסגעזאגט, אהן סייווע סין סיי, ווען די קינדער, זאללען אפילו לעהרנען ניט מעהר אלס איין שעה אין טאג. אין לאדז, אדעססא, און אין נאך גרויסע שטאדט, קאנט איהר זעהן חדרים, וואו אינ'ם פערלויף איין זמן לערנט א קינד: יודיש, רוסיש, אין איינינע חדרים — דייטש אויך. אין קליינע שטאדט געפינען זיך אויך מלמדים פעדאגאגען, וועלכע זענען אין שטאנד לעהרנען דרדיק אויף אזא ארט, לײדער קאנען אזויגע מלמדים ניט

עקסעקסטירען מחמת צוויי פשוטע טעמים: ערשטען ווייל די בעלי־בתים, וועלכע האבען אליין בעסער ניט געלערנט, זענען מחילה אליין מסתפק אויף עברי און ווייסען ניט וואס בעדייט „גוטע עברי" אדער וואס הייסט פעדאגאגיש לערנען. פארקעהרט, זיי רעכענען אפשר אזא סארט לעהרען פאר הייליגט למשה מסיני. צווייטענס זענען גוטע מלמדים, וועלכע זענען אפט ארענטליכע לייט, עדעל לייט, — ניט אין שטאנד פיהרען אזוינע אינטריגעס, פליאטקעס. דערצעהלען שקרים, חנופה'נען די בעלי־בית'ית, מיט די דינסטען, דערצאהלען אויף זיך שבחים, שלעפען בין הזמנים די בעסטע קינדער פון זייערע חדרים פארהאַרען אין די הייזער וואו זיי ווילען נעמען נייע תלמידים. א חזקה מאהן אין די קינדער מיט פאנען. דריידליך, גרינגערן במעט פון זייער ברית אן, קורץ: דער קוואקען פון די וַשאבעס איז אזוי גרויס, דאס דער נאכטיגאלל מוז דעם מויל פערמאכען, דען מען העט איהם בלויז ניט הארען.

דעם פאדריאד פון דרדיק האבען אפ געממען גראבע יונגען אויף דור דורות...!

איך בעטט מיר מוחל זיין, רבותי! איך האב מיך צופיעל פארערט, — פון מחשבות'ן האב איך גאר פארגעסען, אז מיר שטעהען אין דרויסען און מיר בעדארפען עטוואס הארען חומש אויך, פאר וואס זשע ניט? —

אט הארען מיר ווידער קולות:

„בראשית" צום ערשטען „ברא" ער האט באשאפען „אלהים" גאטט „את" אין „השמים" די הימעל, „ואת" און אין „הארץ" די ערד; „והארץ" און די ערד „היתה" די איז געווען „תהו" וויסט „ובהו" און ליידיג „וחשך" און פינסטער „על" אויף „פני" פאר „תהום" אפגרונד „ורוח" און דער גימיט „אלהים" גאטט „מרחפת" שוועבט „על" אויף „פני" פאר „המים" די וואסער.

ווי אזוי רעכנט איהר, רבותי, די קינדער פארשטעהען וואס זיי זאגען? איך אליין פארשטעה אסור ניט וואס דאס בעדייט! איך געפין דא ניט, ניט קיין טייטש, ניט קיין בילדונג. נאך אמאל, וואס הייסט עס? „צום ערשטען ער האט בעשאפען גאטט אין דעם הימעל און אין דיא ערד: און דיא ערד זיא איז געווען וויסט און ליידיג און פינסטער אויף פאר דעם אפגרינט און דער גימיט גאטט שוועבט אויף פאר די וואסער".

נאר, נא מיר זעהן די צווייטע סדרה:

„אלה" *) דאס זענען „תולדות" די געבירט „נח" א מענש האט געהייסען נח: „נח" נח, „איש" א מענש „צדיק" א צדיק „תמים" א גאנצער „היה" ער איז געווען „בדורותיו" אין זיינע דורות „את" מיט „האלהים" גאטט „התהלך" איז געגאנגען „נח" נח.

זעהט איהר, דאס איז שוין גאר אנדערע ווארטער! א זיעבען יאהריגס קינד וועט

*) איך נעם די ערשטע פסוקים פון די ערשטע סדרה, כדי איהר זאלט מיר ניט חושד זיין, אז איך קלויב פסוקים, וועלכע פאסען פאר מיין ארטיקעל, און אריינט פערהארען הדדיק קינדער אויב זיי זאגען אנדערש.

עס לייכט פארשטעהן; דער געדאנק ווארפט זיך אין אויגען, די ווערטער זענען זייער פראסט ארויסגערעדט, גוט פערשטאנדיג: „דאס זענען די געבירט א מענש האט געהייסען נח, נח אמענש א צדיק א גאנצער ער איז געווען אין זיינע דורות מיט גאטט איז געגאנגען נח.

די דריטע סדרה:

„לך" געה „לך" פון דיין טובה וועגען „מארצך" פון דיין לאנד „ממולדתך" פון דיין געבירט „מבית" פון דער הויז „אביך" דיין פאטער „אל" צו „הארץ" די לאנד „אשר" וואס „אראך" איך וועל דיר ווייזען.

פארשטאנדיג? הא?

אלס מיין דרדיגער מלמד איז געקומען פארהארען מיין קינד, און דאס קינד האט די אלע פסוקים אויך אזוי שיין אפ געטייטשט, האב איך מיך געווענדעט צום רבין מיט אזוינע ווערטער: הארט, רבי! „צום ערשטען האב איך היינט געגעסען און לעקאך און פלאדען". איך האב גוט גערעדט? אזוי האב איך בעדארפט ריידען, אדער עטוואס אנדערש? ניין, זאגט דער מלמד, איהר זאגט זייער ווונדערליך; איהר זאגט: צום ערשטען האב איך היינט געגעסען אין לעקאך און אין פלאדען! אלא מאי זאגט איהר אין חומש, פרעג איך איהם „צום ערשטען האט גאטט בעשאפען און דעם הימעל און אין דער ערד"? אין חומש? זאגט דער מלמד, אין חומש שטעהט אזוי! ניין, רבי, איהר האט מחילה א ווילדען טעות, האב איך געזאגט, אונזער הייליגע תורה האט געוויס פערשטאנען ווי אזוי ריידען, און עס שטעהט גאר ניט אזוי ווי איהר טייטשט אפ: דאס ווארט „את" האט גאר קיין טייטש ניט (דא) ער ווייזט אויף וואס די ארבייט געהט איבער — וואלט ניט געשטאנען דאס ווארט „את", וואלטען מיר ניט געוואוסט וועד וואס האט בעשאפען, אלזא קומט טאקי אויס אהן די טייטשען פון „את": צום ערשטען האט גאט בעשאפען די הימעל און די ערד. ליידער האט מיין מלמד ניט פערשטאנען וואס איך זאג.

צווייטענס, זאג איך, וואס איז פאר ווערטער „די ערד איז געווען וויסט און ליידיג און פינסטער אויף פאר דעם אפגרינט?" פיללייכט וועט איהר זאגען, אז דאס שטעהט אויך אזוי אין חומש? דריטענס, פארשטעהן, למשל די קינדער אט די אלע ווערטער: אפגרינט, געמיט, שוועבט, א צדיק, א גאנצער, דורות, פון דיין טובה וועגען, לאנד, געבירט הויז. פאלק? ווי אזוי רעכנט איהר, די קינדער פערשטעהען? וואלט איהר טאקי אט די אלע ווערטער רעכט געגעבען צו פערשטעהן מיין קינד לויט זיינע יאהרען, אדער איהר וואלט אפ געטייטשט מיט געוואהנליכע פראסטע ווערטער, דאן וואלט מיין קינד געהאט א צווייטערע הילף: ערשטען וואלט ער טאקי געוואוסט די טייטשען פון די ווערטער, וואדין טייטש הייסט, אז מע זעצט איבער א שפראך וועלכע איז אונז פרעמד, אויף א שפראך וועלכע מיר פערשטעהען גוט, צווייטען וואלטען די ביסעל ווערטער געקענט דאס בילדען: צ. ב. ש. תהום הייסט „א שטארק טיעפע וואסער": „שוועבען" הייסט „פליהען": ביים ווארט „צדיק" מוז מען ערקלערען דעם

קינד וועלכער מענטש הייסט אַ צדיק, (געוועהנליך איז גלייבער נעמען אַ ביישפיל פון קינדערשע גוטע און שלעכטע אויפפיהרונג). „אַ גאַנצער״ הייסט, דער וואס טהוט לויטער גוטס, קיין מאהל קיין שלעכץ (ער דאַווענט, קישט ציצית, פאָלגט דעם טאַטען און די מאַמע, געהט פּאַ־רקעכטס ניט אויסגעשמירט, שלאָגט זיך ניט) איז ער אַזוי ווי אַ כלי וואס איז דורכאויס גאַנץ, ערגיץ ניט צובראָכען, גאָר דער אמת׳ר טייטש פון „תם״ איז „אַ פרומער מאַן״. דאס וואָרט „דורות״ בעדאַרף מען גאָר אַ קליין קינד טייטשען „אין דער צייט וואס ער האָט געלעבט״ אַ גרעסערן - בעדאַרף מען ערקלערען וואס הייסט אַ דור. „אַ טובה״: אַז מ׳ לייהסט ־ דיין חבר׳ל דעם סדור דאַווענען אָדער בענטשען, הייסט עס: דו טהוסט איהם אַ טובה „אַ גוטע זאַך״; אַז איך זאָג דיר: „ניט געה זיך איינער אַליין באָדען!״ זאָג איך עס פון דיין ט־יבה וועגען, דו זאָלסט זיך חלילה ניט דערטרינקען א. ז. וו.

איך זאָג אייך נאָך אַמאָהל: ווען מען לערנט מיט אַזאַ חדר חומש, לערנט מען די קינדער אַז די שפּראַך די העברעאישע, איז מען בילדעט זיי. יעדער וואָרט, וועלכער שמועסט יעדער פּסוק, ברייננט אַריין דעם קינד אַ גאַנצען קאַפּיטאַל וויסענ־שאַפט. איהם ווערדט ענטוויקעלט ביסליכוויים אין די שפּראַך אין די וועלט. נאָר - במה דברים אמורים, דאס איז אַלץ געוועדט געוואָרען ביי מלמד וועלכער פערשטעהט גוט די בעדייטונג פון יעדער העברעאישען וואָרט, זיין שורש, זיין צייט, זיין גזרה, זיין בנין. וואס זשע טהוט מען אָבער מיט אונזערע דרדיקע מלמדים די פּראַסטאַקעס...?

עיקר שכחתי! כמעט האָב איך גאָר פערגעסען די רעכטע געדיכטע, דעם סאַמע ציִמעס: „חבור״ אָדער „איבערגעפרעגט״ מיין איך. שפּילט זיך ניט, רבותי, מיט חבור! חבור לערנען הייסט אַרויפגעבראַכט דאס קינד אויף אַ גאַנץ הויכע שטופע בילדונג. מיט חבור שטאָלצירט דער מלמד פאַר׳ן בעל־הבית און דער טאַטע מיט דער מאַמע ווערען אָקערסט ניט צושמאַלצען פון נחת... שטעלט אייך פאָר: אַ קינד פון זיבען יאָהר אָדער עטוואס מעהרער און דרשה שוין, אָבער טאַקי געדרשה׳ט וואס דרשינען הייסט! חאָטש נעם און שטעל עס אויף דער בימה פיר אַ בעל־דרשר! לאָז זיך פרייוען וואַניושע, מיטקע, שאַשע דרשינען אַזוי אַ פּסוק:

ויעש און ער האָט געמאַכט אלהים גאָט את אין שני צוויי המאורות די לייכטער את אין המאור דעם לייכטער הגדול דעם גרויסען ואת און אין המאור דעם לייכטער הקטן דעם קליינעם. „און ער האָט געמאַכט גאָט אין צוויי די לייכטער אין דעם לייכטער דעם גרויסען און אין דעם לייכטער דעם קליינעם״, דאס איז איבערגעפרעגט. היינט הויבט זיך אָן אַ דרשה: „אַז גאָט האָט בעשאַפען די זונן און די לבנה, זיינען זיי געווען ביידע גלייך, האָט עס דער לבנה פערדראָסען, זי האָט געזאָגט אַז די זונן זאָל זיין קלענער פון איהר, וואס האָט געטאָהן גאָט ער האָט געמאַכט די לבנה קלענער פון דער זונן״. אָט די דרשה איז שטאַרק געבונדען מיט׳ן פּסוק, אָהן איהר וואָלטען חלילה די קינדער דעם פּסוק ניט פערשטאַנען! דאָך וואָלט איך עס די מלמדים געקענט מוחל זיין ווען זיי ערקלערען די קינדער דעם מאַראַל פון דער דרשה. - אָבער בלא מיט

אַ אַלף! דרויף האָבען די מלמדים קיין שכל ניט! אַזאַ דרשה איז נאָך גאָר ניט. עס גיבט ביי זיי אַזוינע דרשות וואס דער מאַראַל איז ניט פאַר קיין קינד און זי איז געבונדען מיט וועלט־געשיכטע, מיט נאַטור, צ. ב. ש. „ואני בבאי מפדן״ די דרשה פון נבוזרדן מיט גלות בבל, וואו ניט נור דאס קינד, נור אפילו דער רבי ווייסט אויך מחילה ניט די געשיכטע. אָדער די דרשה פון „ראובן בכורי אתה״. אויף אַזוינע טערקישע עברי, פּאַפּונאַאישע דרשות שוויטצען געביך קליינע יודישע קינדערלעך פון יונגאַצעס פּראַסטאַקעס וועלכע מען רופט „מלמדים״ אין ווייסטע, אין פינסטערע בלאָטיגע שטאַלכליך, וועלכע הייסען „דרדיגע חדרים״, און מיר קוקען דרויף גלייכגילטיג?! דאס בלוט פון אונזערע אומשולדיגע יונגע טייבעלעך גיסט זיך טייכען וויים, עס דינט אין אַלע גאַסען אַזוי ווי אין מצרים, און מיר עלטערן באַמערקען עס גאָר ניט? רבש״ע עד־מתי?! ביז ווי לאַנג נאָך ועט דאס קלוגסטע פאָלק ישראל, אין איינינע זאַכען זיין אַזוי ווילד נאַריש?!

צו ליעב וואס לערנט מען מיט קינדער תנ״ך?

וואס הייסט צו ליעב וואס לערנט מען מיט קינדער תנ״ך? צו ליעב וואס מיר לערנען אַלע אונזערע הייליגע ספרים, לערנען מיר תנ״ך אויך! אַזוי וועט מען געוואהנליך זאָגען.

גערעכט, רבותי, ביי אַלע געבילדעטע פעלקער רעכנט זיך טאַקי דער תנ״ך פאַר אַ הייליגען ספר, פאַר אַ הייליגען למוד, אויסער ביי יודען... נור ביי אונזער הייליג פאָלק, ביי די רעכטע פרומאַקעס, איז דער למוד תנ״ך זייט דעם לעצטען יאהרהונדערט פאַררעכנט אַלס אפיקורסות. איך בעדאַרף דרויף קיין פאַקטען ברענגען, איהר ווייסט עס אַליין אויך, אַז ניט נור אַ שטיקל „גמרא״, נור אפילו אַ שטיקל „אלשיך״ „שבחי בעש״ט״ איז ביי די אָרטאָדאָקסען פיעל חשובער און הייליגער אַלס תנ״ך. קוים זאָגט מען אויף עמיצען: „ער איז אַ בעל „תנ״ך״, איז פונקט אַזוי ווי מען זאָל זאָגען „יענער איז אַן־אפיקורוס״. איך מיין עס ניט קריטיזירען, אָדער זוכען די אורזאַכע, ווייל ניט דאַ איז דאס אָרט. איך וויל אייך, רבותי, נור אויפמערקזאַם מאַכען, אַז פרומאַקעס נעמען תנ״ך פאַר קיין הייליגען ספר ניט אָן עד היום, און צוליעב דער העברעאישער שפּראַך גרייפען זיי תנ״ך געוויס ניט פאַר נאָטהיג. זיי האָבען זיך אימער איין שפּריך וואָרט: „אַז מען קען גמרא, קען מען אין תנ״ך, אין לשון קודש״, מיט איין וואָרט: „אַלע שבע חכמות״. נישט קשה, זאָגט אַ גמרא יוד, אָט האָב איך קיין תנ״ך ניט געלערנט, ניט קיין תנ״ך, ניט קיין דקדוק־שמיגדיק, פון דעסטוועגען קאָנן איך מיר מיין שטאַרטל באַשטעהן! אַבוואָהל מיר־ווייסען, אַז פון זייערע בריעף שמעקט העברעאיש וויפיעל אַ יודישער שוהל־הויף מיט בלומען ריחות....

אַלזאַ לערנען תנ״ך דאָך נור יענע וועלכע פערלאַנגען בילדען זייערע קינדער אין דער ריינער העברעאישער שפּראַכע, נור יענע, וועלכע ווילען אַריינברענגען זייערע

קינדער אינ'ם שלאסס פ... דער הימעלישער שפראך. ליידער איז דער היילינגער שלאסס פערשלאססען מיט גאלדענע שלאססער. איהם אפענען איז ניט אזוי לייכט לויט עס שיינט. ניט מיט מצודות, ניט מיט מלבים, אפילו ניט מיט אללע ל"ו פרושים איז אין שטאנד א מלמד אפענען די טיהרען פאר זיינע תלמידים דאמיט אז ער זאלל זיי באקאנט מאכען מיט העברעאיש. צו די אללע פרושים מוז דער מלמד פריער אליין מיט דער שפראך גוט בעקאנט זיין, אהן דעם וועללען די קינדער פונ'ם תנ"ך וועהר ווינציג העברעאיש ארויסזעהן.

איך ווייס איהר וואונדערט זיך אויף מיינע לעצטע ווארטער: וואס הייסט? זאגט איהר: וועלכעס שטאמט דען פון וואס? תנ"ך פון דער שפראך, אדער די שפראך פון תנ"ך?

אמת, איך פערשטעה עס אויך. אז די שפראך שטאמט פונ'ם תנ"ך, איך מוז אייך אבער זאגען א סוד אין אויער, אז ניט אונז מיינט עס דער פסוק; ניט מיר קליינע מענשעליך זענען אין שטאנד פונ'ם תנ"ך די אפגעשטארבענע שפראך מחיה מתים זיין. די ארבייט איז ניט פאר אונזערע כוחות! נור אייניגע געצאהלטע חכמים האבען אינ'ם פערלויף עטליכע הונדערט יאהרען דורך פיעל מיהע אויסגעארבייט פון תנ"ך א ברייטע שפראך אונ א לויטערע שפראך, לויט מיר זעהען זי אצונד. איבערהויפט האט עס געקאסט פיעל מיהע די חכמים די-שרייבער וועלכע זענען געוועזען אונ זענען נאך אצונד אינ'ם לעצטען יאהרהונדערט, ווי למשל: שלום הכהן, גינזבורג, מאפו, מאנדעל-שטאם, סמאלענסקין, שולמאן, גארדאן, א. ד. ג., דען ביז'ן לעצטען יאהר-הונדערט איז די העברעאישע שפראך געוועזען, אדער ברייט אונ ניט לויטער, אדער דער היפוך. דאס זעהט מען ארויס פון אללע פארצייטיגע שרייבער, וועלכע האבען, אדער א גע-וואהנליכען שמועס אויסגעדריקט מיט דער פאעטישער שפראך פון תנ"ך פונקט מיט די זעלבע ווארטער, אדער פאעזיע — מיט פראזא-פאנטאמינע-לשון, צ. ב. ש. אז איינער האט געשריבען „איך וועל דיין זינד ניט פארגעסען" האט ער געשריבען א גאנצען פסוק פון ירמיהו „חטאתך כתובה בצפורן שמיר חרותה על לוח לבבי", (דיין זינד איז געשריבען מיט א שארפען שטיין, געקריצט אויפ'ן טאוויל פון מיין הארצען), דאס האט געהייסען פראזע. — אדער: „אץ קוצץ, בן קוצץ, קצוצי לקצץ" (עס האט געאיילט דער האקער, דער זוהן פונ'ם האקער מיין האקאכץ אפ האקען). דאס האט געהייסען „פאעזיע", אונ דאס האבען זיך אזוי אויסגעדריקט אינ'ם פערלויף עטליכע הונדערט יאהרען מענשען ריזען, וועלכע זענען אין תנ"ך געוויס קלאהרער געוועזען, אלס מיר אין „אשרי"; דאס דינט אונז פאר א גוטען צייכען, אז פון קלאהר זיין תנ"ך מיט פערשידענע פשטים הייסט נאך ניט געקאנט די העברעאישע שפראך. די שפראך מוז דער מלמד לערנען פון דער אויסגעארבייטער שפראך, נאכהער וועט זי זיך איהם לייכט ווארפען אין די אויגען אינ'ם תנ"ך גופא גאר אהן אללע פרושים; אזא מלמד מעג טראגען דעם נאמען „בעל-תנך", נור פון אזוינעם קאנען זיך קינדער בילדען אין דעם העברעאישען פון לויטער תנ"ך אפילו, די היילינגע שפראך, אונ די היילינגע לאנד ארץ ישראל, אונ די היילינגע הויז,

דער בית המקדש — זענען א „מעוט המחזיק את המרובה". א ביסל וואס ענטהאלט א סך, „הלא כה דברי נאום ה', וכפטיש יפוצץ סלע" (מיינע רייד זענען דאך אזוי, זאגט גאטט, אונ אזוי ווי א האממער צוקלאפט א שטיין) זאגט אונז דער נביא. ד. ה. אזוי ווי א שטיין ווערדט צוברעקלט אויף פיעל שטיקליך — אזוי ענטהאלט יעדער היילינג ווארט פיעל בעדייטונג, צו זיי מוז מען נור פערמאגען א שליסל, אונ איהם באקומט מען נור אין דער נייער אויסגעארבייטער העברעאישער גראממאטיק, ווארטער-ביכער פון „בן זאב" „שטיינבערג" א. ד. ג. נאך מעהר אין דער נייער פאעזיע אונ פראזע פון אונזערע גרויסע מליצים.

חאפט אן צום ביישפיעל א זיבציג יאהריגען מלמד, וועלכער האט פופציג יאהר געלערנט מיט קינדער תנ"ך, דאס הייסט ער האט זיך, ווי זאגט מען „געוועיקט" אין תנ"ך, אונ קוים איז ער פרעמד פון דער גראממאטיק אונ פון דער נייער ליטעראטור, קוים האט ער זיך ניט אריינגעטיעפט אינ'ם חאראקטער פון דער שפראך, אין איהר לאגיק, ער האט ניט פערבראכט צייט אויף פראקטיק, וועט איהר זעהן אויב ער איז אין שטאנד שרייבען אפילו איין שעה ריין העברעאיש.

איין געוויססער מלמד פון א שטאדט'ל, ש"י, וועלכער האלט זיך פאר א גרויסען בעל תנ"ך, א מדקדק, אונ וועלבען דער עולם רעכנט אזוי — האט געשריבען צו זיין קאלעגע: איך גבה לבך לתן דופי בסופרים ידועים, אשר כבר קנו להם שם בחיבוריהם כ... לאמר. כי כאין נחשבו נגדך ומי כמוך, וגם עירנו אלמנה להבין ומה גם לחות רעם ולשפוט על מליצותיך הצחה והברורה *)".

וואס זאגט איהר אויף דער ריינער שפראך? אויף דער לאגיק?

אדער — אין דעם זעלבען בריעף: „אולם מולך יש ידי לאל להוכיח על פניך השגיאות, לא רק בדיני שימושי הלשון, כאשר אמרת, כי שמורים וצפונים הם עמך, עוד גם אראך כי טרם למדת שמוש הלשון **)".

איא גוט?

פון די עטליכע שורות איז קענטיג, אז דער מלמד ש"י פיהרט א שריפטליכען דיספוט מיט ניט קיין פראסטאק, אונ האט געוואהנליך געזעהן זיך אויסצייכנען שרייבען וואס שענער אונ ריינער; אלזא זעהען מיר דא ארוים צוויי זאכען: ערשטען, ווי ווייט דער גרויסער בעל תנ"ך איז פון העברעאיש אונ פון לאגיק, ד. ה. עס זאלל האטש קלעפען א ווארט צו א ווארט, — צווייטען, ווי ווייט דער מענש איז געגארט אין זיך אין חשבון, ער איז א „אינו יודע שאינו יודע" (ער ווייסט ניט אז ער ווייסט ניט), — דער

---

*) לויט זיין סלאג בעדארף וועניגסטען זיין אזוי: „איך הרהבת עז בנפשך לתת דפי באנשים סופרים כ... ועוד כמהו, הנודעים לתהלה ע"י ספריהם הנכבדים, אשר הוציאו לאור, לאמר, כי כאין המה נגדך, וכי אלמנה עירנו מאנשים היודעים להעריך את שפתך הצחה והנמלצה".

**) ואתה, אף כי רכשת לך, לפי דבריך, את כל חקי שפת עבר, ומשפטיה חרותים על לוח לבך, מה נקל גם לאיש כמוני להוכיח לך כי טרם תדע מהב מאומה. — שאל כמוני אראך את המון כל השגיאות אשר פלטה עטך.

מענש איז שטארק איינגעבילדעט, אז ער איז טאקי א בעל תנ"ך און ממילא א מלי' אויך, דען ווי קאן זיין אנדערש?

ווייסט איהר פאר וואס דאס איז? דאס איז ווייל דער מענש האט ניט געזוכט אינ'ם תנ"ך די שפראך, נור פשטליך; ער האט אללע זיינע יאהרען געזוכט, אויסגעקראצט אויף תנ"ך פשטליך; וואס א טאג, ביי גאטט האט ער געפונען א נייעם נארישע טייטשל. ווי למשל: „ודבורה אשה נביאה אשת לפידות", האט א מלמד געטייטשט „דבורה איז געווען א ברענענדיגע פרוי", אדער פשטליך פון פערשידענע מפרשים, וועלכעס זיין זעהר לייכט פאר יעדען מלמד וואס איז נור א יודע ספר, — אבער איבערזעטצען תנ"ך אויף א ריינער פערשטאנדיגער פראסטער זשארגאנישער שפראך, אזוי, אז אינ'ם זשארגאן זאלל זיך ווארפען די גאנצע העברעאישע שפראך, אין די אויגען, — זי זאלל מיט יעדער קאפיטעל, מיט יעדען פסוק, כמעט מען מעג זאגען, מיט יעדערווארט, ווערען אלץ ברייטער, אלץ שאנער — דאס פערמאגט פיללייכט איין מלמד פון הונדערט. —

צום ביישפיעל וועל איך נעמען צוויי גאר גרינגע געוואהנליכע ווערטער: נתן (געבען) לקח (נעמען), וועלכע יעדער יוד, ווער שמועסט א מלמד ווייסט אין פלוג זייער טייטש.

לָקַח.

לָקַח אֶת כָּל חֶבֶל אַרְגוֹב (דברים ג' י"ד) איז שוין טייטש: ער האט איינגענומען. לֹא לָקַח מִיָּדֵנוּ עוֹלָה (שופטים י"ג כ"ג) ער האט ניט אנגענומען ביי אונז קיין קרבן עולה. הִנֵּה בָרֵךְ לָקָחְתִּי (במדבר כ"ג כ') איך בין ערלויבט געווארן בענטשען. וְלוֹקֵחַ נְפָשׁוֹת חָכָם (משלי י"א ל') א קלוגער פעראינטערעסירט (מיט זיינע רייד) מענשען. לָקַחְנוּ לָנוּ קַרְנָיִם (עמוס ו' י"ג) האבען מיר באקומען הארנער. לוֹקֵחַ לוֹ קָלוֹן (משלי ט' ז') פערשאפט זיך חרפה. לָקַחַת צֵדָה לָעָם (שופטים כ' י') פערגרייטען שפייז פאר דעם פאלק. וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה (שמות כ"ה ב') זיי זאללען ברענגען (שענקען) מיר... הַצֵּל לְקֻחִים לַמָּוֶת (משלי כ"ד י"א) זיי מציל וועלכע זענען גרייט צום טוידט. כִּי אֶקַּח מוֹעֵד (תהלים ע"ה ג') איך וועל מיר אפשטעלען א צייט. בָּשְׁנָה אֶפְרַיִם יִקָּח (הושע י' ו') אפרים וועט געווינען חרפה. כִּי לֻקַּח עַמִּי חִנָּם (ישעיה נ"ב ח') וואס מיין פאלק איז פערקויפט געווארן אומזיסט. כִּי לֻקְּחוּ בָנֶיךָ בַּשֶּׁבִי (ירמיה מ"ח מ"ו) דייני קינדער זענען אוועקגעפיהרט געווארן אין פלען, א. ז. וו. דען עס גיבט נאך פיל טייטשען אויף דעם ווארט.

נָתַן.

וְכָל יֶשׁ לוֹ נָתַן בְּיָדוֹ (בראשית ל"ט ד') אלץ וואס ער פערמאגט האט ער איבערגעגעבען איהם שאפען... לָתֵת הַצְּעִירָה לִפְנֵי הַבְּכִירָה (בראשית כ"ט כ"ו) אויסגעבען די יונגערע... וַיִּתֵּן אֹתָנוּ כִּמְרַגְּלִים (בראשית מ"ב ל') ער האט געהאלטען אז מיר זענען מרגלים. אַל תִּתֵּן אֶת אֲמָתְךָ לִפְנֵי בַּת בְּלִיָּעַל (ש"א א' ט"ז) האלט ניט דיין דינסט אלס

איין אויסגעלאסענע. תְּנוּ אֶת אֲרוֹן הַקֹּדֶשׁ בַּבַּיִת (ד"ה ב' ל"ה ג') לייגט אריין דעם הייליגען קאסטען. נְתַתִּיךָ אֱלֹהִים לְפַרְעֹה (שמות ז' א') איך האב דיך באשטעלט... וְנָתַתִּי אֶת שְׁמֵיכֶם כַּבַּרְזֶל (ויקרא כ"ו י"ט) איך וועל מאכען אייער הימעל... דַּרְכָּם בְּרֹאשׁ נָתַתִּי (יחזקאל י"א כ"א) איך האב זיי בעשטראפט פאר זייער אויפפיהרונג. וָאֶתְּנָה לוֹ זְמָן (נחמיה ב' ו') איך האב איהם אפגעשטעלט א צייט. וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ (בראשית מ"ט כ') ער וועט צושטעללען די קייזערליכע בעסטע שפייז. מַה יִּתֵּן וּמַה יּוֹסִיף (תהלים כ' ג') וואס פאר נוטצען קאן ברענגען. מִי יִתֵּן מוּתִי תַחְתֶּיךָ (ש"ב י"ט א') הלואי וואלט איך שטארבען אנשטאט דיר. יִתֵּן ה' לָכֶם וּמְצֶאןָ (רות א' ט') גאטט זאלל אייך באשערען. וְנָתַתָּה בַּכֶּסֶף (דברים י"ד כ"ה) זאלסט אויסבייטען אויף געלד. וְנָתַתָּה הַכֶּסֶף בְּכֹל אֲשֶׁר תְּאַוֶּה נַפְשְׁךָ (דברים י"ד כ"ו) זאלסט אויסגעבען דאס געלד אויף וואס דיין הארץ פערלאנגט. אַל תִּתֵּן שֵׁנָה לְעֵינֶיךָ (משלי ו' ד') זאלסט קיין אויג צומאכען. אַל תִּתֵּן אֶת פִּיךָ לַחֲטוֹא (קהלת ה' ח') האלט אפ דעם מויל פון זינדיגען. קוֹרֵץ עַיִן יִתֵּן עַצָּבֶת (משלי י' י') ווער עס ווינקט מיט'ן אויג מאכט טרויעריג (דעם צווייטען). וְלֹא נְתָנוֹ אֱלֹהִים לְהָרַע עִמָּדִי (בראשית ל"א) גאטט האט איהם ניט געלאזט... לֹא יִתְּנוּ מַעַלְלֵיהֶם (הושע ה' ד') זיי פערלאזען ניט זייערע שלעכטע אויפפיהרונג. וַיִּתְּנוּ קוֹל בִּיהוּדָה (ד"ה ב' כ"ד ט') זיי האבען אויסגערופען. שְׂאוּ זִמְרָה וּתְנוּ תֹף (תהלים פ"א ג') הויבט אויף א געזאנג און לאזט הערען א פויק. מִצְרַיִם נָתַנּוּ יָד (איכה ה' ו') צו מצרים האבען מיר אויסגעשטרעקט די האנד (בעטען הילף). וְהַחַי יִתֵּן אֶל לִבּוֹ (קהלת ז' ב') דער לעבעדיגער זאלל עס גוט בעטראכטען. וַתִּתֵּן לִבְּךָ כְּלֵב אֱלֹהִים (יחזקאל כ"ח ב') דו האסט זיך פערגלייכט צו גאטט. אֱלֹהַי נֹתֵן אֶל לִבִּי (נחמיה ב' י"ב) גאטט האט מיר אריינגעגעבען א געדאנק. כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ (משלי כ"ג ל"א) אז ער וועט וועלען קוקען אין גלאז אריין. נִתַּן הַסֶּכֶל בַּמְּרוֹמִים (קהלת י' ו') די נארישקייט האט מען געזעצט גאנץ הויך. כֵּן יִנָּתֶן בּוֹ (ויקרא כ"ד כ') פונקט אזוי זאלל מען איהם טהון. לְהִנָּתֵן דָּת (אסתר ג' י"ד) מען זאלל ארויסלאזען א צירקוליאר. וּבֶן אָדָם חָצִיר יִנָּתֵן (ישעיה נ"א י"ב) א מענש וואס ווערדט פערקערט צו גראז. וַיֻּתַּן בֵּין הַשָּׁמַיִם וּבֵין הָאָרֶץ (ש"ב י"ח ט') ער איז געבליבען הענגען צווישען הימעל און ערד.

איהר זעהט, רבותי, וויפיעל טייטשען עס גיבט אויף די צוויי גרינגע ווערטער? היינט וואו זענען בנינים פון וועלכע עס צושפרייטען זיך ווידער פיעל טייטשען פון איין „ארבייט-ווארט"? פרעגט אויף צוקאוועס דעם בעסטען פשט'ל-מלמד, וועלכער גלויבט באמונה שלמה, אז ער איז א גרויסער בעל תנ"ך, א חד בדרא, פרעגט איהם אט דעם גרויסען בעל-דרשר דעם טייטש פון די פאר ווערטער אין די אללע פסוקים, וועט ער זיך רעכנען העכסט באליידיגט. וואס הייסט? וועט ער ענטפערן: א זעקס-יאהריג קינד ווייסט דאך אויך זייער טייטש! ווער ווייסט דען ניט אז — „לקח" איז טייטש: „נעמען" און „נתון" איז דער טייטש „געבען"?! ווער שמועסט אויב דער מלמד איז חלילה וחס ניט דא געדאכט, א בעל דקדוק, ד. ה. ער ווייסט „שוא נע" און „שוא נח" אויך אבער אז „נתון" איז „חסרי הקצוות" און „לקוח" — „חסרי פא למד", אויב ער ווייסט

אפילו דאס אויך, דאמאלס ווינש איך מיך גאר ניט זיין דערביי . . . אויף די אללע פסוקים וועט ער אייך זאגען פון כל טוב, פון פויגעל-מילך, ד. ה. פשט, מגידות, חסידות, לומדות, אפשניצליך פון פערשידענע מפרשים. דאך דיעם היינעם טייטש פון די ווארטער, דעם פשוט'ן טייטש, דאס וועט ער ניט זאגען, — דארויף האט ער זיך קיין מאל ניט פערטראכט. דאס איז ווייל זיי זענען ווייט ניט נור פון דער העברעאישער שפראך — נור אפילו פון דער זשארגאנישער. זיי זענען בעקאנט נור מיט'ן קארפער פון די צוויי שפראכען, אבער ניט מיט זייער „גייסט".

אט פאר וואס דער תנ"ך פערלירט אונטער זייער צונג זיין חן, זיין פאלקאממענהייט, זיין הימעלשע פאעזיע, אונ מאכט אויף די קינדער קיין גרעסערן איינדרוק, אלס די תחנה פון „שרה בת טובים"! אט פאר וואס קינדער לעהרנען אונ לעהרנען אין די חדרים ביז דרייצעהן, ביז פערצעהן, ביז זיבעצעהן יאהר אונ געהען נעביך ארוים מיט שן ועין, ד. ה. וויסטע פינסטערע קאליקעס — זיי זענען ניט אין שטאנד אויפשרייבען קיין קליין צעטילע אויף העברעאיש אפילו אזוי ווי די פראסטע יודען פון דעם אלטען דור, — דען יענע האבען זיך פיעל ווינציג אנגעשטאפט מיט די ספרים פון דער אלטער ליטעראטור, מיט אביסל גמרא, מדרש, עין יעקב, מוסר ספרים, — ספרים וועלכע ביידען אויף א ברייטער חאטש ניט מיט קיין ריין העברעאישער שפראך, אבער פונ'ם טרוקענעם תנ"ך מיט א גאנצען יאם פערשידענע דרשות, מיט א זשמענקעלע טייטשען, משטיינס געזאגט וואס מען קאן דערלעבען . . . .

דאך קאן מען פונ'ם אמת ניט אראפ, אז אבוואהל אזויגע מלמדים קאנען קיין גרויסע נוטצען ברענגען, ארנערן זיי אבער אויך ניט די קינדער. — אבוואהל דאס קינד וועט ניט זיין אין שטאנד פון אזא סארט לעהרנען שרייבען העברעאיש, וועט ער דאך פארט קאנען טייטשען א ווארט; פארט ווייסט דאס קינד אז „לקוח" איז „נעמען" אונ „נתון" איז טייטש „געבען" א. ז. וו. אונ דאס איז דאך דער עיקר טייטש פון וועלכעס עס וואקסען אללע איבריגע טייטשען; עס גיבט אבער נאך ערגערע דאקטורים, איך מיין זאגען „מלמדים", וועלכע געבען איין די תלמידים זייערע אזויגע שעדליכע רעצעפטען, פון וועלכע זיי וועללען שוין, ווי זאגט מען, קיין „תחית המתים" אויך ניט אויפשטעהן. למשל יענע מלמדים, וועלכע האבען אנגענוממען דעם „זכר רב" פאר א פעדאגאגישען בוך, — מיט א ספר וועלכער איז נאך פונ'ם גאנצ'ן אלטען שניט, וועלכער טייטשט אפ צעהן ווארטער מיט איין טייטש *) מיט אזא ספר פערבלענדען זיי די בעלי-בתים די אויגען אונ פער-סם'ן די יונג-ווארג אויף אייביג.

*) למשל: לשבור, לפרק, לפצח, לגרם, להגרים, לרעות, לרוץ, לעורר, לערער לירוץ, לשוב — איז אלץ דער טייטש „צוברעכען"; אלזא קומט אוים אז איך מעג שרייבען: „הגרסתי את המקל (איך האב צובראכען דעם שטעקען) רעיתי את המקל! עוררתי את המקל! שבתי את המקל! פצחתי, גרמתי, ערערתי — את המקל. אזוי דוכט זיך? — „לקחתי" איז טייטש „פאלגען" „החוטם" — „דער וואס האלט איין דעם כעס"; אלזא מעג איך שרייבען אלס איך וויל זאגען „איך האב געפאלגט אונ איינגעהאלטען דעם כעס" — „קחתתי והחטמתי". אזוי דוכט זיך? אי קורץ אי ריין העברעאיש! — אגרת, גרת, דגרת, כנפת, מלאת, צברת, איז אלץ דער טייטש „דו האסט

אין דער שטאדט וואו איך וואהן לייזען די מוכר-ספרים-ניקעס בעססער פאר'ן „זכר רב" אלס איין אפטעהקער חלי-רע צייט ר"ל פאר דעזענפעקציאן-מיטלען. פאר דער העברעאישער שפראך קאן קיין גרעסערע מכה שוין ניט זיין! מען קאן ניט זאגען אז דער זכר רב ברענגט גאר קיין נוטץ, אז ער איז שוין גאר איין אפגעקלאפטע הושענא, אזוי ווי איין רעצעפט קאן ניט דינען פאר אללע קראנקע אדער זיין שעדליך פאר אללעמען אזוי איז מיט ספרים אויך: פאר א מענשען וועלכער באזיצט שוין גוט די העברעאישע שפראך, פאר אזויגעם קאן דער זכר רב זיין זעהר נוטצליך צו דערמאנען זיך אויף אללע שמות נרדפים (синонимы), אבער פאר זיבען אכט יאהריגע קינדער, איז עס גאר קיין מאכל ניט.

דער רעזולטאט איז, אז פון תנ"ך קאן מען לעהרנען פאלקאממען די העברעאישע שפראך, — וואו נעמט מען אבער מלמדים וועלכע זענען בעקאנט מיט'ן חאראקטער פון העברעאישע שפראך? וואו נעמט מען בעלי-בתים, וועלכע פערשטעהען מאכען א אונטערשיד צווישען א מלמד אונ א שמייסער? צווישען א מלמד, וועלכער בעשאפט פון דער בריליאנטענע נביאים שפראך צירונג אונ פאסט עס איין אין די יונגע הארצעליך — אונ צווישען א בלענדזער, א פאקוסניק, וועלכער שלעפט פונ'ם צילינדער-הוט פערשידענע גאלדענע כלים צו פערבלענדזען די אויגען אויף איינגע מינוטען: איינגע מיט זייערע פשטליך, איינגע מיט זייערע פאלסיפיקאציע; קוים פערשאפט א מלמד זייגע תלמידים קויפען למשל א „מורה הלשון", א „מסלה חדשה", א „זכר רב" א. ד. ג. טראגט ער שוין דעם נאמען „מדקדק", אבוואהל די קינדער האבען אין די איבערגעקייעטע ווארטער פונ'ם דקדוק אזוי פיעל געפיהל, וויפיעל די פערד פונ'ם צירק אין די טאנץ וואס זיי טאנצען, פון דעם ברייען אוים די בעלי-בתים אז די העברעאישע מלמדים זענען אויך ניט בעסער פון די אלט-מאדישע. „עט", זאגט א פראסטער „יודי" „איך האב שוין געפרוווט אפ געבען מיין קלענערן יונג'ל צו די היינט-מאדישע מלמדים, צו די בעל-תנ"ך'ן, ווי מען רופט זיי, איך האב געמיינט ער וועט קאנען אויפשרייבען א לשון קודש בריוועלע, טאמער וועט דער יונג'ל חאטש דאס קאנען, האב איך געמיינט. — חוזק! עס איז ווערדט א אויסגעבלאזענע איי!"

אזוי איז עס: אין מלמדות גיבט חוץ אללע חסרונות — פאלסיפיקאציע אויך, אזוי ווי אין די עסען-פראדוקטען, אונ דאס איז אויך א מכה פון די עשרה מכות! דער אונטערשיד צווישען זיי איז דאס: וועגען דאס לעצטע חעוורען און דאקטורים אללע זייערע קרעפטען ענטדעקען די פאלשקייט, אונ וועגען דאס ערשטע — בין איך, לויט מיר שיינט, דער ערשטער אין דער זשארגאנישער שפראך.

איינגעזאממעלט" (собрать) אלזא מעג איך דאך שרייבען: דגרתי כסף, כנפתי, אגרתי כסף, איא עס וועט זיין קונציג? אדער הארט א מליצה: הוסך הסוכך יסוכהו למשעי חמשתים הפנג נסף צרי לבונה מור חלבנה ולוט שחלת כפור קדה קציעה קנכון אהלים וורדים שוערה מגואלת מטבעת צואה וצאה גלה פרש דיר פרשדנא קיא. מיט אזויגע טייטשען אונ מליצות איז פול דער גאנצער גאלדענער פעדאגאגישער בוך.

דאָס רייִדען מיר אַלץ פון קאָנען די שפּראַך אַליין, וואָס דאָס איז איינציגליך דאָך גאָר די ערשטע שטופּע צו איבעריגע אמת׳ע יודישע בילדונג, צו גמרא, אָדער יודישע געשיכטע; יענע פראַגע בעריהר איך ניט, איך לאָז די אַרבייט אויף אַנדערע, אויף גרעסערע קענער פון מיר.

י. ד. ריזבערג

די יודענפראַגע אין פּוילען

אין פּאָניאַטאָווסקי׳ס[1]) צייטען

בעאַרבייטעט פון

ע. נ. פרענק.

ביז פּאָניאַטאָווסקי׳ס צייטען איז אין פּוילען קיינעם אויף די געדאַנקען ניט געקומען יודענס אינגערליכען שטאַנד צו בעטראַכטען. עס איז אפילו געוועזען פיעל מלכים אין פּוילען, וועלכע זענען פאַר יודען זעהר גוט געוועזען און זיי געוויסע פּריווילעגיען געגעבען; די אַללע האָבען אָבער יודען נור פאַר פרעמדע געהאַלטען, דריבער איז פאַר זיי גענוג געוועזען ניט צו לאָזען יודען קיין עוולה טהון, אָבער זיי צו רעפאָרמירען איז קיינעם ניט איינגעפאַללען. דער אַדעל (די שליאַכטעס) האָבען יודען בעדאַרפט אין לאַנד צו האָבען, וויל אָהן יודען האָט קיינער אין לאַנד ניט געהאַט דעם האַנדעל צו פיהרען, דען נור יודען זענען געוועזען אין פּוילען סוחרים, אָבער רעפאָרמען פאַר יודען האָבען פאַר דעם אַדעל ניט געטויגט. די בויערן און די מיעשטשאַנעס (שטאָדט-לייט) האָבען קיין דעה ניט געקאָנט זאָגען. די גייסטליכע האָבען זיך אפילו יאָ אינטערעסירט מיט יודען אָבער ניט זייער טובה געמיינט; זייער גאַנצער רצון איז געוועזען אַז יודען זאָללען בלייבען אין פּוילען, נור דאָרט צרות ליידען, „כדי דאָס פאָלק וועלכעס גלויבט זאָל האָבען איביג פאַר די אויגען אַ לעבעדיג ביישפּיעל, ווי גאָטט שטראָפט די וועלכע גלויבען ניט“[2]).

ערשט ווען פּוילען איז צוטהיילט געוואָרן[3]), האָבען די פּאָלאַקען אָנגעהויבען ערנסט צו קלעהרען אַללעס אין זייער לאַנד צו פערבעסערן. דאַמאָלס האָבען זיי ערשט ווי די אויגען געעפענט, און דערזעהן אַז יודען איז אין פּוילען אַ גאַנץ טהייל פון אַנדערע איינוואוינער, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו טראַכטען ווי אַזוי פון יודען נוצליכע מענשען צו

---

[1]) סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי האָט רעגירט אין פּוילען פון יאָהר 1764 ביז 1795. קעניג איז ער געוואָרן דורך דער פּראָטעקציע פון דער רוסישער קייזערין יעקאַטערינאַ די צווייטע, דען פּוילען איז שוין דאַמאָלס אונטער רוסלאַנד אונטערוואָרפען געוועזען.

[3]) דאָקטאָר לודוויג גומפּלאָוויטש:

Stanisława Augusta projekt reformy Żydowstwa polskiego

[3]) די ערשטע חלוקה פון פּוילען איז געשעהן אין יאָהר 1773. רוסלאַנד האָט דאַמאָלס צוגענוממען: פּאָלאָצק, וויטעבסק און משטשיסלאַוו; פּרייסען — : קולם (Chełmno) און מאַריענבורג (Malborg); עסטרייך — : גאַליציען. געקוממען צו דער חלוקה איז וויל דער פּוילישער אַדעל און די גייסטליכע האָבען ניט טאָלערירט קיין אַנדער גלויבען אויסער קאַטהאָלישען און דאַדורך האָבען זיי קיינע רעכטע געגעבען אַנדערע נאַציאָנען, ווי די רוסישע קייזערין יעקאַטערינאַ די צווייטע אויך די אַנדערע אייראָפּעאישע מאַכטע האָבען פערלאַנגט.

מאכען, זיי מאראליש צום לאנד צו בינדען, אסימילירען זיי מיט'ן איבריגען פאלק, אז זיי זאללען גלייך מיט אללע דעם לאנד נוטץ ברענגען.

דער ערשטער וואס האט בכלל געוואלט פוילען רעפארמירען, בעפרייען די בויערן און מיט דער יודענפראגע זיך אויך בעשעפטיגט, איז געוועזען דער קאנצלער זאמאיסקי. ער האט פארגעשלאגען ארויסצוגעבען געזעץ: אז יודען זאללען מאגען וואוהנען וואו זיי וויללען, אין דארפער און אין שטאדט, אבער נור אין בעזונדערע גאססען, ניט צו-זאממען מיט קריסטען; חתונה האבען זאללען מאגען נור די יודען וועלכע האבען א מיטעל זייערע פאמיליעס אויסצוהאלטען און קענען דעם לאנד נוטץ ברענגען; יעדער יוד זאל מוזען אויפווייזען: אויב ער איז א סוחר — אז ער פארמאגט טויזענד גילדען; אז ער איז אנ-ארענדאר; אז ער קען א מלאכה, אדער ער בעשעפטיגט זיך מיט ערד-ארבייט. און ווייל דאמאלס האט קיין יוד ניט געטארט האבען קיין אייגען פעלד, דריבער האבען יודען נור געקענט דינגען פעלדער, אדער פערוואקסענע ערד ריינינגען און זי בעארבייטען. אללע זעכס יאהר זאל זיין א רעוויזיע, און יעדער יוד וואס וועט איבערצייגען אז ער האט אזאך צום לעבען, זאל בעקוממען א לעגיטימאציא (צייגניס), אהן וועלכער ער זאל זיך ניט טארען פון ארט ריהרען. ארויסטרייבען פון לאנד זאל מען יעדען יוד וואס וועט ניט קענען אויפווייזען אז ער האט א מיטעל צום לעבען, מעהר ווי א יאהר זאל ער ניט טארען אין לאנד בלייבען; אויב ער וועט אבער אין יאהר ניט ארויס פון לאנד זאל מען איהם צו פובליטשנע ארבייט נאטהען. קיין יוד זאל ביי'ם רעגירונג קיין אמט ניט בעקוממען, ער זאל אויך ניט טארען קיין גיטער דינגען, אויך ניט מאכען קיין געשעפט דורך וועלכען ער וועט האבען צו שאפען איבער קריסטען. קיין קריסטליכע דיענסטען זאללען יודען אויך ניט טארען האלטען.

מען זאל יודען ניט פערוואהרען זייער רעליגיע צו האלטען, און מען זאל זיי ניט שטערען זייער גאטט צו דיענען. אהן די עלטערנס דעה זאל מען קיין קליינע קינדער ניט טויפען. א געטויפטער זאל זיך ניט טארען מיט קיין יוד זעהן נור ווען א קריסט וועט דערביי שטעהן [1].

אין דער צייט פון פיער-יאהריגען סיים [2], איז זעהר פיעל וועגען יודען געשריבען

[1] „Zbiór praw sądowych na mocy konstytucyj r. 1776 ułożony a na sejm r. 1778 podany“. XXXII S. 2 טהייל, 1778 ווארשא.

[2] דער פיער-יאהריגער סיים איז געזעססען פון 1788 ביז 1792. דאמאלס איז אין פוילען שוין געוועזען א נייע דור, וואס איז אין שוהלען געבילדעט געווארען, און צום סיים זענען גע-וואהלט געווארען יונגע געבילדעטע לייט אויף דעם סיים האט מען מבטל געוועזען דאס צלטע געזעץ אז אנ'עדעלמאן פערליערט זיין טיטול ווען ער בעשעפטיגט זיך מיט א האנדעל אדער א מלאכה, און כדי אויסצוגלייכען אללע קלאססען אין לאנד האבען זיך פיעל אדעל-לייט פאר מיעשטשאנעס פערשריבען, און פיעל מיעשטשאנעס האט מען פערשריבען פאר אדעל-לייט. אין די אנדערע צוויי יאהר זענען שוין מיעשטשאנעס אויך אללס דעפוטאטען געוועהלט געווארען, דער פיער-יאהריגער סיים האט געוואלט וויכטיגע רעפארמען דורכפיהרען, אפילו די בויערן אויך בעפרייען, און זיי געבען די זעלבע פריווילעגיען, וועלכע אללע אנדערע קלאססען אין לאנד האבען. די אללע נייע געזעץ זענען בעשטעטיגט געווארען אין דריטען מאי 1791, און דער קאני-מיט'ן גאנצען סיים האבען אויף זיי געשוואהרען.

געווארען, און חוץ ספעציעלישע בראשורען, האבען כמעט אללע שרייבער ארויין געמישט די יודענפראגע אין אללע זייערע ארטיקלען, און יעדער האט זיך בעמיהט אויף'ן סיים צו ווירקען.

פון אללע בראשורען וואס זענען דאמאלס געדרוקט געווארען וועגען יודען, צייכנט זיך אויס איינע, וועלכע האט ערשיינט אין יאהר 1789, פון דעם פינסקער דעפוטאט צום סיים מאטעאוש טאפארא בוטרימאוויטש: „א מיטעל, ווי צו רעפארמירען די יודען אין פוילען“ [1]

די בראשורע האט א היסטארישען ווערטה, דען פון איהר ווערט מען געוואהר ווי יודענס שטאנד אין פוילען האט דאמאלס אויסגעזעהן. זי האט געדיענט אלס גרונד צו אללע פראיעקטען וועגען יודען אויף'ן פיער-יאהריגען סיים, אויך צום קאניגס פראיעקט, פון וועלכען מיר וועללען שפעטער שרייבען, דריבער וועללען מיר זיך ערלויבען איבער דער בראשורע אביסל מעהר צו רעדען.

בוטרימאוויטש שטעלט פאר די פוילישע יודענס שטאנד אין רעליגיע, געזעץ און ערציהונג.

צום ערשטען בעדויערט ער, וואס מען האט ביז דאמאלס גאר ניט געטהון יודען צו רעפארמירען, האטש זיי זענען אנ-אכטעל טהייל פון פוילען'ס בעפאלקערונג, און חוץ דעם קוממט נאך טויזענדער צו פון רוסלאנד און אסטרייך. ער האפט, אז אויב מען וועט זיך נעהמען זייערע פעהלער צו פערבעססערן, און מען וועט אויסזוכען די קוואללען פון וואנען די פעהלערס שטאממען, וועללען דיזעלבע יודען וואס האבען ביז דאמאלס נור שאדען דעם לאנד געבראכט — נוצליכע בעלי-בתים ווערן און דאס לאנד וועט מיט זיי גליקליך זיין. — דערנאך שרייבט ער:

„א מענש ווירד געבוירען ניט שלעכט, ניט גוט, ניט קלוג, ניט נארריש; ער קומט אויף דער וועלט מיט פאהיגקייטען צו זיין שלעכט, גוט, קלוג, אדער א נארר, אללעס ווענדעט זיך אן די מקרים וואס טרעפט איהם ביי'ם לעבען“.

נאך דער קליינער הקדמה, זוכט ער די סבות וואס פערדערבען יודענס חאראקטער.

„אין דער יודישער רעליגיע, זאגט ער, קען גאר קיין שאדליכעס זיך ניט געפינען“. די סבות געפינט ער אין די געזעץ פון פוילען, נאך וועלכע יודען זענען אללע מאל נור פאר פרעמדע גערעכנט געוועזען. זיי האבען ניט געהערט צו קיין איינע פון די דריי קלאססען (אדעל-לייט, מיעשטשאנעס און בויערן) אויף וועלכע דאס פוילישע בעפאלקערונג איז צוטהיילט געווארען. ציגזען (פאדאטקעס) האבען זיי געצאהלט דאפעלט ווי אנדערע, אהער גאר אזעלכע וואס אנדערע האבען גאר ניט געצאהלט; עולות האט יעדער געקענט יודען טהון וויפיעל ער האט נור געוואלט, דען קיינער איז איבער זיי ניט בעשטראפט

[1] „Sposób uformowania Żydów w Polsce“.

געווארן, מען האט זיי געדריקט און געקוועלט, נור דריבער ווייל זיי האלטען זייער רעליגיע.

„דאס אללעס האט מען געטהון — שרייבט בוטרימאוויטש — און מען האט נאך געוואלט אז דער יוד זאל בכבוד האלטען די קייטען מיט וועלכע ער איז געקאוועט און זאל קושען די האנד וועלכע בינדען איהם. מען האט געוואלט אז ער זאל דעם לאנד גוצליך זיין, האטש דאס לאנד איז פאר איהם קיין פאטערלאנד ניט; אז ער זאל ארבייטען און זיין פערדיענסט זאל איהם ניט געהערען; אז ער זאל טריי זיין דעם, וואס טהוט איהם שטענדיג אן גרויסע צרות".

„די געזעץ — זאגט ער ווייטער — האבען יודען געמאכט פאר א פוילען, אן־אונעהר־ליבען און א שווינדלער.

„פאר וואס וואהנט קיין יוד אין דארף ניט? פאר וואס בעארבייטעט ער ניט קיין ערד? פאר וואס שטופט ער זיך אין די ענגע שטאדטליך? פאר וואס וויל ער ליעבער אין ארעמקייט און אין נויטה לעבען ווי ארבייטען? אזעלכע קשיות פרעגט מען אפט אויף יודען.

„ערד־ארבייט איז טאקי דער עדעלסטער פאך, דאס פערדיענסט פון דער ערד איז אויך זיכער און ניט וועניג. לאזען מיר אבער ניט פערגעססען אז מיר לעבען אין פוילען, לאמיר נור א בליקטהון אויף א בויער, דער וואס קליידט און שפייזט אונז, איז ער דען ניט א בילד פון נויטה און ארעמקייט? מיר רופען די ערד־ארבייט „עדלע", אבער דער וואס בעשאפטיגט זיך מיט איהר האט ביי אונז עפים א ווערטה? דער בויער אין פוילען איז אן־עבד כנעני ביי'ם אדעל־מאנן; ווען דער יוד וואלט זיך בעזעצט אין דארף וואלט ער זיך נאך פערארגערט: פריהער האט ער ניט געארבייט און איז געוועזען ארעם, אין דארף וואלט ער שווער געארבייט, אן־עבד געוועזען ביי'ם אדעל־מאנן און אויך דעם דלות געהאט. אז מען וויל איינעם א חשק מאכען צו עפים, מוז מען איהם ווייזען דאס פאר־דיענסט וואס ער וועט באלד דערפון האבען אונזערע געזעץ פערוואהרען דעם יוד איינענע פעלדער צו האבען און ווי אזוי קענן ער בעארבייטען ערד? נור ווענן ער וועט ווערן א בויער און וועט ארבייטען פאר אן־אנדערן, ניט פאר זיך — דאס נארישקייט וועט א יוד אוודאי קיין מאל ניט טהון.

„דאס איז די סבה — שרייבט ווייטער בוטרימאוויטש — וואס אללע יודען האבען זיך גענומען צו מלאכות, צום האנדעל און וואס אללע וואהנען אין די שטאדט. אבער ניט אין אללע שטאדט האט מען זיי אריין געלאזט, ווען די איינוואהנער פון פיעל שטאדט האבען גענאטה פערשידענע קאניגען, זיי צו געבען פריווילעגיען, אז אין זייערע שטאדט זאללען קיין יודען ניט טארען וואהנען, און די שטאדט וואו יודען מאגען שוין יא וואהנען ערלויבט מען זיי נור פראקופניעם (אויפקויפער) צו זיין. מען לאזט זיי ניט אויספיינערן זיך אין מלאכות און אין קונסט־ארבייט, די מאגיסטראטען און צעכען זענען פאר זיי פארמאכט. דער יוד ברויך אבער אויך צו לעבען, וואס האט ער געקענט טהון? איז ער געווארן א בעטריגער א שווינדלער, דאס איינע לעבענס־

מיטעל האבען מיר איהם איבערגעלאזט, און מיר הייסען איהם נאך, אז ער זאל אונז מיט גוטס דערפאר בעלאהנען!

„שלעכט זענען געוועזען אונזערע געזעץ וועגען יודען, שלעכט וואס זיי האבען ניט געהערט צו קיין איינע פון די דריי קלאססען אין לאנד, שלעכט וואס מיר האבען זיי פאר פרעמדע געהאלטען, אבער אם ערגסטען איז וואס מיר האבען זיי ערלויבט איינענע געזעץ און איינענע מדות צו האבען. פון דעם שטאממט די שנאה פון יודען צו קריסטען, און פון קריסטען צו יודען. יעדער קריסט האלט פאר מעשים טובים יודען צו דריקען און פיינד צו האבען, און ביי יודען איז ווידער א מצוה — א קריסט צו בעטריגען און איהם א שונא צו זיין".

וועגען ערציהונג שרייבט ער ווייטער.

„ניט דאס הייסט „עדוקאציא" (בילדונג), וואס א מענש לערנט פון בוך, אדער פון לעהרער. אללעס וואס איז ארום אונז פון אונזער געבורטסצייט אן ביז'ן שטארבען, לערנט, בילדעט אונז און מאכט פון אונז דאס וואס מיר זענען.

„ווען א יוד איז נור אין שטאנד עפים צו דערקענען, פיהלט ער שוין אויף זיך די לאסט פון זיין גלות. וואו ער טהוט נור א בליק זעהט ער אונטערדריקונג און פער־אכטונג. איין טריט אז ער טהוט נור ארויס פון זיין שטוב, ליידט ער שוין בושות און חרפות, דריבער וואקסט מיט איהם די פיינדשאפט צו דעם לאנד און צו איהרע איינוואהנער.

„פאר יעדער מינדיסטער זאך מוז דער יוד טויזענדטער מתנות געבען און טויזענד מאל זיך בוקען. נאטירליך, זוכט ער זיך צו פערדיענען אויף איין זייט, דאס וואס עס קאסט איהם אויף דער צווייטער זייט. קיין לייכטערע וועג ווי צו בעטריגען איז ניט דא, און דאדורך טאקי, ווייל דער יוד האט אזוי פיעל הוצאות, ווערד ער א בעטריגער. נאך לייכטער געהמט ער זיך צום בעטריגען דעם וואס טהוט איהם צרות אן. א זוהן זעהט צו ווי דער פאטער בעטריגט, ער הערט זיין פאטער ריהמען זיך מיט זיין בריה'ש־קייט מענשען צו נארען, וואקסט ער ממילא אויך אויף א בעטריגער, און דאס בעטרי־גען ווערד ביי איהם א געוואהנהייט וואס איז אזוי שטארק ווי די נאטור. מען לאזט יודען אין קיין שולע ניט אריין, מען ליידט זיי ניט אין קיין געזעלשאפט, גלייך ווי צווישען אונז און זיי וואלט געשטאנען אן־אייזערנע וואנד, דריבער האט דער יוד פיינד בילדונג, דען אז ער וואלט זיך געבילדעט, וואלט ער בעססער פארשטאנען זיין ביטערע לאגע, און דאס בילדונג וואלט איהם נאך אונגליקליכער געמאכט. אללע זיינע פאהיגקייטען לייגט ער נור אויף די פאנטאזיע (דמיונות) פון זיין רעליגיע, נור זיי לערנט ער, ווייל זיי פערשפרעכען איהם צו זיין א מאל א הערר איבער דער גאנצער וועלט, און ער קוקט שטענדיג ארוים אויף דער ישועה. די האפפנונג מאכט איהם זיס אללע צרות וואס ער האט, און ווייל ער ווייסט אז אויב ער וועט אפילו געבילדעט זיין, וועט זיין לאגע אויך ניט בעססער ווערן, דריבער האט ער ליעב זיינע פעהלער, ער האט מורא זיך פון זיי ארוים

צו ריהרען, און מיט געדולד ווארט ער ביז מען וועט איהם רופען צו געהן אין'ם לאנד וואס פליסט מילך און האניג". —

נאך דעם אבשילדערונג יודענס שטאנד, גיבט בוטרימאוויטש עצות איהם צו פערבעססערן, די עצות האבען שוין ניט אזא ווערטה ווי די אבשילדערונג, זיי זענען ניט פראקטיש אויך ניט נוצליך.

וואס אנבעלאנגט דער יודישער רעליגיע, חאטש פריהער האט ער געשריבען אז אין דער יודישער רעליגיע געפינדט זיך קיין שעדליכעס ניט, דאך זאגט ער אז יודען האבען צו פיעל ימים-טובים וועלכע מאכען זיי פאר פוילע און ליידיג-געהער; פאר די איינוואהנער פון לאנד זענען זיי אויך אונבעקוועם. — דריבער וויל ער אז מען זאל פערוואהרען יודען אזוי פיעל ימים-טובים צו האלטען; מען זאל אויך פערוואהרען יודען צו ברענגען אתרוגים פון אויסלאנד ווייל אויף די אתרוגים פיהרען זיי ארויס פיעל געלד פון לאנד, און די „ראשי הקהלות" ציהען אויף זיי געלד פון די ארעמע לייט און טהיילען זיך דאמיט; „דיני טרפות" זאל מען מבטל זיין און יודען זאללען מאגען נוטצען די זעלבע כלים וואס קריסטען. כדי אויסצורויסען אללע יודישע פעהלער גיט ער אן-עצה אז יודען זאללען זיך אויסוועהלען די גראסטע לומדים און זיי זאללען אויסזוכען דויערהאפטיגע מיטעל, שלום צו מאכען צווישען די צוויי פעלקער אין לאנד (קריסטען און יודען) וואס האבען ביז אהער שטענדיג נור מלחמה געהאלטען איינער מיט'ן אנדערן.

וואס אנבעלאנגט געזעץ, וויל ער אז יודען זאללען געהערען צו דער קלאס מיעשטשאנעס; מען זאל מבטל זיין אללע געזעץ וואס זענען געגעבען געווארן בעזונדער פאר יודען און פון דאמאלס אן זאללען זיי האבען די זעלבע פריווילעגיען וואס אללע מיעשטשאנעס האבען. די קהל'שע „בתי-דינים" זאל מען איבערלאזען, נור קריסטליכע אססעסארען זאללען זיטצען ביי'ם משפט'ן, און אללע כתבים זאללען נור פויליש געשריעבען ווערן.

כדי אונטערצוברענגען די שפראכע וועלכע יודען בענוטצען (זשארגאן), פערלאנגט ער, אז מען זאל ארויס געבען א געזעץ, אז אללע קארעספאנדענציעס, רעכנונגען, וועקסלען און אנדערע דאקומענטען, זאללען נור פויליש געשריעבען ווערן; אללע יודישע דרוקען זאל מען קאסירען, און זיי פערוואהרען פון אויסלאנד ביכער צו ברענגען. אין דער פוילישער שפראכע זאללען זיי מאגען דרוקען אללע מיני-ביכער, און וואהנען זאללען זיי מאגען איבעראל.

ער פערלאנגט אויך, אז מען זאל נאטהען יודען צו טראגען פונקט אזעלכע מלבושים ווי אללע אנדערע איינוואהנער אין לאנד. צום סוף שרייבט ער אז מען בעדארף יודען איינצינגוויים צו געוועהנען צו מיליטארדיענסט. „די זעלבע רעליגיע — שרייבט ער — וועלכע יודען האבען היינט, האט זיי פארצייטענס ניט געשאדט פיעל לאנדער איינצונעהמען. דאס וואס דער יוד איז היינט א בעל-פחד איז אונזער ווערק, דאס האבען

מיר געמאכט, לאמיר ענדערן די געזעץ איבער יודען און זייער עדוקאציא, וועללען זיי ווערן מענשען ווי מיר אליין וויללען".

עס איז לייכט צו פערשטעהן, אז יודען אין יענער צייט האבען ניט קיין גרויסע הנאה געהאט פון די אללע פראיעקטען. קעגען בוטרימאוויטשעס בראשורע, האט ארויס-געטראטען דער חעלמער רב, ר' הירש יוזעפאוויטש [1]. ער שרייבט: אז בוטרימאוויטש מיט זיינע פראיעקטען וויל נור יודען פערפאלגען און פון זייער רעליגיע א סוף מאכען. קעגען דעם וואס בוטרימאוויטש פערלאנגט אז יודען זאללען טראגען דיזעלבע קליידער וואס אללע אנדערע איינוואהנער פון לאנד, שרייבט ער: „חאטש די תורה גיט אונז ניט קיין פארשריפטען ווי מיר זאללען זיך קליידען, דאך ווייל מען האלט יודען פאר שלעכטע, איז בעססער אז זיי זאללען זיך ניט אזוי קליידען ווי קריסטען, כדי עס זאל זיין אן-אונטערשיעד צווישען גוטע און שלעכטע און מען זאל יודען לייכט דערקענען" [2] (אז א תשובה פאסט טאקי נור פאר'ן חעלמער רב)...

בוטרימאוויטש, חוץ דער בראשורע וועלכע האט א גרויסען איינדרוק געמאכט אין לאנד, האט אויך אויף'ן סיים גאנץ אפט די דעפוטאטען אויפמערקזאם געמאכט, אז עס איז זעהר נעטהיג זיך צו נעהמען צו דער יודישער רעפארמע.

אין יאהר 1790, אין צוויי און צוואנציג'סטען יולי, איז בעשטימט געווארן א דעפוטאציע, צו רעגולירען די פראיעקטען צו דער רעפארמע [3]. פרעזעס פון דער דעפוטאציע איז געוועזען דער לוקאווער קאשטעלאן „יאצעק יעזיערסקי". בוטרימאוויטש האט אויך געהערט צו דער דעפוטאציע.

ביי דעם פרעזעס יעזיערסקי איז די יודענפראגע וויכטיגער געוועזען ווי אללע פאליטישע פראגען [4]. אויף איין סעסיע פון סיים האט ער געזאגט: „יודען האלט איך פאר נוטצליכע פוילישע בעלי-בתים (בירגער), דען חוץ זיי קען איך אין פוילען קיין סוחרים ניט. א סוחר הייסט, נאך מיין דעה, נור דער, וואס פיהרט ארויס פראדוקטען פון לאנד, ניט דער וואס ברענגט אין לאנד אריין גאלאנטעריע און פיהרט ארויס באאר געלד. אז מען וועט די יודישע געזעטץ גוט רעגולירען, וועט דער שאטץ אין לאנד רייכער ווערן מיט פיעל מיליאנען" [5]).

די ווערטער פון אזעלכע צוויי גרויסע לייט: בוטרימאוויטש און יעזיערסקי, האבען געווים פיעל געווירקט אויף די דעפוטאטען אין סיים, און מיר זעהען טאקי, אין דעם

---

[1]) דערוועלבער חעלמער רב איז געוועזען איינער פון די דעפוטאטען צו דער קאמיסיע וואס דער פיעריאהריגער סיים האט געזעצט צו רעגולירען די יודישע געזעץ (מאציעיאווסקי, Żydzi

[2]) „Myśli stosowane do sposobu uformowania Żydów w pożytecznych k.ajowi obywatelów". (אהן א יאהר און אהן א נאמען)

[3]) Kalendarzyk narodowy i obcy 1792 r.

[4]) Stan i sprawa Żydów : סמאלענסקי

[5]) Gazeta narodowa i obca 1781 № 1

פראיעקט פון „פאליטישע געזעץ פאר'ן פוילישען פאלק", וואס דער גייסטליכער הוגאנא קאלאנטיי האט ארויסגעגעבען אין יאהר 1790, אבעזונדער טהייל וועגען יודען.

קאלאנטיי'ס פראיעקט „וועגען יודען", איז געגרינדעט אויף בוטרימאוויטשעס מיינונגען. ער פערלאנגט אז מען זאל יודען אללע פריווילעגיען אוועקנעהמען, און זיי זאללען האבען דיזעלבע געזעטץ וואס אללע אנדערע איינוואהנער אין לאנד; די רבנים זאללען מוזען גוט פערשטעהן די פוילישע שפראכע, און זאללען אויך געוויססע בילדונג האבען; מען זאל מבטל זיין די קהל'שע געזעץ, און יודען זאללען גע'משפט ווערן אין שטאדט-געריכטסהייזער גלייך מיט קריסטען.

דער בעקאנטער היסטאריקער טאדעאוש טשאצקי האט אויך ארויסגעגעבען א פראגראם צו דער יודישער רעפארמע [1]. טשאצקי שרייבט, אז זיין פראגראם איז כמעט דערזעלבער וואס דער סיים אין יאהר 1788 האט איהם ערקענט פאר נוטצליך. פון דעם זעהען מיר אז די דעפוטאציע האט נאך אין יאהר 1788 געמאכט א פראגראם יודען צו רעפארמירען.

טשאצקי וויל אז יודען זאללען איינ'געטהיילט ווערן אין דריי קלאססען: בויערן, בעלי מלאכות און סוחרים. זיי זאללען האבען די אייגענע געזעץ וואס קריסטען. זיי זאללען מאגען קויפען פעלדער, מיהלען, א. ז. וו. ווי אללע אנדערע איינוואהנער אין לאנד. ביז נאך צוואנציג יאהר פון דאמאלס אן זאללען זיי קיין גיטער ניט טארען קויפען, אויסער דער וואס וועט בעקוממען א בעזונדער ערלויבניש פון רעגיערונג; פופציג יאהר פון דאמאלס אן זאללען זיי ניט טארען קיין ביער און בראנפען ברענען, אויך ניט קיין שענקען האבען. די יודען וואס וועללען זיך נעהמען צו ערד-ארבייט זאללען צעהן יאהר פריי זיין פון צינזען, די רעגיערונג זאל זיי געבען שטיצונג אויף בהמות, אללע פינף יאהר זאל זיין א רעוויזיע און דער וואס וועט אללעס אין ארדנונג האלטען זאל בעקוממען בע־לאהנונג (נאגראדע). חתונה האבען זאל ניט טארען: א מאנספערזאהן פאר צוואנציג און א פרויענצימער פאר אכטצעהן יאהר, אויב זיי וועללען ניט אויפווייזען אז זיי האבען פון וואנען צו־לעבען. רבנים זאללען זיך יודען וואהלען אליין ביי דער אויפזיכט פון פא־ליציע, די רבנים זאללען נור שאלות פסק'ענען אבער ניט קיין „דיני תורות". סוחרים און בעלי מלאכות זאללען האבען א דעה אין די צעכען, אויך אין זיי אנ'אמט האבען. יודען זאללען מוזען שיקען זייערע קינדער אין שולען, און דער יוד וואס וועט ניט ברענ־גען א צייגניס. אז ער האט געענדיגט א „פאראפיע" שולע, דער זאל קיין דעה ניט האבען אין מאגיסטראט, אין צעח; קיין שטיצונג פון רעגיערונג ניט בעקוממען אויב ער וועט וועללען א פאבריק גרינדען; צינזען זאל ער צאהלען דאפעלט ווי אנ'אנדערער, קיין הייזער און פעלדער זאלל ער ניט טארען קויפען, אויך קיין רב ניט זיין; דאס קינד וואס וועט קיין פאראפיע שולע ניט בעזוכען זאל קיין העבראאיש אויך ניט טארען לערנען.

וואס נור אנבעלאנגט די יודישע רעליגיע לאזט טשאצקי איבער. א מאנספערזאהן

[1] דער פראגראם איז צוזאממען געדרוקט געווארען מיט זיין ווערק „Rozprawa o Żydach".

ביז צוואנציג און א פרויענצימער ביז אכטצעהן יאהר זאלל צום טויף ניט צוגענומען ווערן. מלבושים זאללען יודען מוזען טראגען דיזעלבע וואס קריסטען. די פוילישע שפראכע זאללען זיי מוזען ניטצען. יודישע ספרים זאללען צענזורירט ווערן.

צום סוף שרייבט ער וועגען די חובות וואס אללע יודישע קהלות זענען שולדיג געוועזען דעם אדעל און די גייסטליכע [1], ער גיט אנ־עצה אז די רעגיערונג זאל לעגען אויף יודען בעזונדערע צינזען, די חובות איינצוציאיים צו בעצאהלען.

דער דאקטאר גומפלאוויטש האט געפונען א פראיעקט צו דעם יודענרעפארם פון דעם קאניג פאניאטאווסקי אליין. ער רעכנט אז דעם פראיעקט מיינט טשאצקי מיט דעם וואס ער שרייבט „אז די דעפוטאציע ביי'ם סיים האט שוין אין יאהר 1788 א פראג־ראם געמאכט יודען צו רעפארמירען". עס ווייזט אוים אז דער קאניג האט דעם פרא־יעקט שוין געוואלט פאר א געזעץ מאכען ווייל ער הויבט זיך אן אזוי ווי אללע געזעטץ:

„My król za zgodą skonfederowanych stanów"

פאניאטאווסקי'ס פראיעקט איז געגרינדעט אויף די זעלבע גרונדען וואס בוטרי־מאוויטשעס, קאלאנטיי'ס און טשאצקי'ס פראיעקטען, נור דעם קאניג'ס פראיעקט איז בעארבייטעט מיט מעהר הומאניטאט (מענשענליעבע) און וויססען. ער גיט זיי פרייהייט זייער גאנצע רעליגיע צו האלטען; יעדער רב זאל דורכאוים מוזען פערשטעהן די פוילישע שפראכע און זאלל די מעטריטשנע ביכער פיהרען; דרשנים וואס פאהרען ארום פון איין שטאדט אין דער אנדערער זאל מען ניט לאזען דרשה'נען; שולען (צום דאווענען) זאללען זיי מאגען בויען וואו זיי ווילען. אין יעדער קהלה ווי ווייט נור עס וועט מיגליך זיין זאלל מען אויפשטעללען א שולע פאר יודישע קינדער, זיי פויליש צו לערנען; די לעהרער פון די שולען זאללען שווערען אז זיי וועללען עהרליך לערנען. אין די ערטער וואו עס וועט זיין א פוילישע שולע זאלל קיין יודיש קינד ניט טארען קיין גמרא לערנען ביז עס וועט בעקוממען א צייגניס פון'ם פוילישען לעהרער, אז ער האט די פוילישע שולע בעזוכט און האט זיך עפים אויסגעלערנט. א יוד זאל ניט טארען חתונה האבען ביז ער וועט האבען א צייגניס, אז ער האט זיך אויסגעלערנט פויליש לעזען און שרייבען. די יודען וואס וועללען זיך בילדען אויף לעהרער זאללען צוגענוממען ווערן אין דער גלאוונע שולע פאר לעהרער (סעמינאריום) אין קראקא.

די ראשי קהלות זאללען אללע כתבים און רעכנונגען שרייבען אויף פויליש, זיי

[1] די חובות האבען געשטאממט נאך פון די שלעכטע צייטען פון גזירות ת"ח, (1648 ביז 1658). אין די אונרוהיגע יאהרען איז פוילען וויסט געווארן, נאר יודען האבען אין די יאהרען מעהר געליטען ווי די פאלאקען. ווען עס איז אין לאנד שטיל געווארען האבען זיי ניט געהאט מיט וואס צינזען צו צאהלען אויך ניט אויף פיעל אנדערע הוצאות: מתנות פאר שרים פון קלענ־סטען ביז דען גראסטען, אויסהאלטען רבנים, חזנים, שולען (צום דאווענען), בתי מדרשים, מקוות א. ד. ג. דריבער האבען די קהלות געמוזט בארגען געלד ביי דעם אדעל און ביי די גייסטליכע. פראצענט האט געוואקסען וואס אמאל מעהר און די בעלי־חובות האבען יודען גרויסע צרות אנגעטהון.

זאללען זיך נור בעשעפטיגען מיט קהל'ס אינטערעססען, זיי זאללען זארגען פאר די ארעמע לייט, זיי זאללען נדבות קלויבען. אז זיי וועלען ניט עהרליך זיין וועלען זיי שטרענג בעשטראפט ווערן. יעדער יוד מוז בכבוד האלטען די ראשי הקהלות אונ זיי געהארזאם זיין.

אין דארפער זאללען נור מאגען וואהנען די יודען וואס בעשעפטיגען זיך מיט ערד-ארבייט, אדער מיט א מלאכה. קיין אויסלאנדישער יוד זאלל זיך ניט טארען בעזעטצען אין פוילען אונ אין ליטא, אויסער אויב ער וועט וועלען ערד בעארבייטען. אז אן-אויס-לאנדישער יוד, א סוחר, אדער א בעל-מלאכה וועט זיך וועללען בעזעטצען אין פוילען אדער אין ליטא מוז ער פון דער פאליציי-קאמיסיע אן-ערלויבנים האבען. יעדער יוד זאלל זיך מאגען איבערציהען פון איין ארט אויף'ן אנדערען, פון איין פראווינץ אין דער אנדערער, נור ער מוז האבען א ציינגנים פון די ראשי הקהלה, וואו ער האט ביז דאמאלס געוואהנט אז ער איז אן-עהרליכער מאנן, אז ער איז קיינעם גאר ניט שולדיג אונ האט די ציגזען בעצאהלט; אהן אזא ציינגנים זאל קיין קהלה קיין פרעמדען יוד ניט צונעהמען.

יודען ברויך מען צו ערלויבען מיט אללע מיני מלאכות זיך צו בעשעפטיגען אונ מיט אללעם צו האנדלען אין אללע שטאדט אונ דארפער, אפילו דארט וואו זיי האבען ביז דאמאלס ניט געטארט וואהנען.

מען דארף יודען א חשק צו מאכען צו ערד-ארבייט, [illegible] מען צו בעשטימען בעלאהנונג פאר די יודען וואס וועלען [illegible] צו ערד-ארבייט. מען ברויך זיי צו פערוועהרען שענקען צו האבען אין ד[illegible], ווייל די יודישע שענקערס אין די דארפער מאכען די בויערן בדלות. ביער ברויען, אדער גאנצע פאסער בראנפען פערקויפען זאללען זיי יא מאגען.

יעדער קהלה מוז אויסהאלטען איהרע ארעמע. אונ וואו יודען מיט קריסטען לעבען צוזאמען, זאללען זיי בשותפות אויסהאלטען די ארעמע פון דער שטאדט.

זיי זאללען געהערען אונטער דיזעלבע געריכטסהייזער וואס קריסטען געהערען. ווייל אבער אין קלענערע שטאדט וואו די איינוואהנער זענען אונגעבילדעט, איז די שנאה צו יודע גרויס, אונ די ריכטער קענען נאך יודען עולות טהון, דריבער זאלל ביי יעדער יודישער ספראווע זיטצען א יודישער אסעססאר, כדי ער זאל ניט צולאזען, אז מען זאלל אונ-עהרליך משפט'ן.

יודען מיט קריסטען ברויכען אין אללעם פעראייניגט צו ווערן, דריבער זאללען אללע יודען – חוץ רבנים – טראגען דיזעלבע מלבושים וואס קריסטען.

אין מיליטאר זאללען זיי אויך מוזען דינען גלייך מיט קריסטען, נור יודען זאלל מען ערלויבען זיך אויסצולייזען מיט געלד. אין מיליטאר זאלל מען יודען האלטען צו-זאמען, כדי זיי זאללען קאנען עסען כשר'ס אונ זייער גאנצע רעליגיע האלטען; שבת זאללען זיי טהון נור די ארבייט וועלכע קריסטען טהון זונטאג.

ציגזען זאללען זיי ניט צאהלען מעהר ווי קריסטען, חוץ פיער גילדען א יאהר וואס יעדע יודישע פאמיליע מוז צאהלען אויף יודישע עדוקאציע.

די דעפוטאציע, וועלכע דער סיים האט בעשטימט צו מאכען א פראיעקט צו דעם יודישען רעפארם, האט גאנץ לאנג דרויף געארבייט. ערשט אם-אנפאנג 1791-סטען יאהר, האט די דעפוטאציע געהאט דורכגעזעהן אללע פראיעקטען אונ פון זיי אללע געמאכט איינעם, אונ דעם איינעם איבערגעגעבען דעם סיים. דערווייל איז אבער אם ענדע יולי בעשלאססען געווארן אז דער סיים זאלל אויפהערען אויף צוויי אונ א האלבען מאנאטה, דריבער איז די יודענפראגע אבגעלייגט געווארן אויף שפעטער.

אין עטליכע מאנאטהען ארום האט בוטרימאוויטש אויף דעם סיים ארויסגעטרעטען מיט א הייסע רעדע, אונ ער האט איבערצייגט אז עס איז זעהר נאטהיג אז די רעגיע-רונג זאלל שוין אין איהר שוטץ נעהמען „דאס אונגליקליכע פאלק, וועלכעס ניט נור עס קענן זיך אליין קיין עצה ניט געבען, נור עס ווייסט אליין גאר ניט ווי אזוי זיין ביטטערע לאגע צו פערבעססערן”. דער מארשאל יעזיערסקי האט מיט איהם מיט-געהאלטען אונ דער סיים האט זיך טאקי באלד צו דער יודענפראגע גענוממען [1].

ביי דער דעפוטאציע איז געבליעבען, אז „דאס יודישע פאלק קענן פריהער ניט גליקליך זיין ביז עס וועט רעגוליערט ווערן; רעגוליערט ווערן קאנן עס פריהער ניט ביז עס וועט ארויסגעפיהרט ווערן פון די קהל-שע חובות”. דריבער איידער מען וועט רעדאגירען א פראיעקט צום רעפארם, זאלל די רעגיערונג געוואהר ווערן גענוי וויפיעל די חובות זענען, כדי מען זאלל וויססען, וואס פאר ציגזען מען זאלל אויף יודען לייגען, די חובות צו בעצאהלען [2].

אין סוף 1791-סטען יאהר האבען יודען אליין אבגעגעבען דעם קאניג א ביטע, אז ער זאלל זייער שטאנד פערבעססערן, מען זאל זיי ערלויבען צו קויפען הייזער, פעלדער אונ גיטער, די איינענע געריכטסהייזער אונ קהל-שע בתי-דינים זאלל מען זיי איבערלאזען ווי פריהער. דער קאניג וועלכער, ווי טהייל היסטאריקער שרייבען, האט בעקומען פון יודען צוואנציג מיליאן גילדען זיינע חובות צו בעצאהלען, האט זעהר פיעל פאר יודען געארבייט [3]. ער האט ניט מיט אללעם זיי געוואלט צוליעב טהון, זיין גאנצער רצון איז נור געוועזען דורכצופיהרען זיין פראיעקט, פון וועלכען מיר האבען אויבען געשריעבען.

איידער די רעגיערונג האט אויפגענוממען רעמאנענט פון די קהל'שע חובות האט דער ווייל פוילען געטראפען די פאליטישע אונארדענונג וואס האט זיך געענדיגט מיט דער צווייטע חלוקה. איין יאהר דער-נאך (1793) איז די דריטע חלוקה געוועזען אונ אין יאהר 1794 האט שוין פוילען א סוף געהאט אונ פון די אללע פראיעקטען איז גאר ניט געווארן.

[1]) Gazeta narodowa i obca 1792 № 1

[2]) סמאלענסקי 77

[3]) קראשעווסקי Polska, 3-טע טהייל S 108.

צו דער געשיכטע פון די יודען אין פאראליען *)

פון

מ. נ. ליטינסקי.

א) איינגאנג.

זעהר טרויעריג הויבט זיך אהן די געשיכטע פון אונזערע ברידער אין פאראליען; יעדע עפאכע איז מיט טרעהרען פון בלוט געשריבען אויף די בלעטער פון דער היסטאריע פון אונזער פאלק דארט; דער יודישער הימעל אין פאדאליען, איז פון איין זייט פארחמארעט מיט די „שבתי-צבי'ניקישע" „פראנקישע" אלטע אונ נייע „חסידישע" סיסטעמען, אונ פון דער אנדערער זייט די בעוואוסטע „גזרות אוקריינע"; נור זעהר זעלטען שלאגען זיך דארט דורך עטליכע זוננען שטראהלען, אין וועלכע מיר געפינען אין זיי אביסעלע פרעהליכע פאקטען, אז מען איז זיך מיט אונז אויך אביסל בעגאנגען מעשה מענש.

די אללגעמיינע געשיכטע דער יודען אין פאדאליען, ווערט בעשריעבען אין מיינע צוויי ווערק „קורות פאדאליא וקדמוניות היהודים שם" אין העברעאישען, (אדעססא תרנ"ה בדפוס מ"א בעלינסאן), אונ אין זשארגאן „די געשיכטע דער יודען אין פאדאליען" וואס געפינט זיך נאך בכתובים. דא גיעבען מיר לע"ע דאס ערשטע ארטיקעל איבער די יודישע סעקטעס וואס האבען זיך פארשפרייט אין פאדאליען, אום צו בעקאנען די געעהרטע לעזער פון'ם „הויז-פריינד" פאראויס מיט די יודישע סעקטעס, כדי זיי זאללען דערנאך חשק בעקוממען צו לעזען די היסטאריע גופא פון אונזערע ברידער אין פאדאליען, וועלכע מיר רעכנען אי"ה אין די ווייטערע באנדע פונ'ם „הויזפריינד" צו געבען.

*) פיעלע ערשט פונ'ם עלענבויגען ארויסגעקראכענע יודישע שריפטשטעללער רעדען זיך איין, אז עס איז פשוט א מצוה צו איבערזעטצען איין ארעמען יודישענ'ס מחבר'ס זשארגאניש ארטיקעל אין העברעאישען אדער אין א עראפעאישער שפראכע אונ אפילו ניט אנווייזען די קוועללע אונ דאריבער האבען זיך אזעלכע צוויי מינים שריפטשטעללערס, ערלויבט, אהן מיין וויססען, צו איבערזעטצען אין העברעאישען מיין ארטיקעל: „בראצלאוו, נעמיראוו, טולטשין" וואס איז געדרוקט אין דאס „יודישע פאלקס ביבליאטהעק" (ערשטעס בוך), אונ מיין ארטיקעל „צו דער געשיכטע דער יודען אין פאדאליען" וואס איז געדרוקט אינ'ם 3-טען „הויז פריינד" איבערזעטצען אין רוססישען זשורנאל „קיעווסקי סטארינא". לכן בין איך מזהיר ומודיע פה, אז מען זאל זיך, אהן מיינע ערלויבניש, ניט דערוועגען צו איבערזעטצען פון מיין בוך „קורות פאדאליא" אונ פון מיינע ארטיקלען וואס איך דרוק אפט אין פערשידענע העברעאישע אונ יודישע זשורנאלען.

מ. נ. ל.

ב) דער אלטער חסידיזמוסער סיסטעם.

כמעט מעהר ווי אין אללע לאנדער וואו יודען וואהנען, האט דאס יודענטהום אין פאדאליען געליטען דורך דער רעליגיאנס-קריעג, וואס האט זיך אינ'ם זעכצעהנטען יאהר-הונדערט אנגעהויבען צווישען יודען, איבער די חסידיזמוסע סיסטעמען; נור בעפאר מיר וועללען דאס בעשרייבען, מוזען מיר אייך ליעבע לעזער פאראויס בעקאנט מאכען מיט דעם אלטען חסידיזמוסען סיסטעם, וועלכער רבי יצחק לוריא (האר"י ז"ל) איז דער ערשטער שטיפטער געווען, כבדי עס זאל, נאך דעם, אייך לייכט פערשטאנדליך זיין, די פעראנדערונגען אונ דעם רעפארם וואס דער בעש"ט אונ ר' נחמן בראצלאווער ז"ל, האבען אינ'ם יעצטיגען חסידיזמוס געמאכט, ווי אויך דעם צוועק פון די שבתי-צבי'ניקעס אונ פראנקיסטען, וועלכע זענען פון די פוילישע רבנים מוחרם געווארן.

נאך'ן טוידט (אין יאהר 1572) פון'ם וועלט-בעריהמטען קבלה'יסט רבי יצחק לוריא ז"ל, האט זיינער א תלמיד, אויך א גרויסער קבלה'יסט, ר' חיים וויטאל, פאראפענטליכ'ט פיעלע כתבים פון זיין רבין, דערונטער אויך זיין חסידיזמוסען סיסטעם, נאמליך:

א) יעדער וואס ווינשט א חסיד צו זיין, בעדארף פיעלע שווערקייטען אויף זיך נעהמען, חאטשי פון דער רעליגיש-געזעצליכע זייטע, איז ער ניט פערבונדען צו זיי.

ב) דער חסיד באדארף וועניג געשאפטען פיהרען, אבוואהל דורך זיי האט ער זיין פרנסה.

ג) אויף יעדער זאך וואס איז דעם חסיד אונבעקאנט, זאל ער דרויף וויינען וויפיעל ער קענן; אויך פאר זיין שלאף, ביי נאכט, זאל ער שטארק וויינען, דאס וועט איהם העלפען צו זיין נשמה, וואס געהט יעדע נאכט ארויף אין הימעל.

ד) א חסיד בעדארף זיך אבשיידען די גאנצע וואך, אויסער שבת, פון פלייש צו עססען אונ פון וויין צו טרינקען.

ה) אז א חסיד וויל עפיס א זאך ערדרייכען, זאל ער שטארק וויינען אונ תשובה טהון, אויך זאל ער ביי נאכט, א שטונדע, אויף דער ערד ליגען, אונ א שטיין צו קאפען'ס לעגען.

ו) ווער עס וויל תשובה טהון, זאל פאסטען הפסקות, אונ איידער ער וועט זיין נאכטמאהל ענדיגען צו עססען, זאל ער אויף זיין קאפ, אויף דעם ארט וואו ער לעגט די תפילין, אש אנשיטען, אונ זאל וויינענדיג ברוידט מיט אש עססען, אונ מיט טרעהרען וואססער טרינקען, אונ דערביי זאל ער מכוון זיין די פסוקים: „כי אפר כלחם אכלתי, ושקויי בבכי מסכתי" נאך דעם זאל ער די קבלה'יסטישע קינה „אחד וכו'" זאגען, אונ ביי נאכט אויף זיין געלעגער, זאל ער אויך זיך נעהמען, דעם רעצעפט פון די ארבע מיתות בית דין.

ז) דער חסיד בעדארף ביי'ם דאווענען פיעל כונות מכוון זיין.

ח) אפילו א דבר מצוה טאר אויך דער חסיד ניט טהון ביי'ם דאווענען; ער באדארף

נור שווייגען ווען ער דאווענט, אונ איבערהויפט זאל ער בעשטענדיג וועניגער רעדען, אונ ער זאל זיי מויל פארהיטען פון פוסטע רייד, א. ז. וו.

ג) די שבתי־צבי'ניקעס.

דיזער חסידיזמוסער סיסטעם, וואס מיר האבען דא אין קורצען בעשריבען, איז פיעל קבלה'יסטען געפאללען, איבערהויפט איין געוויסען תלמודיסט אונ קבלה'יסט אונטער דעם נאמען שבתי־צבי; א כוחר'ס א זוהן פון סמירנא (געבוירען אין'ם יאהר 1624) דעלבער האט זיך פעסט געהאלטען אין דיזען ארי'ס חסידיזמוסען סיסטעם, אונ האט זיינע קאנטעניסע אונ קלוגהייט צום שלעכטען בענוצט, אזוי אז אין אקורצע צייט האט ער זיך אונפערשעהמט פאר „משיח" אנגערופען, פיעל תפלות געאנדערט אונ תעניתים אויף ימים טובים איבערגעמאכט, דאך האט ער פיעל אנהאנגער בעקומען. די הויפט אורזאכען דער פון איז געוועזען נאך אונזער מיינונג: א) ווייל ער האט זיך פעסט געהאלטען אין דער קבלה אונ אין דעם ארי"ס סיסטעם וועלכע זענען ביי יודען פארגאטטערט געוועזען; ב) ווייל די צייט פון דעם זיבענצעהנטען יאהרהונדערט איז רויט, פון יודישע בלוטיגע טרערן אין אלע לאנדער בכלל אונ אין פאדאליען בפרט, געצייכנט אין די יודישע כראניקעס, דריבער האבען פיעל יודען, וואס האבען נעביך אין דיזע צייט פיעל צרות געליטען, געדענקט, פיללייכט איז שוין אין אמת'ן געקומען די צייט פון דער גאולה, אונ האבען געגלויבט אז שבתי־צבי איז דער משיח.

די גרויסע רבנים פון דער דאזיגע צייט, האבען איינינע מאל אסיפות געמאכט אונ שבתי־צבי מיט זיינע אנהאנגער מחרים געוועזען, ביז צו ענדע איז זיי געלונגען דורך איין אנקלאגע אז ער האט זיך געמוזט טויפען; אונ אבוואהל נאך זיין טוידט (צעהן יאהר נאך דער טויפע) האבען נאך זיינע דעלעגאטען אין פיעל לאנדער, אונ איבערהויפט אין פאדאליען, פיעל אנהאנגער געהאט, וואס האבען געלערנט די כתבי האר"י ז"ל, דעם זהר אונ נאך אלטע קבלה'יסטישע ספרים (ווי אויך נייע וועלכע שבתי־צבי'ס תלמידים האבען פארשפרייט איבער דער וועלט) דאך האבען זיי די רבנים אומעדום פערפאלגט אונ מחרים געוועזען די יעניגע וואס האבען געלערנט די אלטע אונ נייע קבלה'יסטישע ספרים, ביז זיי זענען אבגעזונדערט געווארן פונ'ם יודענטהום, אונ זיי זענען א נייע־בעזונדערע סעקטע „שבתי־צבי'ניקעס" געווארן.

ד) דער נייע־ חסידיזמוסער סיסטעם.

די רבנים האבען גערעכנט, אז יעצט וועט שוין דאס יודענטהום בלייבען ווידער לויטער; עס איז אבער ניט אזוי געוועזען, ווייל די פיעל חסידים וואס האבען געהאלטען אינ'ם ארי"ס סיסטעם, וואס זענען דורך די שבתי־צבי'ניקעס, צוזייעט אונ צושפרייט געווארן, ווי שאף אהן א פאסטוך, האבען זיך פלוצים פאראייניגט דורך דעם נייעם

פאדאליער אר"י. אדער דער חסידישער רעפארמאטאר, ר' ישראל בעל שם טוב ז"ל געבוירען אינ'ם יאהר 1696), וואס האט אינ'ם ארי"ס חסידישען סיסטעם א נייעם רעפארם געמאכט (ווייל ער האט געזעהן אז דורך די שוועהרקייטען פונ'ם ארי"ס סיסטעם, האט דער חסידיזמוס גאר וועניג אנהאנגער געהאט), נעמליך:

א) יעדער וואס וויל א חסיד ווערן, בעדארף קיין איבעריגע שווערקייטען אויף זיך נעהמען, ער באדארף נור די רעליגיאזע געזעטצע אפהיטען איז ער שוין יוצא.

ב) ער מעג פיעל געשעפטען פיהרען, נור ער בעדארף דערביי אויך אין זינען האבען, אז ער טוהט זיי לשם שמים.

ג) מען בעדארף גאטט דיענען פרעהליך, ווייל דאס טרויעריקייט שאדעט צו דער נשמה.

ד) מען בעדארף זיך קיין סגופים אנטהון, ווייל זיי מאכען טרויעריג דעם מענשען'ס מוטה.

ה) מען באדארף אבהיטען דאס קערפערליכע געזונדהייט, ווייל קוים איז דער קערפער שוואך איז די נשמה אויך שוואך, אבוואהל מען איז ריין פון זינד.

ו) ווענן מען טהוט עפיס איין זינד, זאלל מען ניט איבעריג טרויעריג זיין, נור ביי זיך אין הארצען חרטה האבען, אונ זיך דאס ווארט געבען, מעהר די עבירה ניט צו טהון, אונ ווייטער מיט שמחה גאטט דינען; אונ דער גאטט וואס ווייסט יעדענ'ס הארץ, ווייסט אז דער מענש וואלט אוודאי געוואלט גוטעס טהון, נור ער קען ניט בעשטענדיג ערפילען זיין נשמה־וואונש, וועט ער איהם פערצייהען.

ז) מען בעדארף ניט צופיעל כונות ביי'ם דאווענען מכוין זיין, אונ אז מען זאגט די תפלות מיט התפעלות, איז אין זיי שוין נכלל די כונה.

ח) מען מעג רעדען ביי'ם דאווענען, אבי מיט די געדאנקען באהעפט זיין צו גאטט, ווייל גאטט'ס וויללען איז, אז די מענשען זאללען איהם דיענען אויף יעדען ארט, אין שוהל, אין הויז אונ אין וועג.

דיזע רעפארם, וואס מיר האבען דא אין קורצען געבראכט, האט דעם חסידיזמוס פון טאג צו טאג פארגרעסערט, אונ די שבתי־צבי'ניקעס זענען פון טאג צו טאג וועניגער געווארן, אונ דער בעש"ט האט אין א קורצע צייט בעקומען פיעל טויזענדטער אנהאנגער.

ה) די פראנקיסטען.

די שבתי־צבי'ניקעס האבען אלאנגע צייט געזוכט א מענש ער זאל זיי קאנען אללע צוזאמען ברענגען אונטער זייער נייעם סיסטעם, אונ ערפרישען זייער סעקטע וועלכע איז דורך דעם בעש"ט'ס חסידיזמוסער רעפארמע פערקיהלט געווארן) ווי דער בעש"ט האט דעם ארי"ס חסידישען סיסטעם ערפרישט, נור זיי האבען נישט געפונען ביז אינ'ם יאהר 17[illegible] האבען זיי זיך מיט אזא מענשען, אונטער דעם נאמען „יעקב פראנק" ערפרעהט

יַעֲקֹב בר׳ יְהוּדָה לֵיב „דאָבּרוּשְׁקִי״ אָדֶער „פְרַאנְק״ אִיז אִינ׳ם יאהר 1720 אין אַקְלֵיין גַאלִיצִישׁ שְׁטֶאדט׳ל גֶעבּוֹירֶען גֶעוָואָרן. דוּרְךָ זַיין הַאנְדֶעל הָאט עֶר זִיךְ אִינ׳ם יָאהר 1752 אִין דֶער טִירְקִישֶׁער שְׁטָאדְט „סַאלָאנִיקִי״ בֶּעזֶעצְט, אוּנ הָאט זִיךְ דָארְט בֶּאקַאנְט מִיט דֶער סֶעקְטֶע „דַאנְמֶעס״ (טִירְקִישֶׁע גֶעטוֹיפְטֶע שַׁבְּתִי-צְבִי׳נִיקֶעס) וֶועלְכֶע הָאבֶּען מִיט אִיהם קַבָּלָה לויט שַׁבְּתִי-צְבִי׳ס סִיסְטֶעם גֶעלֶערנט, אוּנ ווִי זַיי הָאבֶּען גֶעזֶעהֶן אַז עֶר וַואקְסְט אַ גְרוֹיסֶער קַבָּלָה׳יִסְט אוּנ קֶען פִיעל נוּטְצֶען דִי שַׁבְּתִי-צְבִי׳נִיקֶעס בְּרֶענְגֶען, הָאבֶּען זַיי אִיהם גֶערַאטהֶען, אַזוֹי ווִי אִין פָּאדָאלְיֶען אִיז דַאמָאלְס גֶעוֶועזֶען, דִי נֶעסְט פוּן פַאנַאטִיזְמוּס, אוּנ דִי הוֹיפְּטקְוַוארטִיר פוּן שַׁבְּתִי-צְבִי׳נִיקֶעס אוּנ חֲסִידִיזְמוּסְשֶׁע סֶעקְטֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעיָאגְט גֶעוָוארן פוּן דִי גְרוֹיסֶע פּוֹילִישֶׁע אוּנ לִיטְוִוישֶׁע רַבָּנִים, זָאל עֶר אַהִין פָאהרֶען צוּ פַאראֵיינִיגֶען דֶעם נַייֶעם חֲסִידִיזְמוּסשֶׁען סִיסְטֶעם, וָואס אִיז אוֹיךְ אוֹיף דֶעם זוהַר אוּנ קַבָּלָה גֶעגְרִינְדֶעט, מִיט דִי דָארְטִיגֶע שַׁבְּתִי-צְבִי׳נִיקֶעס.

פְרַאנְק הָאט דִי „דַאנַאמֶעס״ פְּלַאן אָנגֶענוּמֶען, אוּנ אִיז אִינ׳ם יָאהר 1755 קֵיין פּאדאלְיֶען גֶעקוּמֶען. דִי דָארְטִיגֶע שַׁבְּתִי-צְבִי׳נִיקֶעס הָאבֶּען אִיהם פִיעל כָּבוֹד אָבְּגֶעגֶעבֶּען אוּנ מִיט גֶעלְד גֶעשְׁטִיצְט, בִּ״ז עֶר הָאט נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶועזֶען בַּיי דֶעם דֶעמָאלְדִינְגֶען קַאמֶענִיצֶער פָּאלְנִישֶׁען בִּישׁוֹף דֶעמְבָּאווְסְקִי. וֶועלְכֶער הָאט דִי יוּדִישֶׁע רַבָּנִים אֵיינִיגֶע מָאל גֶעצְווּאוּנְגֶען אֶפֶּענְטְלִיכֶע רֶעלִיגְיָאזֶע וִכּוּחִים צוּ הָאבֶּען מִיט דִי פְרַאנְקִיסְטֶען אָדֶער „זוהַר׳רִיטֶען״ ווִי עֶר הָאט זַיי גֶערוּפֶען. נָאךְ דֶעם ווִי דִי רַבָּנִים הָאבֶּען דֶעם וִכּוּחַ פַארְשְׁפִּיעלְט *), הָאבֶּען זַיי פִיעל שְׁטְרָאף גֶעלְד גֶעצָאהלְט, אוּנ מֶען הָאט עֶרֶב ראש חוֹדֶשׁ בְּסְלֵיו תקנ״ח, אִין אֵיינֶע פוּן דִי קַאמֶענִיצֶער גַאסֶען טוֹיזֶענְדֶער מְהֵיילֶען פוּנ׳ם „תַּלְמוּד״ פַארבְּרֶענְט. אוּנ וֶוער וֵייסְט צוּ וָואלְט פוּנ׳ם תַּלְמוּד אוּנ יוּדֶענְטְהוּם אִין פָּאדָאלְיֶען, אֵיין זֵכֶר גֶעוֶועזֶען גֶעבְּלִיעבֶּען, וֶוען דֶעמְבָּאווְסְקִי זָאל נִיט גֶעוֶועזֶען פְּלוּצִים (פִינְף טָאג אִין דֶעם צְווֵייטֶען מָאנַאט כִּסְלֵיו) שְׁטַארְבֶּען, אוּנ דִי יוּדֶען הָאבֶּען אִין אַ צַייט אַרוּם בַּיי דֶער רֶעגִירוּנג אוֹיסגֶעווִירְקְט, אָבְּצוּזָאנְדֶערֶן דִי פְרַאנְקִיסְטֶען פוּנ׳ם יוּדֶענְטְהוּם, אוּנ מִיט זַייעֶר בַּייעֶן נָאמֶען „יוּדִישֶׁע קְרִיסְטֶען״ זֶענֶען זַיי פוּן טָאג צוּ טָאג אוּנְטֶער דִי קַאטוֹילֶען אַסִימִילִירְט גֶעוָוארן.

ו) דִי בְּרָאצְלַאווֶער חֲסִידִים.

אִינ׳ם אַכְטְצֶעהְנְטֶען יַאהרהוּנְדֶערְט אִין דֶער צַייט וָואס דָאס יוּדֶענְטְהוּם הָאט אִין אֵיין זַייט גֶעלִיטֶען פוּן דִי „גְזֵרוֹת אוּקְרַיינֶע״ אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט פוּן דִי שַׁבְּתִי-צְבִי׳נִיקֶעס, פְרַאנְקִיסְטֶען, דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד׳ס אוּנ ה״ר שְׁנֵיאוּר זַלְמָן לַאדִיר׳ס חֲסִידִים, וָואס הָאבֶּען דֶעם בעש״ט׳ס לֶעהְרֶע פַארשְׁפְּרֵייט, אוּנ עֶס הָאט נִיט גֶעהָאלְפֶען דִי גְרוֹיסֶע פּוֹילִישֶׁע אוּנ לִיטְוִוישֶׁע רַבָּנִים׳ס חֲרָמוֹת אוֹיף דִי חֲסִידִים, וַוייל דֶעם בעש״ט׳ס

*) די רבנים האָבען דריבער דעם וכוח פאַרשפּיעלט, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט אבלייקענען די רייד פונ׳ם „זוהר״ וואָס איז זעהר הייליג געוועזען ביי די פּוילישע יודען. אויף וועלכע דער פראַנקיסטישער זכוח איז געבויעט געוואָרן. רפו״ל

זַייעֶר סִיסְטֶעם אִין חֲסִידוּת, וֶועלְכֶער אִיז אוֹיךְ אוֹיף דֶעם „זוהַר״ אוּנ כִּתְבֵי הָאר״י ז״ל גֶעגְרִינְדֶעט גֶעוָוארן, אִיז זֶעהר גֶעפֶאללֶען פִיעל יוּדֶען וֶועלְכֶע זֶענֶען שוֹין מִיעֶר גֶעוָוארן פוּן דִי פִיעל סִיגוּפִים פוּנ׳ם אַלְטֶען חֲסִידִישֶׁען סִיסְטֶעם — אָט אִין דֶער טוּנְקְלֶער צַייט, הָאט זִיךְ אַ נַייֶע חֲסִידִישֶׁע סֶעקְטֶע אִין פָּאדָאלְיֶען בֶּעווִיזֶען, אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען „בְּרָאצְלַאוֶוער חֲסִידִים״ וֶועלְכֶע דֶעם בעש״ט׳ס אוּנ ה״ר נַחְמָן הָארְדִינְקוֹר׳ס אֵיין אֵיינִיקֶעל, מִיט דֶעם נָאמֶען ה״ר נַחְמָן בְּרָאצְלַאוֶוער (גֶעבּוֹירֶן אִין מֶעזְבּוּז 1771), וָואס הָאט מִיט פְלַייס דֶעם ארי״ס אוּנ בעש״ט׳ס חֲסִידִיזְמוּסְשֶׁע סִיסְטֶעמֶען גֶעלֶערנט, אוּנ הָאט בֶּעמֶערְקְט, אַז זַייעֶרֶע סִיסְטֶעמֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען פַארגְרַייזְט גֶעוָוארן, דוּרְךְ זַייעֶרֶע אַנְהָאנְגֶער׳ס דִי גְרָאבֶּע יוּנְגֶען וָואס פַארְשְׁטֶעהֶען נִיט זַייעֶר צְוֶועק, וֶועט נִיט לַאנְג עֶקְסִיסְטִירֶען, הָאט אִיהם בַּאנְק גֶעטהוּן, אַז דֶער חֲסִידִיזְמוּסֶער סִיסְטֶעם זָאל מִיט דֶער צַייט נִיט פַארגֶעסֶען וֶוערן, דְרִיבֶּער הָאט עֶר דִי אַלְטֶע חֲסִידִיזְמוּסְשֶׁע סִיסְטֶעמֶען בֶּעאַרְבַּייט אוּנ הָאט זַיי פַאראֶפֶּענְטְלִיךְ אִין זַיינֶע וֶוערְק וָואס עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט מִיט פִיעל אֵיינֶענֶע צוּזַאטְצֶען, מִיט דֶעם גֶעדַאנְק אַז שְׁוַוארְץ אוֹיף וַויים וֶוערְדט אַזוֹי גִיךְ נִיט פַארגֶעסֶען. מִיר בְּרֶענְגֶען דָא דִי הוֹיפְּטצְוֶועקֶען פוּן זַיין סִיסְטֶעם לויט ווִי זַיי זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין זַיין בּוּךְ „לִקּוּטֵי מהר״ן״, נֶעמְלִיךְ:

א) נִיט צוּ לֶערְנֶען יוּדִישֶׁע פִילָאזָאפִישֶׁע סְפָרִים, וַוייל זַיי זֶענֶען גֶעגֶען דֶער תּוֹרָה, אוּנ אַז מֶען הֶערְט זַיי אֵיין אַנְדֶערֶן לֶערְנֶען, בֶּעדַארְף מֶען זִיךְ קְרִיעָה רַייסֶען, אוּנ וָואהל אִיז דֶעם יוּדֶען וָואס ווֵייסְט אֲפִילוּ זַייעֶרֶע נָאמֶען נִיט; דְרִיבֶּער דֶער וָואס וִויל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, זָאל זִיךְ דֶערוַוייטֶערְן פוּן אַזֶעלְכֶע בִּיכֶער *).

ב) מֶען בֶּעדַארְף הָאבֶּען אֱמוּנַת צַדִּיקִים, וַוייל וֶוען נִיט דִי צַדִּיקִים, וָואלְט דִי וֶועלְט קֵיין קִיּוּם גֶעהַאט; דְרוּם אִיז דֶער עִיקָּר פוּן חֲסִידוּת, צוּ גְלוֹיבֶּען אִין צַדִּיק הַדּוֹר, אוּנ פוּן זַיינֶע רֵייד ח״ו נִיט אַרוֹיסגֶעהְן, וַוייל דֶער צַדִּיק הַדּוֹר, אִיז דִי נְשָׁמָה פוּן דֶער אֱמוּנָה, אוּנ דִי יוּדִישֶׁע אוּמָה אָהְן אִיהם אִיז ווִי אַ גוּף אָן אַ נְשָׁמָה; דֶער צַדִּיק הַדּוֹר אִיז פוּן בְּחִינַת משֶׁה רַבֵּינוּ אוּנ בְּחִינַת הַמָּשִׁיחַ.

ג) יֶעדֶער חָסִיד מוּז אָפְט פָאהרֶען צוּ זַיין רֶבִּי׳ן, אוּנ בֶּעדַארְף זַיינֶע וואוּנְשֶׁען זַיין רֶבִּי׳ן עַנְטְדֶעקֶען, אוּנ דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט זַיי שוֹין פַאר גָאטְט בַּיי וֶועלְכֶען עֶר פּוֹעֶלְט זַיין חָסִיד׳ס וואוּנְשֶׁען; צוּם צַדִּיק הַדּוֹר זֶענֶען אִיבֶּערגֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארן, דִי שְׁלִיסֶלֶען פוּן דִי סוֹדֵי הַיְצִירָה, אוּנ אָהְן אִיהם קֶען מֶען גָאר נִיט ווִיסֶען נָאטְט׳ס מֶמְשָׁלָה.

ד) יֶעדֶער חָסִיד מוּז פַאר זַיין רֶבִּי׳ן מִתְוַדֶּה זַיין אַלֶּעס וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערגֶעטהוּן; וַוייל מֶען קֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט מְחַזֵּק זַיין גָאטְט׳ס רֶעגִירוּנְג, נוּר מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר׳ן רֶבִּי׳ן.

*) מען דערצאָהלט, אז די מתנגדים זיינע האָבען אמאָל זיין תלמיד נתן (וואָס מיר וועללען זיין ביאָגראַפיע אין אַבעזונדער אַרטיקעל בעשרייבען) געפרעגט: „אז וויערער, אז מען טאָר קיין ספרי מחקר ניט לערנען, ווי-זשע קומט דאָס אַז דער רבי ר׳ נחמן איז אליין אין זיי גוט בעקאַנט?״ דרויף האָט זיי ר׳ נתן געאַנטווערט: „דאָס וואָס דער רבי לערנט, איז בחינות סוֹד״. אויף אונזער פראָסט באַמע לשון הייסט דאָס: „דער רבי מעג!״ . . . (זעה חי׳ מהר״ן ס׳ ז׳). מ. נ. ל.

ה) גאָטט דיענען בעדאַרף מען ניט נור מיט מַעֲשִׂים וואס מען טהוט, ווייל גאָטט פערלאַנגט אויך אַ רֵיין הַארץ, און דער עִיקַר הַתְּשׁוּבָה איז, מען זאל מיט שרעק און טרויעריקייט דאַווענען און צו צייטען אויך פאַסטען, מיט דעם מאַכט דער מענש אַ נַחַת רוּחַ זיין נְשָׁמָה, וואס זי איז אַ פונק פון גאָטט; נור אָבער דער מענש בעדאַרף אויף זיין גוף אויך מיטלייד האָבען, דריבער זאלל ער איהם סִגּוּפִים אַנטהון, כְּדֵי ער זאלל איהם מיט דער נְשָׁמָה פערגלייכען, וועלכעס דאס איז דעם גוף׳ס וואונש.

ו) מען באַדאַרף זיך דערווייטערן פון טרויעריקייט, ווייל דער טרויער איז נור אַ פאַנ־טאַזיע, דען יעדעס שלעכטס און יִסּוּרִים וואס געהט איבער אַ מענשען אויף דער וועלט ווען ער זאל נור גוט זייער צוועק בעטראַכטען, וואלט ער געזעהן אַז זיי זענען גאר ניט אַזוי שלעכט. וואס מעהר דער מענש האט יֵצֶר הָרַע, קען ער בעססער גאָטט דיענען, דאס הייסט: ער זאל פונ׳ם יֵצֶר הָרַע די הילף אַרויסציהען און מיט איהר גאָטט דיענען, ווייל, כִּבְיָכוֹל, אֲפִילוּ גאָטט האט אויך אַ יֵצֶר הָרַע. . . .

קיים האט נור ר׳ נַחְמָן זיין נייעם חֲסִידִיזְמוּסען סיסטעם ענטדעקט, האט ער באַלד פיעל אַנהאַנגער (חֲסִידִים פון פערשיעדענע צַדִּיקִים) בעקומען, און אָבוואהל קיין נייע סעקטע, האט נאָך פון איהרע געגנער ניט אויסגעליטען אַזוי פיעל ליידען, ווי די בְּרַאצְלַאווער חֲסִידִים, דאָך וואס מען האט זיי מעהר געפייניגט, זענען זיי אַללע מאל מעהר געוואָרן, און האט די פריהריגע דעספאָטישע חֲסִידִיזְמוּס אויף שטיקער צו־ריסען, ביז זי איז געבליבען אין דעם בעשטאַנד וואס מיר זעהען זי יעטצט.

אָט דאס איז אין קורצען די סיסטעמען פון די רעליגיגע סעקטען אין פּאָ־דאָליען, און נאָך זיי, ווי מיר שיינט, וועט שוין די לעזער לייכט זיין צו פערשטעהן די אַלגעמיינע געשיכטע דער יודען אין פּאָדאָליען, וועלכע מיר וועללען אין די ווייטערדיגע באַנדער פונ׳ם „הויז־פריינד“ אי״ה געבען.

מַחֲמֶד און יוּדען.

בעאַרבייט דורך ע נ״ת.

מַחֲמֶד איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 571 פון אַ בעריהמטע פאַמיליע אין אַראַביען; ווען ער איז אַלט געוועזען צוויי חֳדָשִׁים, איז זיין פאָטער געשטאָרבען און זעקס חֳדָשִׁים דערנאָך איז ער געבליבען אַ יָתוֹם פון זיין מוטטער אויך; דאַמאַלס האט איהם גענומען צו ערציהען זיין פעטער אַבּו־טאַלעב, איינער פון די רייכסטע מענשען אין מֶעקְקַא[1]; אין זיין הויז איז מַחֲמֶד געוועזען ביז ער איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר; פון די מענשען וואס זענען קיין מֶעקְקַא געקומען און האָבען זיין פעטער בעזוכט, האט זיך מַחֲמֶד פון זיין קינדהייט אָן פיעל וואונדערבאַרע מַעֲשִׂיּוֹת אָן געהערט וועגען די געטצען (אָבגעטער), און פיעל רעליגיאָזישע צערעמאָניעס זיך אָן געזעהען; ער האט אויך פיעל געהערט פון דער רעליגיע וואס איהר גרונד איז אין גאָטט׳ס איינהייט (אַחְדוּת), פון אַבְרָהָם׳ען דעם צַדִּיק און פון דער תּוֹרָה, וועלכע גאָטט האט געגעבען אַ טהייל פון אַבְרָהָם׳ס קינדער; דאס אַללעס האט שטאַרק געווירקט אויף זיין פאַנטאַזיע, און זיין כֹּחַ־הַדִּמְיוֹן וועלכען ער האט געהאַט פון

---

[1]) מֶעקְקַא איז די בעריהמטע שטאָדט פון אַראַביען, דאס טעמפעל „קאַאַבַּא“ וועלכעס דאָרט איז, האט נאָך די אַראַבער זאָגען געבויעט יִשְׁמָעאֵל און זיין פאָטער אַבְרָהָם האט איהם צו געהאָלפען; אין איין וואַנד פון טעמפעל איז איינגעמויערט אַ שוואַרצער שטיין, אויף וועלכען די אַראַבער זאָגען, אַז אַבְרָהָם איז אויף איהם געשטאַנען ביים מוילען; דער שטיין האט זיך אַליין אויף געהויבען און אַראָב־געלאָזט לויט דעם געברויך, די צייכען אויף דעם זענען נאָך איבער־געבליבען פון אַבְרָהָם׳ס טריט. פריהער איז דער שטיין ווייס געוועזען, נאָר פון די קיש פון זינדיגע מענ־שען איז ער שוואַרץ געוואָרען, ווען עס וועט זיין תְּחִיַּת־הַמֵּתִים וועט ער ווידער ווייס ווערען.

פון גאַנץ אַראַביען זענען זיך מענשען צוזאַמען געקומען דעם שטיין צו קישען און יעדער אַראַבישער שטאַמם האט אין דעם טעמפעל געהאַט זיין גאָטט (אָב־גאָטט). דעריבער איז אין דעם טעמפעל געוועזען מעהר ווי 300 געטצען.

נאטור, איז נאך שטארקער געווארען, שרייבען און לעזען האט מען איהם נישט געלערנט.

ווען ער איז אלט געווארען צוועלף יאהר האט איהם זיין פעטער מיט גענומען אין זיינע האנדעלס־רייזען; אויפ'ן וועג האט ער זעהר פיעל לאנדער געזעהען און איז בעקאנט געווארען מיט פיעל יודען און קריסטען, פון זיי האט ער זעהר א סך געהערט תנ"ך און עוואנגעליום, און האט אן געהויבען מסופק צו זיין אין די געטצען וועלכע די אראבער האבען געדיענט; די געדאנקען האבען איהם ניט געלאזט רוהען, ער האט דורכאויס געוואלט דערגעהן דעם אמת, ער האט אבער געמוזט ארבייטען און האט ניט געהאט פיעל צייט צו קלערען.

דערנאך האט מחמד א שטעל בעקומען ביי א רייכע אלמנה חאדיזשא; איבער זיין שיינקייט, גוט אויפפיהרונג און ערליכקייט האט ער ביי דער אלמנה חן בעקומען און אין קורצען האט זי מיט איהם חתונה געהאט (זי איז דאמאלס פירציג און ער פינף און צוואנציג יאהר אלט געוועזען).

נאך דער חתונה, ווען ער איז שוין רייך געוועזען און האט שוין מעהר אויף לעבענס־מיטטעל ניט געברויכט צו פערדיענען, האט ער זיך אין גאנצען איבערגעגעבען די רעליגיא צו ערפארשען; זעהר אפט איז ער געלאפען אין דער מדבר אריין, אליין געזעסען אין דער הייל האחא (דריי מייל פון מעקקא), פערטיעפט זיך אין די געדאנקען, געבעטען גאט, אז ער זאלל איהם זיין שכל דערלייכטען, ביז ער האט בעקומען חולי־נופל (עפילעפסיא), פינפצעהן יאהר האט ער אזוי געלעבט; דערנאך האט זיך איהם געדאכט, אז דער מלאך גבריאל שטעהט ביי איהם, גיבט איהם א נייע רעליגיא און הייסט איהם זי בעקאנט מאכען צווישען מענשען.

דערשראקען און בלאס איז ער געלאפען צו זיין ווייב און האט איהר דאס אלס דערצעהלט; פון אנפאנג האט ער זעהר מורא געהאט אפשר איז ער זיך טועה אפשר דאכט זיך איהם נאר, דער מלאך גבריאל איז אבער אללע מאל איהם געשטאנען פאר די אויגען און האט נישט אויפגעהערט איהם צו זאגען פון דעם נייען גלויבען און דעם איינציגען גאטט; ענדליך האט ער זיך בעשלאסען זיין נייע גלויבען צו ענטדעקען; די ערשטע אויף וועלכע זיינע ווערטער האבען געווירקט זענען געוועזען: אלי, זיין פעטער אבו־טאלעב'ס זוהן, א שקלאוו סעאיד, און אבו־בעקער, איינער פון די צוועלף שופטים (ריכטער) אין מעקקא.

פון אנפאנג האט מחמד פון זיין נייע גלויבען נאר גערעדט בסוד, פאר אייצעלנע מענשען; דריי יאהר דערנאך האט ער פערבעטען זיין גאנצע חברה אויף א בארג נעבען מעקקא און האט אן געהויבען צו דערצעהלען, אז גאט שיקט איהם צו מענשען זיי א ניי גלויבען צו געבען; ווען ער האט נאר דאס מויל געעפענט האט איהם זיין פעטער אבו־לאהאב א שטיין געווארפען און דאס גאנצע פערזאמלונג איז זיך צוגאנגען.

מחמד איז אבער דערפון ביי זיך ניט אראב געפאלען, ער האט נאך א מאל פערבעטען א סך מענשען צו זיך אויף א מאהלצייט און האט זיי דערצעהלט פון זיין ניי גלויבען; זיינע ווערטער האבען אבער דאמאלס אויך קיין גרויסען איינדרוק ניט געמאכט אויף דעם פערזאמלונג. אללע האבען פון איהם געלאכט, חוץ איין אלי וואס האט איהם געהערט; דעריבער האט איהם מחמד געמאכט פאר זיין שטאטט־האלטער (נאמיעסטניק).

מחמד האט ניט אויפגעהערט מענשען צו דערצעהלען נייע זאכען, וואס דער מלאך גבריאל האט איהם אויפ'ס ניי געברענגט; אויך האט ער געזאגט, אז ער וויל נאר צוריק איינפיהרען אברהם'ס אלטע גלויבען, דאס טעמפעל קאאבא איז הייליג און אללע פאלקס מנהגים ברויך מען ווייטער צו האלטען, ד. ה. מענשען וואס האבען אנגעהויבען האלטען פון זיין אידעע; די ווערטער האבען איהם געברענגט אנהאנגער; א מאל האט איהם אויך געראטהען צו זיך צו־ציהען צוועלף מענשען פון יאטהריב וועלכע זענען געקומען קיין מעקקא דאס טעמפעל בעזוכען.

די אראבער בכלל האבען אבער פון מחמד'ן פערלאנגט וואונדער, וועלכע ער האט זיי נישט געקאנט ווייזען, דריבער האבען זיי איהם מבזה געוועזען, ווען ער איז פון שטוב ארויס געגאנגען האבען זיי איהם מיט בלאטע בעווארפען; זיין פעטער אבו־טאלעב האט איהם אן עצה געגעבען, אז ער זאלל בעסער אויפהערען צו רעדען פון זיין נייע גלויבען, ווארען עס וועט איהם קיינער ניט גלויבען; ער האט איהם געענטווערט: פעטער! ווען אפילו די זונן זאלל שטעהן געגען מיר פון דער רעכטער און די לבנה פון דער לינקער זייט, וועל איך מיך אויך ניט שרעקען און וועל ניט אויפהערען ביז גאטט וועט מיך הייסען.

די אראבער האבען איהם וואס אמאל מעהר פערפאלגט. זיינע אנהאנגער האבען געמוזט אנטלויפען קיין אביסיניען און ער אליין — פיעל מאל זיך אין דער מדבר בעהאלטען.

אמאל האבען די אראבער ביי נאכט ארום גענומען זיין הויז, די טהיר אויס געהאקט און אריין אין דער שטוב אום מחמד'ן צו הרגענען; אין זיין בעט האבען זיי אבער ניט איהם, נור אלי'ן געפונען, ווארען מחמד איז דורך א לאך ארויס געקראכען און אנטלאפען קיין יאהטריב מיט אבו־בעקער, דאס אנטלויפען איז הייליג ביי די מחמד'אנער ביז היינט און זייער דאטע רעכנען זיי פון דאמאלס אן (622).

אין יאהטריב האבען יודען געוואוינט פון לאנגע צייטען אן[1], און פון זיי האבען

[1] אין אראביען האבען יודען געוואוינט פון אוראלטער צייטען און האבען א גרויסען איינפלוס געהאט אויף די אראבער; אין פריהריגע צייטען האט איין מלך אין אראביען (אבו־באריבא) מיט'ן גאנצען מיליטאר זיך מגייר געוועזען.

די איינוואוינער פיעל געהערט שטאנדיג וועגען דעם איינציגען גאט און דער תורה; דעריבער ווען מחמד איז דארט אהין געקומען און האט זיי געזאגט פון זיין נייע גלויבען, האבען זיי אין זיינע ווערטער פיעל עהנליכקייט געפונען צו דעם וואס זיי האבען פון יודען אפט געהערט. דרום איז זיי דאס גלויבען געפאלען און זיי האבען מחמד'ן זעהר גוט אויף גענומען, זיינע אנהאנגער פון מעקקא זענען צו איהם דארטהין געקומען, און ער האט כמעט אללע מענשען פון יאטהריב צו זיך צוגעצויגען, פון דאמאלס אן איז יאטהריב גערופען געווארען „מעדינאט אל נאבי" (די שטאדט פון נביא), אדער מעדינא.

מחמד האט גוט געוואוסט אז יודען האבען אויף די איינוואוינער א גרויסען איינפלוס, דעריבער ווען ער איז געקומען קיין יאטהריב, האט ער געטהון אלס וואס ער האט נאר געקאנט מיט יודען זיך אויס צו אייניגען; ער איז אין שטאדט אריין געקומען אין יום-כפור און האט דערזעהען אז יודען פאסטען, האט ער געזאגט צו זיינע אנהאנגער: „מיר ברויכען נייטהיגער צו פאסטען ווי יודען", און האט ביי זיי איינגעפיהרט דעם תענית אשורא.

מחמד האט מיט יודען כורת ברית געוועזען, און כדי זיך צו חנפנען צו זיי האט ער זיינע אנהאנגער געהייסען, אז ביים דאווענען זאללען זיי שטעהן מיט'ן פנים צו ירושלים; ווען איינער פון זיי האט געהאט א פראצעס מיט א יוד, האט ער אללע מאל גערעכט געגעבען דעם יוד, א מאל האט איינער פון זיינע אנהאנגער זיך גענומען פאר א שופט דעם יודישען הויפטמאן קאאב-איבן-אשאראף און זיין געגנער, א יוד — מחמד'ן; פון אנפאנג האט ער יודען אין מעדינא זעהר גוט געפאלען, זיי האבען איהם געהאלטען פאר א גר-צדק און האבען געמיינט אז דורך איהם וועט דאס יודישקייט אין אראביען פערברייטערט ווערען; דער גרעסטער טהייל יודען האבען זיך אבער פון איהם געהאלטען פון ווייטענס, ווארען זיי האבען געזעהען אז ער איז א גרויסער בעל-תאוה און האבען פערשטאנען אז זיי האבען ווייניג פון איהם צו האפען; א סך יודען האבען פון איהם געלאכט פאר די אראבער ביי יעדער געלעגענהייט און האבען זיי געוואלט איבער-צייגען, אז מחמד איז א פאלשער נביא.

מחמד האט דערנאך דערזעהען, אז ער וועט בשום אופן ניט קאנען יודען צו זיך צוציהען; זיינע אנהאנגער האבען אויך פון איהם פערלאנגט, אז ער זאלל זיי זאגען, צו עס איז אמת, אז דאס יודישע גלויבען איז פון הימעל, און ווען יא, וועלען זיי עס אן נעמען; מחמד האט אבער גוט געקאנט די אראבער און זייער נאטור, און האט פערשטאנען, אז עס איז אונמעגליך אז זיי זאלען קאנען האלטען אללע מצות פון דער תורה און די תאוה איינהאלטען, דעריבער האט ער געזעהען אז ער האט קיין אנדערען וועג פאר זיך ניט, נאר צו דערווייטערען זיך פון יודען.

די שנאה צו יודען האט ער אמערסטען ארויס געוויזען דאמיט וואס ער האט זיינע אנהאנגער מעהר ניט געהייסען שטעהן ביים דאווענען מיט'ן פנים צו ירושלים נאר צום טעמפעל קאאבא (623), ער האט אויך מבטל געוועזען דאס פאסטען אשורא און האט געהייסען פאסטען אין גאנצען חדש מערץ (ראמאדאן); ער האט אויך געזאגט אז אין תנ"ך איז בפירוש געשטאנען געשריבען פון איהם און פון זיין נביאות, נאר יודען האבען דאס ארויס געווארפען פון דעם היילִיגען ספר, פריהער האט ער געזאגט אז יודען האבען א אמת'דיג גלויבען, און דערנאך האט ער געזאגט פערקעהרט, אז ווייל יודען פערגאטטערן עזרא'ן (?), גלויבען זיי ניט אן גאטט.

מחמד האט געזעהען, אז קיין שום תחבולה וועט איהם ניט העלפען צו צוציהען צו זיך יודען און קריסטען, האט ער זיינע אנהאנגער געזאגט, אז ווייל די ערשטע נביאים (משה און ישו) האבען די איינגעשפארטע ניט געקאנט איבער-צייגען אפילו מיט וואונדער, דעריבער מוז ער, דער ערשטער נביא מאכען אללעס מיט דער שווערד, דעם טויט וועלכען דער מענש דערהאלט איבער זיין גלויבען מעקט אב אללע זיינע עבירות און פיהרט איהם אין גלייכען גן-עדן אריין.

די ווארטער האבען געטראפען אין הערץ פון זיינע אנהאנגער און אין צווייטען יאהר נאך זיין אנטלויפען פון מעקקא איז ער מיט 314 מאן בעפאלען א גאנצע מחנה אראבער פון דעם שטאמם קארייטשע (זיינע געגנער) און האט זיי ביי געקומען (ביים וואסער בעדער), און גערויבט אללעס וואס זיי האבען געהאט (624).

דער נצחון האט מחמד'ן מעהר אנהאנגער געברענגט, ווי זיין גאנצע לעהרע, און פון דאמאלס אן האבען זיי מיט שווערד און געוואלד, געוואלט איבער-צייגען אללע וואס האבען אין דעם נייען נביא ניט געגלויבט.

דאמאלס האט מחמד זיך גענומען צו יודען אויך, דאך האט ער מורא געהאט אן צו הייבען מיט די גרויסע יודישע שטאממע (א משפחה, א שבט) [1], נאר דעם שוואכסטען שטאמם קיינקאא האט ער שטארק פערפאלגט.

א יודישע פאעטין, אסמא פון שטאמם קיינקאא, (איהר מאן איז געוועזען אן אראבער) האט פערפאסט עפיגראמען אויף מחמד'ן און זיין נביאות; מחמד האט געדינגען אן אראבער אז ער זאלל זי הרגענען, דער אראבער האט זי ביי נאכט אויפ'ן געלעגער געהרגעט, און צו מארגענס האט מחמד געזאגט צו זיינע אנהאנגער, ווער עס וויל זעהען דעם מענש, וואס האט טריי געדיענט גאטט און זיין טרייען שליח

---

[1] די יודען אין אראביען זענען אויך איינגעטהיילט געוועזען אויף שטאממע, ווי די אראבער.

דער זאלל קוקען אויף עמעיר'ן (אזוי האט געהייסען דער רוצח); עטליכע טאג דערנאך איז געפינען געווארען טויט אויפ'ן געלעגער אן־אלטער הונדערט־יאהריגער יוד אבו־אפאק, איהם האט אויך געהרגעט דערזעלבער וואס האט געהרגעט אסמא; דערנאך איז אויך געהרגעט געווארען דער יודישער הויפטמאן קאאב־אבן־אשראף, ווייל ער האט געמאכט א הספד אויף די אראבער פון דעם שטאמם קארייש וואס זענען אום געקומען אין דער מלחמה נעבען בעדער.

אמאל האט איינער פון מחמד'ס אנהאנגער געהרגעט א יוד בשעת ער האט זיך מיט איהם געקריגט; די יודען פון שטאמם קייניקאא זענען געוועזען די „גואלי־הדם" און האבען דעם רוצח געהרגעט; ווען מחמד האט דאס דערהערט, האט ער צו זיי געשיקט אזוי: „ווערט איהר מיין נייע גלויבען אננעמען איז גוט, ווען ניט זייט גרייט מיט מיר מלחמה צו האלטען". זיי האבען איהם געענטפערט: מיר זענען גוט מיט דיר, נאר אז דו ווילסט מיט אונז מלחמה האלטען, חאטש מיר האבען דיר קיין שלעכטעס ניט געטהון, וועלען מיר דיר ווייזען וואס מיר קאנען אויך.

די יודען פונ'ם שטאמם קייניקאא האבען געמיינט אז די יודישע שטאממע נאדזיר און קורייזא וועלען זיי קומען העלפען, דעריבער האבען זיי זיך פערמאכט אין זייערע פעסטונגען נעבען מעדינא. מחמד האט זיי בעלאגערט און די יודען האבען זיך פינפצעהן טאג געוועהרט מיט גרויס גבורה; ווען זיי האבען אבער געזעהען אז קיינער קומט זיי ניט צו הילף און זיי אליין האבען שוין מעהר קיין כח ניט אויס צו האלטען, האבען זיי געעפענט די טהויערען און די מחמד'אנער אריין געלאזט; מחמד האט געהייסען אללע שליסען אין קייטען און אויס הרגענען. צווישען זיין מיליטער איז אבער געוועזען איין אנפיהרער אבדאללאה־אבן־אובייא וועלכער איז זעהר בעפריינדעט געוועזען מיט יודען; ער איז צו געגאנגען צו מחמד'ן און האט איהם אן געחאפט ביים פאנצער און האט צו איהם געזאגט מיט כעס: „איך וועל דיך ניט אבלאזען ביז דו וועסט פריי לאזען די געפאנגענע, זיי זענען געוועזען מיינע גוטע פריינד און האבען מיך געשטיצט מיט'ן גאנצען כח, אין אונזערע מלחמות מיט די שווארצע און רויטע מענשען האבען זיי מיר געהאלפען". מחמד האט מורא בעקומען פאר דעם גבור און האט געזאגט: „לאזט פריי די מענשען און גאטט'ס קללה זאלל פאלען אויף איהם (אבדאללאה) און אויף זיי". מעהר ווי זיבען הונדערט פאמיליעס האבען געמוזט איבער לאזען זייער גאנץ פערמאגען און אויס־וואנדערן קיין ארץ־ישראל (624).

נאך דעם נצחון האט מחמד געזאגט צו זיינע אנהאנגער: „איהר גלויבער, בעפריינדעט אייך ניט מיט קיין יודען און קריסטען, ווער עס בעפריינדעט זיך מיט זיי, איז אזוי ווי זיי. גאטט קאן ניט ליידען דאס זינדיגע פאלק".

אללע אראבער וועלכע זענען פריהער בעפריינדעט געוועזען מיט יודען, האבען

זיי פון דאמאלס אן זעהר פערפאלגט, נאר איין אבדאללאה איז זיי טריי געבליבען; ער איז אמאל מיט מחמד'ן מיט געגאנגען אין מלחמה אריין און האט מיט זיך געהאט זעקס הונדערט יודען פון דעם שטאמם נאדהיר; מחמד האט אבער ניט געוואלט, אז יודען זאלען מיט איהם מיט געהן, ביז זיי וועלען זיין גלויבען אן נעמען; די יודען האבען איהם ניט געוואלט פאלגען און זענען אוועק געגאנגען, דאמאלס האט אבדאללאה מיט זיין גאנץ מיליטער שטעהן געלאזט מחמד'ן און איז אויך אוועק געגאנגען.

ווי די יודען פון שטאמם נאדהיר האבען געזעהען ווי גרויס מחמד'ס שנאה איז צו זיי, האבען זיי געזוכט א תחבולה איהם צו הרגענען אהן מלחמה, זייער הויפטמאנן חויא־אבן־אחטאוו האט געשיקט מחמד'ן בעטען, אז ער זאלל איהם בעזוכען אין זיין שלאס זוהארא; מחמד האט זיין מיינונג ניט פערשטאנען און איז געקומען צו איהם, ווארום ער האט פון די יודען געוואלט אב נעמען דעם קנס, וואס זיי האבען געברויכט צו צאהלען פיר די אראבער וואס זענען דורך זיי געהרגעט געווארען.

ווי מחמד איז געקומען אויף דעם מויער פון שלאס, האט ער פערשטאנען פון די יודענס תנועות און זייער געשפרעך פון ווייטענס אז זיי ווילען איהם פון דער מויער אראב ווארפען, האט ער זיך אויף געחאפט און גיך ענטלאפען קיין מעדינא, און פון דארט האט ער זיי געשיקט זאגען, אז זיי זאלען זיך אויס־וועהלען איינס פון די צוויי: אוועק צו וואנדערן אין צעהן טאג, אדער גרייט צו זיין צום טויט אויב זיי ווילען ניט זיין גלויבען אן נעמען.

די יודען האבען געוואוסט אז זיי וועלען ניט קאנען מיט מחמד'ן מלחמה האלטען און האבען שוין געוואלט אויס וואנדערן, נאר אבדאללאה האט זיי פערשפראכען צו העלפען, דעריבער האבען זיי זיך בעהאלטען אין זייערע פעסטונגען.

מחמד האט זיי בעלאגערט און האט געהייסען אויס האקען אללע פרוכט־ביימער און פאלמען פון וועלכע זיי האבען זייער גאנצע פרנסה געהאט. זעקס טאג זענען זיי געזעסען אין בעלאגערונג און קיינער איז זיי צו הילף ניט געקומען; זיי האבען שוין מעהר ניט געקאנט אויס־האלטען און האבען זיך אונטער געגעבען, נאר מחמד האט זיי דאס לעבען געשענקט און האט זיי ערלויבט אוועק צו וואנדערן און מיט נעמען מיט זיך נאר אזוי פיעל וויפיעל איין קאמעל קאן אויף זיך טראגען.

פיעל יודען האבען דאס לאנד פערלאזט, נאר זייער הויפטמאן חויא און נאך אנדערע האבען דורכאויס געוואלט זיך נוקם זיין אן מחמד'ן; זיי האבען אויפגערעגט געגען מחמד'ן, די איינוואוינער פון מעקקא און נאך אנדערע אראבישע שטאממען, אויך דעם יודישען שטאמם קורייזא, אללע האבען כורת ברית געוועזען און האבען מיט צעהן טויזענד מאן ארויס־געריהרט אויף מחמד'ן, זיי האבען געוואלט מעדינא

בעפאלען פלוצלינג, נאר איין אראבער פון זייער מחנה האט זיך פערגנבעט צו מחמד'ן און האט איהם דעם סוד מגלה געוועזען; מחמד האט געהייסען גראבען טיעפע קאנאלען ארום דער שטאדט, כדי זיינע געגנער זאלען ניט קאנען צו קומען צו איהם.

די אראבער זענען געוואוינט געוועזען מלחמה צו האלטען מיט שווערד'ן, איינער געגען אנדערן, אבער ניט צו שיסען פון ווייטענס און זיי זענען אונגעדולדיג געווארען מיט'ן שיסען פיילען וועלכע זענען געפאלען אין די קאנאלען אריין, דערווייל האט מחמד פעולות געטהוען אן צו מאכען מחלוקת צווישען זיינע געגנער; ער האט איין אראבער אן גערעדט, אז ער זאלל זאגען די יודען פון דעם שטאמם קורייזא, אז זיין שטאמם ווילל אללע איבער לאזען און אליין שלום מאכען מיט מחמד'ן; די יודען האבען מורא בעקומען, און אין עטליכע טאג דערנאך, ווען די אראבער האבען יודען געזאגט אז זיי זאלען פרובען צו בעפאלען מעדינא, האבען יודען זיי גע-ענטווערט, אז זיי ווילען שבת ניט מלחמה האלטען און האבען אויך פערלאנגט פון די אראבער אז זיי זאלען זיי געבען זייערע הויפט-מאנערס קינדער פאר א משכון, אז זיי וועלען זיי טריי זיין; דערזעלבער אראבער וואס האט יודען גענארט, האט דאמאלס ווידער די אראבער דערצעהלט, אז יודען ווילען זיי איבער לאזען און אליין אוועק געהן. דאמאלס זענען א סך אראבער אוועק געגאנגען און די איבריגע האבען אויך געמוזט אויף הערען צו בעלאגערן.

נאך דעם האט מחמד געזאגט זיינע אנהאנגער, אז פון הימעל הייסט מען איהם אויסראטען די יודען פון דעם שטאמם קורייזא; מחמד האט צוזאמען גענומען פיעל מיליטאר און איז זיי בעפאלען (627). די יודען האבען געוואוסט, אז געגען אזוי פיעל מיליטאר וועלען זיי זיך ניט קאנען קיין עצה געבען, דעריבער האבען זיי זיך בעהאלטען אין זייערע פעסטונגען.

פינף און צוואנציג טאג האט מחמד זיי בעלאגערט, און ווען די בעלאגערטע האבען שוין ניט געהאט וואס צו עסען, האבען זיי געשיקט צו מחמד'ן, אז אויב ער וועט זיי ערלויבען אוועק צו וואנדערן מיט די ווייבער און קינדער, וועלען זיי איהם די פעסטונגען איבער געבען; מחמד האט אבער ניט בעשטאנען אויף דעם און האט פערלאנגט אז זיי זאלען זיך איהם אונטער געבען און ער וועט מיט זיי טוהען וואס ער וועט וועלען.

די יודען האבען זיך צו זאמען גענומען און האבען פערלאנגט פון זייער הויפטמאן קאאב-אבן-אססאד, אז ער זאלל זיי א עצה געבען וואס זיי זאלען טהוען; „קלויבט אייך אויס איינס פון די דריי — האט ער זיי געזאגט — נעמט אן מחמד'ס גלויבען, אדער הרגעט אליין אייערע ווייבער און קינדער, און דער נאך בעפאלט אייערע פיינד און שטארבט מיט זיי צו זאמען, אדער בעפאלט זיי אן שבת, ווען זיי וועלען זיכער זיין אז איהר וועט ניט מלחמה האלטען”. די עצות האבען זיי

אבער ניט געפאלען, זיי האבען ניט געוואלט אליין הרגענען זייערע ווייבער און קינדער, ניט מחלל שבת זיין און אמערסטען האבען זיי ניט געוואלט מחמד'ס גלויבען אן נעמען; „אז אזוי — האט א ב ן - א ס ס א ד צו זיי געזאגט — גיבט אייך אונטער מחמד'ן און לאז ער מיט אייך טהוען וואס ער וויל”.

ענדליך האבען זיך יודען געמוזט אונטער געבען און מחמד האט געהייסען אללע שליסען אין קייטען; איין שטאמם פון די אראבער מיט וועלכען יודען האבען זיך גוט פערהאלטען, האבען געבעטען מחמד'ן, אז ער זאלל אויף יודען רחמנות האבען און זאלל זיי ניט הרגענען; מחמד האט מורא געהאט זיי צו ענטזאגען און האט דאך יודען ניט געוואלט לעבען לאזען, דעריבער האט ער זיך א עצה געגעבען און האט די אראבער געענטווערט: „אייער הויפטמאן ס ע א ד איז קראנק פון די וואונדען וועלכע ער האט דערהאלטען פון יודען ווען זיי האבען בעלאגערט מעדינא, נאך אין א קורצע ווייליע וועט זיין נשמה געהן צו גאטט, דעריבער איז הייליג אלעס וואס ער זאגט, ווארען גאטט'ס רצון און זיין גייסט רעדט פון איהם, פרעגט איהם און ווי ער וועט זאגען, אזוי וועט זיין”.

ס ע א ד האט זיך אבער געוואלט נוקם זיין אן די וואס איבער זיי שטארבט ער (מחמד האט דאס פריהער פערשטאנען), דעריבער האט ער געזאגט, אז מען זאלל אללע מאנער אויס-הרגענען, די פרויען און קינדער פערקויפען און זייער פערמאגען זאלל צוטהיילט ווערען צווישען דעם מיליטאר; מחמד האט געזאגט, אז מען האט איהם פון הימעל מגלה געוועזען אז גאטט איז מסכים צו דעם משפט און זיבען הונדערט יודען זענען אויס געשחטען געווארען, זייערע ווייבער און קינדער — גענומען געווארען אין שקלאווענשאפט, נאר אנדערע יודען האבען זיי אויס-געקויפט פאר פערד און וואפען. פון די געפאנגענע האט איין מיידעל ר י ח א נ א חן בעקומען ביי מחמד'ן און האט זי געוואלט נעמען פאר א פרוי; זי האט אבער דער פון ניט געוואלט הערען.

פון אללע יודען פון דעם שטאמם קורייזא איז איבער געבליבען איין אלטער מאן ס א ב י ר - א ב ן - ב א ט א ה, און ער האט געהאט א גוטען פריינד ט א ב י ט צווישען די אנפיהרער פון מחמד'ס מיליטאר; טאביט האט געפועל'ט ביי מחמד'ן אז ער זאלל איהם לעבען לאזען און זאלל איהם אב געבען זיינע ווייבער און קינדער מיט דעם גאנצען פערמאגען; טאביט איז געלאפען מיט גרויס שמחה צו אבן-באטאה, וואס איז געלעגען אין געפאנגנים געשלאסען אין קייטען, און האט איהם די גוטע בשורה געזאגט.

— איך דאנק דיר זעהר — האט איהם דער אלטער געזאגט — נאר זאג מיר וואס מאכט אונזער הויפטמאן קאאב? — ער איז שוין טויט — האט דער אראבער געענטווערט. — און וואס מאכט חויא-אבן-אחטאוו, דער יודישער העלד? האט סאביר ווייטער געפרעגט. — ער איז טויט. אז אזוי — האט סאביר געזאגט — פערלאנג איך נאר

פון דיר דעם איינעם חסד, אז דו זאלסט מיך אויך הרגענען, װארען דער טויט איז מיר שוין ליעבער װי דאס לעבען! מאביט האט איהם געפאלגט און האט איהם געשחטען

נאך דעם האט מחמד בעלאגערט מעקקא, ער האט אבער די שטאדט ניט געקאנט איין נעמען און האט געמוזט מיט זיין מיליטאר אװעק געהן; זיינע אנהענגער האבען אבער געשטרעבט צו רויב. דעריבער איז מחמד בעפאלען די יודען אין חייבאר (א פראװינץ אין אראביען); חייבאר איז איהם אבער ניט אזוי לייכט געװעזען איין צו נעמען װי אנדערע פראװינצען, װארען דארט זענען געװעזען א סך שטארקע פעסטונגען, און פיעל העלדען האבען געװוינט זייער לאנד, און די יודען פון שטאמם נאדזיר, װעלכע האבען זיך דארט בעזעצט האבען אללע געשטארקט, כח און פייער צוגעגעבען; דער אנפיהרער פון יודען אין דער מלחמה איז געװעזען א יודישער הויפטמאן פון שטאמם נאדזיר קינאנה-אבנול-ראבינאה, װעלכער איז געװעזען א גרויסער גבור און אללע אראבער האבען איהם גערופען: „דער יודישער מלך"; ביי זיך האט ער געהאט א יודישען גבור מארהאב, װעלכער האט פיעל מענשען אויף אמאל געהרגעט; מחמד איז אליין געװעזען אין דער מלחמה און האט מיט זיך מיט-געהאט פירצעהן טויזענד מאן.

צװיי חדשים האט די מלחמה געדויערט און יודען האבען דורך דער צייט אויס געהרגעט זעהר פיעל פון מחמד׳ס מיליטאר, דאך האבען דער נאך די מחמד-אנער מנצח געװעזען, זיי האבען געפאנגען דעם גבור קינאנאה און האבען איהם זעהר געפייניגט, אז ער זאלל זיי זאגען װאו יודען האבען בעהאלטען זייער געלד אין פעסטונג; ער האט זיך אבער געלאזט פייניגען ביז ער איז געשטארבען און האט זיי קיין װארט ניט געװאלט זאגען.

אללע פעסטונגען האבען זיך מחמד׳ן אונטער געגעבען, נאר אויף דעם אופן אז מחמד זאלל זיי איבער-לאזען אויף׳ן ארט, דאס מיליטאר זאלל מיט׳ן געװעהר פריי ארויס-געהן פון די פעסטונגען, נאר העלפט פון זייערע תבואות זאלען זיי מוזען געבען מחמד׳ן אללע יאהר; די מחמד׳אנער האבען דאמאלס צוגענומען זייער גאנץ פערמאגען (מטלטלין) (628).

די איינװאוינער פון מעקקא האבען נאך עטליכע מלחמות שלום געמאכט מיט מחמד׳ן אויף צעהן יאהר און האבען איהם ערלויבט אין שטאדט אריין צו געהן אויף דריי טאג; די אנפיהרער פון די „גלייבער" האבען דער-װייל בעפאלען פערשיעדענע אראבישע שטאממען און האבען זיי גענייט אן צו נעמען דאס נייע גלויבען; װען מחמד האט דער נאך דערשפיהרט ביי זיך נייע כחות, האט ער געבראכען דעם שלום מיט מעקקא, און איז די שטאדט בעפאלען, זיינע אנהענגער האבען געפאנגען דעם הויפטמאן פון מעקקא, אבו-סאפיאן און איהם גענייט אן צו נעמען דאס נייע גלויבען, דער נאך איז ער אליין אין דער שטאדט אריין אב צו-רעדען די איינװאוינער, אז זיי זאלען אויך דאס נייע גלויבען אן נעמען; מחמד איז

מיט זיין גאנץ מיליטאר אין דער שטאדט אריין, זיבען מאל געגאנגען ארום דעם טעמפעל קאאב, און שרייענדיג: „גאטט איז גרויס" האט ער אללע גאטצען פון דעם טעמפעל ארויס-געװארפען (12 יאנואר 630). 15 טאג איז ער געװעזען אין מעקקא דער נאך איז ער צוריק קיין מעדינא

פון פערשיעדענע אראבישע שטאממע זענען דארט אהין געקומען שליחים צו מחמד׳ן; ער האט זיי גוט אויף גענומען און אין ערשטען פערלאנג איז געװעזען די גאטצען אויס-צו-ראטען.

ער האט זיך דער נאך שוין געשפיהרט ביים כח אפילו מיט די גרעסטע מלכים מלחמה צו האלטען, און האט געװאלט אויך סיריען בעפאלען; פון דער מלחמה אין חייבאר, האט ער זיך אבער א גוט אנדענקונג מיט גענומען: א יודישע פרוי זיינאב, דעם העלד מארהאב׳ס שװעסטער איז איהם שטארק געפאלען, און ער האט זי מיט זיך מיט גענומען; זי האט איהם געגעבען האפנונג זיינע תאות צו ער־פילען; אמאל האט זי פאר איהם מיט זיינע מענשען געמאכט א מאהלצייט און האט זיי געגעבען פערסם׳ט פלייש צו עססען, איינער פון זיי איז באלד געשטארבען, נאר מחמד האט דער-שפיהרט א שלעכטען טעם אין מויל און האט דאס פלייש באלד אויס-געשפיגען, דעריבער איז ער לעבען געבליבען, נור ער האט דער נאך לאנג גע־קרענקט און איז פון דעם סם געשטארבען (632).

װען מחמד האט געפרעגט זיינאב׳ן, פאר װאס זי האט איהם געסם׳ט? האט זי איהם געענטװערט: „דו האסט מיין פאלק זעהר פערפאלגט און פיעל צרות אן געטהוען, מיין פאטער האסט דו אויך געהרגעט, דעריבער האב איך מיר געקלע־ערט: ביזט דו ניט קיין נביא װעל איך מיין פאלק מיט דעם סם א ישועה ברענ־גען, ביזט דו אבער יא א נביא, װעט דאך דיך גאטט היטען און דער סם װעט דיר ניט שאדען".

מחמד האט זי געהייסען הרגענען, און זיין מיליטאר האט ער פערבאטען צו ניטצען די כלים װאס זיי האבען גערויבט אין חייבאר.

די װעלכע האבען מחמד׳ס שטעל פערטרעטען, הייסען קאליפען, דער ערשטער קאליף איז געװעזען אבו-בעקער, װעלכער זיין טאכטער איז געװע־זען איינע פון מחמד׳ס װייבער (ער האט געהאט עטליכע צװאנציג װייבער).

אבו-בעקער האט געלאזט צו זאממען נעמען אללע מחמד׳ס רעדען און לעה־רען, דאס בוך אין װעלכען עס געפינען זיך די אללע לעהרען הייסט „אלקאראן".

די גרונדען פון זיין רעליגיא זענען: א) גלויבען אן גאטט און אן זיין נביא מחמד; ב) אב היטען דעם זמן תפלה און ריינינגען זיך; ג) געבען צדקה און פאסטען אין חדש ראמאדאן (מארץ); ד) געהן קיין מעקקא.

דער יסוד פון דעם גאנצען מחמד'אנישען גלויבען איז גאטט'ס (אללאה) איינהייט; דאס איינהייט בעווייזט דער אלקאראן מיט די ווארטער: „אברהם'ען האב איך געוויזען מיין מלכות פון הימעל און ערד, כדי זיין אמונה זאלל געשטארקט ווערען.

ווען עס האט איהם ארום גענומען די נאכט מיט איהר פינסטערניש, און ער האט דער זעהען די שטערן, האט ער א געשריי געטהוען: א, דאס איז מיין גאטט! ווען די שטערן זענען אבער פערשוואונדען געווארען, האט ער געזאגט: איך וויל ניט דיענען קיין גאטט וואס ווערד פערשוואונדען; ער האט געזעהען ווי די לבנה קומט ארויס, א, דאס איז מיין גאטט! האט ער ווידער א געשריי געטהוען, און אז די לבנה איז אונטער-געגאנגען האט ער געזאגט: ווען גאטט וואלט מיר מיין שכל ניט דער-לייכט, וואלט איך געבליבען אין טעות; ווען די זונן האט אויף געשיינט, האט ער ווידער א געשריי געטהוען: א, דאס איז מיין גאטט! ער איז גראסער ווי אללע אנדערע! און ווען די זונן איז אבער אויך אונטער-געגאנגען, האט ער געזאגט: מיין פאלק, איך חילל ניט געהערען צו דער דיענסט פון אייערע געטטער, און איך הייב אויף דעם קאפ צו דעם וואס האט בעשאפען הימעל און ערד, איך דיען זיין איינהייט, מיין האנד וועט צו די געטצען קיין קרבנות ניט מקריב זיין, (די זעלבע לעגענדע עטוואס געענדערט, געפינען מיר אויך אין מדרש).

— גאטט האט אראב געשיקט אויף דער ערד — דערצעהלט דער אלקאראן — זיינע פייערדיגע מלאכים, די העכסטע פון זיי זענען: גבריאל, מיכאל, דער מלאך המות עזריאל (ער איז אזוי גרויס, אז פון זיין איין אויג ביז צום אנדערן איז זיבציג טויזענט טאג רייזע), דער מלאך פון תחית המתים ישרפיאל, נאר איינער פון די מלאכים איז ניט געוועזען געהארזאם גאטט, דעריבער איז פון איהם געווארען א שטן; און אום צו פערפלאנצען דאס אמת'ע גלויבען צווישען מענשען, האט גאטט אראב געשיקט די אבות און די נביאים: אברהם, ישמעאל, משה, יעזו און מחמד.

עס וועט קומען א יום-הדין — האט מחמד געזאגט — אין זעלבען מען וועט הערען א קול-שופר, פון דער ערד און די בערגער וועט ווערען שטויב, די הימעל וועלען זיך צו פאלען, און עס וועלען זיך בעווייזען אכט מלאכים, וואס טראגען גאטט (אללאה) אויף זיין שטוהל, דאמאלס וועלען אללע שלעכטע מענשען און אונגלויבער געשטאסען ווערען אין שאול-תחתית אריין און מען וועט זיי שליסען אין אייזערנע קייטען, וועלכע זענען לאנג זיבציג עהלען, עססען וועט מען זיי געבען שרעקליכע פרות פון דעם בוים זאקקום, טרינקען — פערפוילט וואסער א. ז. וו.; די גלייבער אבער וועלען אריין געהן אין גן-עדן, וועלכעס איז אויס-געשפריצט מיט וואסער און בעשאטענט מיט די שאנסטע ביימער; די צדיקים וועלען דארט האבע

אללע תענוגים; גרינע זיידענע מלבושים אויס-געשטיקט מיט גאלד, האלדז-קייטען מיט פערל, הויכע שטיהלען און בעטען; צוויי מאל טאגליך וועלען זיי עססען צו דער זאט, טרונקען וויין וואס איז ניט משכר, וואסער פון גן-עדן-קוואל.

קינדער, וועלכע וועלען אייביג יונג זיין, וועלען ארום טראגען פערשיעדענע געטראנקען אין טהייערע כלים, צום אונטער-האלטונג וועלען זיי האבען זייערע אייגענע פרויען, וועלכע וועלען זיך קיין מאל ניט עלטערן און זעהר שאנע מיידליך מיט שווארצע אויגען.

איידער מען קומט אבער אין גן-עדן אריין, מוז מען דורכגעהן די בריקק אל-סיראט, וועלכע האנגט איבער'ן תהום און איז שמאלער ווי א האאר, די משא פון אן עבירה וועט דעם מענש אריין ווארפען אין גיהנם אריין, און נאר א צדיק וועט קאנען בשלום די בריקק דורך געהן.

די געאגראפיע אין 19-טען יאהר הונדערט.

(בעארבייטעט נאך פראפעסער קארל פוילמאנן).

עס רוהט ניט דער מענשליכער גייסט און עס זאטטיגט זיך ניט זיין חשק צו פארשען און זוכען, גריבלען און געפינען נור נייעס און נייעס! דער „עץ-הדעת" איז זעהר גרויס און הויך, זיינע צווייגען גרייכען ביז צו די הימלען, און דער מענש ווערט ניט מיעד צוקלעטטערן צווישען זיי, פליקען זייערע בלומען און קלייבען זייערע פרוכטען, די ארבייט איז א שווערע, די מיה איז אונגעהייער גרויס, אבער שאן זענען די בלומען און זיסס איז די פרוכט: זיי עפענען די אויגען, זיי ערקוויקען דאס הארץ און פערצוקקערין דאס לעבען. שווער איז דאס זוכען, אבער אנגענעהם דאס געפינען; אנגענעהם איז דעם פערשטאנדיגען מענשען צו בעטראכטען, ווי ווייט זיין גייסט האט שוין געשטיגען און ווי גרויס זענען די אוצרות וויססענשאפט, וואס ער האט שוין געזאממעלט! —

איינער פון די „עץ-הדעת" צווייגען איז די געאגראפיע, דאס הייסט די בעשרייבונג פון דער ערד. זייט דער מענש האט געעפענט זיינע אויגען און אנגעהויבען בעטראכטען וואס עס טהוט זיך ארום איהם, האט ער געזוכט צו ערקענגען די ערד אויף וועלכע ער לעבט. ער האט געזעהן אז זי איז ווייט און ברייט, און איהם האט זיך געגלוסט צו קומען ביז איהרע גרענעצין, וויססען גענוי ווי ווייט און ווי ברייט זי איז, ווי גרויס זענען איהרע ימים און אינזלען, טייכען און יבשה, בארג און וואלדער. ער האט בעמערקט אז די ערד איז פול מיט אייגענשאפטען (מעלות) און ער איז געווארען נייגיעריג צו קענען זיי אללע גענוי, וויססען מיט וואס צייכענט זיך אוס איין ארט פונ'ם צווייטען, מיט וועמען איז די ערד באזעצט און בעוואקסען אין

איין געגענד און מיט וועמען — אין דעם אנדערען געגענד: ווי איז די נאטור איהרע אין איין לאנד און ווי — אין דעם אנדערן לאנד. — טויזענדער יאהרען זוכט שוין און פארשט דער מענשליכער גייסט, טויזענדער ספרים זענען שוין אנגעשריבען מיט נייעס — און ביז צו דעם שפיץ צווייג געאגראפיע איז נאך זעהר זעהר ווייט, ווייל ברייט און גרויס איז די ערד, און פיעל זענען נאך די ערטער וואס דעם מענשענס אויג האט נאך ניט גענוי בעטראכט און זיין פעדער — נאך ניט ריכטיג בעשריבען. און אז טויזענדער יאהרען וועלען אוועקגעהן און מיר וועלען שוין האבען גענוג בעשרייבונגען פון אללע ווינקעלעך פון דער ערד, אין די לאנד-קארטען וועט זיין אויפגעצייכענט אפילו דאס קלענסטע טייכעלע און בארגעלע, און אין געמאלדען וועלען מיר האבען פאר זיך אויסגעמאהלט אללע געגענדען מיט זייער גאנצער פראכט און שאנקייט — וועט דער מענשליכער גייסט נאך אלץ האבען גענוג ארבייט, ווייל פיעל, זעהר פיעל זענען די סודות וואס ליגען פארבארגען אין דער ערד אינוועניג, איהרע כוחות און אייגענשאפטען זענען אגאנצער תהום, און דעם מענשענס שכל וויל דאס אללעס וויססען.

אין אונזער יעצטיגען ארטיקעל וויללען מיר געבען א גאנץ קורצע בעשרייבונג פון די נייעס וואס האט זיך אויפגעטהון אין דער געאגראפיע אין אונזער יעצטיגען, 19-טען יאהר-הונדערט. מיר נעהמען אונז צו הילף דעם גרויסארטיגען ספר, וואס דער פראפעססאר קארל פוילמאנן האט נאר-וואס ארויסגעגעבען און בעשריבען אין איהם דעם פארשריטט, וואס דער מענש האט געמאכט אין אללע וויססענשאפטען, פון זיינע ווארטער וועללען מיר ארויסנעהמען נור א תמצית, א קצור, אבער דאס ביססעל וועט אויך גענוג זיין, צו געבען דעם לעזער א בעגריף, ווי דאס קליין מענשעלע רוהט ניט, ווי זיין פערשטאנד ארבייט אן אויפהער, ווי זיין אויג זוכט און זיין שכל מיט זיין געדולד געפינט, דער לעזער וועט זעהען, ווי ווייט מיר האבען מעהר ערקענט אונזער מוטטער ערד, אין דעם לעצטען יאהר-הונדערט.

אין אונזער 19-טען יאהר הונדערט זעהען מיר א שטארקען אונטערשייד פון די פאריגע צייטען מיט דעם, וואס פריער האבען זיך די מוטיגע רייזענדער פון איירָאפא אוועקגעלאזט אין שיפפען צו זוכען און געפינען נייע לאנדער, און אינ'ם 19-טען יאהר-הונדערט האט מען זיך דאס רוב בעשאפטיגט צו ערקענגען און אויספארשען אט די געפונענע לאנדער, זיך בעזעטצען אין זיי און ווערען דארט בעלי-בתים. — פון די 95 מיליאן מענשען וואס וואהנען אין גאנץ אמעריקא, זענען נור 7 מיליאן געבירטיגע היימישע קופפער-פארביגע אמעריקאנער. 62 מיליאנען שטאמען פון איירָאפא וואס זענען אהין אנגעלאפען און צוגענומען זיך דאס גאנצע לאנד (די איבריגע זיינען 10 מיליאן נעגער און 16 מיליאן געמישטע). אין צפון אמעריקא זענען געקומען די איירָאפאער און האבען זיך גענומען צו ערד-ארבייט און האבען פערטריבען און ארויסגעשטופט די היימישע אינדיאנער שבטים וואס

האבען געלעבט פון די וואלדער און פון יאגד. דא אין צפון אמעריקא האבען זיך די קאלאניסטען אליין בעשעפטיגט צו אויספארשען דאס גאנצע לאנד און גענוי ערקענען אלע איהרע ווינקעליך. מעהר פון אלע האט זיך מיט דעם בעשעפטיגט א אינזשענער, יאהן פרעמאנט (געבוירען אין געארגיען אינ'ם יאהר 1813). ער האט דורכגערייזט און גוט בעטראכט דאס גאנצע לאנד „מיננעסאטא", דען גרויסען טייך „דעסמאינעס" (Desmoines), די געגענדען אין מערב זייט פון מיססורי, און נאך פיעל אנדערע מקומות, וועלכע זענען נאך געוועהן כמעט אונבעקאנט. אויסער איהם זענען אין אמעריקא געוועזן פיעל אנדערע אייראפעער, וואס האבען ארומגערייזט און גרינדליך בעטראכט די מדינות פון צפון און דרום אמעריקא

אויסטראליען בכלל איז נאך אין 17-טען יאהר-הונדערט ענטדעקט געווארען דאס לאנד איז אבער ביז דעם היינטיגען יאהר-הונדערט נאך ניט געוועזן בעזעצט מיט אייראפעער און איבערהויפט נאך ווענינ אויסגעפארשט. אינ'ם יאהר 1786 האט די ענגלישע רעגירונג בעשלאסען, מען זאל דארט גרינדען קאלאניעס. דאס ערשטע — איז געבליבען — זאל מען אהין פאר-שיקען פארברעכער (אויף פאסילעניע ווי ביי אונז נאך סיביר). 1788 זענען אהין אנגעקומען עטליכע שיפען מיט 778 פערברעכער. דער קאפיטאן פון די שיפען האט געהייסען ארטהור פיליפ, און איהם האט טאקי ענגלאנד געמאכט פאר דעם גובערנאטור איבער די שטאדט וואס וועלען געבויט ווערען. דאס ערשטע האט מען געגרינדעט די שטאדט „סידניי" און ארום איהר האבען זיך די פארשיקטע באזעצט. און קוים האט מען נור, ווי מען זאגט, אריינגעשטעקט אפיססעל אין לאנד, קוים איז נור געגרינדעט געווארען סידניי, האבען די רייזענדע ערשט רעכט זיך גענומען צו לאזען טיעף אין לאנד אריין, אויספארשען און בעטראכטען זי גענוי. אינם 1813 איז דער רייזענדער עוואנס אריבערגעגאנגען די „בלויע בארג" און האט געמאכט דען אנפאנג (התחלה) צו דער היינטיגער שטאדט „באטהורסט" צוויי יאהר שפעטער האט ער ענטדעקט דעם טייך „לאהלאן". די רייזענדע: האמילטאן, הום און האוועל זענען אינ'ם יאהר 1824 אנגעקומען מיט זייערע שיפען ביז דעם ברעג פון „וויקטאריא", שפעטער האבען אנדערע זיך געלאזט פאהרען אויף דער יבשה, האבען ארויפגעקלעטערט אויף די העכסטע בארג, זענען דורכגעפאהרען פיעל אינזלען און געגענדען וואס קיין אייראפעאישע פוס איז נאך דארט ניט געוועזן. אין די יאהרען 1860—62 האט סטוארט דורכגערייזט גאנץ אויסטראליען אין דער ברייט, און איז קוים אלעבעדיגער צוריקגעקומען אהיים צו זיינע לייט. אינם יאהר 1858 האט ענגלאנד אויפ-געהערט פארשיקען אין אויסטראליען פארברעכער (אויסער אין מערב זייט פונם לאנד). יעצט געפינען זיך אין אויסטראליען 2798,000 אייראפעער; פון די ווילדע זענען מעהר ניט געבליבען ווי 30 טויזענד און פון יאהר צו יאהר ווערען זיי אלץ ווייניגער.

דער ערדטהייל אפריקא איז שוין בעוואוסט פון טויזענדער יאהרען. אבער נור א קליינעם טהייל פון איהם האבען מיר געקענט; דער גראסטער טהייל איז אונז געוועזן גאנץ פרעמד און ווי מיט א געדיכטען שלייער פאר-האנגען. ביז עס האבען זיך אין דעם 19-טען יאהרהונדערט געפונען מוטהיגע (סמיעלע) רייזענדער וואס האבען איינגעשטעלט זייער לעבען און זיך געלאזט פאהרען טיעף אין יענעם לאנד, בעטראכטען און פארשען. פיעל פון זיי זענען שוין ניט צוריקגעקומען; די ווילדע האבען זיי געהרגעט, אדער דער קלימאט מיט די פארשידענע קראנקהייטען האבען זיי געממית'ט. — אינ'ם יאהר 1822 האט דער נאטורפארשער עדוארד ריפפעל בעטראכט און גענוי אויסגעפארשט דאס לאנד מצרים. און שפעטער מיט זיבעצען יאהר האט ער אויסגעפארשט אביסיניען. אין די יאהרען 1822—24 האט די ענגלישע רעגירונג געשיקט א עקספעדיציע, דאס הייסט: א גאנצע קאמפאניע פון געלערנטע לייט, וועלכע האבען דורכגערייזט און בעטראכט און בעשריבען דען מיטטעלסטען טהייל פון לאנד „סודאן", די אזערא (ים) „טשאד" און די מדבריות וואס צווישען סודאן און פעססאן. כמעט אלע פון יענער קאמפאניע זענען אויסגעשטארבען אויפ'ן וועג, נור איין איינציגער, ריטשארד לאנדער, איז געקומען צוריק אלעבעדיגער און אינם יאהר 1830 האט ער מיטגענומען זיין ברודער און האט זיך געלאזט ווייטער רייזען אויפ'ן טייך „ניגער". זעהען וואו ער ענדיגט זיך, ד"ה: וואו גיסט ער זיך אריין. דערווייל זענען אנדערע רייזענדע געפאהרען אין אנדערע וועגען און האבען אנגעשפארט ביז „טימבוקטו", שפעטער האט די ענגלישע רעגירונג געשיקט נאך פיעל עקספעדיציעס, וועלכע האבען ענטדעקט און אויסגעפארשט פיעל נייע גע-גענדען און האבען אראפגענומען כמעט דען גאנצען שלייער פון אפריקא'ס פנים. מעהר פון אלע האט אויפגעטהון דער בעריהמטער רייזענדער ליווינגסטאן, א מיסיאנער, וועלכער איז אויסגעפאהרען אין די געפאהר-ליכסטע ערטער און איז אזוי טיעף אריינגעקראכען אין אפריקא, אז איהם איז שוין געוועזן שווער צוריק ארויסקריכען.

אין מצרים, ווייסען מיר, פלייצט דער טייך נילוס. ער קומט אן ערגעץ פון ווייט, פון טיעף אפריקא. אבער וואו איז זיין אנפאנג? וואו איז זיין ערשטע קוועלע? אין וועלכע געגענדען לויפט ער דורך און וואס טהוט זיך דארט אין יענע פארבארגענע מקומות? די פראגען האבען שטארק פאר-אינטערעסירט די געבילדעטע לייט. עס איז אבער אריזיקע זיך לאזען אין אזא ווייטען אונבעקאנטען וועג פארשען און זוכען; דאס לעבען איז איינ-געשטעלט: טאמער בלייבט ערגיץ די שיף און קען שוין ניט צוריקקעהרען; טאמער בעפאללען זי ווילדע שבטים און טיידטען אוים אלעמען א. ד. ג. אבער דער חשק צו פארשען און ענטדעקען נייעס לאזט זיך ניט אבשרעקען, און זיך מפקיר זיין פאר דער וויססענשאפט איז פון די קלייניגקייטען ביי די אמתע געבילדעטע לייט. אין אונזער 19-טען יאהר הונדערט האבען זיך

אויך געפונען אזאלכע לייט, וואס האבען זיך געלאזט אויף סכנות נפשות אין טיעף אפריקא, זיך ניט געשראקען פאר די גרעסטע צרות און אפילו ניט פאר'ן טויט, א דאנק זיי האבען מיר יעצט כמעט איין אויספיהרליכע (פאדראבנא) לאנד-קארטע פון גאנץ אפריקא און מיר קענען שוין כמעט אלע איהרע מדינות מיט די גרויסע טייכען מיט די אלטע וואלדער און די הונדערטער שבטים וואס לעבען דארט.

דער ערשטער וואס האט געשיקט עקספעדיציעס, אויפזוכען די קוועלע אדער דען אנפאנג פון דעם טייך „נילוס", איז געוועזען דער רעגירער פון מצרים מחמד עלי, די לייט זענען דאס ערשטע מאל אינ'ם יאהר 1839. און דאס צווייטע מאל אין 1843 געפאהרען אויף דעם ווייסען נילוס און זיי האבען אנגעשפארט ביז „גאנדאקארא", וואס היינט הייסט עס „לאדא". דארט איז אבער אלץ ניט דער אנפאנג פונ'ם נילוס, קאטוילישע מיסיאנערען האבען זיך געפרובט פאהרען נאך ווייטער פון „לאדא" און זיי זענען צוגעקומען ביז די וואססערפאללען, ד"ה וואו דער נילוס גיסט זיך אראפ מיט א שרעקליכען אימפעט פון א הויכען ארט אין דער נידער אראפ. ווייטער האבען זיי שוין מורא געהאט פאר רסוק-איברים. די סוחרים פון העלפאנטביין האבען געגרייכט נאך ווייטער, אבער אלץ ניט געקומען ביז צום סוף, דאס האט געלונגען ערשט דייטשע מיסיאנערען וואס זענען געפאהרען גאר מיט איין אנדער וועג, פון מזרח זייט. רעבמאנן האט אינ'ם יאהר 1848 ענטדעקט דאס שנעע-בעדעקטען וואולקאן „קילימאנדשארא" (וואולקאן הייסט א בארג וואס אין מאנכע צייטען שפייט ער פון זיך פייער). אז רעבמאן מיט זיינע וועגס-לייט האבען דערצעהלט די חדושים וואס זיי האבען אליין געזעהן אויפ'ן וועג, האבען זיי אריינגעגעבען חשק דער געאגראפישער חברה אין לאנדאן, זי זאל שיקען א קאמפאניע מענשען, צו זוכען און פארשען. צווישען די לייט איז געוועזען דער קאפיטאן בורטאן און ספעק, און זיי האבען אינ'ם יאהר 1857—59 ענטדעקט די גרויסע שטעהענדיגע וואססערען (זעען אדער אזערעס) „טאנגאניקא" און „אוקערעווע". ספעק איז געפארען אויף דעם אוקערעווע ביז צו זיין ברעג אין צפון זייט, און ביי איהם איז געוועזען פעסט אז פון דארט נעהמט זיך דער נילוס. אויף זיינע שפעטערע רייזען האט ער זיך דערוואוסט אז דער נילוס האט נאך א צווייטע קוועלע, און אינ'ם יאהר 1864 האט ער ענטדעקט דעם זעע (אזערא) „מוואוטאן". ווי עס ווייזט אויס איז איהם געוועזען אביסעל שווערליך ארויס ריידען דאס ווארט, און ער האט דעם זעע אנאמען געגעבען „אלבערט-ניאנזא". — א גרויסע אמעריקאנישע צייטונג, דער „נויארקער העראלד" האט געשיקט אויף איהרע הוצאות דעם רייזענדען סטאנליי. ער זאל פאהרען אין אפריקא, אפזוכען דען פארפאללענעם מיסיאנער ליווינגסטאן. ער האט איהם אינם יאהר 1871 געפונען אלט און קראנק. שפעטער, אין 1874 איז סטאנליי דאס צווייטע מאהל געפאהרען אין אפריקא, זוכען וואו עס ענדיגט זיך דער גרויסער טייך

קאנגא". ערשט נאך גאנצע 3 יאהר רייזע איז ער געקומען אהין, וואו דער קאנגא גיסט זיך אריין. ג. ראהלפס, עמיל האלוב און א מענגע אנדערע רייזענדע זענען אויך געפאהרען אין פערשידענע זייטען פון אפריקא און דאס רוב פון זיי האבען שוין ניט דערלעבט צוריקקומען. פון אונזערע אחינו בני ישראל איז אויך געוועזען איינער א בעריהמטער אפריקא רייזענדער, עמין פאשא, וואס ווען ער איז געוועזען א יוד האט ער געהייסען ישראל שניצלער. ער האט זיך פארלעגט א קליין מלוכה'לע ערגיין אין א מדינה אין אפריקא, אבער דער טויט האט איהם דא ניט לאנג צוגענומען.

אינ'ם יאהר 1873 איז אין דייטשלאנד געגרינדעט געווארען א חברה, עקסטרא צו פארשען אפריקא. זיי האבען זיך פארקוקט אויף ענגלאנד, וואס דארט איז שוין פון לאנג געוועזען א גאנצע חברה צו דיזען צוועק. אינ'ם יאהר 1876 האט דער בעלגישער קעניג (לעאפאלד) צוזאממענגערופען אין זיין הויפט-שטאדט בריססעל א גרויסע אספה פון אללע פרעזידענטען פון די געאגראפישע חברות אין דער גאנצער וועלט, און האט פאר זיי פארגעלייגט מאכען צוזאממען א גרויסע אפריקאנישע חברה און ער לעאפאלד זאל זיין טאקי איהר ראש. 1884 האט די חברה איבערגענומען די ממשלה אין קאנגא, ד"ה: די עלטסטע פון די ווילדע שבטים וועלכע וואהנען אין די לאנדער נעבען דעם טייך קאנגא, האבען זייער ממשלה איבערגעגעבען דער חברה. — בכלל האבען אלע איראפעאישע רעגירונגען אנגעהויבען רייסען זיך שטיקער אפריקא און מאכען דארט קאלאניעס, און עס איז גאנץ געווים אז אין א פאר הונדערט יאהר וועט פון אפריקא ווערען דאס אייגענע וואס פון אמעריקא און אויסטראליען: די איראפאער וועלען דארט ווערען די גאנצע בעלי-בתים און וועלען ארויסשטופען די היימישע ווילדע און האלב ווילדע פעלקער.

אויף דער פערטער טהייל פון דער ערד, דאס אלטע אזיען, האט אינ'ם 19-טען יאהר הונדערט שטארק געצויגען צו זיך די איראפעאישע פארשער. דער געלעהרטער אדאלף ערמאנן האט פון 1828 ביז 1831 דורכגעפארשט געאלאגיש און נאטורוויססענשאפטליך דאס קאלטע „סיביר". ער האט דער ערשטער אויסגעוויזען מיט אותות ומופתים, אז די רויט-הויטיגע מענשען וואס געפינען זיך אין צפון-אמעריקא זענען פון איין שבט מיט די אסטיאקען וואס וואהנען אין מערב-אזיען. — אינ'ם יאהר 1830 האט זיך אוועקגעלאזט קיין פעקינג (די הויפטשטאדט פון חינא) א מיסיאן פון רוססישע מאנאכען, און מיט זיי איז געגאנגען דער אסטראנאם געארג פוסס און דער באטאניקער פאן בונגע. און אונטערוועגס האבען זיי בארעכענט גענוי די לאגע פון 30 ערטער אין מאנגאליען און אויסגעמאסטען ווי הויך איז דער שטח פון דעם מדבר „גאבי". אינ'ם יאהר 1834 האט פ. גאבעל דורכגעפארשט די זאלץ-סטע צווישען דעם אוראל און דער וואלגא. לויט ווי ער האט בארעכענט נאך דער דריקונג פון דער לופט (באראמעטריש) ליעגט דער קאספישער ים טיעפער מיט 98 פוס ווי דער שווארצער ים.

נאכדעם האט מען געמאסטען אונ עס האט זיך ארויסגעוויזען אז ער האט כמעט רעכט אונ דער קאספּישער ים ליגט טאקי נידריגער מיט 75 פוס פון דעם שווארצען ים. — אינ'ם יאהר 1837 האט דער געלעהרטער פאן בּאר דורכגעפארשט וועלכע געוויקסע אונ פלאנצונגען געפינען זיך אין „לאפּפּלאנד“ ביז דעם ברעג ים אין צפון זייט, אונ אין „נאוואיע זעמליא“. אין דעם זעלבען יאהר איז איין אנדערער פארשער געפאהרען אין דעם לאנד פון די סאמאיעדען, וואס דורך די גרויסע פרעסט וואקסען דארט ניט קיין ביימער נור גראז אונ קרייטאכצער. (דאס לאנד הייסט טונדרי). ער האט בעטראכט ווי די נאטור זארגט דארטען, אז די גראזער זאלען דורך די מורא'דיגע פרעסט ניט צופרוירען ווערען; ווי פריהער, איידער די פרעסט הייבען זיך אן בעדעקט זי זיי מיט א געדיכטען שנעע. דער שנעע פארדעקט אונ בעשיצט זיי, ביז עס קומט די זונן אונ צושמעלצט דעם שנעע אונ דערווארעמט אביסעל די גראזער אונ וועקט זיי אויף צו א קורצען פרייען לעבען. — דארט אין די „טונדרי“ אז עס קומט דער קורצער פריהלינג איז דארט א מין יומא אריכתא: די זונן שיינט אונ ווארעמט אין מיטטען נאכט גלייך ווי ביי טאג. — דער רייזענדער מידדענדארף איז נאך ווייטער געגאנגען צו צפון זייט ביז דעם טיימירלאנד, צווישען דעם טייך יעניסיי אונ האטאנגא. אין דער אייגענער צייט האט איין איינוואהנער פון יאקוטסק געלאזט בויערען א ברונען טיעף אין דער ערד, ער איז געוועזען טשעקאווע צו וויססען, ווי טיעף די ערד איז דארט געפרוירען. גראבענדיג ביז 382 פוס טיעף, האט איהם געדאכט אז ער האט שוין געגרייכט ביז צו דער ווארימער ערד (עס איז ידוע אז טיעף אין דער ערד איז די היטץ שרעקליך גרויס). אבער מידדענדארף האט געמאסטען יעדען טאג, האט ער געזעהן אז ביי 20 פוס טיעף האלט די קעלט 8 גראדען רעמיור, אונ ביי די 382 פוס טיעפקייט איז נאך אלץ געוועזען 2 גראדען קעלט. אונ אז מען האט געבויערט נאך 117 פוס טיעפער איז קוים געווארען מיט 1 גראד איין אונטערשייד.

דאס לאנד חינא (אויך אין אזיען) האט דער געלעהרטער מאנן פערדינאנד ריכטהאפען אינם פערלויף פון 5 יאהר (1867—1872) דורכגעפארשט אונ בעשריבען אין א בעזונדער ספר, וועלכעס הייסט טאקי „חינא“ דאס לאנד יאפאן ווידער האט גרינדליך אויסגעזעהן אונ אויסגעפארשט דער דאקטאר זיעבאלד, וואס האט זיבען יאהר געוואהנט דארט אין יענער מדינה אונ האט אלעס גענוי בעשריבען אין זיין ספר „ניפפאן“ (געדרוקט אינ'ם יאהר 1832). אנדערע געלעהרטע אונ רייזענדע האבען אויסגעפארשט אינדיען אונ מיטטעל-אזיען. זיי האבען אונז אויפגעדעקט אפגאניסטאן אונ די לענדער ארום אפגאניסטען. ריטשארד פראנצים בורטאן איז געוועזען איינער פון די ערשטע אייראפּאער וואס זענען געוועזען אין מעקקא, די שטאדט וואס דארט איז דער קבר פון מחמד אונ זי איז אזוי הייליג ביי די מאהמאדאנער, אז זיי לאזען ניט אהין אריין קיין קריסטען, ער זאל חלילה

ניט מטמא זיין דאס הייליגע ארט. בורטאן האט געקאנט זעהר פיעל שפראכען אונ האט אויסגעצייכענט געוואוסט די הנהגות פון יענע לייט, דארום איז איהם געלונגען זיך פארשטעללען מען זאל איהן ניט דערקאנען, אונ ער איז בשלום צוריק געקומען אונ האט גרויסארטיג בעשריבען די חדושים וואס ער האט אלץ געזעהן. — דער אינזעל יאווא איז אינ'ם יאהר 1835 גרינדליך אויסגעפארשט געווארען דורך פראנץ ווילהעלם יונגהוהן; ער האט גענוי בעטראכט וואס פאר א מין ערד דארט איז אונ וועלכע געוויקסע עס וואקסען דארט.

איינער פון די שווערסטע ערטער פאר די רייזענדע, וואס ווילען אויספארשען די גאנצע ערד אונ אללע איהרע טהיילען, איז דער נארדפאל (ציר הצפוני) ד"ה: דער עקסטער טהייל פון אונזער ערד-קוגעל אין צפון זייט. דורך די בערג אייז וואס שווימען דארט אויפ'ן אייז-מעער (ים הקרח) איז שווער דארט צו פאהרען. יעדאך האבען זיך פיעל מענשען איינגעשטעלט דאס לעבען אונ זיך געלאזט אהין זוכען אונ פארשען, אונ זייער מיה איז ניט געוועזען אומזאנסט. ענדע 18-טען אונ אנפאנג 19-טען יאהר הונדערט האבען די רייזענדע געפונען דארט א סך אינזלען וואס זענען אין צפון זייט אזיען, ווי למשל: נאי-סיביר, ווראנגעל-לאנד אונ נאך אנדערע. מען האט אויך ענטדעקט, אז נאוואיע זעמליא בעשטעהט ניט פון איין איינציג אינזעל, נור פון עטליכע אינזעלן. שפעטער האבען פיעל רייזענדע ריזיקירט אונ זיך געלאזט פאהרען נאך נאהנטער צום נארד-פאל, מאנכע זענען שוין ניישט צוריק געקומען, זייערע שיפען זענען ערניץ צובראכען אדער פארטרונקען געווארען צווישען די בערג אייז; אנדערע אבער זענען בשלום צוריק געקומען אונ האבען געבראכט פיעל נייע ידיעות אונ זעלטענע בעשרייבונגען 1872—74 האבען די צוויי עסטרייכישע רייזענדער ווייפרעכט אונ פאיער געפונען, פאהרענדיג צום נארדפאל, א גרופפע אינזלען, וועלכע הייסען היינט „פראנץ-יאזעפ'ס לאנד“. אז פאיער איז צוריק געקומען פון זיין רייזע, איז ער געווארען א מאלער אונ האט אויסגעמאלט פיעל אינטערעסאנטע בילדער פון זיין געפאהרליכע רייזע. — פון די בעשרייבונגען פון נסיעות צום נארד-פאל איז שוין דא א היבשע ליטעראטור, אונ יעצט ווען מיר שרייבען געפינט זיך אויך איינער א מוטהיגער רייזענדער, וואס שוין דאס צווייטע יאהר האט ער זיך אוועקגעלאזט מיט זיין שיף צום נארדפאל, אונ דערווייל איז נאך קיין ידיעה ניטא פון איהם.

דער ענגלאנדער דזעמס ראסס האט ווידער אינ'ם יאהר 1839 אונטערגענומען א נסיעה צום זיד-פאל (ציר הדרומי), ד"ה צום צווייטען עקסטען טהייל פון אונזער ערד-קוגעל אין דרום זייט, וואו איבער די קעלטען אונ אייז איז אויך שווער צו פאהרען — הגם דארט איז צייטענווייז אויך ווארימער ער האט אינם יאהר 1841 געפונען דארט א שטיק יבשה אונ האט דאס אין דעם נאמען פון דער קעניגין וויקטאריא צוגענומען פאר ענגלאנד.

ארומפאהרען מיט א שיף ארום דער גאנצער וועלט איז אין אונזער יאהר הונדערט שוין גאר ניט פון די גרויסע הדושים. נאך אינ'ם יאהר 1803 האט די רוססישע רעגירונג געשיקט איינעם קרוזענשטיין, ער זאל מאכען א רייזע מיט א שיף ארום דער וועלט. די רייזע האט ביי איהם געדויערט ביז פיער יאהר (קיין דאמפף שיפען זענען נאך דאמאלס ניט געוועזען, און די רייזענדע זענען געוועזען נאך אבהענגיג פון ווינד און אנדערע אומשטאנדען) 1830—32 און 1837—40 איז לאפלאס ארומגעפאהרען און נאכדעם נאך אנדערע. נור זיי זענען אלין געפאהרען לשם מצוה, ד"ה נור פארשען און זוכען נייעס און ברענגען נוטצען דער וויססענשאפט. היינט פאהרט מען שוין אזעלכע רונד-רייזען פראסט לשם מסחר, געשעפטס וועגען.

מיר האבען דא אין אונזער ארטיקעל דערמאנט א היבש ביסעל נאמען פון רייזענדע און פארשער, און דאס איז נאך ניט קיין מן המעשר פון די וואס זייער נאמען האבען מיר דורכגעלאזען. יעדער האט עפיס ענטדעקט, יעדער האט עפיס בעשריבען און געשילדערט, און אז מען זאל וועלען צונויפקלויבען זייערע אלע ספרים, וואלט מען געדארפט האבען צו זיי א גאנץ גרויס הויז. — נור איינער פון די גרעסטע און בעריהמטסטע צווישען אלע רייזענדע, וואס האט פאר דער וויססענשאפט געטהון מעהר ווי אלע, איז געוועזען אלכסנדר פאן הומבאלדט. דער בעריהמטער חכם איז געבוירען געווארען אין ברלין אין 1769. נאכדעם ווי ער האט ביי זיין רבי „ווערנער" געלערנט געאלאגיע, ד"ה די קענטנים וועגען דער ערד, און האט קונה שלימות געוועזען נאך אין אנדערע חכמות, איז ער 1798 געגאנגען אין פאריז, מען זאל איהם דארט אריינעהמען אין דער קאמפאניע וואס איז געפאהרען אויספארשטען מצרים. דאס איז איהם אפילו ניט געראטען, אבער זיטצענדיג אין פראנקרייך האט ער געמאכט דארט גרויסע בעקאנטשאפטען און האט בעקומען שארפע רעקאמענדאציעס צו דער שפאנישער מלוכה. 1799 איז ער מיט זיין א מיט-פאהרער דער באטאניקער באנפלאנד געקומען אין מדריד, די הויפט-שטאדט פון שפאניען, די רעגירונג האט איהם זעהר שאן צוגענומען און האט איהם ערלויבט, און אפילו מיטגעהאלפען ער זאל ארומפאהרען אויסזעהען און אויספארשען אלע פראווינצען אין אמעריקא וואס זענען אונטער דעם שפאנישען שוטץ, און נאך אנדערע ווייטע מקומות. די ביידע לייט האבען דורכגעוואנדערט די אנטיללען, גאנץ דרום-אמעריקא, זענען ארויפגעקראכען אויף דעם ריעזיגען בארג „חימבאראזא" ביז 18,096 פוס אין דער הויך, נאכדעם האבען זיי דורכגערייזט דאס לאנד מעקסיקא, און דורך פילאדעלפיא האבען זיי צוריק געקעהרט נאך איראפא, און הומבאלדט איז ניט ארויסגעפאהרען בעטראכטען די אלע ערטער אבערפלאכליך, אדער ווי אנדערע רייזענדע, וואס האבען יוצא געוועהן אז זיי האבען נור מאטעמאטיש בארעכענט ווי ווייט און גרויס איז יעדעס ארט, אדער אז זיי האבען צוזאמענגעקליבען און געבראכט א היים פארטריקענטע אונבעקאנטע גע-

וויקסען, אדער געטריקענטע פעלל פון חיות. ביי הומבאלדט איז דאס געוועהן דאס מינדעסטע, ער האט געזוכט עטוואס וויכטיגערס ער האט געפארשט און געזוכט צו ערקענען די נאטור פון דער ערד און ווייל ער איז געוועזען דער גרויסער ידען אין די זאכען און דער גרויסער שטערענזעהער אויך. און האט געהאט די בעסטע אינסטרומענטען, איז איהם געראטען צו מאכען די בעסטע און ריכטיגסטע לאנד-קארטען פון די מקומות וואס ער האט געזעהן, אויף יעדען ארט וואו ער איז געקומען, האט ער באלד בארעכענט די לאגע פון דעם ארט, און ווי איז דארט דער האראקטער פון דער ערד, און וועלכע צמחים קענען דארט וואקסען לויט דעם קלימאט א. ד. ג.

הומבאלדט האט דער ערשטער בארעכענט, וויפיעל מאגנעטישען כח די גאנצע ערד האט אין זיך; ער האט אויסגעפארשט וואו איז די ערד מעהר מזל-ברכה'דיג אין תבואה, צו אין מעקסיקא אדער אין די שפאנישע קאלאניעס אדער אין אינדיען; ער האט געוויזען דעם חילוק פון דער ערד-ארבייט אין די לאנדער פון א מיטטעלען קלימאט און א הייסען קלימאט. הומבאלדט האט בארעכענט וויפיעל עדלע מעטאללען עס זענען פון אמעריקא געבראכט געווארען אין איראפא, זייט מען האט ענטדעקט די נייע וועלט, און ער האט אויסגעוויזען אז די עדלע מעטאללען (גאלד, זילבער) פארשפרייטען זיך פון מערב צו מזרח — הייסט עס: אין מערב זייט זענען זיי מעהר ווי אין מזרח זייט. פאר אונז פראסטע מענשליך, איז עס אפשר א קליינע נפקא מינה אזוי צו אזוי, אבער פאר די חכמים זענען געוועהן הומבאלדס אויפטהועכצען ווי טהייערע אוצרות. און פיעל פון זיינע רייזע-בעשרייבונגען זענען אזוי שאן און פראכטפאלל, אז אפילו דער איינפאכסטער מענש קען פון זיי האבען פיעל פערגניגען לעזענדיג.

אינם יאהר 1829 איז הומבאלדט געפאהרען פון פעטערבורג צו דעם בארג אלטאי און ער איז אין 9 מאנאטען אויסגעפאהרען 2520 מייל, די רייזע האט איהם געגעבען שטאף צו בעשרייבען די נאטור פון מיטטעל-אזיען, ערקלערען די צוזאממענשטעללונג פון די דארטיגע בערג, פון וואס זיי בעשטעהען, ווי אזוי זיי זענען געווארען און וועלכע מעטאלען געפינען זיך אין זיי. — עס איז פיעל צו רעדען וואס הומבאלדט האט אליין אויסגעפארשט און אויפגעטהון, נור דער בעסטער סימן פון זיין גרויסקייט איז, אז ניט נור זיינע דייטשען, נור אפילו אלע אנדערע פעלקער האלטען פון איהם עולם ומלואו און זיינע ביכער זענען אנגענומען אין דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

אין דעם 19-טען יאהר הונדערט האבען זיך די חכמי הגעאגראפיע בעשעפטיגט זעהר פלייסיג אפזוכען און אויסגראבען אלטע שטאדט, וואס זענען שוין לאנג פארשיטט געווארען אין דער ערד. די געשיכטע פון דעם איז אזוי געוועזען.

אינם פאהריגען יאהר הונדערט 1748 האט מען גראבענדיג אין דער

ערד געפינען רעשטליך פון דער אלטער שטאדט פאמפיי. דאס האט אריינגעגעבען די מענשען חשק, מען זאל דארט נאך ווייטער גראבען, און פון 1763 ביז 1775 האט מען דארט אפגעזוכט ביידע טהעאטערס, א סך טעמפלען, א בית הקברות און פיעל „וויללעס“, ד"ה שאנע זומערגעביידען, וואס זענען געווען ארום דער שטאדט. אין די יאהרען וואס מוראט האט רעגירט (1808—1815) האט מען אויסגעגראבען און אפגעזוכט דאס געריכטס-הויז (בית המשפט) פון יענער פארצייטישער שטאדט, און די גאנצע שטאדט פעסטונג. אלאנגע צייט האט מען דארט שוין ניט געגראבען, ביז ווען נעאפאל איז פארבונדען געווארען מיט איטאליען, ד"ה ביז דעם יאהר 1860, דאמאלס האט מען ווייטער אנגעהויבען גראבען און זוכען.

אין איטאליע האט געלעבט א קינסטלער פון וואססער-בויאכצען, ער האט געהייסען בעלזאני (געבוירען 1778, געשטארבען 1823). ויהי היום האט מען איהם געלאזט רופען אין מצרים, ער זאל דארט דעם פאשא בויען עפעס א קונציגע וואססער-מאשינע. זייענדיג דארט אין מצרים האבען איהם לייט צוגערעדט, ער זאל זיך אפגעבען מיט די אלטע אנטיקען פון מצרים. בעלזאני האט געפאלגט האט זיך גענומען (1815) זוכען, גראבען, קריכען אין היילען טהון כל ההתפעלות, און ער האט טאקי געפונען פיעל זעלטענע זאכען. למשל, ער האט אין דעם טהאל ביי טהעבען, וואס דארט זענען געווען די קברים פון די מלכי מצרים, געפונען פיעל קברים מיט מומיען (חנוטים). ער האט געפונען איין אריינגאנג אין דער וואונדערליכער פיראמידע פון חפרון און האט געעפענט דעם קבר פון פרעה נכו א. ד. ג. צייט דאמאלס האט מען זיך גענומען פעסט צו די קברים פון מצרים, מען לאזט די מומיעס קיין מנוחה ניט. און מען האט ענטדעקט מאססען זעלטענע אנטיקען, עס האט זיך פאר אונז געעפענט א גאנצע אלטע וועלט, און מיר בעטראכטען זייער וואונדערליכע קולטור און פיעל היסטארישע שאלות זענען אונז דאדורך ערקלערט געווארען.

אינ'ם יאהר 1807 איז אין באגדאד געוועזען איין ענגלישער געלעהרטער מאנן, דזשעמס ריטש. איהם איז ארויף אויף די געדאנקען צו זוכען אין די חורבות פון דער אלטער שטאדט בבל, טאמער וועט ער עפיס דארט געפינען אנטיקען. עס איז איהם געלונגען און ער האט טאקי געפונען א גאנצע סך האנד-שריפטען, טהייערע שטיינער, מטבעות, טאפלען אד"ג 1816 איז ער צוריק געקומען אין אייראפא און אין 4 יאהר שפעטער האט ער זיך אוועק געלאזט אין קורדיסטאן און זיך גענומען זוכען אין די חורבות פון דער פארצייטישער שטאדט נינוה. ער איז אבער געבאך דארט געשטארבען אויף דער חליבע. נאך איהם האט זיך גענומען דער פראנצאזישער קאנזול Botta, זוכען און גראבען אין יענע חרבות, און האט פיעל זעלטענע זאכען געפונען. אנדערע מענשען האבען איהם נאכגעטהון און האבען אויך אויסגעגראבען מאססען זעלטענהייטען.

אינ'ם יאהר 1851 האט די פראנצאזישע ממשלה געשיקט אונזער ברודער יוליוס אפפערט, אויספארשען די אלטע חורבות פון מעסאפאטאמיען, און ער האט דארט פארבראכט ביז 1854 און ער האט צום ערשטען מאהל אויסגעפארשט אללע ערטער פון דעם פארצייטישען בבל.

דער פארשער Buelé (געבוירען 1826, געשטארבען 1874) האט זיך גענומען צו דער אויסגראבונג פון דער פעסטונג פון דער פארצייטישער שטאדט אטהען (דאס איז די שטאדט אתונא וואס איז דערמאנט אין דער גמרא „סבי דבי אתונא“). ער האט דארט פיעל וויכטיגע זאכען ענטדעקט. אינ'ם יאהר 1870 האט א רייכער סוחר פון מעקלענבורג היינריך שליעמאנן גענומען זוכען און אויפגראבען דאס ארט, וואו אמאל איז געווען די שטאדט „טראיא“. ער האט געפונען חורבות פון 6 שטאדט. וואס זענען איינע נאך די אנדערע געבויט און דער נאך פארשיטט געווארען דורך ערדציטטערנישען. — אויך אויפ'ן אינזעל „ציפערן“, אין מיטטעל אמעריקא, אין פערו און אנדערע ערטער האט מען געגראבען און אויפגעזוכט פיעל רעשטליך פון אמאליגע שטאדט און די אמאליגע קולטור (ישוב העולם).

אין אונזער ארץ-ישראל האט מען אין 19-טען יאהר הונדערט אויך פיעל געגראבען און געפארשט און געזוכט אין פערשידענע ערטער, און מיר האבען היינט מענגעס בעשרייבונגען, ווי ארץ-ישראל האט אמאל אויסגעזעהען און ווי עס זעהט אויס היינט.

בכלל בעשאפטיגט מען זיך היינט אין אללע לאנדער מיט זוכענגען און בעשרייבונגען. אין יעדער לאנד זענען דא גאנצע חברות מיט צייטונגען און זשורנאלען צו ערדבעשרייבונג, צו סטאטיסטיק, צו מעטעאראלאגישע בעטראכטונגען, צו זוכענגען פון אנטיקען, צו שילדערונגען פון פארצייטישע פעלקער וואס האבען דארט געוואהנט א. ד. ג.

דער פארשטארבענער עסטרייכישער קרוינפרינץ רודאלף איז געוועזען א שטארקער ליעבהאבער פון אזאלכע חקירות און בעשרייבונגען, ער האט פארלעגט א רעדאקציע צו ארויסגעבען א זשורנאל „עסטרייך אונגארן אין ווארט און בילד“. די גראסטע שרייבער האט ער צו זיך גערופען, די בעסטע מאלער און קינסטלער האט ער אנגאשירט, זיי זאללען איהם מיטהעלפען, שילדערן מיט ווערטער און מיט בילדער דאס לאנד און די מענשען. — נאך דעם טרויעריגען טויט פון דעם קרוינפרינץ האט דער זשורנאל ניט אויפגעהערט צו ערשיינען. זיין אלמנה סטעפאניא גיט זיך אפ מיט דעם.

די לאנד-קארטען זענען אין 19-טען יאהר הונדערט העכסט אויסגעבעססערט, און אז מען בעטראכט זיי אללע, זעהט מען אז זעהר גרויס איז די וועלט, אבער אויך גרויס איז דעם מענשענס גייסט, וואס פארשט אויס אללעס מיט זיין חכמה.

י. ח. זאגאראדסקי.

ספורים פון תלמוד און מדרשים.

געשריבען פיר דעם „הויז־פריינד" פון יהושע הלוי מזח מו"ל „גן־הפרחים"

יב. אלכסנדר מוקדון

כ"ה טבת, פינף און צוואנציג טאג אין חודש טבת איז געוועזען פארצייטען ביי יודען א יום טוב, מען האט איהם גערופען „הר גרזים". 1) מען האט ניט געטארט אין יענעם טאג מאכען א הספד. די מעשה איז אזוי געוועזען: אין יענעם טאג האבען די כותים געבעטען דעם מלך אלכסנדר מוקדון ער זאל חרוב מאכען דעם בית המקדש, דער קעניג האט געוואלט זייער פערלאנג טהון, ער האט זיי פארשפראכען צו מאכען א תל פון ירושלים. פון דער מעשה האט זיך דערוואוסט שמעון הצדיק, האט ער זיך אנגעצויגען זיינע קליידער, (בגדי כהונה), און ער האט גענומען זיינע ברידער די כהנים אויך פיעל פארנעהמע הערען פון ירושלים מיט זיך. זיי האבען גענומען גרויסע פאנארען מיט ליכט אין זייערע האנד, א גאנצע נאכט זענען זיי געגאנגען, ביז זיי האבען זיך צוזאממען געטראפען ביי א בארג, אלכסנדר מיט זיינע מענשען זענען געגאנגען פון איין זייט בארג און שמעון הצדיק מיט זיינע מענשען פון דעם אנדערען זייט בארג, אין אנטיפטור איז זיי ליכטיג געווארען. ווי זאנגע האט אויפגעשיינט, אלכסנדר האט זייא געזעהען און געפרעגט זיינע מענשען; וואו זענען די מענשען וועלכע מיר האבען באגעגנעט? די מענשען זיינע האבען איהם געענטפערט; דאס זענען די יודען וואס האבען אן דיר מורד געוועזען, ווי דער קעניג האט דערזעהען שמעון הצדיק, איז ער אראבגעקראכען פון זיין וואגען, האט זיך פאר איהם געבוקט, זיינע שרים האבען איהם געפרעגט: ווארום בוקט ער זיך צו א יודען? האט דער קעניג זיי געענטפערט: איך זעה זיין פנים זעהט אויס ווי דער פנים פון דעם הייליגען גאטטליכען געשטאלט וועלכען איך פלעג שטענדיג זעהען בעת איך פלעג מלחמה האלטען, מנצח זיין מיינע פיינד מיט זיין הילף. דער קעניג האט געזאגט צו שמעון הצדיק: זאג מיר דיין פערלאנג, פילייכט ווילסטו מיינע א האלבע מלוכה וועל איך דיר געבען, שמעון הצדיק האט געענטפערט: אויב איך האב געפונען חן אין דיינע אויגען, קעניג, און אויב דעם קעניג געפאלט, פערלאנג איך פון דיר מיין בית המקדש, און אויך מיין פאלק דו זאלסט זיי ניט חרוב מאכען. דאס גרויסע הויז—דער בית

1) די כותים האבען געהאלטען דעם בארג גרזים הייליג. זיי האבען דארט געדיענט עבודה זרה.

המקדש אין ירושלים איז אנ'ארט פאר אללע פעלקער דארט גאט צו בעטען. אין ירושלים, אין יענעם ארט בעטען יודען אללע טאג דעם גרויסען גאט פאר דיין געזונד פאר דיין מלוכה נאר יעטצט האבען זיך געפונען שלעכטע מענשען וועלכע ווילען דו זאלסט חרוב מאכען דאס הויז ווייל זיי בעקימערען זיך ניט וועגען דיר, זיי ארט ניט אז דו וועסט פארלירען געטרייע אינטערטהאנער ווי יודען זענען, דער קעניג אלכסנדר האט געזאגט צו שמעון הצדיק: ווער זענען די שלעכטע מענשען וואס ווילען שלעכטעס טהון אייך? שמעון האט געענטפערט: די שלעכטע מענשען, די פיינדע, זענען די כותים וועלכע שטעהען דא פאר דיר.

אין יענעם טאג האט דער קעניג אלכסנדר געגעבען ערלויבניס דעם שמעון הצדיק צו טהון מיט די כותים אזוי ווי ער פערלאנגט, ער האט איהם ערלויבט די כותים צו הרגענען און צו נעהמען זייער פארמעגען, די יודען האבען געטהון אזוי ווי אלכסנדר האט זיי בעפוילען, זיי האבען די כותים געטריבען איבער דערנער ביז זיי זענען געקומען צום בארג גרזים, דעם בארג האבען זיי צו אקערט, אזוי ווי די כותים האבען געטראכט צו טהון דעם בית המקדש. אין יענעם טאג האבען יודען געמאכט א מאל צייט, זיי זענען געוועזען זעהר פריילין.

(יומא)

יג. צוויי חכמים

אמאל אז דער כהן גדול איז יום כפור ארויס געגאנגען פון בית המקדש, האבען איהם פיעל פאלק בעגלייט, שמעיה ואבטליון זענען אויך געקומען דארט. ווי דאס פאלק האט דערזעהען די צוויי גרויסע חכמים האבען זיי געלאזען דעם כהן גדול אליין און זענען נאכגעגאנגען די צוויי חכמים, ווייל דאס פאלק האט געוואוסט צו שעטצען חכמת התורה מעהר ווי די רייכקייט פון כהן גדול. שמעיה און אבטליון זענען צו געגאנגען נאהנט צום כהן גדול נעהמען ביי איהם אבשייד, האט ער צו זיי געזאגט מיט כעס; זאלען פון די פרעמדע פעלקער געהן א היים צו זייער פאלק. (זיי זענען געוועזען גרים פון די פאמיליע סנחריב) האבען זיי איהם געענטפערט: די פרעמדע וואס טוהען אזוי ווי אהרן הכהן האט געטהון זאלען קומען אהער בשלום. אבער אהרן'ס קינדער וואס טוהען אזוי ווי אלע פעלקער טוהען (געטצען דינער) זאללען ניט קומען אהער בשלום.

(שם)

יד. אין דער צייט

יעדען פריה מארגען פלעגט רבי קיבא מיט זיינע תלמידים געהען שפאצירען אין פעלד, דארט פלעגען זיי זיך אברוהען אונטער א פייגענבוים זיצען דארטען און לערנען. זיי האבען געזעהען יעדען טאג גאנץ פריה קומט דער בעל השדה (וועמען דער פייגענבוים געהערט) און קלייבט אב די פארטיגע פייגען, די תלמידים האבען

חושד געווען דעם מענשען. זיי האבען זיך געטראכט: פילייכט קומט ער יעדען מארגען אבקלייבען די פערטיגע פייגען ווייל ער מיינט חלילה מיר וועלען עסען די פייגען, און אריינלעגען אין אונזערע קעשענעס זיי זענען דאריבער פון דארט אוועק געגאנגען אויף אנאנדער ארט. ווי דער מענש האט געזעהען אז די תלמידים האבען זיך געזעצט אונטער איין אנדערענס בוים און זיינעם האבען זיי פארלאזען, האט ער זיי אנגעפאנגען בעטען רחמים ותחנונים זיי זאלען זיך אומקערען אונטער זיין פייגענבוים, ער האלט דאס פאר א גרויסע זכיה זיי זאלען אונטער זיין בוים לערנען. די תלמידי חכמים האבען איהם דעם אמת געזאגט: „מיר האבען מורא געהאט טאמער ביסטו אונז חושד אז מיר עסען פון דיינע פייגען, נאר אז דו פערלאנגסט מיר זאלען אונטער דיין בוים זיטצען, וועלען מיר אזוי טהון". זיי האבען זיך צוריק אומגעקערט אונטער זיין פייגענבוים. ויהי ממחרת, אויף מארגען פריה האט דער מענש ניט אראבגענומען די צייטיגע פייגען פון בוים, אזוי ווי ער פלעגט אלע פריה מארגען טהון. ווען די זונן האט אויפגעשיינט, זענען אין די פערטיגע פייגען אריינגעקראכען ווערעם, און די פייגען זענען קאליע געווארען. ווי די חכמים האבען דאס געזעהען, האבען זיי איינער צו דעם צווייטען געזאגט: יעטצט זעהען מיר דאס דער מענש האט אונז ניט חושד געווען, כוּר ער האט געוואוסט זיין צייט, און האט זיין ארבייט געטהון אין דער צייט.

רבי עקיבא האט צו זיינע תלמידים געזאגט. דער פון קאנט איהר אייך קלינגען און פארשטעהען דאס דער גאטט וואס זיטצט אין הימעל ווייסט געוויס די צייט פון עהרליכע יודען, ווען זיי האבען דאס זייערע אבגעטהון, ווען זיי ברויכען זיך זעגנען מיט דער וועלט און געהן אין אנאנדער וועלט.

(בראשית רבה)

טו. פארקוקט זיך

א גרויסער פארנעהמער מאן האט געשיקט רופען רבי עקיבא און האט צו איהם געזאגט: איך וויל פרעגען ביי דיר דיין עצה, דו זאלסט מיר דעם אמת זאגען אזוי ווי דו קלערהסט: דו ווייסט געוויס אז איך בין פון די כושים (שווארצע מענשען) און מיין פרוי איז אויך א כושית, דארפען דאך מיינע קינדער אויך זיין אזוי ווי מיר זענען שווארץ, לסוף האט מיין פרוי געבארען א קינד האלב וויים, געוויס האט מיין פרוי געגען מיר געהאנדעלט פאלש, און אונטריי... וויל איך, דו זאלסט מיר געבען א עצה אויב איך זאל דאס קינד טייטען ווייל ער איז א ממזר, אדער ניין. רבי עקיבא האט איהם גיענטפערט: הרגענען א מענשען איז ניט פון די קליינע זאכען, זאג מיר אפשר האסטו ביי דיר אין צימער בילדער ווייסע צו וועלכע דו דינסט 1) — יא — האט דער

1) די גאטטצענדינער, פארצייטיגע היידען, פלעגען דינען צו אנ'אקס, אשלאנג א. ז. וו. זייערע בילדער פלעגען זיי מאכען פון שטיין, האלץ, זילבער, גאלד, מאנכע היידען פלעגין מאכען אשווארצע פארבע, מאנכעם א ווייסע א. ד. ג. דארום האט איהם רבי עקיבא געפרעגט: וואס פאר א פארב זיינע גאטטער האבען...

פארנעהמער גרויסער הערר געזאגט — איך האב בילדער אבער מיינע בילדער וועלען אזא זאך ניט טהון, זייא האבען אויגען און זעהען ניט, האבען קיין מאל קיין תאוה ניט. — איך וויים דערפון — האט רבי עקיבא געזאגט — דיין פרוי אבער האט אפענע אויגען זי האט אויף זיי געקוקט, זי האט די בילדער ליעב, דערפאר האט זי געבארען א ווייס קינד. דער גרויסער מאן האט רבי עקיבא'ן געדאנקט, וואס ער האט איהם אבגעהאלטען פון טייטען זיין קינד.

(במדבר)

טז. „גם זו לטובה"

צוויי און צוואנציג יאהר האט רבי עקיבא געלערענט ביי זיין רבי „נחום איש גמזו". פון אלע זיינע מדות טובות האט ער זיך אבגעלערענט, דארונטער איז געווען די מדה צו זאגען אויף אלץ וואס מיט איהם האט זיך פאסירט (געטראפען) „גם זו לטובה".

ויהי היום, איינעם טאגעס איז רבי עקיבא געגאנגען אויפ'ן וועג, ביי זיך האט ער געהאט א לאמטערנע עס האט געברענט א ליכט, מיט א האן און א עזעל, ער איז געקומען אין א שטאדט ביי נאכט. קיינער האט איהם ניט געוואלט אריינלאזען נאכטיגען, האט רבי עקיבא געזאגט: „גם זו לטובה". ער איז ארוים געגאנגען פון שטאדט אין פעלד אריין, דארט גענאכטיגט, עס איז געקומען א ווילדע קאטץ און האט דעם האן צוריסען, דער ווינד האט די לאמטערנע פארלאשען, א לייב האט דעם עזעל צוריסען, רבי עקיבא האט געזאגט: „גם זו לטובה". אין יענער נאכט איז א גרויסע מחנה בעפאלען אויף דער שטאדט, אלעמען אוים געהרגת, נור די שוואכע אלטע און קראנקע האבען זיי איבער געלאזען, די שונאים האבען גענומען אלץ וואס זיי האבען געפונען און זענען געגאנגען זייער וועג, האט רבי עקיבא געזאגט צו די זקנים, זעהט איהר ווי ריכטיג עס זענען די רייד „גם זו לטובה". 1)

(ברכות)

יז. אין אייזערנעם געדולד

איינער פון גליל העליון איז געגאנגען און געקומען אין א פרעמדע שטאדט, ער האט דארט בעקומען א ארט וואו צו דינען. דריי יאהר האט ער געדינט, זיין טערמין האט זיך געענדיגט ערב יום כפור, ער האט געזאגט צו זיין בעל-הבית. בעצאהלט

1) ווען דער ווינד וואלט ניט פערלאשען די לאמטערנע וואלט דער שונא געזעהען פון ווייטען דאס פייער, אדער ווען די ווילדע קאטץ וואלט דעם האן ניט דערשטיקט, וואלט דער שונא געהארט זיין קרייען, און אז דער לייב וואלט ניט צוריסען דעם עזעל וואלט דער שונא געהארט זיין שרייען, וואלטען זיי בעפאלען רבי עקיבא'ן און וואלטען איהם געוויס געהרגת, און דורך די דריי שלוחים, דאס הייסט דער לייב, די ווילדע קאטץ און דער ווינד, איז רבי עקיבא ניצול געווארען פון טויט.

מיר מיינע שבירות: דער בעל הבית האט איהם געענטפערט: איך האב קיין געלד ניט, האט דער קנעכט געזאגט, גיט מיר פאר דאס געלד תבואה.

– איך האב קיין תבואה אויך ניט.

– אויב איהר האט ניט קיין געלד און ניט קיין תבואה גיט מיר אשטיקעל פעלד.

– פעלדער האב איך אויך ניט.

– גיט מיר פיה, אקסען, שעפסען, און ד. ג.

– פיה האב איך אויך ניט.

– גיט מיר בעטגעוואנד, אנדערע חפצים.

– איך האב גאר ניט צו געבין דיר.

דער קנעכט האט קיין ווארט מעהר גערעדט גענומען אבשייד ביי'ם בעל הבית, גע־גאנגען אהיים מיטען שטעקען, מיט לעערע האנד:

נאך די פייערטאג, דער יום טוב איז אוועקגעגאנגען, האט דער בעל הבית אנ־געזאטעלט דריי עזלען מיט פיעל גוטס, תבואה וויין און נאכהער, איז ער אוועק געגאנגען צו זיין קנעכט אהיים און האט איהם בעצאהלט – וויפיעל איהם האט געקומט – בארעם געלד, און די עזלען מיט'ן גאנצען פארמעגען האט ער איהם געשאנקען, דער קנעכט האט געמאכט א גרויסע סעודה, זיי האבען געגעסען געטרונקען גוטען וויין, געווארען גוט פרעהליך, האט דער בעל הבית געזאגט צו דעם קנעכט: זאג מיר דעם אמת, בעת איך האב דיר געזאגט, איך האב קיין געלד ניט וואס האסטו דענסטמאל געטראכט צו האסטו מיר חושד געווען אז איך וויל דיר ניט בעצאהלען? – איך האב גע־טראכט און געקלערט, מסתמא האט גאט אייך צוגעשיקט ביליגע סחורה האט איהר אייער געלד בעצאהלט יענעם סוחר.

– און בעת איך האב דיר געזאגט איך האב קיין תבואה ניט, וואס האסט דו דענסטמאל געטראכט?

– דענסטמאל האב איך געטראכט, מסתמא האט איהר קיין מעשר נאך ניט אב־געגעבען דעם כהן. ווילט איהר מיר פון די תבואה ניט געבען.

– בעת איך האב דיר געזאגט איך האב קיין פעלדער ניט, וואס האכטו דענסטמאל געטראכט?

– איך האב געטראכט מסתמא האט איהר אייערע פעלדער פערדונגען אפרעמדען.

– וואס האסט דו געטראכט בעת איך האב דיר געזאגט איך האב קיין בהמות ניט?

– איך האב אייך חושד געווען איהר האט אייערע בהמות פערדונגען פרעמדע.

– אז איך האב דיר געזאגט: „איך האב גאר נישט" וואס האסטו מיר דענסטמאל חושד געווען?

– איך האב אייך חושד געווען. מסתמא האט איהר אייער גאנצען פארמעגען אבגעגעבען פאר גאט (מחרים געווען).

דער בעל הבית האט געזאגט: דוא האסט געקלעהרט ריכטיג, ווייל איך האב מיין גאנצען פארמעגען מחרים געווען ווייל מיין זון הורקנוס זאל מיר ניט ירשענן, ווייל ער וויל ניט לערנען, נור מיינע חברים האבען מיין נדר פארשטערט, און אזוי ווי דו האסט אויף מיר געטראכט גוטעס און מיר דן געווען לכף זכות אזוי זאל גאט דיר דן זיין לכף זכות, דער בעל הבית איז געגאנגען בשלום א היים.

(שבת)

יח. וואס טהוט גאט?

רבי יוסי בן חלפתא איז אמאל געקוממען אין קעניגליכען פאלאץ, די קעניגין האט איהם געוואלט פרובירען, פרעגען חידות און שאלות, לסוף האט זי צו איהם געזאגט: וויפיעל טאג האט געדויערט ביי גאטט צו בעשאפען די וועלט?

– זעקס טאג – האט רבי יוסי געענטפערט.

– און וואס טהוט דיין גאטט פון דענסטמאל ביז היינט?

– ער איז מזווג זווגים (אוועלט שדכן) האט רבי יוסי געזאגט. גאטט זאגט: יענע טאכטער זאל נעהמען יענעם און יענעם (בת פלוני לפלוני).

– ווער קען אזא ארבייט ניט טהון? – האט די קעניגין געזאגט.

– ביי דיר, קעניגין – האט רבי יוסי געזאגט – איז דאס גאר אקליינע ארבייט, און ביי גאט איז דאס שווער אזוי ווי צו שפאלטען דעם ים סוף (בקריעת ים סוף).

אין יענעם טאג האט די קעניגין צוזאממען גערופען אלע איהרע קנעכט און דינסטען, זי האט זיי אויסגעצעהלט זיי זענען געווען טויזענד מאנסלייט און טויזענד פרויען, זי האט זיי איהר קעניגליכען בעפעהל געגעבען: פלוני בן פלוני זאל נעהמען פאר אפרוי פלונית בת פלונית. זי האט די טויזענד פאאר חתונה געמאכט, אין יענער נאכט האט זי געמאכט אבאל, זי האט יעדער פאאר געגעבען א דירה.

אויף מארגען זענען זיי געקוממען צו איהר מיט אליארעם, אגעשריי, צושלאגענע, פארוואונדעטע, ביי דעם איז געווען צובראכען אהאנד ביי דעם א פוס. בלינד אויף די אויגען, זיי האבען זיך איינער דעם אנדערן געמזיק'ט. זייערע קולות געוואלדין האט די קעניגין ניט געקאנט דערטראגען, אללע האבען געשריען: „געוואלד! איך וויל מיט איהר ניט לעבען": איך וויל מיט איהם ניט לעבען, „בעססער שטארבען איידער אזא פ־זוי האבען" „בעססער אמיתה משונה איידער אזא מאן האבען".

די קעניגין האט געשיקט רופען רבי יוסי בן חלפתא זי האט צו איהם געזאגט: יעטצט זעה איך ווי ריכטיג דיינע רייד זענען. נאר גאטט אליין קאן מזווג זווגים זיין, נאר ער, און ניט אנאנדערער.

(ב"ר פ' ס"ח)

יט. משלים

רבי מאיר האט געהאט דריי הונדערט משלים (פאבלען) וועגען פוקס, מיר ווייסען נאר עטלעכע, די איבריגע זענען פארפאלען געווארען.

איין מאל האט אפוקס אנגערעדט אוואלף ער זאל ערב שבת געהען אין יודישע

גאַנץ, אָנגעגרייטעט (מֵכִין זַיין) גוטע שְׁפַּייזען לִכְבוֹד שַׁבָּת. וועט ער שַׁבָּת'דיגען טאָג קאָנען מיט זיי עססען טרינקען און האָבען כָּל טוּב אַזוי ווי זיי האָבען, 1) דער וואָלף האָט זיך געלאָזט איינרייידען, געפאָלגט זיין עֵצָה, ער איז אַוועק געגאַנגען אין יודישע גאַס די יודען האָבען זיך מיט איהם ניט געפרייט. זיי האָבען איהם מיט שטעקען'ס געשלאָגען, ער איז קוים פון זייערע האַנד נִצוֹל געוואָרען, אַנטלאָפען צוריק אין וואַלד. ער האָט געפונען דעם פוקס, האָט ער געוואָלט פון איהם נְקָמָה נעהמען דערפאַר וואָס ער האָט איהם אָבגענאַרט, דער פוקס האָט צו איהם געזאָגט: בעשולדיג מיר ניט אומזיסט, איך בין ריין פון זינד, דו זאָלסט וויסען אַז די יודען זענען אין כַּעַס אויף דיין פאָטער, ער איז אויך אַמאָל צו זיי געקומען, וואָס זיי האָבען מֵכִין געווען לִכְבוֹד שַׁבָּת האָט ער אויפגעגעסען, פאַר זיי האָט ער גאָר ניט איבערגעלאָזען — איך פאַרשטיי דאָס ניט, האָט דער וואָלף געזאָגט - די עלטערן האָבען געגעסען אונ-צייטיגע פֵּירוֹת דאַרף ביי זייערע קינדער הייליג זיין די צייהן? (אָבוֹת אָכְלוּ בֹסֶר וְשִׁנֵּי בָנִים תִּקְהֶינָה?).

דער פוקס האָט צו איהם געזאָגט, איין מאָל איז מיין עֵצָה דיר ניט געלונגען, קום מיט מיר איך וועל דיר ווייזען אַן אָרט וואו דו וועסט בעקומען צו עססען און צו טרינקען. ער האָט איהם אַוועקגעפיהרט צו אַ ברונען, ביי דעם ברעג ברונען זענען געווען אָנגעבונדען צוויי עמער אויף אַ קלאָטץ. דער פוקס איז אַריינגעקראָכען אין איין עמער און איז אַראָפּ אין ברונען. דער צווייטער עמער איז אַרויף אויבען. דער וואָלף האָט איהם געפרעגט: וואָס טהוסט דו דאָרטען? האָט איהם דער פוקס געענטפערט דאָ אין ברונען איז פאַראַן פלייש און קעז. ער האָט איהם געוויזען די לְבָנָה שיינט אין ברונען, האָט דער וואָלף געמיינט אַז דאָס איז בֶּאֱמֶת פלייש און קעז, דער וואָלף האָט געפרעגט: ווי אַזוי זאָל איך אַריינגידערן אין ברונען? — האָט דער פוקס צו איהם געזאָגט: קריך אַריין אין עמער וועלכען דו זעהסט אויבען, וועל איך דיר אַראָפּציהען אַהער צו מיר. דער וואָלף איז אַריינגעקראָכען אין עמער איז ער אַראָפּ געגידערט אין ברונען (ווייל אַ וואָלף איז שווערער ווי אַ פוקס) און דער פוקס איז אַרויף פון ברונען.

(סנהדרין)

1) דער פוקס איז דער קליגסטער פון אללע חיות אין וואַלד, ער האָט מסתמא געגוג פיינד דעם וואָלף, האָט ער זיך פון איהם געוואָלט נוקם זיין.

יודישע שפּריכווערטער

יודישע שפּריכווערטער

אַ שפּריכוואָרט איז להבדיל אַ תּורה (יוד. שפריכווארט)

JüdicheS prichwörter, aus einen Manuscript des Herrn J. B.

פּאָררעדע.

שוין אַ יאָהר צעהן אַז איך האָב בּערע געהאַט צו־זאַמען־קלייבען אַללע „יודישע שפּריכווערטער", נאָר ווי־פיעל איך האָב געקליעבען, פערשריעבען און פאַר־צייכענט די וועלכע איך האָב אין זכּרון און די וועלכע איך האָב פון אַנדערע געהאַט, האָב איך פאָרט ניט געהאַט אַללע, און אַ „האַלבע אַרבּייט" האָב איך ניט געוואָלט דרוקען.

ווי־פיעל מיהע איך האָב מיר געגעבען האָב איך דאָך געזעהען אַז עס איז „אַ מעשה אָהן אַ סוף", ד. ה. עס דאַרף נאָך צעהן יאָהר דויערען בּיז איך זאָלל קומען צו אַ ענדע. נאָר איין געדאַנק האָט מיר פאַר־שפּאָרט די צעהן יאָהר— דאָס איז געוועזען מיין אויפרוף וועגען די שפּריכווערטער אין „יודישען פאָלקס־בּלאַטט" (1886, № 4). דאָרט האָב איך אין קורצען ערקלעהרט דעם ווערטה פון אַשפּריכ־וואָרט בּכלל און פון „יודישע שפּריכווערטער" בּפרט, וועלכע טראָגען זיך אַרום וועריווייסט ווי־פיעל הונדערטער יאָהרען. אונזערע עלטער־זיידעס און עלטער־באָבּעס האָבען גערעדט מיט די שפּריכווערטער, און בּיי אונז ליגען זיי זיך אויך אויף דער צונג און ווען זיי פּאַסען נאָר צום שמועס קוממען זיי אַללַיין נאָר אַנ־געבּעטען.

אין דעם „אויפרוף" האָב איך זיך געווענדעט צו יעדען, וואָס אינטערעסירט זיך פאַר דער זאַך, מען זאָלל מיר מיט־העלפען אין דעם, ד. ה. מען זאָלל מיר צו־שיקען שפּריכ־ווערטער, יעדער פון זיין אָרט, פון זיין געגענד, און טאַקע בּאַלד אין דעם אייגענעם נומער פאָלקס־בּלאַט אָנגעהייבען דרוקען איינינע פון די שפּריכווערטער וועלכע האָבען זיך געפונען אין מיינע כּתבים.

ווי עס האָט זיך דער־נאָך אַרויס־געוויזען, זענען מיינע ווערטער ניט געוועזען „כּקול קורא בּמדבּר"— אין אַ צייט פון עטליכע וואָכען האָב איך בּיז טויזענד בּריעף בּעקוממען: יעדער בּריעף איז געוועזען מיט שפּריכווערטער. די בּריעף זענען געוועזען ניט נאָר פון

רוסלאַנד און פּוילען, זאָנדערן אויך פון אויסלאַנד אַפילו אין אַפריקא אין אַוסטראַליע האָט זיך אויך געפונען אַ צוויי דריי פאַרוואָרפענע יודעלעך וואָס האָבען ניט פאַרגעסען די שפּריכ־ווערטער פון זייער פאָלק און האָבען אויך אַריינגעשיקט.

נאָך מיין סאָרטירען די בּריעף האָב איך געזעהן אַז די מיט־העלפער צום זאַמען־קלייבען שפּריכווערטער זענען: דאָקטורים, אינזשענירען, שריפט־שטעלער, סוחרים, בּעלי־מלאכות, פּראָסטער עולם און אַפילו יודישע טאָכטער, מיט איין וואָרט: אַללע האָבען זיך פאַר־אינטערעסירט פאַר דער אידעע.

איבּער־קוקענדיג די בּריעף האָב איך בּאַמערקט, אַז די אמתע וואָרגינאַלע ריינע, גוטע און זאַפטיגע שפּריכווערטער האָבען זיך צום מעהר געפונען אין די בּריעף פון דעם פּראָסטען עולם, דער פאַקט ווייזט אַז אונזערע אינטעליגענציע האָט זיך לייֶדער דערווייטערט פון דעם פאָלק. נאָר אין איין וועגס זעהט מען אויך פון זייערע בּריעף אַז זיי זענען נאָך פאָרט צו־געבונדען צום פאָלק, פון זיי האָבען מיט פערגעניגען צו געשיקט חאָטש צו פינף אָדער צעהן שפּריכווערטער, פאַר־וועלכע איך דאַנק אַלעמען גלייך פון דעם גאַנצען האַרצען.—

אָבּער אין די מעלות וואָס איך האָב געפונען אין די שפּריכווערטער פון דעם פּראָסטען עולם האָב איך אויך געפינען פיעל חסרונות, ערשטענס האָבען טהייל פון זיי געשריבּען מיט אַזאַ כּתב אַז מע האָט זיך בּעדאַרפט אַרויס נעהמען די אויגען איבּער־לייענען און צווייטענס האָט זיך זעלטען געפונען אַ גאַנץ וואָרט מען זאָל עס ניט דאַרפען אויס־בּעסערען, נאָר פאַר זייער מיהע דאַנק איך זיי נאָך אַמאָהל פון טיעפען האַרצען.

איך האָב נאָך געהאַט זעהר אַשווערע אַרבּייט: אויס־צו־קלויבּען די שפּריכווערטער פון די בּריעף. ווייל דאָס רוב פון זיי האָבען בּעשריבּען די אייגענע וואָס דער צווייטער, כּמעט צוויי יאָהר האָב איך געאַרבּייט אַרום די בּריעף און פינף הונדערט פון זיי זענען גאָך געבּליבּען ניט בּעאַרבּייטעט.

און אַזוי ווי איהר זעהט איז דער רעזולטאַט געוועזען זעהר אַ גוטער, ערשטענס האָב איך פאַר־שפּאָרט אָנ־צו־קומען צו די געצעהלטע בּיכער וואָס האָבען זיך שוין צוריק מיט יאָהרען געפּרוּווט צו־זאַמען־קלייבען יודישע שפּריכווערטער: איך בּין זעהר צו פרידען דער פאַר, ווייל די שפּריכווערטער פון די רוסיש—פּאָלנישע יודען זענען אין די בּיכער גראָסטענטהיילס פאַר גרייזט, ניט ריכטיג און געקינסטעלט, און אין צווייטענס ניט איינעם פון זיי איז נאָך ניט געלונגען צו־זאַמענקלייבען אַללע יודישע שפּריכווערטער, מיט איין וואָרט: איך האָב די שפּריכווערטער ניט גענומען פון קיין שום בּוך נאָר גלייך פון דעם פאָלק.

דער ווייל האָב איך געזעהען אַז פון דרוקען אין „פאָלקס־בּלאַט" צעהן אָדער עלף שפּריכווערטער אַ וואָך, וועט קיינמאָהל צו אַ ענדע ניט קומען אין מיין צעהן יאָהריגע מיהע וועט פאָרט צו גרונד געהען, דעריבּער האָב איך אויפ־געהערט זיי צו דריקען.

מיט מיין קומען קיין וואַרשאַ האָט זיך מיט מיינע שפּריכווערטער געטראָפען

אזעלכע נעמען גליק, דער צו-פאלל האט מיך דא צו-זאמען-געפיהרט מיט א היגען בעוואוסטען אינטעליגענטען געלעהרטען און געאכטעטען מאנן, ה. י. ב. פון וואנען איך האב נאך פיעל געהערט אין פעטערסבורג אלס ליעב-האבער און צו-זאמען-קלייבער פון "יודישע שפריכווערטער" אויך האב איך געהערט (און דער נאך זעלבסט געזעהען) פון זיין גרויסע טהייערע ביבליאטעק. ביי ה. ב. האב איך געפונען פיער געשריעבענע ביכער מיט יודישע שפריכווערטער' רעדענסארטען 1) (שפראכגעברויכע) מיט ערקלערונגען.

איבער-קוקענדיג ה. ב. כתבים האב איך געזעהען אז עס איז א ריזען-ארבייט. און ווירקליך ה. ב. האט אין דער זאך געארבייט צוואנציג יאהר. ה. ב. איז געוועזען אזוי גוט און מיר ניט אב-געזאגט זיך בעניצען מיט די כתבים ווי איך וויל.

איך האב אלזא מיט דעם דרוקען פון די שפריכווארטער נאר הערן ב. צו פער-דאנקען.—

און אזוי ווי איך רעכען דער-וויל נאך ניט צו דרוקען "רעדענסארטען" האב איך נאר אויס-געקליבען דער וויל די "שפריכווערטער".

איצט ווערען געדרוקט די אללע שפריכווערטער וואס איך האב ארויס גענומען פון ה. ב. כתבים און אויך מיינע וואס איך האב זעלבסט צו-זאמענגעקליבען אין א צייט פון

1) רעדענס-ארטען הייסט אזעלכע ווארטער וואס נעבען ארויס א ריכטיגען געדאנק דורך א בילד פון לעבען, ווי למשל: "זיטצען אויף שפילקעס": אינטער די דריי ווארטער פערשטעהט יעדער אז די טייטש איז: אז איינער האט קיין צייט ניט צו-זיטצען, אדער ער וויל ניט זיטצען און מוז פארט זיטצען און נאך אנדערע פיעל בעדייטונגען, "גראם שטראם מאך מיר א לעטניק" ד. ה. איינס מיט דעם צווייטען קעהרען זיך גאר-ניט אן, "פון דער גאנז האבער קויפען". "פון פויגעל מילך" א. ז. וו. מיט איין ווארט, "רעדענס-ארטען" הייסט צו-זאמ-מענגעשטעלטע ווארטער וועלכע געבען איבער דעם זינען פון דעם שמועס דורך א פיגור דורך אלעגאריש-בילד געגרינדעט אויף פראקטיקע, אינ דער-צו קורץ און דייטליך.

שפריכווערטער זענען ווידער גאר עפּיס אנדערש. אין יעדען שפריכווארט איז דא מוסר, חכמה. אמת, ריינער הומאר און סאטירע. למשל: "ווער עס האט קינדער אין די וויעגען זאל לייטען לאזען צו-פריעדען" ד. ה. אז דער וואס האט קינדער טאר ניט רעדען איף יענעם אפילו ניט אויף קיין שלעכטע מענשען, ווארום ווער ווייסט, צי זיינע קינדער ווען זיי וועלען אויס-וואקסען וועלען זיין בעסער פון די שלעכטע, און אנדערע וועלען האבען דאס רעכט נאך מעהר רעדען אויף זיי און די עלטערען וועלין האבען בזיונות. דרום דארף יעדער מענש ניט רעדען אויף קיינעם קיין שלעכטס. קען זיך דען יעדער פון דעם "שפריכווארט" ניט ארויס-נעהמען א גיטען מוסר?

"א יודישער תענוג איז א קיהלער תשעה באב'. א יודיש גליק איז אז ער קומט צו ברכו'. א יודיש געווינס איז דער גורל צו קדיש".

ווי-פיעל ברויעריגער הומאר, סאטירע, און דאך אמת. ווי-פיעל ריכטיגע בילדער פון דעם יודישען לעבען געפינען זיך אין דעם דאזיגען שפריכווארט?

נאך איינס; "ווען פרייעט זיך גאטט?— ווען איין בעטלער קראצט דעם אנדערש". מיט זינדיגע מענשען פרייען זיך אז אונז איז גוט, אז מיר מאכען גוטע געשעפטען, ווען מיר וואהנען אין צעהן צימער, זיטצען אין דער ערשטער לאזשע אין טעהאטער, פאהרען אין א קארעטע, אויסגעבען טויזענדער אויף ציערונג און לוקסוס, אינ דער גרויסער גאטט פרייעט-זיך ווען איין ארעמאנן העלפט דעם אנדערען מיט וואס עס איז! דערפון קען מען אויך דריינגען ווי גאט איז ברוגז ווען דער רייכער העלפט ניט דעם ארעמאנג. וואס פאר א גרויסער טיעפער געדאנק געפינט זיך אין דעם שפריכווארט? אז דאס הארץ איז פולל געהן די אויגען איבער, ווי אמת זענען די ווארטער

צעהן יאהר 2) און ווי איהר זעהט ליעבע לעזער געפינט זיך אין די שפריכווארטער דרייסיג יאהר ארבייט!—

מיר בלייבט נאך צו באמערקען אז ווי פיעל ה. ב. און איך האב בעארבייטעט די שפריכווארטער, זענען זיי דאך געבליבען פראסט ארגינאל, פונקט ווי דער עולם רעדט זיי. דען אונזער צוועק איז געוועזען ניט צו קינסטלען די שפריכווארטער און זיי ריכטיג איבער-געבען" דרום האבען מיר אין איינינע ארטער איבער געלאזט דיא גרייזען וועלכע דאס פאלק האט אן-גענומען.

ווארשא דעצעמבער 1887

מ. ספעקטאר.

2) ווי איך האב פריער געזאגט געפינען זיך ביי מיר ביז 500 בריעף מיט שפריכווארטער נאר זיי פאדערען נאך א יאהר צייט זיי צו בעארבייטען, איך קען פאראויס ניט זאגען וויפיעל עס ועס... יך צו זאמען קלויבען, וועל איך זיי אלס ביילאגע צו דרוקען צו די דאזיגע שפריכווארטע

מ. ס.

יודישע שפריכווערטער

א.

1 א איינרעדעניש איז ערגער ווי א קראנק [1]
2 א ארעמאנן ווילל אויך לעבען
3 א אריכער מיוחס איז געגליכענט צו די שברי לוחות
4 א בארג מיט א בארג קומען זיך ניט צו־נויף, אבער א מענש מיט א מענשען יא
5 א בוים בייגט זיך נאר ווען ער איז יונג
6 א בלינד הינדעל געפינט אויך א מאל א קערענדיל
7 א בלינד פערד טרעפט גלייך אין גרוב אריין
8 א בן־זקונים איז א פארטיגער יתום
9 א בעל־מלאכה ארבעט פאר דעם עססען און עסט פאר דער ארבייט
10 א בעל־מלאכה שטארבט ניט פאר הונגער
11 א בעריהמער איז גוט צו שלאגען
12 א ברונען שעפט זיך אויך אויס [2]
13 א גאנץ יאהר בארווים און תשעה־באב אין זאקען [3]
14 א גאנץ יאהר שיכור און פורים ניכטער...
15 א גאנצער נארר איז א האלבער נביא [4]
16 א גאסט אויף א ווייל זעהט אויף א מייל.
17 א גוט ווארט ברייננט א גוטען ענטפער
18 א גוטער ברויכט ניט קיין קלעפ, א שלעכטען העלפט ניט קיין קלעפ.
19 א גוטער מאגען קען פיעל פערטראגען
20 א ביסעל און א ביסעל ווערט א פוללע שיססעל
21 א געמאלטע מכשפה איז ערגער פון א אמת'ע.
22 א דראנק קען מען ניט אין קעשענע אריין לייגען.
23 א דאקטאר קען זיך אליין ניט היילען
24 א הונד בלייבט א הונד
25 א הונד וואס בילט בייסט ניט
26 א הונד זאל מיין הארץ אויס־האבען וואלט ער משוגע געווארען
27 א היימישען גנב קען מען ניט איינהיטען
28 א הן פייער איז קיין רויך ניט
29 א וואוילער יונג איז שטענדיג אין דער ערד
30 א ווארים אין חריין מיינט אז קיין זיסע'ס איז ניט דא
31 א ווייב שטעלט אויף די פיס און ווארפט פון די פיס
32 אויף א יונגען בוים שפרינגען אללע ציגען
33 אויף א מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט
34 אויף א נארר איז קיין פירוש צו מאכען
35 אויף א פארשיווע פערד שטעלען זיך אללע פליגען
36 אויף א פרעמדער בארד איז גוט זיך צו־לערנען שערען
37 אויף גאמט מאר מען קיין קשיא ניט פרעגען

1] זיך איינרעדען (איינבילדען) אז מען איז קראנק. 2] אללעס האט א ענדע, א גרונד: א מלמד האט זיך אמאל מיט דעם ווארטיל פאר־ענטפערט ווען איינער האט איהם פאר־געהאלטען פאר־וואס ער ערקלעהרט זיינע תלמידים פאלש דעם חומש, תאטש ווען ער האט שוין גענוג מאל אין זיין לעבען איבער געלערנט. 3] א ארעמער שלעפער וואס איז אגאנץ יאהר ארום געלאפען בארוועס, האט זיך אים תשעה־באב אנגעטהון אין זאקען כדי ער זאל מיט דער פרעמדע ווייזען אז ער קלאגט נאך דעם בית־המקדש גלייך ווי אללע מענשען. 4] ווייל קינדער און נארראנים זאגען דעם אמת (אדער: זיי קאנען קיין ליגען ניט זאגען).

(הויז־פריינד)

34 אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל [1]
39 אויף דעם רוח איז שטענדיג דא
40 אומגעקעהרט הייסט אויך געפאהרען
41 אומזיסט איז נאר דער טוידט און דאך קאסט ער דאס לעבען
42 אומעטאום איז גוט און אין דער היים איז נאך בעסער
43 אונטער די אויגען מעג מען רעדען וואס מע וויל
44 אז איטליכער צאהלט בעזונדער, איז דער ביימעל געזונדער
45 אז איין ארעמאנן עסט א היהן איז ער קראנק אדער די הוהן
46 אז א קארגער ווערד מילד עסט ער בארשט מיט לעקאך.
47 אז גאטט גיבט ברוידט געבען מענשען פוטער [2]
48 אז גאטט גיבט מיט דעם לעפעל, געבען מענשען מיט דעם שעפעל
49 אז גנבים שלאגען זיך, קומט ארויס די גנבה
50 אז דאס הארץ איז פולל, געהן די אויגען איבער
51 אז דאס מיידיל קאן ניט טאנצען, זאגט זי די כלי־זמר זענען שולדיג
52 אז די בעל־ביתטע איז א שלים־מזלניצע איז די קאטץ א נאשערען
58 אז די וועלט זאגט, זאל מען גלויבען
64 אז די מויז איז זאט, איז איהר דאס מעהל ביטער
55 אז די נגידים זאכען, האבען די ארעמע־לייט וואס צו קאכען
56 אז די קאטץ וואשט זיך, וועלען זיין געסט
57 אז די רייפעז צו־שפרינגען, צו־פאלט דאס פאס

58 אז דער בעל־שמחה איז א פרעסער, קומט די געסט גאר ניט אן
59 אז דער האן קרייט. קרייט ער אומעטאום
60 אז דער וואגען פאלט, זענען די רעדער צו־שווער
61 אז דער טעסער זיצט אויף די שפענער, זענען די שפענער— שפענער
62 אז דער מאנן שטארבט, ווייסען די שכנים ווי פיעל קינדער ער האט
63 אז דער סידור איז ניט געשטארבען, איז דער רבי אויך ניט געשטארבען
64 אז דער קאפ איז ניט דא, געהט אללעס אין דער ערד
65 אז דער רב געהט אין שטריימעל, געהט די רבצין אין ספאדיק
66 אז דער תלמיד איז א וואוילער, איז דער רבי אויך א וואוילער
67 אזוי גייט עס אויף דער וועלט: איינער האט דאס ביטעל און דער אנדערער דאס געלד
68 אזוי לאנג ביז דאס רענדעל איז ניט אויס געביטען, גילט עס
59 אזוי לאנג דאס רעדעל דרעהט זיך, דרעהט עס זיך
07 א זייגער וואס שטעהט, איז בעסער איידער ער שלעכט געהט
71 אז מע איז ברוגז אויף דעם חזן, ענטפערט מען קיין אמן נישט
72 אז מע איז פויל, האט מען ניט אין מויל
73 אז מע איז צו קלוג, ליגט מען גאר אין דער ערד
74 אז מע בעקומט דאס ברויט, קומט דער טוידט
75 אז מע בריהט זיך אב אויף הייסען, בלאזט מען אויף קאלטען

1] ד. ה. דער בעל־עברה רעכענט זיך תמיד אין סכנה: אויף א יאריד האט פליצים איינער א געשריי געטהון „אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל". דער וועלכען די ווארטער האבען איבער־געשראקען האט זיך א חאפ געטהון ביי דעם היטעל, דער מיט האט ער זיך אלליין אויס־געגעבען. 2] ווען דעם מענשען שפיעלט דאס גליק, פערדיענען ביי איהם אנדערע מענשען אויך.

(הויז־פריינד)

76 אז מען גיט א זעץ אהינט דארטן אלדע
77 אז מע גנבעט ארויס דאס פערד, פאר־שליסט מען דעם שטאל
78 אז מען געהט אין מיטען, האט מען א גאלדענעם שליטען
79 אז מע געהט גלייך, פאלט מען ניט
80 אז מע דארף דעם גנב, שניידט מען איהם אב פון דער תליה
81 אז מע האט ברוידט, זאל מען קיין לעמעל (אדער לעקעך) ניט זוכען
82 אז מע האט די וועלט, האט מען יענע וועלט אויך [1]
83 אז מע האט ניט אוף שבת, האט מען ניט אויף זונטאג [2]
84 אז מע האט ניט קיין פינגער, קען מען קיין פייג ניט מאכען
85 אז מע האט ניט קיין קאפ, מוז מען האבען אין די פיס [3]
86 אז מען האט נעכטען געגעסען, איז מען היינט ניט זאט
87 אז מע האט קינדער אין די וויגען, זאל מען לייטען לאזען צו פרידען
88 אז מע האקט האלץ, פאללען שפענער
89 אז מען ווייגט זיך אויס, ווערט גרינגער אויף דעם הארץ
90 אז מען וויל זיך אויס־שלאגען די הוצאות, שלאגט מען זיך אויס די ציין
91 אז מען וויל זיך ביים כבוד דער־האלטען, מוז מען דעם מאהל־צייט אויף צווייען שפאלטען
92 אז מען וויל יוצא זיין פאר דער וועלט, קאסט פיעל געלד
93 אז מען וועט דיר אן רעדען אויף יענעם זאלסט דו ניט גלויבען ביז עס זעהען דיינע אויגען
94 אז מע ווערט אן דאס געלד, ווערט מען אן דעם שכל
95 אז מע זאגט געשטארבען—גלויב!
96 אז מע זאגט משוגע גלויב!
97 אז מע זוכט א באנדער, געפינט מען א גלעזער
98 אז מע טהוט א הונד גוטס, בילט ער
99 אז מע טהוט מיט דעם שווער, שלאפט מען מיט דעם בער. [4]
100 אז מע לעגט זיך הונגעריג שטעהט מען אויף שלעפעריג
101 אז מע לעבט אהן חשבון, שטארבט מען אהן וידוי
102 אז מע לעבט, דער לעבט מען אללעס
103 אז מען נעמט אראב די סמעטענע, בלייבט די וויער־מילך
104 אז מע פויקט, לאז מען פויקען [5]
105 אז מע צאהלט געלד, איז ווערט געלד
106 אז מע צו טרעט א ווארעם, קרימט ער זיך אויף

1] דער וואס האט די וועלט קען טהון גוטס אויף דער וועלט ער זאל האבען יענע וועלט אויך. 2] ווען עס האט נאר געפעהלט געלד אויף שבת יועט מען זונטאג געוויס ניט האבען, ווייל אים שבת קען מען ניט פאר־דיענען אנ־צו־גרייטען אויף דעם אנדערען טאג. 3] אז מען פאר־געסט עפיס מיט־נעמען אונ מען מוז זיך אומקעהרען זאגט מען: דער קאפ האט פאר־געסען אונ די פיס מוזען ענטפערען. 4] אז מען טוהט א שידוך מיט דעם שווער ווייל ער איז א שאנער יוד. חאטש די כלה איז א מיאוסע. 5] דאס שפריכווארט שטאמט פון דער דאזיגער מעשה: אמאליגע יאהרען איז געווען איינגעפיהרט אז ווען איינער האט אויפגעהערט צאהלען זיינע חובות ר. ה. „אנגעזעצט" פלעגט קהל שיקען א פויקער ער זאלל זיך שטעלען ביי דעם אנזעצערס שטיב אדער קראם אונ זאל פויקען כדי די גאנצע שטאדט זאלל וויסען ווער עס האט אנגעזעצט. איינמאל האט זיך געמאכט, אז שמערעל דער קרעמער האט אנגעזעצט אונ דער פויקער האט א טעות געהאט אנשטאט וואס ער האט בעדארפט זיך שטעלען פויקען ביי שמערעלס קראם האט ער זיך געשטעלט ביי בערעלס קראם. אז בערעל האט פליצום דערהערט ווי מען פויקט נעבען זיין קראם אונ האטש תהיל האבען איהם געזאגט אז דער פויקער האט א טעות געהאט, נאר בערעל האט דעראויף געענטפערט „אז מען פויקט זאלל מען שוין ווייטער אויך פויקען" אונ האט טאקע אויפגעהערט צאהלען זיינע בעלי־חובות.

אז מע קוקט ארויס אויף דעם שווערס שטיוועל, געהט מען באָרוועס
108 אז מע קלאפט אויף דעם טיש, רופט זיך אהן די שער
109 אז מע קלויבט צו פיעל, פאלט מען אין בלאטע אריין [1]
110 אז מע קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער
111 אז מע קען ניט בייסען, זאל מען די ציין ניט ווייזען
112 אז מע קען ניט מאכען ווי מען וויל, מוז מען וועלען ווי מען קען
113 אז מען שטעלט ניט איין, נעהמט מען ניט אויס
114 אז מע שיקט א נארר אויף דעם מארק, פרייען זיך די קרעמער
115 אז מע שמיערט, פאהרט מען
116 אז מע שפייעט דעם ציגיינער אין פנים, זאגט ער: עס רעגענט
117 אז מע שפיעלט זיך מיט א קאטץ, מוז מען פאר־ליעב נעהמען איהר קראטץ
118 אז עס איז ניט דא קיין פלייש, גריזעט מען די ביינער
119 אז עס געהט, לויפט עס
120 אז עס קומט ארויס פון א קאטץ, מאכט עס „מיאו".
121 אז עס קומט דער באשערטער, ווערט דאס אין צוויי ווארטער
122 אז עס קומען די מאות, קומען די דעות.
123 אז פאטער אונ מוטער זענען שדים, קומען ארויס קינדער ווי די רוחות
124 אז צוויי זאגען שיכור, דארף זיך דער דריטער לייגען שלאפען
125 אז צוויי שלאפען אויף איין קישען, דארף זיך דער דריטער ניט מישען
126 אז קרופניק איז איין אכילה, איז חאנדריווקע א קהלה
127 א חיי שעה הייסט אויך געלעבט.
128 א חסרון די כלה איז צו שאן
129 א טויטען טראגט מען ניט צוריק
130 איבער איין אנגעהויבענע חלה איז ניט גוט קיין המוציא צו מאכען
131 א יוד א למדן גיט זיך שטענדיג אן־עצה
132 א יוד גיט זיך אללע מאהל אן־עצה
133 א יודיש מיידיל פאר־זיצט ניט
134 א יודישע נשמה (קישקע) קען מען ניט שאצען
135 א יודישע־עין הרע איז ערגער ווי גוי'שער כשוף
136 א יודישע עשירות איז ווי א מארצאווער (חודש מאי) שניי
137 א יודישער תענוג איז א קיהלער תשעה באב. א יודיש גליק איז אז ער קומט צו ברכו. א יודיש געווינס איז דער גורל צו קדיש
138 א יונגעל א שטיפער האט א גוט קעפעל
139 א יונגער קען שטארבען אונ א אלטער מוז שטארבען
140 א יחיד קעגען קהל (רבים) פערלירט אללע מאהל
141 איטלעכער ארעמאנן ווייסט פון זיין עשירות
142 איטליכער האט זיך זיין בערגעל מיט פאר זיין מהיר [2]
143 איטלעכער ווארעם האט זיין דארום [3]
144 איטלעכער מענש מוז קוקען אינטער זיך ניט פאר זיך
145 איטלעכער נישט איז תקיף אויף זיין מיסט
146 אייגענס איז ליעב [4]
147 איידער מע דער־קאנט דעם מענשען מוז מען פריהער מיט איהם אויף עסען א שעפעל זאלץ

1) ביי א שידוך ווען מע קלייבט צו פיעל טהוט מען לסוף דעם ערגסטען שידוך. 2) איטליכער האט זיין פעקיל צרות. 3) אויף יעדער פראגע איז דא א ענטפער „ווארום?— דארום". 4) אנדערע האבען אבער אויך פרעמדעס ניט פיינד.

148 איידער מע ווערט זיבעציג יאהר קומט אללעס פאר די אויגען

149 איידער עס וועט קומען די נחמה, קען אויס-געהן די נשמה

150 איין אויג שאדט דער גאנצער באק

151 איין אויפ-געקלערטער אין א קליין שטעדטיל עסט קאשי מיט חלב אדער שנויץ מיט ברוידט

152 איין אלטער ברעכט אונ איונגער בויעט איז נאך ניט גלייך

153 איין אקס האט א לאנגע צונג אונ קען קיין שופר ניט בלאזען

154 איין ארעמאנן איז ווי א לעכערדיגער זאק.

155 איין ארעמע מלאכה איז אויך א מלאכה

156 איין מאהל איז עס שאן, צוויי-מאהל האט עס חן, דריי-מאהל ברעכט מען שוין האלז אונ ביין

157 איין מאמע קען צעהן קינדער צו פרידען שטעלען, אבער צעהן קינדער ניט איין מאמע

158 איינעמס שלים-מזל איז יענעמס מזל

159 איינער האט דאס אויף דער-לינג, דער צווייטער אויף דער צונג

160 איינער וויל לעבען אונ קאן ניט. דער אנדערער קאן אונ וויל ניט

161 איין שוואלב קען קיין זומער ניט מאכען

162 אין א ברייטער טהיר אריין, אין א שמאלער ארויס.

163 אין א גרויסען טייך האפט מען גרויסע פיש.

164 אין א סך מלאכות איז ווייניג ברכות

165 אין באד זענען אללע גלייך

166 אין דעם שלאף זינדעגט מען ניט

167 אין דער מקוה לאזט מען אללע עבירות.

168 אין פוילען איז אללעס קרים נאר די טרעפ זענען גלייך

169 אין צווייען איז שטארקער

170 א כשר'ער גראשען איז בעסער ווי א טרפה קערביל

171 א לאך מאכט א גנב

172 א ליגנער גלויבט ניט קיינעם

173 א ליגנער מוז האבען א גוטען זכרון

174 א ליגען מיט א סימן [?]

175 אליין קען מען עסען אבער ניט ארבייטען.

176 אללע ארעמע לייט האבען גוטע הערצער.

177 אללע הויקערס זענען קרים נאר דער הוקר רגלך איז גלייך [1]

178 אללע חזנים זענען נאראנים, אבער ניט אללע נאראנים זענען חזנים

179 אללע יקרנים האבען דעם דלות

180 אללע מעלות קענען ניט זיין אין איינעם.

181 אללע משוגעים שלאגען יענעם די פענסטער

182 אללעס איז ביי יודען ווייניג נאר שכל האט יעדער גענוג

183 אללעס בעסער ווי געשטארבען

184 אללעס בעקומט מען פאר געלד נאר קיין שכל ניט

185 אללעס זאל מען קענען—נאר נישט זאל מען בעדארפען

186 אלרע שוסטער געהען בארוועס

187 אללע שיינדעלעס זענען מיאוסע. אללע גיטעלעס זענען באז.

188 אמאהל קויפט מען דעם קליגען פאר א גראשען אונ דעם נאר פאר א רענדעל

189 א מוטער מוז האבען א גרויס פארטוך די חסרונות פון די קינדער צו פאר-דעקען

190 א מוכר ספרים איז קיין למדן, א חלפן איז קיין עושר אונ א קברות יוד איז קיין צדיק

191 א מחותן טאר קיין הונד ניט זיין

192 א מחלוקה איז א פייער

1] א פסוק אין משלי „הוקר רגלך מבית רעך", ד. ה. האלט וועלטען דיינע פיס צו-קוממען אפט צו דיין בעקאנטען.

(הויז-פריינד)

193 א מיאוסע מויד טאר מען קיין קוש ניט געבען

194 א מיוחס עסט רוחות

195 א מיידיל איז ווי א האנדטוך. [1]

196 א מייסטער ווערט ניט געבוירען

197 א מנהג ברעכט א דין

198 א משוגעגער מעג אללעס טהון

199 א משכון זאל מען פאר-זעצען, נאר איין גביר זאל מען זיין

200 אמת איז גוט עדות צו זאגען

201 אמת קומט ארויס ווי בוימעל אויף וואסער.

202 א נארר איז א גזר

203 א נארר איז א קאליקע אויף אללע פיער [2]

204 א נארר איז געזונד

205 א נארר! א נארר! אונ שאקעלט זיך

206 א נארר האט קיין שטאדט [ארט]

207 א נארר זאגט וואס ער ווייסט אונ א קלוגער ווייסט וואס ער זאגט

208 א נארר טאר מען קיין האלבע ארבייט ניט ווייזען [3]

209 א נארישקייט אז עס גראט א מאהל. איז דאס אויך א נארישקייט

210 א נארישקייט געדיינקט זיך

211 א נארר לאכט דריי מאהל [4]

212 א נארר קען אמאהל זאגען א גלייך ווארט אויך

213 א נארר קען מעהר פרעגען איידער צעהן קלוגע קענען ענטווערען

214 א נגיד קומט אב אונ איין ארעמאנן קומט אויף איז נאך ניט גלייך

215 א נייער בעזים קעהרט גוט

216 א געהמער איז ניט קיין געבער

217 א עושר האט קיין יושר

218 א פאראשווע אין האניג געפרעגעלט איז אויך זים

219 א פוילער שליח געפינט אללע תירוצים

220 א פסוק מיט א שטעקען [5]

221 א פריץ האט אין זינן פערד— אונ הונד, א יוד ווייב אונ קינד

222 א פרעמדער פעלץ ווארעמט ניט

223 א צדיק אין פעלץ [6]

224 א קאטץ אדער א הינדיג, אבי א קאטץ אויף שבת

225 א קאטץ קען אויך קאליע מאכען

226 א קאמאר קען אויך בייסען

227 א קארגער צאהלט טייער, א פוילער געהט מעהר

228 א קבצן איז א בעל-צדקה אויף פרעמדע קעשענעס

229 א קבצן האט תמיד א שאנע טאכטער.

230 א קלאפ פאר-געהט א ווארט ביי-שטעהט.

231 א קליין קינד איז א שפיעלכען, א גרויס קינד א מיהלכען

232 א קראנקען פרעגט מען, א געזונדטען גיבט מען

233 א קראנקעד לעבט פון קריינק

234 א רב אהן א רביצין, איז א האלבע מעשה

235 א האלבע שאלה איז טריפה

236 ארעם איז קיין שאנד

237 א שאן מיידיל איז א האלבער נדן

1] יעדער שדכן אונ ווער עס וויל נאר, רעדט איהר שידוכים ווי יעדען געפעלט, אדער: כל זמן זי איז נאך ניט קיין כלה קען יעדער יונגער מאנן זיך אנמעסטען פאר א כלה, דרום זאגט מען: „א מיידיל איז ווי א האנדטוך, ווער עס וויל ווישט זיך", 2] נאריש זיין איז אזא קראנקהייט וואס עס איז שווער אויס צו-קורירען ווי א קאליקע וואס איז געלעמט אויף די הענד מיט די פיס. 3] ווייל ביז אין ענדע וועט ער אלץ ניט אויפהערען צו פרעגען, (אדער: אלע מאל וועט ער נייע פראגען געפונען). 4] (1 אז ער הערט, (2 אז ער פערשטעהט, (3 אונ אז דער-מאנט זיך. [5] דער פסוק „ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו" (שמות י"א ז') ווערט בענוצט פאר א סגולה ווען הינד פאלען אן: דאך איז גוט דער ביי אויך א שטעקען צו האבען, ווירקט עס נאך בעסער; 6] אין דעם רעדען קען מען קיין אונטערשיעד ניט מאכען אז מע זאגט „צדיק" צי מיינט מען א צדיק— א פרומען יוד אדער דאס אות „צ" אזוי ווי אין מיטען ווארט שרייבט מען א קרימע צדיק „צ" אונ צום סוף ווארט א שלעכטע „ץ" (פערדארבען פון דייטשען שליכט-גראדע:) „ץ" מוז אין ווארט „פעלץ" געשריבען ווערען א שלעכטע „ץ" דאריבער אז מע וויל א שלעכטין צדיק זאגען א שטאך ווארטיל זאגט מען איהם אז ער איז א צדיק אין „פעלץ" דאס הייסט ווי די „ץ" אין ווארט „פעלץ".

(הויז-פריינד)

239 א שאן פנים קאסט געלד [1]
240 א שדכן מוז זיין א ליגנער
241 א שוחט טאר קיין פגימה ניט מאכען
242 א שטוב אהן א בעל־בית־טע איז א פוהר אהן רעדער
243 א שטענדיגער גראשען איז בעסער פון א זעלטען קערביל
244 א שטעקין האט צוויי עקין
245 א שיכור ברויכט מען ניט צו שטויסען
246 א שיקסע ביי א רב, קען אויך פסקענען שאלות
247 א שלים־מזל פאלט אויף דעם רוקען און צו ברעכט זיך די נאז
248 א שלעכט ווייב, איז ווי א ווינד אויף דעם לייב
249 א שלעכט ווייב איז ערגער ווי דער טוידט.
250 א שם טוב, איז בעסער ווי איין אבן טוב
251 א שנור מיט איין איידעם זענען א פאר שדים
252 א שעה אין גן־עדן איז אויך גוט
253 א שפריכווארט, איז להבדיל א תורה

ב.

254 בארגען מאכט זארגען —
255 ביז דער פעטער ווערט מאגער געהט דער מאגערער צו גרונד
256 ביז זיבציג יאהר לערענט מען שכל, און מען שטארבט א נארר
257 ביסט־דו א בהמה קאי שטרוי
258 ביסט דו א זעלנער, שמעק זשע פולווער
259 ביי איין ארעמאנן, זאל מען קיין געלד לייהען
260 ביי א פערד קוקט מען אויף די ציין, א מענשען אויף דעם שכל
261 ביידע אין איינעם, איז ניט דא ביי קיינעם
262 ביי דעם ארעמאנן ווערט די חכמה דער שלאגען
263 ביים משפט מוז מען ביידע אויס־הערען
264 ביי־נאכט זענען אללע קיה שווארץ
265 בינד מיך אויף אללע פיער, נאר ווארף מיך צווישען מיינינגע
266 בעסער א בושת פנים איידער א עזות פנים
267 בעסער א ביטערע בלאט פון גאט איידער א זיסע פון מענשען
268 בעסער א געוואנדערטער נארר איידער א היימעשער חכם
269 בעסער א ווייטאג אין הארץ איידער א חרפה אין פנים
270 בעסער א יוד אהן א בארד ווי א בארד אהן א יודען
271 בעסער א יונגע אלמנה, איידער א אלטע מויד
272 בעסער איין אומרעכט לייד'ען, איידער טהון
273 בעסער איין אלטער טאפ, איידער א נייער שארבען
274 בעסער איין גוטער פריינד, איידער צעהן פיינד
275 בעסער אין גוישע הענד, איידער אין יודישע מיילער
276 בעסער א נאהנטען גראשען איידער א וייט קערבעל
277 בעסער א פאטש, איידער א פאלשער קוש
278 בעסער א קווינט מזל איידער א פונט גאלד
279 בעסער א רייכער שכן, איידער איין ארעמער בעל־הבית
280 בעסער ביי זיך קרופניק וקאלישו איידער ביי יענעם געבראטענס

[1] דער וואס ווילל האבען א שאן פנים פאר דער וועלט דארף געבען צדקה, מיט־העלפען ארעמע לייט, לעבען שאן ווי א מענש א. ז. וו. און דאס אללעס, פערשטעהט זיך מוז קאסטען געלד.

281 בעסער ביים טאטען ברויט, און ביי זיך קוילעטש
282 בעסער גוט געשעהן, איידער שלעכט געהאט
283 בעסער געזונד געהערט, איידער קראנק געזעהן
284 בעסער דאס גליק זוכט דעם מענשען, איידער דער מענש דאס גליק
585 בעסער דאס קינד זאל וויינען, איידער די עלטערען
286 בעסער דעם בעקער, ווי דעם דאקטאר.
287 בעסער דער ערשטער רוגז איידער דער אנדערער
288 בעסער מיט א קלוגען פערלירען, איידער מיט א נארר צו געפינען
289 בעסער פאפיער צו־רייסען, איידער פארמעט [1]
290 בעסער פיער אין פריידען איידער צוויי אין ליידען [2]
291 בעסער פריהר איין ווארט, איידער צוויי דער נאך
292 בעסער צעהן מאהל פערדארבען, איידער איין מאהל געשטארבען
293 בעסער שלעכט געפאהרען, איידער גוט געגאנגען
294 ברעכט זיך א רינג, צו־רייסט זיך די גאנצע קייט

ג.

295 גאטט באשערט דעם טרינקער זיין וויין, און דעם שפיגער זיין פלאקס
296 גאטט גיט די קעלט, נאך די קליידער
297 גאטט גיט ניט בחנם
298 גאטט האט געשווארען אין דער וועלט זאל גאר נישט חערען פאר־לוירען
299 גאטט זיצט אויבען, און פארט אונטען
300 גאטט שיקט די רפואה פאר דער מכה
301 גאלד לייכט פון בלאטע ארויס
302 גדלות ליגט אויף דעם מיסט
303 גוט איז דעם וואס ווערט באגליקט אויף דער עלטער
304 גוטע מאנער, זענען שלעכטע צאהלער
305 גוטע פערד, בלאנדזען ווייט
306 גים ניט ארויס די אומריינע, כל זמן דו האסט ניט די ריינע
307 געבענטשט זענען די הענד וואס טהון זעלבסט
308 געה לאנגזאם, וועסט דו שנעלער קומען
309 געה פאמעלעך, וועכט דו נישט פאלען
310 געלד איז בלאטע אבער בלאטע איז קיין געלד
311 געלד געהט צו געלד
312 געלד פערדינען, איז גרינגער ווי צו האלטען
313 געלד פאר־לירען איז גאר ניט, מוהט פאר־לירען איז אללעם פאר־לארען
314 געפאשעט איז געפאהרען [3]
315 געצוואונגען און געגייט, טהוט גאטט לייד
316 גראד איז שטענדיג גוט [4]
317 גראהע האר זענען קברות בלעטלי'ך.
318 גרינג צו זאגען, שווער צו ...

ד.

319 דאס אויג דער־צעהלט וואס דאס הארץ מיינט
320 דאס אויבערשטע קלייד פאר־דעקט אללע לייד

[1] בעסער תנאים צו־רייסען וואס מע שרייבט אויף פאפיער איידער א גט וואס מע שרייבט אויף פארמעט. [2] איידער א פאר פאלג (מאנן און ווייב) זאללען זיך קריעגען איז גלייכער זיי זאללען זיך גט'ן, ער וועט התונה האבען מיט איינער און זי מיט איינעם וועט אויס־קומען פריער צוויי אין ליידען און שפעטער פיער אין פריידען. [3] אום־געפאשעט קען מען ניט פאהרען; אז מע עסט ניט קענן מען ניט ארבייטען. [4] „גראד" הייסט צו־דער־פאאר, וואס צו־דער־פאאר איז גוט, א פאאר איז בעסער ווי איינער אדער איינע; אין צווייען איז שטארקער א. ז. וו.

321 דָאס בְּעסְטֶע עֶפֶּעלֶע חַאפְּט אוֹיס דָער חַזִיר
322 דָאס בְּרוֹיט פַאלְט שְׁטֶענְדִיג מִיט דִי פוּטֶער אַרָאבּ
323 דָאס גוּטֶע גֶעדֵיינְקְט זִיךְ לַאנְג, דָאס שְׁלֶעכְטֶע נָאךְ לֶאנְגֶער
324 דָאס גוּטֶע פֶערְד שְׁלָאגְט מֶען
325 דָאס הֶעמְד אִיז מִיר נֶאהֶנְטֶער וִוי דָאס קְלֵייד
326 דָאס וָוארְט אִין מוֹיל אִיז אַ האַרר, פוּן מוֹיל אִיז אַ נַארר
327 דָאס וַוייבּ מַאכְט פוּן דֶעם מַאנְן וַואס זִי ווילל
328 דָאס מַזָל לָאזְט נִיט לַאנְג מִיט זִיךְ שְׁפִּילֶען.
329 דָאס עֶפֶּעלֶע פַאלְט נִיט וַוייט פוּן בּוֹימֶעלֶע.
330 דָאס עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, אִיז אַ גֶעזוּנְד צוּם לַייבּ.
331 דָאס פָּנִים אִיז אַ מְסוֹר
332 דָאס קְרִיגֶעל גֶעהט זָא לַאנְג נָאךְ וַואסֶער בִּיז דֶער אוֹיעֶר בְּרֶעכְט זִיךְ אָבּ
333 דָארְט וואוּ מֶען הָאט דִיךְ לִיעבּ גֶעה וֶועניג אוּנ דָארְט וואוּ מֶען הָאט דִיךְ פַיינְט גֶעה גָאר נִיט
334 דִי אוֹיגֶען זֶענֶען גְרֶעסֶער וִוי דָאס מוֹיל
335 דִי אֵייעֶר ווִילֶען קְלִיגֶער זַיין פוּן דִי הִיהנֶער
336 דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה אִין דֶער וֶועלְט אִיז מְזוּמָן גֶעלְד
337 דִי גאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטאדט
338 דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט זָארְגְט: דִי זָארְגְט וָואס דִי פֶּערֶעל אִיז אִיהר צוּ טִיטֶער, אוּנ דִי צְוַוייטֶע זָארְגְט וָואס דִי פֶּערִיל־גְרִיץ אִיז צוּ שִׁיטֶער
339 דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט שְׁטֶעהט אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ צוּנְג
340 דִי הַאלְבֶּע וָועלְט לֶעבְט נַוי שְׂרָרוֹת, דִי אַנְדֶערֶע אִין צָרוֹת

341 דִי וֶועלְט אִיז אַ פַיינֶע, אָבֶּער יֶעדֶער הָאט דָאס זַיינֶע
342 דִי וֶועלְט אִיז וִוי אַ לַייטֶער: אֵיינֶער גֶעהט אַרוֹיף דֶער צְוַוייטֶער אַרָאבּ
343 דִי זוּנְן שַׁיינְט גְלַייךְ, אוֹיף אָרֶעם אוּנ רַייךְ.
344 דִי זֶעלְבֶּע זוּנְן מַאכְט לַיינְוַואנְד וַוייס, אוּנ דֶעם צִיגַאנֶער שְׁוַוארְץ
345 דִי טָאכְטֶער שְׁטְרָאפְט מֶען, דִי שְׁנוּר מֵיינְט מֶען
346 דִי עֶרְשְׁטֶע פְלוֹימֶען זֶענֶען וֶוערֶעמְדִיג
347 דִי פִּיס טְרָאגֶען, וואוּ דֶער קָאפּ זָאל רוּהֶען.
348 דִי צַייט מַאכְט גְרָאה דִי פֵּאָה, אוּנ עֶנְדֶערְט דִי דֵעה
349 דִי צִיג עֶסְט דָא גְרָאז אוּנ דָארְט גְרָאז [1]
350 דִי צוּנְג פֶערְפִיהְרְט דֶעם מֶענְשֶׁען צוּם גְלִיק אוּנ אוּמְגְלִיק
351 דִי תּוֹרָה הָאט קֵיין גְרוּנְד
352 דַלוּת אוּנ גַאֲוָה פַּאסֶען נִיט צוּ־זַאמֶען
353 דֶעם אֱמֶת מֶעג מֶען זָאגֶען אֲפִילוּ אֵיין אֵייגֶענֶעם טַאטֶען
354 דֶעם אָרֶעמַאנְן אִיז תָּמִיד דֶער ווִינְד אִין דִי אוֹיגֶען
355 דֶעם גֶעפַאלֶענֶעם הֶעלְפְט גָאטט
356 דֶעם דַלוּת פַּאסְט אַללֶעם
357 דֶעם לִיגְנֶער גְלוֹיבְּט מֶען נִיט אֲפִילוּ אוֹיף אַ אֱמֶת אוֹיךְ
358 דֶעם רֶבִּינְס עֶסֶען אוּנ דֶעם פֶערְדְס טְרִינְקֶען קֶען מֶען אוֹיס הַאלְטֶען, אָבֶער דֶעם רֶבִּינְס טְרִינְקֶען אוּנ דֶעם פֶערְדְס עֶסֶען אִיז אוּנמֶעגְלִיךְ
359 דֶעם רָשָׁע גֶעהט אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶעם צַדִיק אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט
360 דֶעם שַׁדְכָן שְׁטְרָאפְט גָאטט נִיט פַאר זַיינֶע לִיגֶען
361 דֶער אֱמֶת אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שְׁווִינְדֶעל.

362 דֶער אֶתְרוֹג קָאסְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְד, אוּנ אִיבֶּער דֶעם לוּלָב מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה.
363 דֶער בֶּעסְטֶער בִּיסֶען קוּמְט אָהן דֶעם עֶרְגְסְטֶען הוּנְד
364 דֶער דָאקְטָאר קֶען צוּ אַללֶעם הֶעלְפֶען נָאר נִיט צוּם דַלוּת
365 דֶער דַלוּת לֵייגְט זִיךְ צוּם עֶרְשְׁט אוֹיף דֶעם פָּנִים
366 דֶער הַאלְדְז הָאט אַ קְלֵיין לֶעכֶעל אוּנ פֶער־שְׁלִינְגְט דִי הוֹיז מִיט דֶעם דֶעכֶעל.
367 דֶער הוּנְד חַאפְּט אַ בֵּייגֶעל בַּיים בֶּעקֶער, דֶער בֶּעקֶער בְּלַייבְּט אַ בֶּעקֶער.
368 דֶער וָואס הָאט אַ הוֹיקֶער, מוּז אִיהם טְרָאגֶען
369 דֶער וָואס הָאט גֶעהָאלְפֶען אוֹיף דִי פִּישׁ, וֶועט הֶעלְפֶען אוֹיף פֶעפֶער.
370 דֶער וָואס הָאט דִי מֵאוֹת, הָאט דִי דֵעוֹת.
371 דֶער וָואס הָאט לִיעבּ צוּ נֶעהמֶען דֶער הָאט פַיינְט צוּ גֶעבֶּען
372 דֶער וָואס זִיצְט לֶעבֶּען בּוּךְ דֶער שְׁרַייבְּט זִיךְ אָן אַ גוּט יָאהר
373 דֶער וָואס טְרִינְקְט זִיךְ חַאפְּט זִיךְ אָן אָן אַ שַׁארְף פוּן אַ שְׁוֶוערְד
374 דֶער וָואס לוֹיבְּט זִיךְ אַלֵיין מוּז עֶרוּהָאבֶּען שְׁלֶעכְטֶע שְׁכֵנִים
375 דֶער וָואס פְרֶעגְט בְּלָאנְדְזֶעט נִיט
376 דֶער זַאטֶער גְלוֹיבְּט נִיט דֶעם הוּנגֶערִיגֶען.
377 דֶער חֶשְׁבּוֹן אִיז רִיכְטִיג, נָאר דָאס גֶעלְד פֶעהלְט
378 דֶער טוֹידְט אִיז קֵיין נְקָמָה
379 דֶער טוֹידְט בֶּעוַוייזְט דֶעם אֱמֶת
380 דֶער טוֹידְט קְלַייבְּט נִיט אִיבֶּער
381 דֶער [illegible]ם אִיז אַ נַארר
382 דֶער לוּחַ טְרֶעפְט אוֹיךְ אַ מָאהל
383 דֶער לִיגְנֶער רֶעדְט זִיךְ דִי לִיגֶען אֵיין, בִּיז עֶר גְלוֹיבְּט זִיךְ זֶעלְבְּסְט
384 דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת הָאט תָּמִיד אַיין אוֹיס־רֵייד
385 דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת זָארְגְט נִיט צוּ דֶער טוֹיטֶער הָאט תַּכְרִיכִים
386 דֶער מַלְאָךְ הַמָוֶת שְׁעכְט אוּנ בְּלַייבְּט גֶערֶעכְט
387 דֶער מֶענְשׁ גֶעהט אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּנ וַוייסְט נִיט וָואס הִינְטֶער זַיינֶע פְרַייצֶעט גֶעפִינְט זִיךְ
388 דֶער מֶענְשׁ טְרַאכְט אוּנ גָאטט לַאכְט
389 דֶער עוֹשֶׁר בְּלָאזְט זִיךְ אוּנ דֶער אָרֶעמַאנְן ווֶערְדְט גֶעשְׁוָואלֶען
390 דֶער עֶרְשְׁטֶער בִּיסֶען אִיז אַיין עֶקְבּוֹיר
391 דֶער קוּגֶעל גֶערָאטה נָאךְ דִי גֶעסְט
392 דֶער רֶבִּי מֶעג
393 דֶער שֵׂכֶל קוּמְט נָאךְ דִי יָאהרֶען
394 דֶער שַׁמָשׁ קְלַאפְּט אִין שׁוּל אַרַיין אוּנ לֵייגְט זִיךְ אַלֵיין שְׁלָאפֶען

ה.

395 הָאבּ אִין זִינְן זִיךְ, וֶועסְט דוּ פַארְגֶעסֶען אָהן יֶענֶעם
396 הָאבֶּען מִיר נִיט גֶעוָואלְט עֶסֶען מַן מוֹהְן מִיר עֶסֶען צִיבֶּעלֶעם
397 הַאלְט מִיךְ פַאר אַ רָב אוּנ הִיט מִיךְ וִוי אַ גַנָב
398 הַאנְדֶעל־שַׁאפְט אִיז קֵיין בְּרִידֶער־שַׁאפְט.

ו.

399 וואוּ דָאס וַוייבּ רֶעגִירְט ווֶערְט מֶען אִיבֶּער־גֶעפִיהְרְט
400 וואוּ דַלוּת דָארְט אִיז אַללֶעם
401 וואוּ דֶער שְׁטְרִיק אִיז דִיען דָארְט רַייסְט עֶר זִיךְ
402 וואוּל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אִין דֶער הֵיים.
403 וואוּל צוּ דֶעם וָואס קוּמְט צוּ אַ גְרֵייטֶע שִׁיסֶעל
404 וואוּ מֶע גֶעהט פִיעל, וַואקְסְט קֵיין גְרָאז.
405 וואוּ מֶע דַארְף הָאבֶּען מוֹחַ הֶעלְפְט נִיט קֵיין כֹּחַ
406 וואוּ תּוֹרָה דָארְט אִיז חָכְמָה

1] דעם געמיינעם מענשען איז אומעטאום שלעכט.
(הויז-פריינד)

453 ווען א קינד זאגט א חכמה, שיקט עס באלד אוועק [1]
454 ווען א קינד פאלט, שטעלט דער מלאך די הענד אונטער
455 ווען גאטט דער פרייט איז קיין מאהל נישט צו שפעט
456 ווען גאטט וויל מאכען צום נארר, נעמט ער צו ביים מענשען אויף דער עלטער דאס ווייב
457 ווען גאטט וויל, שיסט א בעזעם
458 ווען גלויבט א ליטוואק? ווען ער צעהלט דריי מאהל איבער
459 ווען דאס מזל געהט, קאלבט זיך דער אקס
460 ווען דאס מזל וויל ניט, מאכט קמץ בית „בא"
461 ווען דער מאנן איז א רב איז דאס ווייב א רביצין
462 ווען דער קצב געהט אוועק שפרינגט דער הונד אויף דעם קלאטץ
463 ווען וועסט דו וויסען אז איך בין דיר א א גוטער פריינד? ווען דו וועסט מיר ניט פאלגען
464 ווען זינגט א יוד? ווען ער איז הונגעריג.
465 ווען חתן כלה זענען נאשערס, רעגענט ביי זיי צו דער חופה
466 ווענט האבען אויערען, די גאסען האבען אויגען
467 ווען מע האט ניט צו פארלירען, מוז מען אללעס פראבירען
468 ווען מע שערט די שאף ציטערען די לאממער
469 ווען נאהט א שניידער אומזיסט? ווען ער מאכט ניט קיין קניפעל
470 ווען עס איז ניט ווי מע וויל, מוז מען וועלען ווי עס איז.
471 ווער עס ברויכט א סך דער קען פיעל ניט שפארען
472 ווען פרייעט זיך א הויקער? ווען ער זעהט דעם צווייטען הויקער
473 ווען פרייעט זיך גאטט? — ווען איין בעטלער קראטצט דעם אנדערען
474 ווען פרייעט זיך דער ארעמאנן? ווען ער פארלירט און געפינט
475 ווען פרייען זיך די חדר יונגליך? ווען דער רבי זיצט שבעה
476 ווען קלאגט דער ארעמאנן? ווען ער האט צוויי חתונות אין איין טאג
477 ווען שדכנים שלאגען זיך, צו געהט דער שדוך
478 ווער עס איז פויל דער האט ניט אין מויל
479 ווער עס גראבט א גרוב אויף דעם צווייטען דער פאלט אליין אריין
480 ווער עס גרייט ניט אן ערב שבת, דער האט ניט אויף שבת
481 ווער עס האט א געהאנגענעם אין דער משפחה, פאר דעם טאר מען קיין שטריק ניט דער־מאנען
482 ווער עס האט אליין ניט צו קייען דער זאל יענעם ניט לייען
483 ווער עס האט געגעבען ציין, דער וועט געבען ברויט
484 ווער עס ווארפט דיר מיט שטיינער ווארף איהם מיט ברויט
485 ווער עס וויל אללעס וויסען, ווערט גיך אלט.
486 ווער עס וויל בארגען דער זאל קומען מארגען
487 ווער עס טויג ניט פאר זיך טויג ניט פאר יענעם
488 ווער עס לייגט זיך הונגעריג שלאפען דעם חלומען זיך בעטלער

[1] ווייל א קינד איז מעהר ניט ווי א קינד און קען באלד נאך דער חכמה זאגען א נארישקייט.

407 וואס איינער האט אין זיך, ווארפט ער פון זיך
408 וואס אלטע קייען טהון יונגע שפייען
409 וואס א סוד דארט איז א גנבה
410 וואס באשערט דאס באווערט
411 וואס ביי א ניכטערען אויף דער לונג, איז ביי א שיכורען אויף דער צונג
412 וואס ביי דעם נגיד פאר־וואלגערט זיך, געפינט זיך ניט ביים ארעמאנן אין פאר־מעגען
413 וואס ביי יענעם איז שאן
414 וואס בילליג איז טייער
415 וואס גאט טהוט, איז מסתמא גוט
416 וואס דער מענש טהוט זיך זעלבסט, וואלטען איהם קיין צעהן שונאים ניט געטהון
417 וואס דער פריץ איז גרעסער איז ער אלץ קלענער ביי זיך
418 וואס ווערט מיט א מאהל א מיוחס? — א יום־טוב־דיגער זעקעל פאר פסח און א בעל־תקיעה אום ראש־השנה
419 וואס מע האט ווילל מען ניט און וואס מע ווילל האט מען ניט
420 וואס מע האנדעלט אום־שבת געהט אין דער וואך צוריק
421 וואס מעהר געווארט מעהר גענארט
422 וואס מע נעהמט ניט אליין דאס האט מען ניט
423 וואס מע רייסט ניט אב מיט געוואלד דאס האט מען ניט
424 וואס נאהענטער פון שול אלץ ווייטער פון גאטט
425 וואס עלטער איז אלץ קעלטער
426 וואס עס וועט זיין מיט כל־ישראל וועט זיין מיט רבי ישראל
427 וואס פאר א גוט מארגען אזא גוט יאהר,
428 וואס פאר א כלי־זמר אזא חתונה
429 וואס פאר א קהילה אזא פרנס
430 וואס צו גאטט איז צו גאטט, און וואס צו לייטען איז צו לייטען?
431 וואס צו־פיעל איז אונגעזונד
432 וואס קומט ארויס פון דעם גוטען ביער אין דעם שלעכטען פאס?
433 ווארף די קאטץ ווי דו ווילסט בלייבט זי שטעהן אויף די פיס
434 ווי מע שמיערט אזוי פאהרט מען
435 ווי די שררות אזוי איז דער משרת
436 ווי דער הארר האלט דעם הונד, אזוי האלט איהם דאס גאנצע געזינד
437 ווייבער האבען לאנגע האר און קורצען שכל
438 ווייבער האבען ניין מאס רייד
439 ווייז א הונד א פינגער, וויל ער די גאנצע האנד
440 ווייניגער עולם גרעסער די שמחה
441 ווייגען און לאכען, איז ביי ווייבער רייכטע זאכען
442 ווילסט האבען א פנים ביי לייטען? האב פריהר ביי זיך אליין
443 ווי מע בעט זיך אויס אזוי שלאפט מען
444 ווי מע נעהמט זיך פאר, אזוי העלפט גאטט
445 ווי־פיעל קעפ אזוי פיעל דעות
446 ווענען שנאת חנם איז דאס בית המקדש חרוב געווארען
447 ווען גאטט וויל דער קוויקען, דעם קאנען מענשען ניט דער שטיקען
448 וועמען גאטט ליעבט דעם שטראפט ער.
449 ווען א חזיר וואלט האבען הערנער, וואלט די וועלט קיין קיום געהאט
450 ווען איין אלטער מאנן נעהמט א יונג ווייב ווערט דער מאנן יונג און דאס ווייב אלט
451 ווען אללע מענשען וואלטען געווען נביאים וואלטען ניט געווען קיין עניים
452 ווען א נארר ווארפט א שטיין אין ברונען (אדער: אין גארטען), קענען קיין צעהן קלוגע נישט ארויס־נעהמען

489 ווער עס פארעט זיך מיט סמאלע דער מוז זיך די הענד אויס-שמירען
490 ווער עס פאר-שטעהט ניט אויף דעם ווינק, צו דעם נעמט מען א שטעקין
491 ווער עס פיהלט זיך דער מיינט זיך
492 ווער עס קאכט נאך דעם בוך און זעהט נאך דעם לוח, דער האט דעם רוח
493 ווער עס קאן קיין פולווער ניט שמעקען דער זאל אין דער מלחמה ניט געהן
494 ווער עס קומט פריהער, דער מאהלט פריהער
495 ווער עס שטעלט ניט איין, דער נעהמט ניט אויס
496 ווער עס שמייכעלט איז א פיינד, ווער עס שטראפט איז א פריינד

ז.

497 זארגען און יאהר מאכען גרוי די האר.
498 זיבען זיהן בריינגען א שטוהל אין גן עדן, זיבען טאכטער א שטוהל אין גיהנם.
499 זיי ניט צו-פיעל זיס, מע זאל דיך ניט אויפ-עסען, זיי ניט צו פיעל ביטער, מע זאל דיך ניט אויס-שפייען
500 זכות אבות איז קיין קאטאוועס 1]

ח.

501 חברותה איז גוט מיט זיין אייגען ווייב.
502 חוצפה גילט.
503 חן קאסט ניט מעהר חי אומ-ח

ט.

504 טאטע מאמע מוזען פון קינדער ליידען.
505 טהו א הונד גוטס בילט ער נאך
506 טייערע סחורה וואקסט פון די ערד ארויס 2]

י.

507 יחוס אויף דעם בית-הקברות-אין דער היים צרות
508 יעדער איז פאר זיין געלד א פריץ
509 יעדער בעל דרשן הרשעט פאר זיך
510 יעדער גאנג איז ווערט געלד
511 יעדער הונד איז א בעל-בית אויף זיין מיסט
512 יעדער ווארטיל האט זיין ארטיל
513 יעדער יוד האט זיין פעקיל
514 יעדער מארגען ברייננגט זיינע זארגען
515 יעדער מענש איז אויף זיך בלינד
516 יעדער נארר האט שכל פאר זיך
517 יעדער נארר מיינט אז ער איז קלוג
518 יעדער סוחר לויבט זיין סחורה
519 יעדער פאר זיך, גאטט פאר אללע
520 יעדער קינד ווערט געבוירען מיט זיין מזל.
521 יעדער שטאדט-פיהרער האט פער-שטאכענע הענד
522 יעדער שיינקער לויבט זיין ביער
523 יעדע שטאדט האט איהר משוגענעם
524 ירושה און נדן-געלד האבען קיין ווערט. [אדער: קיין מזל ניט]

1] וועגען דעם שפריכווארט זינגט דאס פאלק דאס דאזיגע ליעדעלע:

דאס ווייב: א, מיין מאנן, זיי דו קיין נארר, לאך מיר מיין טאכטעריל ניט אויס, זי איז טאקע א יאשטשערקע גרין און דאר,
די קומט אבער פון שאנע לייט ארויס.
איהר זיידע דער צדיק וועט זיך מיהען,
וועל איך מיט איהר נאך א גוטען שדוך טהון,
זכות אבות איז קיין קאטאוועס!

דער מאנן: א, מיין ווייב, דו ביזט זעהר גערעכט,
דיינע רייד זענען להבדיל א תורה,
דיין טאטע און מאמע האבען זיך אויך ניט גערעכט,
צו-בעקומען א קונה אויף זייער שטיקעל סחורה,
נאר דיין זיידע דער צדיק האט זיך געמיהט
האב איך מיר נעביך אב-געבריהעט,
זכות אבות איז קיין קאטאוועס!

2] אזוי דאכט זיך אז עס געפינט זיך גאר ניט די סחורה צו פאר-קויפען; ווערט נאר טייער, וואקסען ארויס סוחרים און ברייגגען פון אונטער דער ערד די טייערע סחורה צו פאר-קויפען.

כ.

525 כבוד וואלגערט זיך אויף דעם מיסט ווער עס וויל נעמט אומזיסט
526 כסף וזהב מטהר ממזרים
527 כעס וחמה מאכען דעם מענשען פאר א בהמה

ל.

528 לאנג געבארגט איז אלץ ניט געשיינקט.
529 ליידיגע האנד מאכען קאליע די וואנד
530 לעבען א פעטען טאפ איז זיך גוט צו רייבען
531 לעבען א שווערען וואגען איז גוט צו פוס צו געהן
532 לעבען זאל מען צווישען גוים, שטארבען צווישען יודען
533 לייג א קראנקען ווי דו ווילסט, טהוט איהם אלץ וויי

מ.

534 מיט א יודען איז נאר גוט אין שול צו געהן
535 מיט אמת קומט מען פאר גאטט
536 מיט א נארר איז איין אייביגער צער
537 מיט א קלוגען קען מען אלעם אויס-פיהרען
538 מיט דעם מלאך המות טרייבט מען ניט קיין קאטאוועס
539 מיט וואס דער טאפ איז אנגעברענט, דער-מיט שמעקט ער
540 מיט וואס מע האנדעלט, דאס קלעפט זיך אן
541 מיט וויינען באצאהלט מען ניט קיין חובות
542 מיט וועלכע מענטשען מע האט צו טהון אזוי איז מען אליין
543 מיט טראכטען וועסט דו גאר ניט מאכען.
544 מיט פרעמדע האנד איז גוט פייער צו שארען
545 מיט צוויי ריטער שטראפט [אדער: שמייסט] מען ניט
546 מיט קהל איז זיך שלעכט צו משפטין.
547 מיט שווייגען פארדט מען זיך ניט.
548 מיט שרייען פיהרט מען ניט אויס
549 מיט תורה ווערט מען ניט פאר-פאלען.
550 מיינע קינדער זענען גאטטס וואונדער 1]
551 מע דארף עסען, זאבער ניט פרעסען.
552 מע דער-קאנט דעם פויגעל נאך די פעדערן.
553 מע דער קאנט נאך די באקען ווי די ציינער קנאקען
554 מעהר גוי—מעהר מזל.
555 מעהר ליכט פאר-ברענט ווי געלד פאר-דינט
556 מעהר סוחרים--מעהר גליק
557 מע זאל זיך קענען אויס-קויפען פון דעם טוידט וואלטען די ארעמע לייט שאן פרנסה געהאט 1]
558 מע טאר דאס שטריקעל ניט איבער-ציהען
559 מע טאר ניט אויס-זאגען פון חדר
560 מע טאר ניט בעטען אויף א נייעם מלך 3]
561 מע מוז זיך אמאהל מאכען צום נארר.
562 מע מוז זיך שטרעקין נאך די עקין.
563 מע מוז פאר דעם רוח-ס וועגען אויך אמלען
564 מע מיינט ניט די הגדה נאר די קניידליך.
565 מע מעג זיין שווארץ אבי א גוט הארץ.
566 מע נארט ניט יענעם נאר זיך אליין.
567 מע קנייפט די באקען די פארב זאל שטעהן
568 מע קען די וועלט דאס מויל ניט פאר-מאכען

1] אזוי זאגט יעדע מוטטער. 2] עס וואלט דאן זיין ארענדיל א קאפיטעל תהלים. 3] אויף דעם פסוק „ויקם מלך חדש" מאכט רש"י שנתחדשו גזרותיו.

569 מע שפיעלט דעם חתן וויינענדיגס און ער האט זיינס אין זינען־
570 משה רבינו האט מיט די יודען אויך ניט געקענט אויס־קומען

נ.

571 נאך א שרפה ווערט מען רייך
572 נאך יום טוב בלייבט חובות און קויטיגע וואש;
573 נויט ברעכט אייזען, דלות ברעכט שלעסער
574 ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך.
575 ניט דאס הארץ וואס לאכט איז פרעהליך.
576 ניט דאס היטעל איז פאר־דרעהט, נאר דער קאפ
577 ניט דאס שאנע פנים איז דער עיקר, נאר דאס שאנע הארץ
578 ניט פיעל געטראכט, אבי גוט געמאכט.
579 ניט קיין מזומנים, ניט קיין שאן פנים.
580 נעמט גאטט נאר צו דאס געלד, נעמט ער דעם שכל אויך צו

ס.

581 סיג לחכמה שתיקה — אבער שתיקה אליין איז קיין חכמה

ע.

582 עהרליך איז שווערליך
583 עלטערען קענען אללעס געבען נאר ניט קיין מזל
584 עס איז א גרויסער חילוק פון וכך היה אומר ביז וכך היה מונה [1]
585 עס איז א מצוה פון א חזיר א האר אויס צו־רייסען [2]
586 עס איז בחנם וואסער אין ברונען אריין צו גיסען, אז עס קומט ניט אליין צו פליסען
587 עס איז ניט דא קיין מעלה אהן א חסרון
588 עס ווייסט ניט קיינער וועמעס מארגען איז.
589 עס עסען ביי גאטט אללע גלייך, ארעם און רייך
590 עפעס שלעכטס וועט דער רוח ניט נעמען.
591 ערגער ווי שלעכט קען ניט זיין.
592 ער זוכט א פגימה אויף דער זעג.
593 ער קומט נאך דער ירושה און מוז בע־צאהלען קבורה געלד.
594 עשו גיט מעשר פון שטרוי

פ.

595 פאר א גנב איז קיין שלאס ניט דא;
596 פאר א געשלאגענעם הונד טאר מען קיין שטעקען ניט ווייזען
597 פאר א גר טאר מען קיין גוי ניט שעלטען.
598 פאר א היימעשען גנב קען מען זיך ניט איינ־היטען
599 פאר א טובה קומט אפט־מאהל א רעה.
600 פאר איין אלמען שלעכטען חוב נעמט מען פלעווע אויך
601 פאר א מענשען מוז מען זיך גיכער פאר־ענטוועהרען, ווי פאר גאטט
602 פאר א נארר איז קיין סוד ניט
603 פאר א נארר טאר מען קיין האלבע ארבייט ניט ווייזען
604 פאר אנקוקען צאהלט מען קיין געלד.
605 פאר א פעקעל מאכער איז א פינסטערע נאכט א ליכטיגע וועלט
606 פאר א צאפ האט מען מורא פון פארענט, פאר א פערד פון הינטען, פאר א נארר פון אללע זייטען
607 פאר א שכור איז קיין שלעכטער בראנפען ניט דא

608 פאר געלד קריגט מען אללעס, נאר טאטע מאמע ניט
609 פאר דעם אמת שלאגט מען.
610 פאר דעם טויט קען מען זיך ניט בעהאלטען
611 פאר דער וועלט מוז מען מעהר יוצא זיין ווי פאר גאטט
612 פאר מארגען זאל גאטט זארגען
613 פאר נויט טהוט מען אן דעם שבת אין דער וואכען
614 פאר ניט עסט מען ווייס־ברויט
615 פון א גנב איז שווער צו גנב'נען.
616 פון א חזירשען עק קען מען קיין שטריימער ניט מאכען
617 פון איילענעש קומט קיין גוטס ניט ארויס
618 פון א נארר האט מען צער
619 פון א פרעמדער פעל איז גוט פאסעם צו שניידען
620 פון דעם בית עולם נעמט מען ניט צוריק
621 פון דער חופה צו דער סעודה האלט זיך האלט זיך מיט דער בירע
622 פון וואונשען ווערט מען ניט רייך,
623 פון יודישע רייד קען מען זיך ניט אב־וואשען מיט צעהן וואסערען
624 פון לייריגע פעסער איז דער ליארעם גרעסער
625 פון נעמען ווערט מען ניט בדלות.
625 פון על חטא ווערט מען ניט פעט.
627 פון קנאה קומט שנאה
628 פון תענוג לעבט מען ניט, פון צרות שטארבט מען ניט
629 פורים איז קיין יום טוב, קדחת קיין קרענק
630 פייער איז א גנב
631 פינף טאכטער פארגעהט דאס געלעכטער.
632 פליה ניט הויך, וועסט דו ניט פאלען נידריג
633 פעריל אויף דעם האלז — שטיינער אויף דעם הארצען
634 פרנסה היטט אללע מכות
635 פרעג ניט דעם רופא, פרעג דעם חולה.
636 פרעמדע קליידער וואַרעמען ניט

צ.

637 צדקה זאל קיין געלד קאסטען, גמילות חסדים זאל קיין עגמות נפש ניט מאכען, וואלטען געוועזען פיעל צדיקים.
638 צו א קינד א רוט, צו א נארר א שטעקען.
639 צו בארשט דארף מען קיין ציין
640 צו ברויט געפינט מען שוין א מעסער.
641 צו גוט איז אומגעזונד.
642 צו די עשר מכות נעמט מען ניט קיין חתן צו גאסט
643 צוויי הארטע שטיינער מאהלען ניט.
644 צוויי קעטץ אין איין זאק קענען קיין שלום האבען
645 צווישען דער קינדבעטערין און וואַרטערין ווערט דאס קינד דער שטיקט
646 צווישען טיהר טאר מען קיין פינגער אריין לעגען
647 צום קבצן ארויס טרייבען דארף מען איין עושר
648 צום שלים־מזל מוז מען אויך מזל האבען.
649 צו־פיעל כבוד איז א האלבער שאנד
650 צו־שאן איז א מאהל א חסרון;
651 צו שטארבען האט מען אללע מאל צייט.

ק.

652 קיין געבראטענע טויבען פליהען ניט אין מויל אריין
653 קיין מיעסע כלה איז ניט דא.
654 קיין תשובה איז אויך א תשובה
655 קליידער מאכען לייט
656 קליינע היתרים ברייננען גרויסע יסורים.
657 קליינע עבירות בריינגען גרויסע גזרות.

[1] פון צו-זאָגען אויף דעם וואָרט ביז צו-צאהלען במזומנים. [2] מע זאָגט אויך: „פון א חזיר א האר איז אויך גוט".

658 קליינע קינדער לאזען ניט שלאפען און גרויסע לאזען ניט לעבען

659 קליינע קינדער, קליינע זארג · גרויסע קינדער, גרויסע זארג

660 קינדער און גלעזער האט מען קיין מאהל צו פיעל

661 קיינער ווייסט ניט וועמען דער שיך קוועטשט נאר דער וואס געהט אין איהם.

662 קיינער ווייסט ניט וועמעס מארגען עס וועט זיין

663 קיינער טהוט ניט יענעם נאר זיך אליין.

664 קיינער שרייט ניט ,אוי!' אז עס טהוט ניט וויי

ר.

665 ראש הודש ניסן איז א טייערער ביסען ·

666 רבונו של עולם! הייב מיך ניט און ווארף מיך ניט

667 רוף מיך נארר, נאר גיב מיר לעקעך·

668 רעדען איז זילבער. שווייגען איז גאלד ·

ש.

669 שבועות איז דער בעסטער יום טוב·

670 שבת האט דער רשע אין גיהנם אויך רוה.

671 שבת־שטעך האלטען ניט·

472 שווייגען הייסט גערעדט

673 שווערען איז ערהליך. האלטען איז שווערליך·

674 שטארבען פארזאמט מען ניט·

675 שטיל וואסער גראבט טיעף

676 שטעה ניט אונטער דער וואנד, וועסט די ניט הערען דיין אייגענע שאנד·

677 שלים־מזל וואו געהסט דו? צום ארעמאנן.

678 שמייס דאס פערד מיט האבער ניט מיט א בייטש

679 שפאר! שפאר! קומט דער רוח און נעמט צו גאר

630 שפיעל זיך ניט מיט פייער

ת.

681 תורה איז די בעסטע סחורה;

יודישע שפריכווערטער

אויס איינעם מאנוסקריפט דעם הערן י. ב.

Jüdische Sprichwörter aus einem Manuscript des Herrn I. B.

(פארטזעצונג פון „הויזפריינד" ערשטעס בוך 1888)

א

682 א באד איז ווי תשליך · 1)

683 א באזע צונג איז ערגער ווי א שלעכטע האנד ·

684 א באזע שוויגער טרייבט צום גט.

685 א באזע שמועה איז וואהר (פליהט ווייט) ·

686 א באז שפיעל קומט צוריק ·

687 א באקער איז שווארץ, אבער זיס ווי צוקער·

688 אבגערעבענט איז האלב בעצאהלט·

689 אבגעטהון איז אבגעטהון·

690 א בדחן מאכט די גאנצע שטוב פרעהליך און אליין האט ער אין דער היים צרות (און אליין ליעגט ער אין דער ערד)·

691 א בחור טאר קיין שדכן ניט זיין (און א הונד קיין קצב)·

692 א בחור מאכט קידוש איבער שפענער.

693 אבי א קלאטץ—א הונד וועט מען שוין געפינען·

694 אבי געזונד – דאס לעבען קען מען זיך אליין נעמען·

695 אבי יאהרען—צרות קומען אליין·

696 א בייטיל אהן געלד איז א שטיק לעדער·

697 א ביר־על גערעדט און פיעל געמיינט.

698 א בלינדער איז קראנק אויף די אויגען, א שטומער איז קראנק אויף דעם מויל, א נארר איז קראנק אויף אלע רמ"ח אברים.

699 אבלעגען איז נאר גוט קעז.

700 א בעהעלפער האט א פאראווע קישקע · 2)

701 א בעל־בית איז שוין וואס · 3)

702 א בעל־גאוה איז ערגער פון א בעל־תאוה ·

703 א בעל־חוב איז א שולדיגער – און א שולדיגער איז א זינדיגער ·

704 א ברוגזיער שלאפט אליין·

705 א גאנצע שטאדט שיקט מען קיין סיביר ניט א וועק.

706 א גאסט איז ווי א רעגען · 4)

1) ד. ה. אזוי ווי תשליך רייניגט די נשמה פון זינדע, אזוי רייניגט א באד דעם קערפער פון שמיטץ. 2) ווייל ער עסט אין פיעלע הייזער קאן ער ניט אזוי שטרענג אבהיטען מילכדיגס און פליישיגס. 3) ד. ה. ער האט שוין עטוואס צו בעדייטען. 4) ד. ה. אנפאנגס איז מען איהם זעהר גערן, אבער שפעטער איז ער צו פיעל.

707 א גבאי דערלעבט קיינמאל ניט צו גבאות.

708 א גוטען פריינד בעקומט מען אומזיסט — א שונא מוז מען זיך קויפען.

709 א גוטען שוועהר איז שווער צו האבען. א שלעכטען שוועהר איז שווער צו בעגראבען.

710 א גוטער בעל־בית שטעקט אומעטום הערייין די נאז.

711 א גוטער געהערט אויף דעם גוטען ארט.

712 א גוטער חבר איז גוט אויף דער און אויף יענער וועלט.

713 א גוטער טויט איז בעסער וויא א שלעכט לעבען.

714 א גוטער יוד ברויכט קיין בריעף. א שלעכטען יודען העלפט קיין בריעף.

715 א גוטער יוד האט ליעב צו נעהמען אבער ניט צו געבען.

716 א גוטער יוד קומט גוט אויס זיין וועלט.

117 א גוטער נארר איז א כשרה בהמה.

718 א גוטטער עסער איז א שלעכטער פאסטער.

719 א גוטער פריינד איז מען נאר ביז צו דער קעשענע.

720 א גוטער רב מוז קענען דעם פינפטען שולחן־ערוך אויך. 1)

721 א גוטער שליטוועג איז א גוטער וואגענוועג. א גוטע טאכטער איז א גוטע שנור. א שאן מיידעל איז א שאן ווייבעל און א שאנע יודענע איז א שאן מת.

722 א גוי איז קליינער־הייט קליין און גרויסער־הייט גרוים. און א יוד — פארקעהרט.

723 א גויש גלייך־ווארטעל איז להבדיל א תורה.

724 א גילדען נאגעלע ציעהט איין אייזערן וואגעלע.

725 א גמילת־חסד איז ביי גאטט טהייערער ווי א נדבה.

726 א גנב מוז זיין א חכם.

727 א גניבה האט קיין הצלחה ניט.

728 א געשוואללענער מעג אללעם עססען.

729 א גרויסע שמחה איז אויף א קליינע ווייללע.

730 אדם אמענטש — קאטשקע דרעה דיך. (...ריק זיך).

731 אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — בינו לבינו איז גוט א טרונק בראנפין.

732 אדם קרוב לאפ־צאפ. 2)

733 אדער גאר אדער גאר ניט

734 אדער טרעף אדער פעהל.

735 אדער מיט גוטען אדער מיט בייזען.

736 אדער עס העלפט ניט אדער מען דארף ניט.

737 א הונד געהט מען אויס דעם וועג.

738 א הונד טאר קיין דיין ניט זיין.

739 א הונד פון א יאהר בילט ניט.

740 א הונד שיקט א הונד — א רב שיקט א רב.

741 א הונד שיקט מען ניט אין יאטקע הערייין.

742 א הוהן וואס קרעהט. א גוי וואס יודיש

1) ד. ה. הלכות רבנות. 2) פאראדיע פון אדם קרוב לעצמו.

רעדט און א יודענע וואס לערנט תורה איז ניט קיין גוטע סחורה.

743 א היהן איז גוט צו עססען זעלבאנדר: איך און די היהן.

744 אהן איין פויער איז אויך א יאריד.

745 אהן געלד איז קיין וועלט.

746 אהן הוצאה איז קיין הכנסה.

747 א הערינג איז גענוג פאר צעהן פערשוין — א הוהן נאר פאר צוויי.

748 א וואגען איז א זייגער — א שליטטען איז א פגר.

749 א וואגען מיט „העטט־איך" צאהלט קיין מכס.

750 א וואלף פערליערט זיינע האר אבער ניט זיינע נאטור.

751 א ווארט און א ווארט — און א פאטש אויף דעם ארט.

752 א ווארט איז אזוי גוט ווי א חתימת־יד.

753 א ווארט איז נאר א ווארט און א חתימה איז טאקע א חתימה.

754 א ווייב איז ווי א הונד אין שטוב. 1)

755 א וועהטעג איז עס און ליידען מוז מען.

756 אויב אזוי — איז מיטוואך דער ברית!

757 אויך מיר א קונץ צו זיין א בעקער! מען נעמט א טייגעל און מען מאכט א בייגעל.

758 אוי מיין ליבער פאטער. ווי ווערט מען דיך שוין פטור!

759 אויס א בחור און אויס א העכט מאכט מען אלערליי געריכט.

760 אויסגעוואנדערט אללע לענדער און איז א היים געקומען אהן העמדער.

761 אויסגעוואשען די שיססעל — און ווייטער בארשט.

762 אויס די אויגען — אויס דעם הארץ. 2)

763 אויס כלה ווידער א מויד. 3)

764 אויס קינדער ווערען לייט (און אויס לייט ווערען דראבעס).

765 אויף איין אויג נאר איז די קוה בלינד. 4)

766 אויף איין שלאג פאלט קיין בוים ניט אום.

767 אויף אלע כלות רוהט די שכינה.

768 אויף א לעבעדיגען קאן מען זיך דערווארטען.

769 אויף א מצוה וועגען דא א סך בעלנים.

770 אויף א קופע מיסט געפינט מען אויך א מאהל א פינגעריל.

771 אויף א קשיא איז א תירוץ;

772 אויף א שלאנג טאר מען קיין רחמנות ניט האבען. 5)

773 אויף א שלעכטען פריץ טאר מען קיין מפלה ניט בעטען. 6)

774 אויף דעם גוטען־ארט זאגט מען איטליכען נאך א גוט חארט.

775 אויף דער מלכה גרין געהמט מען אויך א מאל אויס א גרויסען קאן.

776 אויף דער מצבה וועגען אללע יודען שאן.

1) ד. ה. געמריי און אנהעגגליך. 2) ד. ה. ווען מען זעהט איינעם ניט פערגעסט מען איהם. 3) ווען א נעשעפט נעהט צוריק. 4) אז מען וויל איינעם צו רעדען צו א שלעכטער סחורה און מען רעדט איין אז דער חסרון איז א קלייניקייט 5) דאס נעציהט זיך אויף די מעשה מיט דעם בויער וואס האט אמאהל וויגטער געפינען אויף דעם וועג איינע ערפרארענע שלאנג, פאר רחמנות האט ער זי אויפגעהויבען און ארייננעלעגט צו זיך אין בוזעם, ווי צו ערווארעמען, קוים אבער האט זי איפגעלעבט, האט זי איהם ארייננעלאזען דאס גיפט גלייך אין הערץ אריין און איהם געטעדטעט, מען בענוצט דאס ביישפיעל אויף א שלעכטען מענש. 6) ווייל מען ווייסט ניט ווי דער נייער וועט זיין.

777 אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט: אויף געלד, אויף געלד און אויף געלד.
778 אויף "וועלט איך" און "זאלט איך" בארגט מען קיין געלד.
779 אויף וואס פאר א פוהר מען זיטצט, אזא ניגון זינגט מען.
780 אויף מצות און תכריכים מוז זיין.
781 אויף מתים טאר מען זיך ניט פארלאזען.
782 אויף ניט געהען און אויף ניט פאהרען האט מען קיינע חרטה ניט.
783 אויף פרעמדע אינדיקים איז גוט צו פייפען 1)
784 אויף רעגען און אויף דעם טויט האט מען ניט וואס צו בעטען. (ביידע קומען אליין).
785 אויף שווארצער ערד וואקסט די בעסטע תבואה.
786 אומזיסט זעצט זיך אפילו קיין מכה ניט.
787 אומזיסט טרינקט מען נאר וואססער.
788 אומזיסט קען נאר דיא קישקע הערויסקריכען.
789 אומעדום איז גוט היליף נאר ניט אין דער שיססער.
790 אום שטיינס געזאגט א סוחר! ניט קיין קונה ניט קיין מוכר.
791 אונטען און אויבען איז איין גלויבען.
792 א זאהן ווי ער געראטה — איין אידעם ווי מען וויל. 2)
793 א זאהן; נאך דעם טויט — א טאכטער — ביים לעבען. 3)
794 אז איטליכער קעהרט פאר זיין טהיר, איז די גאנצע גאסס ריין.
795 אז איין ארעממאנן זעהט א גראשען שפרינגט ער פון דער הויט הערויס.
796 אז איין ווייבעל שטארבט אין קימפעט (קינדבעטט) שייט זיך דאס אנדערע ווייבעל אין מקוה העראן צו געהען.
797 אז א לאהמער לויפט און א נאר קויפט קומען ביידע גלייך אן.
798 אז א קינד חאפט איז עס א חכמה, אז א גרויסער חאפט גיבט מען איהם איבער די האנד.
799 אז א קינד פערליערט יונגערהייט די מוטער, איז איהם נעביך זעהר ביטטער.
800 אז א קעבין שטארבט בעגראבט מען זי אונטערן קוימין.
801 אז א יאנגע הוהן געהט הערום אין שטוב, איז אויך שאן.
802 אז א שלים-מעזאלניצע קעהרט אויס די שטוב, לאסט זי ליעגען דאס מיסט ביי דער טהיר.
803 אז "בעגלא" איז א וואגען איז "בזמן קריב" א שליטטען. 4)

1) מען זאגט, דאס אינדיקעס קענגען ניט ליידען דאס פייפען און לויפען א וועק; דער פאר איינעס אינדיקעס הים מען אבער אויף פרעמדע, שאדט נים וואס לויפען אוועק. 2) א זאהן קאן מען זיך נים אויפזוכען מיט אללע מעלות, אבער איין אידעם יא. 3) דער זאהן זאגט קדיש נאך די עלטערן — ביים לעבען איז א טאכטער נעטרייער. (זיעהע איין אנדערעס ש. וו. א טאכטער אין דער גו"מה..) 4) דער עם־הארץ פערוועקסעלט אין דעם קדיש בעגלא מיט בעגלה.

804 אז גאטט וויל איינעם שטראפען, נעהמט ער איהם דעם שכל אוועק.
805 אז גאטט לאססט לעבען מוזס ער דאצו מעלות געבען.
806 אז דאס ווייב איז א זייגערין איז דער מאנן א זייגער.
807 אז דאס ווייב איז א קימפעטורען איז דער מאנן א קימפעטור.
808 אז דאס ווייב געהט אין ספארעק, געהט דער מאנן אין פאנטאפעל.
809 אז דאס ווייבעל דארף שוין צו האבען, שיקט מען ערשט נאך דער באבען 1).
810 אז דאס לעבען איז זיסס, איז דיא וועלט הפקר.
811 אז דאס מזל איז קליין, חאטש זעטץ דיך אין וויין.
812 אז דאס קינד איז טויט. הערט דאס געפאטערשאפט (קוואטערשאפט) אויף.
813 אז דאס קינד שווייגט, שטויסט זיך ניט די מוטער אז עס איז הונגעריג.
814 אז דו ווילסט דיך שוין הענגען, הענג דיך אויף א גרויסען בוים.
815 אז דו זארגסט ניט פאר דיר, ווער זשע העגן וועט פאר דיר זארגען? 2)
816 אז די בארד ברענט, איז היים אין מויל.
817 אז די בעל-ביתטע איז א קאטץ, איז די קאטץ א בעל-ביתטע.
818 אז די בעל-ביתטע איז א שלים-מזלניצע איז די קאטץ א בריה.
819 אז די כלה שאמט זיך, מוססען די אונטערפיהרער אוועקגעהען.
820 אז די נאססע ביימער ברענגען, וואס זאללען שוין די טרוקענע זאגען?
821 אז די קאטץ געהט אוועק, האבען די מייז מחיה.
822 אז די קוה עסט קלייען, שאקעלט זיך דער בוידעם 3).
823 אז די שמחה הויבט זיך אן שפעטער, דויערט זי לאנגער.
824 אז דער באק איז דער טאטע און די ציעג איז די מאמע, וואס-זשע קאסט ציעגענפלייש?
825 אז דער בייטעל איז פולל, איז דער מאגען רוהיג און שטילל.
826 אז דער חזן האט וועניג שבירות, דערלעגט מען איהם אפאאר זינגערס.
827 אז דער טאטע נעהמט (שלאגט) די מאמען געהען, די קינדער טאנצען. 4)
828 אז דער טאטע נעהמט די מאמע ווערט ער א פעטער.
829 אז דער מאגען איז לעער איז דער שלאף שווער.
830 אז דער מאנן איז א נארר איז דאס ווייב אין שטוב דער הארר.
831 אז דער סוף איז גוט איז אללעס גוט.
832 אז דער פראסט נעמט שטארק, בריכט ער באלד דעם קארק.
833 אז דער קלאגער (וויינער) האט ניט, האט דער בעריהמער געוויס ניט.

1) צו קינד נעהען — האבען. 2) עס ליעגט דארין דערזעלבע זינן וואס אין פרקי אבות: „אם אין אני לי—מי לי?" 3) עס איז נעמיינט, דאס עס זענען פאראן קליינע מענשליך וואס אז זיי האבען נאר עפיס חיוה, ווילען זיי די וועלט זאלל מיט זיי אויף זיין. 4) אויס איינעם קינדערליעד.

834 אז דער קלוגער בענארישט זיך, בלייבט ער אויך א נאר.

835 אז דער קראמער בערעכענט ניט די קראם, בערעכענט די קראם דעם קראמער.

836 אז דער רב טהוט א שידוך מיט דעם באדער, האלט זיך דער באדער פאר א רב.

837 אז דער שבת קודש געהט אהין, קומט די ליעבע וואך אהער. 1)

838 אזוי ווי די צייטען, אזוי זענען די לייטען. 2)

839 אזוי ווי עס איז ניט דא קיין בעזעם אהן ריטהער, אזוי איז ניט דא קיין גוטע שטיעף־מוטער.

840 אזוי לאנג האנדעלט מען ביז מען האנדעלט זיך אוים.

841 אזוי לאנג מען לעבט, טאר מען ניט רעדען; אז מען שטארבט, קען מען ניט רעדען.

842 אז ,ויקהל' איז א קניש. איז ,פקודי' א וואַרעניק. 3)

843 אז מאנן אונ ווייב שלאגין זיך רייסען זיך די קינדער א קריעה

844 אז מען באקט ברויט (אין אויווען) איז דיא גאנצע שטוב זאטט.

845 אז מען בארגט איינעם געלד. קויפט מען זיך א שונא.

846 אז מען בלאזט ווערט קאלט. 4)

847 אז מען בענטשט ,טלי לאזט מען הערוים די פערד פון דעם שטאל.

848 אז מען בעצאהלט ניט דעם שניידער שלעפט ער דיא פארסטרוגע ניט הערוים.

849 אז מען בעקומט גיך, פערליערט מען גיך.

850 אז מען בעקומט געלד מ'ראסקעט מען מיט דער לאנגער בייטש.

851 אז מען גיט דעם טייבעל א האר ווילל ער גאר.

852 אז מען ניט ניט יעקב'ן גיט מען עשו'ן.

853 אז מען גיט נעם — אז מען נעמט שריי גוואלד.

854 אז מען גיט געמט מען — אז מען שלאגט לויפט מען.

855 אז מען גיט קרענק, האט מען קרענק.

856 אז מען גנב'עט איין איי, האט מען זיעבען יאהר דלות.

857 אז מען געהט צו סליחות, בלייבין אין דער היים דיא רוחות.

858 אז מען געהט צווישען לייט, ווייסט מען וואס עס טהוט זיך ביא זיך אין דער היים.

859 אז מען דארף האבען פייער, זוכט מען עס אין אש.

860 אז מען דערמאנט זיך אן דעם טויט איז מען מיט דעם לעבען ניט זיכער.

861 אז מען האט א הונד אונ א טעפפער אין שטאדט דארף מען קיין רב ניט. 1)

1) ד. ה. קוים איז דער ש"ק צו ענדע. קומט שוין דיא וואך מיט איהרע זארגען — דאס שפריכווארט איז פון א ווייבערשען געבעט: „גאטט פון אברהם". 2) דער מענטש ריכטעט זיך נאך די צייטען, ווענען די צייטען בעססער, איז ער אויך בעססער צום צדקה געבען א. ז. וו. 3) דער תרגום מאכט אויף ויקהל „ואכניש" וואס דער עם-הארץ לייענט עס פאר „א קניש". 4) ד. ה. אז עס קומט ר"ח אלול און מען הייבט אן צו בלאזען שופר ווערט שוין קאלט אונ דער אסיען איז ניט ווייט. 5) ד. ה. גיכנם.

862 אז מען האט אויך פורים יסורים, איז אויך פסח חשך.

863 אז מען האט א טאטען א הונר, מעג מען איהם אויך זאגען ,זאן'!

864 אז מען האט איין אייגענע דירה אונ אנקוה, האט מען פרנסה אהן מיה.

865 אז מען האט א סך צו טהון, געהט מען פון אללע מלאכות אין באד הערין

866 אז מען האט א קטר אין וויקעל, זאל מען א וועהלעגען א צוויקעל. 2)

867 אז מען האט א קראם, איז מען ווי לאהם. 3)

868 אז מען האט דיא מטבעה האט מען די דעה

869 אז מען האט הענגען א ניי קלייד אויף דער שטאנג, טהוט דאס אלטע ניט באנג.

870 אז מען האט ליעב דאס ווייב, האט מען ליעב איהר משפחה.

871 אז מען האט מעות, איז מען א בעל־בית

872 אז מען האט ניט וואס צו טהון, איז אויך אין ארבייט.

873 אז מען האט ניט פרייטאג שפעט, האט מען ניט זאנטאג פריה.

874 אז מען האט ניט קיין אתרוג, דארף מען קיין פישקע ניט האבען.

875 אז מען האט ניט קיין בושה פאר לייט, האט מען קיינע מורא פאר גאטט.

876 אז מען האט ניט קיין ברויט, איז ערגער ווי דער טויט.

877 אז מען האט ניט קיין ברירה מוז מען אפילו טהון איין עבירה.

878 אז מען האט ניט קיין סוס, מוז מען געהן צו פוס.

879 אז מען האט סחורה, האט מען קיינע מורא.

880 אז מען האט פאר איבעל, טהוט וועה דער בויך.

881 אז מען האט פריהער הערויסגעגנב'עט די קוה, מאכט מען דער נאך די שטאלל צו.

882 אז מען האט קיינע האנד, קאן מען קיינע פויסט (קילעק, Кулакъ) ניט מאכען. 4)

883 אז מען האט קינדער אין די וויעגען טאר מען זיך מיט דער וועלט ניט קריעגען.

884 אז מען האלט זיך צו נידריג, טרעט יענער אויף דעם קאפ.

885 אז מען האנדעלט מיט א נאדעל, פערדיענט מען א נאדעל. 5)

886 אז מען האנדעלט מיט טאבאק האט מען א שמעק; אז מען האנדעלט מיט האניג האט מען א לעק. 6)

887 אז מען הוליעט צו פיל אין דער יוגענד בעטטעלט מען אויף דער עלטער.

888 אז מען היט אב פרעמדעם. קומט (פערמאגט) מען צו אייגענס.

1) דער הונד עסט אויף דאס טריפה עוף אונ דער טעפפער מאכט א נייעם טאפ — א שאלה פרעגען ביים רב איז שוין איבריג, וואס־זשע דארף מען דעם רב? 2) מען זאלל שוין דענקען אן די חתונה־קליידער. 3) ד. ה. מען קען זיך ניט וועגריהרען פון דער קראם, גלייך מען וואלט געלעהמט געוועזען אויף די פיס. 4) א פויסט מאכען הייסט איינעם סטראשען. 5) אז מען האנדעלט מיט קלייניגקייטען פערדיענט מען קלייניגקייטען. 6) ווערליג דעם מסחר איז דער פערדיענסט.

889 אַז מֶען הײטְצְט אִין בָּאד . װֶערְט װַארֶעם אִין דֶער שְׁטָאדְט .

890 אַז מֶען װַארְפְט אַ שְׁטֶעקֶען אִין דֶער װַאנְד, בְּלַײבְּט עֶר שְׁטֶעקֶען .[1]

891 אַז מֶען װִילל אַ הוּנְד אַ זֶעטְץ גֶעבֶּען גֶעפִינְדְט מֶען אַ שְׁטֶעקֶען .

892 אַז מֶען װִיל אַ זַאךְ לֶערְנֶען כְּסֵדֶר מוּז מֶען יוּנְגֶערְהֵײט גֶעהֶען אִין חֵדֶר .

893 אַז מֶען װִילל גוּט בּוּדְקֶענֶען אִיז אַלְלֶעס טְרֵיפָה .

894 אַז מֶען װִילל הָאבֶּען דִי קוה . מוּז מֶען הָאבֶּען דִיא מִיה .

895 אַז מֶען װִיל נָאבְטְהוּן לַײטֶען , מוּז מֶען זִיךְ װַארְפֶען אוֹיף אַלְלֶע זַײטֶען .

896 אַז מֶען װִילל נִיט דֶעם בֶּעהֶעלְפֶער, װַארְפְט מֶען זַײן פֶּעקֶעל הֶערוֹים .

897 אַז מֶען װִיל נִיט דֶעם חַזָן , הֵײסְט עֶר זִיךְ גֶעבֶּען אַ הוֹסָפָה .

898 אַז מֶען זֶעהְט אִינְדִיקִים . װַאקְסֶען נַארְרָאנִים .

899 אַז מֶען זֶעהט-װַאקסט .

900 אַז מֶען זוּכְט חַלָה, פֶערְלִיעֶרְט מֶען דֶער װֵײל דָאס בְּרוֹיט .

901 אַז מֶען זִיטְצְט אִין דֶער הֵײם, צֶערְרֵײסְט מֶען קֵײן שְׁטִיעֶבֶעל נִיט .

902 אַז מֶען זֶעהְט נִיט שָׂרָה דִיא בְּלִינְדֶע, אִיז רִבְקָה דִי שְׁװַארְצֶע שֶׁאֶנֶער .

903 אַז מֶען חַאפְּט נִיט בַּײא דֶער הַאנְד, הֵײסְט מֶען קֵײן גַנָב נִיט .

904 אַז מֶען טְהוּט אַ בֶּעזֶעם שֶׁאקְן אָן, אִיז עֶר אוֹיךְ שֶׁאן זֶעהְט עֶר אוֹיךְ אוֹיס װִי אַ מֶענְשׁ ..[2] .

905 אַז מֶען טְרֶעט אוֹיף דֶער קָאמְשֶׁערֶע (רִיג) שְׁפְּרִינְגְט זִי אוֹיךְ צוּרִיק .[2]

906 אַז מֶען יִשׁוּבְ'ט זִיךְ צוּ פִיעל , נֶעמְט דֶער אַנְדֶערֶע דִי פַּרְנָסָה אַװֶעק .

907 אַז מֶען לַאכְט , זֶעהֶען אַלְלֶע – אַז מֶען װֵײנְט . זֶעהְט קֵײנֶער נִיט .

908 אַז מֶען לָאזְט אַ זָכָר אוּנ אַ נְקֵבָה אַלֵײן זַײן הוֹיז . קוּמְט קֵײן גוּטֶס נִיט הֶערוֹיס .

909 אַז מֶען לֵײעֶנְט דְרַײ טָאג כְּסֵדֶר , רֶעגֶענְט עֶס .

910 אַז מֶען לֶעגְט הֶערֵײן קַדַחַת . נֶעמְט מֶען הֶערוֹיס קְרֶענְק .

911 אַז מֶען לֶעגְט זִיךְ אָהְן װִיעֶטְשֶׁערֶע, אִיז נִידְרִיג צוּ קָאפְּפֶענְס .

912 אַז מֶען לֶעגְט זִיךְ אִין קְלֵײעֶן, שְׁלֶעפֶּען אַװֶעק דִי חֲזִירִים .

913 אַז מֶען לֶעגְט זִיךְ נִיט גֶעגֶעסֶען, שְׁטֶעהְט מֶען אוֹיף נִיט גֶעשְׁלָאפֶען .

914 אַז מֶען לֶעגְט נִיט הֶערֵײן טַאקֶע , נֶעמְט מֶען הֶערוֹיס אַ מַכָּה .

915 אַז מֶען מַאכְט אַ מֵײדֶעל נִיט חֲתוּנָה , מַאכְט זִי זִיךְ אַלֵײן חֲתוּנָה .

916 אַז מֶען מַאכְט דָאס מוֹיל נִיט אוֹיף פְלִיעהְט קֵײנֶע פְלִיעג נִיט הֶערֵײן .

917 אַז מֶען מַאכְט צוּ דִי אוֹיגֶען , זֶעהְט מֶען אַ רוּחַ .

918 אַז מֶען מֵײנְט – גֶענַארְט מֶען זִיךְ .

919 אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג דֶעם קִירְשְׁנֶער אִיז מֶען אַ בַּעל חוֹב אִיבֶּער דֶעם קָאפּ[3]

920 אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ פִּיעֶר, לוֹיפְט דָאס

1) ער בלייבט וואס ער איז פריהער געוועזען — א שטעקען . 2) ריג (אום פאלנישען) róg הייסט א ווינקעל . 3) מכתמא איז מען דעם קירשנער שולדיג פאר דעם-היטעל , וואס זיטצט אויף דעם קאפף , אדער ווי דאס שפריכווארט זאגט „איבער דעם קאפף" .

פִינְפְטֶע אַלֵײן נָאךְ .[1]

921 אַז מֶען נֶעמְט שְׁלָאגְט מֶען אִיבֶּער דִי הַאנְד .

922 אַז מֶען עֶסְסְט אוֹיף דֶעם בֵּײגֶעל , בְּלַײבְּט אִין קֶעשֶׁענֶע דָאס לָאךְ .[2]

923 אַז מֶען עֶסְסְט חַזִיר, זָאל עֶס שׁוֹין רִינְנֶען אִיבֶּער דֶעם מוֹיל .

924 אַז מֶען עֶסְסְט שַׁבָּת טְשָׁאלֶענְט. אִיז מֶען בִּיז מִיטְטְװָאךְ זַאטְט .

925 אַז מֶען עֶסְט שַׁבָּת קוּגֶעל. אִיז מֶען דִי גַאנְצֶע װָאךְ זַאטְט .

926 אַז מֶען פָארְט שַׁבָּת . זִיטְצְט מֶען אִין דֶער װָאכֶען אִין דֶער הֵײם .

927 אַז מֶען פַאלְלְט הֶערַײן . פַאלְט מֶען אוֹיךְ הֶערוֹיס .

928 אַז מֶען פֶערְזֶעטְצְט דֶעם טַלִית. אִיז שׁוֹין אַ סִימָן דַלוּת .

929 אַז מֶען פַארְטְהֵײלְט אִין דֶער יוּגֶענְד , נֶעמְט מֶען צוּנ־אוֹיף אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

930 אַז מֶען פְלִיעהְט צוּ הוֹיךְ . קֶעהְרְט זִיךְ אִיבֶּער דֶער מוֹחַ .

931 אַז מֶען פְרֵײט זִיךְ אוֹיף אַ גוּטֶע װֶעטְשֶׁערֶע, טְרָאגְט אָן דֶער טַײבֶעל אַ גַאסְט .

932 אַז מֶען פְרֶעגְט , פְרֶעגְט מֶען זִיךְ אָן מַפְטִיר (דֶערְפְרֶעגְט מֶען זִיךְ) .

933 אַז מֶען צֶעהְלְט סְפִירָה, קוּמְט אוֹיף דִי כְּלֵי־זֶמֶר אַ פְּגִירָה .

934 אַז מֶען קָאכְט מִיט שְׁטְרוֹי . בְּלַײבְּט דָאס עֶכְסֶען רוֹי .

935 אַז מֶען קָאכְט נִיט אִין דֶער װָאכֶען ,

הָאט מֶען שַׁבָּת נִיט װָאס צוּ עֶסֶען .[3]

936 אַז מֶען קָאן נִיט אִיבֶּערְהַארֶען (אִיבֶּערְ־װַארְטֶען) דָאס שְׁלֶעכְטֶע , קָאן מֶען דָאס גוּטֶע נִיט דֶערְלֶעבֶּען .

937 אַז מֶען קָאן נִיט אוּנ מֶען װֵײסְט נִיט. נֶעמְט מֶען זִיךְ נִיט אוּנְטֶער .

938 אַז מֶען קָאן נִיט װִיא מֶען װִיל , מוּז מֶען זִיטְצֶען שְׁטִילל .

939 אַז מֶען קוּמְט אִיבֶּער דִיא פְּלַאנְקֶען, בֶּעקוּמְט מֶען אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען .

940 אַז מֶען קוּמְט נִיט צוּ דֶער צַײט , מוּז מֶען עֶסֶען װָאס אִיבְּרִיג בְּלַײבְּט .

941 אַז מֶען קְלֶערְט צוּ פִיעֶל אוּם שַׁבָּת אַרְבֶּעט מֶען װֶענִיגֶער אִין דֶער װָאכֶען.

942 אַז מֶען קְרִיעגְט זִיךְ מִיט דֶעם רָב . מוּז מֶען הַאלְטֶען מִיט דֶעם בָּאדֶער (מוּז-מֶען שָׁלוֹם זַײן מִיט דֶעם שָׁאנְקֶער) .

943 אַז מֶען קְרִיעכְט דוּרְךְ אַ פֶענְסְטֶער , װַאקְסְט מֶען נִיט .[4]

944 אַז מֶען רַײבְּט זִיךְ נֶעבֶּען אַ נָגִיד . רַײבְּט מֶען זִיךְ אוֹיס אַ לָאךְ .

945 אַז מֶען רִיכְט זִיךְ אוֹיף אַ גְרוֹיסֶען עוֹלָם, קוּמְט קֵײן הוּנְד נִיט.

946 אַז מֶען רֶעדְט אַ סַךְ . רֶעדְט מֶען פוּן זִיךְ .

947 אַז מֶען שֶׁעמְט זִיךְ הָאט מֶען נִיט קֵײן קִינְדֶער .

948 אַז מֶען שְׁװַײגְט קְרִיעגְט מֶען דֶעם בֶּעסְטֶען חֵלֶק .

949 אַז מֶען שְׁטַארְבְּט זַאלְצְט מֶען יִיט

1) אז מען נעמט פוער פערד , לויפט נאך א קליין לאשעקל אלס פינפטעס . 2) ד. ה. ווענן מען איז א זולל וסובא בלייבט אין דער קעשענע קיין געלד . 3) אין דער וואכען מיינט מען פריטאג ביי טאג . 4) אזוי זאגט מען געוואהנליך פיר די קינדער . דאס שפריכווארט מיינט אבער פשוט א גנב וואס קריעכט הערײן דורך א פענסטער האט ניט קיין מזל וברכה .

איין, (נאר-מען בעגראבט) .

950 אז מען שיעסט, מאכט מען „פוי" .

951 אז מען שלאגט, שלאגט מען אוים פוטער .

952 אז מען שלאגט שלאגט מען זיך . 1)

953 אז מען שמירט אן די ראדער, סקריפען זיי ניט.

954 אז מען שפארט ניט דעם גראשען, קומט מען ניט צום קערבעל .

955 אז משיח וועט קומען, וועללען אללע קראנקע געהיילט ווערען, נאר א נארר וועט א קאליעקע בלייבען .

956 אז נארראנים האבען ליעב זיסס, האבען די קלוגע אויסגעטראכט . 2)

957 אזנים לכותל – א שטיוועל האט אויך אויערן .

958 אז עס איז איינעם בעשערט דער־טרונקען צו ווערען, ווערט ער דער־טרונקען אין א לעפעל וואססער .

959 אז עס איז איינעם צו גוט, געהט ער זיך גליטשען אויפן אייז . 3)

960 אז עס איז דא אין טאפ, איז דא אין טעללער .

961 אז עס איז ניט דא קיין מיידען, טאנצט מען מיט שיקסעם .

962 אז עס איז ניט דא קיין „פאפפע" געהט מען „לוליא" . 4)

963 אז עס געהט צום לעבען, פערפעהלט ניט קיין יאהרען .

964 אז עס העלפט ניט קיין פאטש, מוז מען נעמען די בייטש .

965 אז עס ווערט ניט בעססער, ווערט ממילא ארגער .

966 אז עס מאהלט זיך אין מיהל, איז אין דער היים רוהיג אונ שטילל .

967 אז עס מאכט זיך ניט ווי מען וויל, מוז מען וואללען ווי עס מאכט זיך .

968 אז עס קומט א פלעק אויף אטלאס, בלייבט עס דאך אטלאס . 5)

969 אז עס קומט ערב־פסח, דרעהט זיך ביי די ווייבער דער שלייער .

970 אז עס קומט פורים, פערגעסט מען אן אללע יכורים .

971 אז עס רעגענט, רעגענט עס אומעדום .

972 אז צוויי שלאגען זיך, האפט דער דריטטער דאס היטטעל .

973 אז ציבעלעם איז „ציבוליע" איז קנאבעל „קנאבוליע" . 6)

974 אז שקצים מיט מאהן איז א מאכל, איז פיפיוקע א טייכעל . 7)

975 אז „שרה" איז צעהן איז „רבקה" עלעף . 8)

976 א חונף טאר ניט אין כעס ווערען

1) דאס אונרעכט אונ די שאנד יעמאנד צו שלאגען פאללט אויף דעם שלאגער צוריק . 2) כדי מען זאלל זיך שעמען זיסס זאכען צו עססען, מען זאל ניט זאגען, אז מען איז א נארר, די קלוגע האבען די טובה אז דאס זיססע בלייבט פאר זיי . 3) דאס גליק מאכט דעם מענשען איבערמיטהיג . 4) „פאפפע" אונ „לוליא" הייסט אין דער קינדער־שפראכע עססען אונ שלאפען . 5) ווען א מיוחס מאכט אויך אמאהל א קליינען פעהלער, הערט ער דאך ניט אויף צו זיין א שענער יוד . 6) ציבעלע הייסט אויף פאלניש cybula . 7) שקצים מיט מאהן הייסט א בעליעבט מאכל אין איינינען געגענדען פאן רוסלאנד, פיפיוקע מוז זיין א גאנץ קליין וואססערל, וואס מאכט אנשפריך צו זיין א טייכעל . 8) איין עם-הארץ פערוועקסעלט דעם נאמען שרה מיט עשרה אונ דריגנט דער פון אז רבקה מוז זיין עלעף .

977 א חזן אהן א קול איז ווי א שאף אהן וואלל .

978 א חזן אויף דער עלטער ביללט ווי א הונד אונ פרעסט ווי א פערד .

979 א חזן אונ א פערד זיינען נאר גוט ביז פערציג יאהר .

980 א חזן זאגט צוויי מאהל . 1)

981 א חזן זינגט אונ א הוהן קרעהט איז נאך ניט גלייך .

982 א חילוף איז א חלף . 2)

983 א חכם עססט ער זאלל לעבען . א נארר לעבט ער זאלל עססען .

984 א חכם שווייגט שטילל .

985 א חלום איז א האלבער נביא .

986 א חלום איז א נארר ; גאטט איז א הארר .

987 א חלום איז ווי א מארשעלעק . 3)

988 אחר המעשה, העלפט קיין חרטה .

989 א טאכטער איז א וואלף . 4)

990 א טאכטער אין דער נויטה – א זאהן נאך דעם טויט . 5)

991 א טאנץ געהט ניט פאר קיין עססען .

992 א טאפ אין וואגען שאדט ניט . 6)

993 א טוב־לכל איז א רע־לכל .

994 א טויבער האט געהערט, ווי א שטוממער האט דערצעהלט, אז א בלינדער האט אליין געזעהען, ווי א קרומער איז געלויפען . 7)

995 א טויטען בעוויינט מען זיעבען טאג, – א נארר דאס גאנצע לעבען .

996 א טויטען זאלל מען די וואהרהייט נאך־זאגען .

997 א טויטע קוה גיט קיין מילך .

998 א טויטער מאכט קיין קריעג ניט אן .

999 א טרונקענער „נזר־שברך" העלפט ווי טרונקענע באנקעם . 8)

1000 איבער איין איי איז א גאנצע שטאדט חרוב געווארען .

1001 איבער א צוויקעל זאל מען קיין העמד ניט קאליע מאכען .

1002 איבערגעקומענע צרות איז גוט צו דערצעהלען .

1003 א יוד אונ א וואלף געהען ניט אום לעדיג . 9)

1004 א יוד געבוירען – א יוד פערלוירען .

1005 א יודינע אהן א „צאינה וראינה" איז ווי א שיינעץ אהן א פייפעלע .

1006 א יודישע ירושה איז א גילדענע

1) די שטיללע אונ די הויכע ש"ע . 2) ד. ה. אז מען טאכט א חילוף נארט מען זיך אב . 3) אזוי ווי א מארשעלעק זאגט אמאהל וואס איינס צום צעהנטען קומט ניט, אזוי אויך דער חלום . 4) א יודישע טאכטער אז זי האט חתונה רייסט זי ארום די עלטערן אזוי ווי א וואלף די ארעמע שעפעלעך. די עלטערן מעגען זיין ארעם איז אוסער גדן מיט אללע חתונה — הוצאות, כיז די יודישע כאכטער האבען טאסטעטנע אונ זיידענע קליידער, טייערע אוירעננליך אונ צירונג, ווער שטועטט א ווייס וידען קלייד אויף איין מאל צו דער חופה געהן מוז די יודישע טאכטער אודאי האבען, נאך אונזער מיינונג קען קיין געפעהרליכער וואלף גאר ניט זיין ווי אונזערע יודישע טאכטער זאלען לעבען אונ געזונד זיין ; 5) פון א זאהן וועגען די עלטערן זיכער אז ער וועט נאך זיי קדיש זאגען, אבער אין א נויטה איז א טאכטער געטרייער אונ צערטליכער . 6) ביי די ראנאטקעס זוכען די סטראזשניקעס בראנפען אין דעם וואגען, ווי האבען אייזערנע שפיזען מיט וועלכע זיי טאפען הערום אין דעם היי אדער שטרוי, אויב עס געפינט זיך ניט קיין בראנפען . 7) אז מען הערט דערצעהלען גרויסע ליגען אונ נוזמאות . 8) א טרונקענער „מי שברך" הייסט אז מען איז קיין געלד ניט מנדר . 9) ד. ה. ביידע לויפען שטענדיג הערום צו זוכען פרנסה .

ארער. 1)

1007 א יודישע מויד קען מען ניט גייטהען.

1008 א יודישע קאפאטע איז א זאק מיט צווי קליינע זאקלעך.

1009 א יודישער „זאראז" (Zaraz) איז ווי א פוילישער „דאליבאג" (dalibóg) און ווי א רוססישער „סיי טשאס". (сей часъ)

1010 א יודיש עשירות איז ווי א בינטעל שטרוי. 2)

1011 א יוד מיט א גרויסן ספארעק אבער מיט א טריפה הארץ.

1012 א יודען טאר מען ניט געבען דאס גע באטענע געלד. 3)

1013 א יודענס פרנסה איז יגון ואנחה און זיין גליק איז א מערכה.

1014 א יודע שאינו יודע איז א האלבער יודע

1015 א יונג ביימעלע בייגט זיך, אין אלטעס בריכט זיך.

1016 א יונג ווייב איז ווי א שאן פייעלע וואס מען מוז האלטען אין שטייגעלע.

1017 איז דאס פון מייערן, וועט עס זיך פערשלייערן. איז דאס פון, הריין וועט עס צוגעהען. 4)

1018 איזהו גבור? — הכובש א גליך ווערטעל 5)

1019 איטליכס הארץ ליידט זיין שמערץ.

1020 איטליכס חדר האט זיין נארר.

1021 איטליכס טאפפעל געפינדט זיך זיין שטערצעל.

1022 איטליכס מאנטעלע האט זיין קאנטעלע.

1023 איטליכע בת־יחידה מאכט זיך איהר חנידל צו־רעכט.

1024 איטליכע משפחה האט זיך איהר גסרחה (הסרחה).

1025 איטליכער אידעם איז, א שטיק שוועער.

1026 איטליכער בעט אויף א שטיקעל ברויט, און מיינט נאר א טרינק בראנפען.

1027 איטליכער בעל־בית האט א פליי אין דער נאז. (אדער „פליעגען אין דער נאז").

1028 איטליכער גנב האט זיך זיין תירוץ.

1029 איטליכער האט ליעב דעם אמת, אבער ניט איטליכער זאגט איהם.

1030 איטליכער הונד אויף זיין גרונד.

1031 איטליכער ווארעם האט זיין לאך:

1032 איטליכער יוד האט זיך זיין שלחן ערוך.

1033 איטליכער מיינט נאר די גרויסע קונץ, ווי מען בעקומט דאס ביסעלע מינץ.

1034 איטליכער מענטש האט זיך זיין שגעון.

1035 איטליכער משוגעיגער ווערט תמוז קלאר.

1036 איטליכער צר האט א צר שכנגדו.

1037 איטליכער עושר האט זיין יושר.

1038 איטליכער שידוך וואס מען מהוט

1) איינע גילדענע אדער הייפט (אייך אים דייטשען) העמבאראידען. 2) ד. ה. עס כהוס א פלאקער אייף איין כינים אין לעשט זיך באלד אוים. 3) דען ער קרענקט זיך דער נאר ווארום ער האט פאר דער תורה נים מעהר פערלאנגט. 4) די בעל־בית־טעס האבען דיעזע רעגעל אז ווי מאכען פסח קעוליך און הרעבוליך פון כייערן און פון הריין. 5) ווען איינער פיהרט זיין זאך אוים, האלט כען איהם כמילא פאר א גבור

איז גוט — נאך א יאהר ווערט מען געוואהר.

1039 איידער איך זאלל שטארבען פאר הונגער, עסס איך שוין ליעבער געבראטענס.

1040 איידער דער טאטע איז געבוירען שטעהט דער זאהן אויף דעם דאך.

1041 איידער דער יוד געהט אין מארק הערבין, קאסט איהם אללעס וואלוועל.

1042 איידער הערבינצולעגען אין דער פושקע, לעגט מען ליעבער הערבין אין דער קישקע. 1)

1043 איידער מען איז מגדל א קליין קינד, עסט מען פריהר צעהן גרויסע אקסען אויף.

1044 איין אויג האט מעהר גלויבען איידער צוויי אויערן. 2)

1045 איין אויג מוז אויך שלאפען.

1046 איין אבגעשעהלט איי קומט ניט גלייך אין מויל הערין.

1047 איין אהל קענן אין א זאק ניט בלייבען פערבארגען, דער שפיטץ קומט הערויס היינט אדער מארגען.

1048 איין אויסגעגעבענע טאכטער איז איין אבגעשניטען שטיקעל ברויט. 3)

1049 איין איבריג גלאזעל ווין מאכט שמערץ און פיין.

1050 איין איידעם איז ווי א טשאלענט. 4)

1051 איין איינקל האט מען ליעבער ווי איין אייגען קינד.

1052 איין איינשפארער איז בעסער ווי א פערדינער.

1053 איין אלטען, איז גוט צו בעהאלטען 5)

1054 איין אלטער יוד אין שטוב איז א ברכה. איין אלטע יודענע אין שטוב איז א גסרחה (הסרחה).

1055 איין אלטער פריינד איז בעסער ווי נייע צוויי.

1056 איין אלטער שארבען לעבט איבער א נייעם טאפ.

1057 איין אקס פאר א גראשען, ווען דער גראשען איז ניט דא.

1058 איין ארעמאנן און א קראנקער זענען שטענדיג תקיף. 6)

1059 איין ארעמאנן איז א ותרן אויף א פרעמדען בייטעל.

1060 איין ארעמאנן איז ווי א הויקער. 7)

1061 איין ארעמאנן האט א באז שלימזל.

1062 איין ארעמאנן האט ניט וואס אנצוזעהען. 8)

1063 איין ארעמאנן מאכט א זול אין א יקרות.

1064 איין ארעמאנן זויקט זיך מיט חלשות.

1065 איין ארעמאנן שטעהט ביי דער טהיר.

1066 איין ארעמאנן שלאפט אין דער פינסטער.

1) פאר צייטען ווער עס געוואלט געלד זאמלען, פפלעגט עס קלייבען אין א פושקע. 2) ביי עדות איין 3) איך פערשטעהט נים דעם זינן פון דיזעם שפריכווארט. 4) מען ווייס נים ווי ער וועט הערויסקוממען ווי דער קוגעל וואס מען שטעללט הערין אין טשאלענט־אובען. 5) ד. ה. צו בעגראבען, אזוי דענקט אפשר א יונג מיידעל ביי זיך ווען זי האט חתונה מיט איין אלטען מאנן און ווינשט זיך זי זאל איהם באלד פטור ווערען און פון איהם ירשנ'ען. 6) ד. ה. מען וויל זיי נים דערבאזערן און גיבט איהנען נאך. 7) ד. ה. וואס ער פארמאגט, דאס טראגט ער אויף זיך. 8) ער כען אללעס פראבירען — דען ארנער קען איהם שוין נים ווערען.

1067 אין אָרעם קהל איז ניט דאָ . 1)

1068 אין אשת-חיל גיט דעם מאַן די האַלבע פּרנסה .

1069 אין גאָטט אויף אַלע שונאים . 2)

1070 אין טאַטע צעהן קינדער דערנעהר . אָבער צעהן קינדער אין טאַטען — איז צו שווער .

1071 איין נאַר איז אַ כּבוד אויף דעם אַנדערן .

1072 איין נאַר מאַכט פֿיעל נאַררָאנים .

1073 איין נאַר קען מעהר אָנקויפען איידער צעהן קלוגע קענען פערקויפען .

1074 איינם — איז קיינם . 2)

1075 איינם מיט דעם דריטען איז ניט קיין מחותן . 3)

1076 אין עולם איז ניט קיין גולם .

1077 אין עושר האָט אימעדום אַ דעה .

1078 אין עזות פּנים איז בעסער ווי מזומן געלד .

1079 אין עזות-פּנים קומט גלייך אין גן-עדן העריין . 4)

1080 איינעם דאַכט זיך , אַז ביי דעם אַנדערן לייכט זיך ; צום סוף איז דאָס גאָר אַ מעשען קנאָפּעל .

1081 איינעם וואַרפט מען העריין , דעם אַנדערן וואַרפט מען הערויס .

1082 אין עקשן איז ערגער ווי אַ קאַליעקע .

1083 אין עקשן פאַלט תּמיד אין דער בלאָטע העריין .

איינער בענטשט מזומן — דער אַנדערע האָט מזומן (צעהלט מזומן) .

1085 איינער גיט פּיט לעפּפעל — אייזער גיט מיט שעפּפעל .

1086 איינער האָט מזומן ביי טיש , דער אַנדערע אין טאַש .

1087 איינער האָט ניט אין זינן , דער אַנדערע האָט ניט פון וויהין . 5)

1088 איינער האַלט די קוה ביי די הערנער , און דער אַנדערע מעלקט זי .

1089 איינער לאַקאַמעט זיך אויף דעם רוח , און דער אַנדערע אויף דעם קרן .

1090 איינער שרייט „אהי" ! און דער אַנדערע שרייט „העטיא" ! 6)

1091 איין פאַרשיווע שאָף מאַכט אַללע שאָף פאַרשיווע .

1092 אין צד איז תּמיד פאַרטיג . 7)

1093 אין ציגאַנער גנבעט ניט ביי דעם אַנדערן .

1094 איין רויטע קוה איז דאָ אויף דער וועלט ? 8)

1095 איך וואָלט געוואָלט זעהען ווי עס וועט נאָך מיין טויט צוגעהען .

1096 איך ניט פויל — גיט ער מיר אַ פּאַטש .

1097 אין אַ ברונגעז וואָס מען האָט פון איהם וואַססער געטרונקען זאָל מען

1) וואס פאר א יחיד איז צו מחייר אדער צו שווער , קען א רבים לייכט אויספירען . 2) וואס א מוטער אז זי האט נאר איין קינד . 3) ד. ה. זי קעהרען זיך מיט איינאנדער גאר ניט אן . 4) וויל ער ווארט ניט מען זאל איהם פריהר בעטען . 5) איינער איז קיין בעל צדקה ווייל ער וויל ניט , דער אנדערע ווייל ער קען ניט . 6) ד. ה. איינער ציהט אהער , און דער אנדערע הין (מיט „אהי" און „העטיא" טרייבט מען אן אקסען) . 7) איין צד וויל תמיד דעם שידוך טהון . 8) עס בעציהט זיך ווארשיינליך אויף די פרה אדומה .

קיין שטיין ניט העריינוואַרפען . 1)

1098 אין אַ גוטער שעה צו רעדען און אין אַ שלעכטער צו שווייגען .

1099 אין אורח מכניס אורח .

1100 אין אַ זול עסט מען אויף דאָס מזומנע געלד . 2)

1101 אין איין אָפּפען מאָפּפעל שטעקט איטליכע מויז העריין דאָס קאָפּפעל .

1102 אין אַ לעדיג פאַסס קאָן די ברכה ניט העריין . 3)

1103 אין אַ מגפה איז אַ ציעג אויך אַ בהמה .

1104 אין אַ שיינעם עפּפעל געפינט מען אַ מאָהל אַ וואָרעם .

1105 אין באַגאַריע קרעהען די חזירים . 4)

1106 אין באָד זיך צו שעמען איז ניט דאָ פאַר וועמען .

1107 אין ברירה — איז אַ גרויסע גזירה .

1108 אין ברירה — יעדז קו סאָביע . 5)

1109 אין די אויגין הייסט געערדט , אונטער די אויגין הייסט געבילט .

1110 אין די קטורת איז דאָ חלבנה אויך . 6)

1111 אין דעם בויך זעהט קיינער ניט , אויף דעם בויך זעהען אַללע .

1112 אָן דעם בעסטען קינד פערגעסט מען .

1113 אין דעם שלאָף גייט אַלעם אַוועג .

1114 אין דער הייליגער גמרא געפינט מען אַלץ , אַפילו אַ דאַררע וואַנץ .

1115 אין דער יוגענד אַ ליגנער , אויף דער עלטער אַ גנב .

1116 אין דער מוידם גליק געראָטה דער ביק .

1117 אין דער שטאָדט וואו מען איז געבוירען פעהלט תּמיד אַ חודש . 7)

1118 אין ווינטער איז צוויי מאָהל אין דער וואָך שבת . 8)

1119 אין חכמה ואין תבונה כּנגד שלעכטע קאָרטען . 9)

1120 אין חשוון מאַכט מען חשבון . 10)

1121 . אין לי' — איז פּטור . 11)

1122 אין לרחם בקאָרטען . 12)

1123 אין מיטען מאַנץ פּלאַצט די סטרונע .

1124 אין ניסן איז גוט צו שטאַרבען — אָבער נאָר פאַר יענעם .

1125 אין מעזשעריטש שטאַרבט קיין עושר ניט . 13)

1) מען זאל ניט משלם זיין רעה תחת טובה . 2) עס דאכט זיך אלץ : עס איז וועהר וואלוועל און מען ניט מעהר געלד אוים . 3) ד. ה. אז אין דעם פאסס איז ניט דא קיין ביער אדער קיין וויין , קאן מען ניט פערדיענען . 4) איזט איינע קליינע שטאדט אין פאלען Bogarya . 5] פאליש jedź ku sobie . 6) ד. ה. אין דער שענסטער משפחה איז אמאהל דא א פסול . 7) געמליך דער חדש „אייר" ; מען זאגט אין דער געבורטסשטאדט איטליכען יונגען מאנן „דו" אנשטאטט „איהר" . 8) ווייל עס זענגען זעהר קורצע טעג דאכט זיך אזוי . 9) אזוי זאגט מען ווען די קארטע געהט ניט . 10) די קראמער מאכין געוועהנליך מיידח ר"ח חשון . 11) ווען איינער זאגט : איך האב גיט אבצוגעבען , מוז ער פטור זיין , דענן , זאגט איין דייטשעס שפריכווארט : וואו ניכטס איזט , רא האט דער קעניג זיין רעכט פערלארען . 12) ביים קארטענשפיעל זאלל מען אויף דעם אנדערין קיין רחמנות האבין . 13) מעזשעריטש איז א קליין ארעם שטעדטיל אין פאלען . מען ערצעהלט איינע אנעקדאטע דאס איין שנאררער (בעטטלער) איז אמאהל געקומען צו א גרויסען גביר , דער וועהר געפעהרליך וואר , און האט זיך געטעלדעט , אז ער וואט א רפואה פאר דעם קראנקען . דער גביר איז זייער גייגעריג געוועזען צו הערען וואס די רפואה איז , האט איהם דער שנאררער געראטהען , ער זאלל פאהרען קיין מעזשעריטש , ווארום דארט איז נאך קיין מאהל קיין עושר ניט געשטארבען .

1126 אין פינטשעווע טאנט עס! 1)

1127 אין פריידען איז א יאהר א טאג, אין ליידען איז א טאג א יאהר.

1128 אין שבת טרינקט זיך אן דער אקס זאטט. 2)

1129 א כהן איז א כעס'ן.

1130 אכט און אכטציג (88) איז א יודישע קללה.

1131 א כעס'ן איז ערגער ווי א שוועבעלע 3)

1132 א כפרה א יחיד פאר א רבים.

1133 א כפרה געלד — אבי דער כבוד איז גרויס.

1134 א כפרה די כהונה פאר א שיין פנים.

1135 א לאנגע קרענק איז א זיכערער טויט.

1136 אלטע (קראנקע) לייט זאלען גאר ניט געבוירען ווערין.

1137 אליין — איז די נשמה ריין.

1138 אללע גליעדער ווילען רוהען און די צונג שטעללט מען הערוים.

1139 אללע געלד־שידוכים האבין קיין קיום.

1140 אללע חזנים זענען נארראנים.

1141 אללע חס־ושלומים זענען מעגליך.

1142 א ליטוואק נעמט זיך אונטער אפילו צו זיין א יין אמת.

1143 א ליטוואק שטארבט ניט. 4)

1144 אללע יודען האבין איין שכל.

1145 אללע יודין קענגען זיין חזנים — נאר דאס רוב זענען זיי הייזעריג.

1146 אללע ימים־טובים וועללין בטל ווערין, נאר פורים וועט בלייבין. 5)

1147 אללע כלות זענען שיין, אללע מתים זענען פרום.

1148 אללע מאגעלעך זענען פליישיג. 6)

1149 אללע מיאוסע פרנסות האבין שיינע מזלות.

1150 אללע סימנים געהען אונטער, נאר דער סימן דלות בלייבט.

1151 אללעס קען דער מענש פארגעסען, נאר ניט צו עססען.

1152 אללע „עליו־השלומים" זענען גוט.

1153 אללע קלוגע געהען צו פוסס און אללע נארראנים פאהרין אין

1) אנעקדאטע; אין אקליין שטעדטעל לעבען פינטשעוו איז א מאהל אום שבת־צו־נאכטס פייער אויס־געגאנגען און מען האט געשיקט א יונגעל קיין פינטשעוו ער זאלל פון דארט פייער ברינגען. איידער ער איז אבער פערגאנגען די פאאר ווערסט האט עס דערווייל אנגיהויבען צו טאגען. אז ער איז צוריק געקימען און מען האט איהם געפרעגט פאר וואס ער האט קיין פייער ניט געבראכט, האט דאס יונגעל געענטפערט: „אין פינטשעוו טאגט עס שוין". — מיר שיינט אבער, דאס דאס שפריכווארט האט איינען היסטארישען גרונד און שטאממט פון דער צייט דער פאלנישען דיססידענטען. דיעזע פארטהיי איז פאן דער פאלנישען רעגירונג זעהר פערפאלגט געווארדען און האט זיך געמוזט מאכען יד אחת מיט די יודען, די יודען זענען דער פון זעהר צופריעדען געוועזען, ווייל זיי האבין דער ווייל גרויסע פרייהייטען גענאססען. דא אבער די הויפטשטאדט פון די דיססידענטען אונטער איינ'ם געוויסען שימאן בודני איז געוועזין אין פינטשעוו האבען די יודען דאס מודיע געוועזן איהרע אנדערע ברידער און האבין איהנען געשריעבען: „מפינטשעוו יצא אור". 2) ר"ח שבט שמעלצט געוועהנליך דער שנעע, און עס איז דא פיעל וואססער. 3) ער ווירד באלד אנגעצונדין ווי פייער. 4) זא זאגין די פאלנישע יודען אויף איהרע ברידער די ליטוואקעס: א ליטוואק שטארבט נימ אלס ליטוואק; דען ער טויפט זיך שטארבט ער אלס קריסט; מען פערשיקט איהם נאך סיביר, שטארבט ער אלס סיבירניק; אדער ער וואנדערט אויס קיין ארץ ישראל, שטארבט ער אלס ארץ־ישראל־יוד, אבער אללעס נימ אלס ליטוואק. 5) ווען משיח וועט קוממען. 6) ווארטשפיעל: מעגעלעך פאן מא אונד מעגליך ד. ה. עס קענן מעגליך זיין.

קארעטעס.

1154 אללע שטומע ווילען א סך רעדען.

1155 א מאהל האט א מייזעל א הייזעל.

1156 א מויד מיט א הויקער מאכט זארג ערב ובוקר.

1157 אמוק קען אויך וועה טהון. 1)

1158 א מאמע איז א קנעכט, א טאטע איז שטענדיג גערעכט.

1159 א מאמע איז א פאקרישקע, זי דעקט צו די קינדערס חסרונות און דעם מאננס בזיונות.

1160 א מאמעליגע מישט מען מיט א דריק, מען שניידט עס מיט א שטריק — און דערנאך בענטשט מען ווי א פליעג.

1161 א מאנן אויף א שפאנן, א באהרד אויף איין איל.

1162 א מאנן ווי א מויז און א ווייב ווי א הויז איז נאך ניט גלייך.

1163 א מיאוסע מויד איז א שנאת־חנם.

1164 א מיאוסע מויד האט פיינט דעם שפיעגעל.

1155 א מכה איז גוט — ביי יענעם אונטער דעם ארעם.

1166 א מלאכה איז א מלוכה.

1167 א מלאכה איז א פאנצער פאר דעם דלות.

1168 א מלאך קענן אויך קיינע צוויי שליחות טהון.

1169 א ממזר מעג מען זיין און קלוג מוז מען זיין.

1170 א מענש איז א מאהל שטארקער פון אייזען און א מאהל שלאפער פון א פליעג.

1171 א מענש איז אומעטום א מענש;

1172 א מענש איז ווי א פליעג.

1173 א מענש טאר זיך ניט פאר קיין זאך פערשווערען.

1174 א מענש קען אויף זיך מעהר ערטראגען, איידער צעהן אקסען קעננען דערשלעפין.

1175 אמת איז נאר ביי גאטט.

1176 אמת וואקסט פון דער ערד הערויס.

1177 א נאדעל קען מען אין קיין זאק ניט בעהאלטען.

1178 אן איין ארעמאנן קען מען זיך לייכט פערזינדיגען.

1179 אן א סוד איז קיין ברכה;

1180 אן א קהלישער קלאמקע איז זיך גוט אנצוהאלטען.

1181 אן א שלים־מזל ווערט מען ניט רייך.

1182 אן א שררה פערדינט מען א פויער.

1183 אן די גרויע האר דערקענט מען די יאהר.

1184 אן דעם איז קיין ברכה, וואס רעדט אויף זיין משפחה.

1185 א נארר איז זיין אייגענער מסר (דארף קיין מסר האבען).

1186 א נארר גיט — א קלוגער נעמט;

1187 א נארר האט א שאן ווייב

1188 א נארר האט א שאנע וועלט;

1189 א נארר האט ליעב זיסס;

1190 א נארר וואקסט אהן רעגען;

1191 א נארר ווערט ניט אלט און וואססער ווערט ניט זויער.

1) בעציעהט זיך אויף די לעגענדע פון דעם קייזער טיטוס.

1192 א נאר זעטצט מען ניט איבער
אייער .

1193 א נאר נארט מען פון דעם באר
הערוים .

1194 א נארעשער קאפ ווערט קיין מאל
ניט גרוי .

1195 א נאר קען מען ניט אויסגענארען.

1196 א נאר שיקט מען פאראוים.

1197 א נגיד האט פיינט כבוד ווי א קאטץ
סמעטענע .

1198 א נקמה איז א גוטער ביססען.

1199 א נקמה איז א האלבע נחמה .

1200 א נקמה! דער טאטע האט די מאמע
געשלאגען .

1201 א סוד איז נאר אונטער פיער אויגען
(אונ אונטער פיער אויערן) . 1)

1202 א סוד געהט נאר אין הויזען . 2)

1203 א סוחר טאר קיין הונד ניט זיין, אונ
א הונד א סוחר – געווים ניט.

1204 א סוחר פאהרט אויף יארידים ,
א בעטלער געהט צו פוס .

1205 א סך זמירות אונ ווייניג לאקשין .

1206 א ספר אהן א הקדמה איז א גוף
אהן א נשמה .

1207 א פאלשער פריינד איז ערגער ווי
א הונד .

1208 איין ערב איז א דורען (durеń) .

1209 א פארך טאר קיין ראש-הקהל ניט
זיין (אונ א סמארקאטער–קיין בעל-
קורא) .

1210 א פארך טראגט אין באר אויף
א יארמולקע . 3)

1211 א פוילישען בן-יחיד זאל מען לייהען,
א דייטשען בן-יחיד זאלל מען
פרייען . 4)

1212 א פוילען איז גוט צו שיקען נאך
דעם מלאך-המות ;

1213 א פוילען קעננען טאטע אונ מאמע
אויך ניט העלפין .

1214 א פוילער שליח איז א האלבער
נביא .

1215 א פוילער שליח צערייסט נאר די
שיך .

1216 א פויער, קאך איהם זיסס אונ זויער,
בלייבט ער אלץ א פויער.

1217 א פונד מוז אבטרעטען דעם פוד .

1218 א פערד אויף פיער פים ספאטי-
קעט זיך . בפרט א מענש אויף
איין צונג .

1219 א פרומען יודען זאל מען זוכען
צווישען אלטע הולטייעם .

1220 א פרנס מעג זיין גרוים ווי א האהן,
זיטצט ער פארט אויבען אן .

1221 א פרעמדע קאטץ איז איבריג אין
שטוב .

1222 א פרעמדער ביססען שמעקט זיסס.

1223 א פרעמדער נארר איז א געלעכטער
אונ איין אייגענער איז א שאנד .

1224 א קאטאוועס איז א האלבער אמת .

1225 א קאטץ וואשט זיך אונ א גוטער

1) אז פילע מענשען ווייסען א זאך , איז עס שוין קיין סוד ניט . 2) מען וויל דאמיט זאגען , דאס א סוד האלטען קען נאר איינער וואס בראגט הויזען ד. ה. א מאנספערזאן. 3) ווייל ער וויל ניט מען זאל דעם פארך הערויסזעהן , זאגט ער אז מען טאר ניט געהען בגלות ראש . 4) ד. ה. מיט א פוילישען זאל מען מאכען געשעפטען אונ א דייטש זאל מען נעמען פאר א חתן פאר דער טאכטער, ווייל ער איז סאליד אונ ארדענטליך .

יוד בענשט .

1226 א קאטץ זאלל האבען פליגעל
וואלט זי אללע פייגעלעך אין דער
לופט אויסגעווארגען .

1227 א קאטץ זאל מען פאר קיין סארווער
ניט מאכען .

1228 א קאבין פערטהיילט זיך ניט .

1229 א קארגער גביר איז דער ערגסטער
קבצן .

1230 א קארגער ליעגט אויף דעם געלד
ווי א הונד אויף דעם ביין .

1231 א קארגער צעהרט (צאהלט) ערגער .

1232 א קבצן איז די בעסטע שמירה .

1233 א קהל איז קיין גזלן ניט . 1)

1734 א קינד אהן א מאמע, איז ווי א טהיר
אהן א קליאמקע .

1235 א קינד אהן א פאטער איז א האלבער
יתום אהן א מוטער – א גאנצער
יתום .

1236 א קלוגער פערשטעהט פון א יין
ווארט צוויי .

1237 א קלייט איז א גילדענע קיים. 2)

1238 א קליין איי איז אויך א כפרה .

1239 א קליין שטאדטעל איז ווי
א לאמטערין . 3)

1240 א קלפי איז א פערקעהרטע פאפיער-
מיהל . 4)

1241 א קנויל האט אויך איין עק וויקעלט
זיך אויף אוים .

1242 א קרומע מוהמע – פארט א מוהמע .

1243 א רב איז גוט אבצוקלויבען –
אבער ניט אבצוזאגען .

1244 א רב וואס קען זינגען אונ א חזן
וואס קען לערנען איז אין ביידע
קיינע ברכה .

1245 ארבייט איז קיין שאנד (בפרט אין
א פרעמד לאנד) .

1246 א רבים פיהרט שטענדיג אוים .

1247 א רביצין האט א לאנגע האנד אונ
א קורץ אויער . 5)

1248 א רויטהען מוז מען יונגערהייט
פערשרייבען. 6)

1249 א רויטהער איז א רמאי ;

1250 א רייכען טאטען איז כדאי צו
בעגראבען .

1251 א ריינער ארעמאנן , איז א שאנער
דלות . 7)

1252 ארעם איז גלייך ווי געשטארבען
(אבער רייך איז נאך ניט געלעבט .

1353 ארעם איז ניט רייך – קרום איז ניט
גלייך ;

1254 ארעם איז קיין שאנד – אבער אויך
קיין גרויסער כבוד ניט.

1455 ארעם אונ פרעהליך – לוסטיג אונ
לעבעדיג .

1256 ארעמע לייט קאכען מיט וואסער .

1) בעות צונגען ותמצען צו : אבער א סך גזלנים . 2) קלייט הייסט אין מאנכען געגענדען אין רוסלאנד א קראם . 3) ד. ה. מען זעהט וואס ביי יעדען טהוט זיך אין שטוב . 4) אין א פאפיער-מיהל לעגט מען הערייך שמאטים אונ עס קומט הערוים פאפיער, אונ אין א קלפי לעגט מען הערייך פאפיער (צעטטעל) א. ג. עס קומען הערוים שמאטעס (לומפען) . 5) זי נעמט גערן פיעל אונ הערט גערן ווייניג . 6) ווייל דאס פאלק זאגט , דאס א רויטהער ד. ה. א מענש מיט רויטהע האר איז קיין גוטער מענש , זא גיבט דאס שפריכווארט איין עצה , מען זאלל איהם יונגערהייט פארשרייבען , דאמיט ער זאל שפעטער , ווען ער וועט גרוי ווערען , ניט קענען לייגענען אז ער איז קיינמאהל ניט רויטה געוועזען . 7) א ריינער ארעמאנן הייסט ווען מען האט ווייניגסטענס קיינע חובות ניט .

1257 אַרעמע קרובים זיטצען אונטער דעם אויווען.
1258 אַרעמער דאך! וואס קנאַקסט דו?
1259 אַרעמקייט און פוילקייט זענען צוויי ברידער.
1260 אַ רענדעל איז קליין — אָבער געוויכטיג (טהייער).
1261 אַ רענדעל הערויף, אַ רענדעל הערַאב — אַבּי זיך ניט געדרונגען.
1262 אַ שעמעדיג ווייב איז גוט צו שלאָגען.
1273 אַ שאמעדיגער קען קיין למדן ניט זיין.
1264 אַ שען ווייב איז אַ האַלבּע פּרנסה.
1265 אַ שדכן איז ווי אַ מוהל.
1266 אַ שווערער בייטעל מאַכט אַ לייכט געמיטה.
1267 אַ שוויגער מיט אַ שנור פאַהרען ניט אויף איין פוהר.
1268 אַ שולדיגער איז ווי אַ זינדיגער.
1269 אַ שטאך מאַכט אַ לאך.
1270 אַ שטיעף — מוטער איז אַ שטאך — מוטער.
1271 אַ שטיעף — מוטער גיט דעם שטיעף־קינד דאס ערשטע פון טהעע און דאס לעטצטע פון קאַווע. 1)
1272 אַ שטיעף־מוטטער — גיט שיטטער.
1273 אַ שידוך איז ווי אַ לייטער: אַז מען שטעלט איהם קרום, קריעכט מען הערויף.
1274 אַ שידוך זאל מען טהון אין דער היים און אַ גנבה אין דער פרעמד.
1275 אַ שידוך (און אַ שמעק טאַבאַק) טאָר מען ניט אויסשלאָגען.
1276 אַ שכּור (אַ נאַרר) און אַ וואָגען היי געהט מען אוים דעם וועג.
1277 אַ שכּור זעהט אַללעס טאָפּפּעל.
1278 אַ שכּור טרינקט אוים דעם בראָנפּין פרייטאָג ביי טאג און מאַכט שבּת קידוש איבער אַ חלה.
1279 אַ שכּור קאָן זיך אויסשלאָפען, אָבער אַ נאַרר קאָן ניט קליגער ווערען.
1280 אַ שכן אין שטוב איז ווי אַ גלעקיל ביי דער טהיר. 2)
1281 אַ שלאָפעריגען, לאָזט מען איבער, אָבער ניט אַ הונגע־ריגען.
1282 אַ שלים־מזלניצע פערלירט די ספּאָדניצע (Spodnica).
1283 אַ שלעכט ווייב טרייבט אין דער ערד הערין.
1284 אַ שלעכטער חבר איז אַ גוטער מקבּר.
1285 אַ שלעכטער פּורים איז אַ גוטער שושן פּורים. 3)
1286 אַ שניידערס אַ ווייב איז קיין אשת־איש.
1287 אַ שפּריכוואָרט איז אַ וואָהרוואָרט.
1288 אַ שקאַרפּעטקע איז ניט קיין בגד.
1289 אַ שקראַב קאָן שוין שקראַבּעדיגער ניט ווערען.

1) ביידע זאכען, נעמליך; טהעע ווען ער איז ניט גענוג אנגעצויגען און קאפפע, מיט דעם ביטטערן זאמץ, זענען ניט גוט. 2) ד. ה. וואס דער שכן זעהט און הערט ביים אנדערען, קלינגט ער ארום די גאנצע גאסע. 3) די ארעמע לייט האבען פורים קיינע צייט פרעהליך צו זיין; זיי מוזען געלד צונויפזאמלען, נאר דער פאר מאכען זיי זיך א שענע סעודה אם שושן פורים.

ב.

1290 באַדאַי (bodaj) זיך איין אויג, אַבּי יענעם צוויי.
1291 באַרגעלע, לאַבעלע — צאַר־לעלע, ווײַנעלע. 1)
1292 בּוידעם, בּוידעם — אוים בוידעם!
1293 בּושה טהוט וועה.
1294 בּחנם קריעגט מען כּנים.
1295 בּיזטו משוגע — לאָז דיך בּינדען.
1296 בּיזטו משוגע — שלאָג־זשע דיך קאָפּ אָן דער וואַנד. נאָר לאָז אַנדערע געמאַך.
1297 בּיי אַ גוטער בּעל־בּית־טע איז פולל דאס פאַסס.
1298 בּיי איין אביון אַ צווילינג איז ווי דאס פינפטע ראָד אים וואָגען.
1299 בּיי אַ נאַרר זענען די הענד און די צונג איבּריג.
1300 בּיי אַ פוילען וואַקסט דער וועג אונטער די פים.
1301 בּיי אַ שכּור איז בראָנפּין דער עקר.
1302 בּיי דעם אויסקעהרען די שטוב געפינט מען אַללעס.
1303 בּיי דעם גלאָזעל געפינט מען אַ סך גוטע פריינד.
1304 בּיי דעם כּהן גדול שטעהט "וכפּר בעדו". 2)
1305 בּיי דעם עססען קענגען מען קוים דעם הונגער פערגעססען.
1306 בּיי טאָג צום גט — בּיי נאַכט צום בעטט.
1307 בּיי פאָטער און מוטטער איז קיין קינד ניט איבּריג.
1308 בּיי קליינע קינדער איז שלעכט צו עססען, בּיי גרויסע קינדער איז שלעכט צו געהען. 3)
1309 בּין איך אַהוהן, מוז איך קרעהען.
1310 בּלוט איז ניט קיין וואַססער.
1311 בּמקום שאין איש איז אַ הערינג אויך פיש.
1312 בּעווינט זיך דער חכם, בּעווינט זיך אויך דער נאַרר.
1313 בּעט אַ פאַרך צום מנין ווערט ער ביי זיך גרוים.
1314 בּעססער אַ גוטער שונא, איידער אַ שלעכטער פריינד.
1315 בּעססער איין אויפגעקומענער גביר, איידער איין אָבּגעקומענער עושר.
1316 בּעססער איין קוה אין דעם שטאלל.

1) צום בארגען נעלד מאכט מען א פריינדליכע מיענע, אבער צום אבגעבען ווירט מען ברוגז. 2) דאס בעווייזט, דאס דער היילינסטער מענש האט אויך זיינע עבירה'ליך. 3) ד. ה. פאר קליינע קינדער מוז מען קאכען וואס זיי קענען פערטראגען עס זאל איהנען ניט שאדען; גרויסע קינדער פערלאנגען מלבושים, וואס מען נעמט באדאי פון זיך העראב.

אײער צעהן אין פעלד.
1317 בעססער א מיאוס װײב פאר זיך,
אײדער א שאן װײב פאר אנדערע.
1318 בעססער אנצוקומען צו „עלינו"
אײדער צו דעם בעסטען מענשען.
1319 בעססער א סעודה, אײדער א חתונה,
1320 בעססער א פאטש פון א חכם,
אײדער א קיש פון א נארר.
1321 בעססער א שארעל. אײדער
א שארען. 1)
1322 בעססער א שאנד אין פנים, אײדער
א קרענק אין בויך.
1323 בעססער א שטיק טרוקען ברויט,
אײדער צו לײדען נויטה.
1324 בעססער בײ דעם ערגסטען צו
האבען, אײדער דעם בעסטען
שולדיג צו זײן.
1325 בעססער גוט אונ א ביססעל, אײדער
שלעכט אונ א פוללע שיססעל.
1326 בעססער די תנאים צורײסען,
אײדער די כתובה.
1327 בעססער דער שונא זאל אין מיר
גוטס זעהען, אײדער איך אין איהם
שלעכטס.
1328 בעססער זיך אנציקעהרען מיט דער
רביצען, אײדער מיט דעם רב.
1329 בעססער זיך צו ביקען צו דעם
קאפ, אײדער צו די פיסס.
1330 בעססער זיך צו װינשען, אײדער
יענעם צו שעלטען.
1331 בעססער מיט א קליגען אין גיהנם,
אײדער מיט א נארר אין גן עדן.
1332 בעססער ניט האבין, אײדער צו [illegible]
בענגראבען.
1333 בעססער פון א גוטען מענשען דאס
ערגסטע אײדער פון א שלעכטען
מענשען דאס בעסטע.
1334 בעכסער פון א גראטש א פאטש,
אײדער פון א נארר א קוש.
1335 בעססער פריהער בעװאהרענט,
אײדער שפעטער בעװײנט.
1336 בעססער פריהער שטארבען, אײדער
דערנאך פגר'ן. 2)
1337 בעססער צו געבען דעם קינד מיט
דער װארמער האנד, אײדער מיט
דער קאלטער. 3)
1338 בעססער צװײ מאהל פרעגען,
אײדער אײנמאהל בלאנדזען.
1339 בעססער צו זעהען לײד, אײדער צו
הערען פרײד. 4)
1340 בעססער צו טוען מיט א הײמישען
גנב, אײדער מיט א פרעמדען רב.
1341 בעססער צעהנמאהל מעסטען אונ
אײנמאהל אבשנײדען, אײדער
פערקעהרט.
1342 בעססער צעהן שלעססער, אײדער
א ײן דלות.
1343 בעססער שװארץ אונ פעתקע,
אײדער װײס אונ ליעפקע.
1344 בעקום דיר גײע פרײנד, נאר
פערגעס ניט די אלטע
1345 בעראטה דיך מיט װעם דו װיללסט

1) בעססער א קלײנע שאדען װי א גרויסער. 2) ד. ה. בעסער פערליערען דאס לעבען אין ערהע, אײדער עס פערלאנגערן דורך שאנדע. 3) ד. ה. עס איז בעססער צו געבען ירשה. 4) אוי זענען מוטער, װאס װאללען איהרע צימטעריגע קינדער ניט אװעקגעבען אין דער פרעמד, די װאללען ליעבער ציזעהען דאס שלעכטע אונ דער הײם, אײדער צו הערען דאס גוטע אין דער פרעמד.

אונ טהו מיט אײגענעם שכל.
1346 בעשערט גאטט א סוחר שיקט דער
רוח א מעקלער.
1347 בראנפען איז א שלעכטער שליח:
מען שיקט איהם אראב אונטען (אין
בויך) קריכט ער נאר ארויף אויבען
(אין קאפ).
1348 בראנפען פערדרעהט דעם קאפ —
צרות נעממען איהם נאר הערײב.
1349 ברוגז'ע לײט געהען אויף א זײט,
1350 ברויט אונטערװעגס הײסט ניט קײנע
משא טראגען.
1351 ברעך אויף א זעממעל. שפרינגט
הערויס א יור. 1)
1352 בעססער יואי (יא) אײדער לא.

ג.

1353 גאטט איז אײן עהרליכער בעצאהלער,
נאר א קריעכער. 2)
1354 גאטט איז א פאטער, אז ער גיט
ניט קײן מכה, גיט ער א בלאטער.
1355 גאט איז א שאנער בעל-בית.
1356 גאטט איז גערעכט אונ זײנע משפטים
זענען גערעכט.
1357 גאטט איז דער בעסטער דאקטאר.
1358 גאטט געהט ניט איבער קײן קלאטץ. 3)
1359 גאטט האט געגעבען, גאטט האט
צו-גענומען. 4)
1360 גאטט האט געגעבען דעם נארר
הענד אונ פוס אונ האט איהם
געלאזט לויפען.
1361 גאטט היט אב פאר אײן זארג.
1362 גאטט, היט אב פאר א שקר-
בלבול!
1363 גאטט הײסט אויך קײן נארר ניט זײן.
1364 גאטט װארט לאנג אונ בעצאהלט
גוט (מיט פראצענט).
1365 גאטט װײסט װאס ער טהוט.
1366 גאטט װעט העלפען, װי העלפט נאר
גאטט ביז גאטט װעט העלפע!
1367 גאטט זאל אבהיטען פאר בערדיטשע-
װער נגידים אונ אומאניער חסידים,
פאר קאנסטאנטינער משרתים אונ
פאר מאהליװער אפיקורסים, פאר
קאמענעצער חאדאטאיעס אונ פאר
אדעססער הולטײאיעס.
1368 גאטט זאל אבהיטען פאר יודישער
חוצפה, פון יודישע מײלער אונ פון
יודישע קאפ.

1) דאס בעציעהט זיך אויף א אנדער װערטיל: אײן פײנער יונג האט געװאלט עססען צום יום כפור, נאר כדי קײנער זאל ניט זעהען, איז ער אװעק מיט א בולקע אונטערן שטאדט, זיך געשטעלט אויפ'ן פרײען פעלד, אונ נאכדעם װי ער חאט זיך גוט ארום געזעהען אויף אלע זײטען, האט ער אויפגעבראכען די בולקע.. אבער פון דער בולקע אלײן איז ארויסגעשפרונגען א פערבארגענער יודעל אונ א געשרײ געטהאן: שײגעץ װאס טהוסט דו. 2) ד. ה. ער בעצאהלט ניט באלד. 3) ער שפרינגט ניט נאר ער טהוט אללעס אויף גלײכעם װעג. 4) ה' נתן. ה' לקח.

1369 גָאטט זָאל אָבְּהִיטֶען צוּ הָאבֶּען אֵיין קִינְד אוּנ אֵיין הֶעמְד.

1370 גָאטט זָאל וָואלְלֶען הֶערֶען דֶעם פַּאסְטוּךְ, וָואלְטֶען אַלְלֶע שָׁאאף אוֹיס גֶעפֶּגְרִ'ט.

1371 גָאטט זָאל צוּהֶערֶען דִי נַארְרָאנִים, וָואלְלְט דִי וֶועלט גֶעהַאט אֵיין אַנְדֶער פָּנִים.

1372 גָאטט לֶעבְּט אוֹיבֶּען אוּנ מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּנְטֶען.

1373 גָאטט צָאהלְט נָאךְ דִי מַעֲלוֹת אוּנ שְׁטְרָאפְט נָאךְ דִי חֶסְרוֹנוֹת.

1374 גָאטט שִׁיקְט נִיט אַרָאבּ פוּן אוֹיבֶּען, אַז מֶען לִיעגְט אוֹיף דֶעם אוֹיוֶוען. (1

1375 גָאלְד הָאט אַ מִיאוּסְ'ן טַאטֶען אוּנ אִיז דָאךְ אַ יַחְסָן.

1376 גַאנְץ גוּט — קַאטְשְׁקֶע נָאךְ בֶּעסְ־סֶער. (2

1377 גוּט אִיז אַ יוּדֶען אַ טוֹבָה צוּ טְהוּן.

1378 גוּט אִיז צוּ הָאפְּפֶען. שְׁלֶעכְט אִיז צוּ וַוארְטֶען.

1379 גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת הֶערְט מֶען פוּן דֶער וַוייטֶענְס.

1380 גוּטֶע סְחוֹרָה לוֹיבְּט זִיךְ אַלֵיין.

1381 גַנָבִים הָאבֶּען סוֹדוֹת.

1382 גַנְבֶ'עט מַיין בְּרוּדֶער — הֶענְגְט מֶען דֶעם גַנָב. (3

1383 גַנְבֶ'ענֶען אוּנ רַאבֶּעוֶוען זָאל מֶען אוּנ אֵיין עֶהרְלִיכֶער מַאנְן זָאלל מֶען בְּלַייבֶּען. (4

1384 גַנְבֶענֶען אִיז אַ קְלֵיינֶערֶע חֶרְפָּה, וִוי אָבְּגֶעבֶּען.

1385 גֶעבָּארְנְטֶער שֵׂכֶל, טוֹיג נִיט.

1386 גֶעבֶּענְטְשְׁט אִיז דֶער גְרָאשֶׁען, וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁמִיעֶרְט מִיט חֵלֶב (חַזִיר).

1387 גֶעה אִיךְ פָּאוָואלְיֶע, זָאגְט מֶען: אַז אִיךְ קְרִיעךְ, גֶעה אִיךְ גֶעשְׁוִוינְד, זָאגְט מֶען אַז אִיךְ צֶערַיים דִי שִׁיךְ. (5

1388 גֶעהְן זָאל מֶען נָאר צוּ דֶעם קָאפּ.

1389 גֶעה רֶעד אַז דִי צוּנְג אִיז אִין גָלוּת. (6

1390 גֶעלְד אִיז אֵיין עֲבוֹדָה־זָרָה, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִיט דָא, אִיז אַ גְרוֹיסֶע צָרָה.

1391 גֶעלְד אִיז קַיילֶעכִיג — אַ מָאהְל אִיז עֶס דָא, אַ מָאל אִיז עֶס דָארְט.

1392 גֶעלְד אִיז שְׁמֶעלְט — אָבֶּער שְׁמֶעלְט אִיז קֵיין גֶעלְד.

1393 גֶעלֶעבְּט וִוי אַ נַארר, גֶעשְׁטָארְבֶּען וִוי אַ נַארר.

1394 גֶענוּטְהַשַׁאפְט, קָאסְט גֶעלְד. (7

1395 גֶעקְלֶעבְּט אַבִּי גֶעלֶעבְּט. (8

1396 גֶערֶעדְט אִיז גֶערֶעדט, אָבֶּער נִיט גֶעטְהוּן.

1397 גֶעשְׁוִוינְד אִיז נָאר גוּט פְּלֵיי צוּ חַאפֶּען. (9

1398 גְרֵייט דִיר אָן אִין דֶער יוּגֶענְד, וֶועסְט דוּ הָאבֶּען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

1) ד. ה. אז מען ארבייט ניט (ווארטשפיעל: „אבען" אונד „אפען"ביידע ווערען גלייך אויסגעשפראכען).
2) ווארטשפיעל: גאנץ גוט אונ גאנז איז גוט. 3) מען וויל איהם ניט דערקענען פאר קיין ברידער.
4) דאס זאגט טען אויף מענשען וואס גנבענען אונ ראבעווען אונ ווילען נאך ביי דער וועלט הייסען עהרליכע לייט דער מיט, וואס זייווארפען ארויס עטליכע רוביל אויף צדקה אדער אויף שטאדט־זאכען.
5) דער פערז איז פון א געוויסעם קלאגעליעד פון א שטיעפטאכטער, וואס קען די שטיעפמוטער קיין מאל ניט צו פריעדען שטעללען. 6) ד. ה. אז מען טאר ניט אללעס הערויס־זאגען. 7) ד. ה. ביז מען זאממעלט ערפאהרונג, מוז מען רבי־געלד בעצאלען. 8) זאגען קראנקע לייט וואס מוזען אפט די געזונדהייט לאסען.
9) פון איילעניש קומט קיין גוטס נים הערויס.

ד.

1399 דָאס אוֹיעֶר מֶעג מֶען אִיטְלִיכֶען גֶעבֶּען, דִי הֶענְד דֶעם גוּטֶען פְרַיינְד, אָבֶּער דָאס כּ"ל נָאר דֶעם וַוייבּ. (1

1400 דָאס אַנְדֶערֶע וַוייבּ הָאט אַ גָאלְדֶען לַייבּ.

1401 דָאס אֶרְגְסְטֶע לֶעבֶּען אִיז בֶּעסֶער פוּן דֶעם בֶּעסְטֶען טוֹיט.

1402 דָאס בֶּעסְטֶע מִילְכִיגֶעס (אִין דִי 9 טָאג) אִיז דָאךְ אַ שְׁטִיקֶעל פְלֵיישׁ.

1403 דָאס בֶּעסְטֶע פֶערְד, דַארְף הָאבֶּען אַ בַּייטְשׁ אוּנ דֶער קְלוּגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אֵיין עֵצָה.

1404 דָאס גוּטֶע וֶוערְט מֶען בַּאלְד גֶעוָואהְנְט.

1405 דָאס גוּטֶע קָאן מֶען נִיט אוֹיסְבְּרֵיינְגֶען אוּנ דָאס שְׁלֶעכְטֶע נִישְׁט אֵיינְקַארְגֶען.

1406 דָאס גִיהֶנָם אִיז נִיט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וִוי דָאס קוּמְמֶען צוּנ־אִיהְם.

1407 דָאס גְלִיק אַלֵיין הֶעלְפְט נִיט דֶעם מֶענְשֶׁען, וֶוענְן דֶער מֶענְשׁ הֶעלְפְט נִיט מִיט.

1408 דָאס הָאלְצֶעפֶּעלֶע שְׁוִוימְט פוּן אוֹיבֶּען. (2

1409 דָאס הַארְץ אִיז אַ הַאלְבֶּער נָבִיא.

1410 דָאס הִינְדֶעל וֶוערְט מִיט דֶעם שֶׁעכְטֶען גֶעוואהְנְט.

1411 דָאס לַייכְסְטֶע אִיז צוּגֶעבֶּען יֶענֶעם אֵיין עֵצָה — דָאס שְׁוֶוערְסְטֶע זִיךְ אַלֵיין.

1412 דָאס לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעגְט מֶען נִיט אוֹיף דֶעם טוֹיטֶען.

1413 דָאס עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ אִיז וִוי אַ הוּנְד, דָאס צְוֵוייטֶע וַוייבּ וִוי אַ קַאטְץ. (3

1414 דָאס עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ אִיז פוּן גָאטט, דָאס אַנְדֶערֶע אִיז פוּן מֶענְשֶׁען אוּנ דָאס דְרִיטְטֶע פוּן דֶעם רוּחַ.

1415 דָאס פָּנִים זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד.

1416 דָאס צְוֵוייטֶע וַוייבּ אִיז וִוי אַ מַאךְ־צָאוֶוע זִינְן.

1417 דָאס קְלֵייד הַאלְט עֶהְרְלִיךְ דֶעם מֶענְשֶׁען.

1418 דָאס קֶערְבֶּעל אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער יַחְסָן.

1419 דָאס קֶערְבֶּעל אִיז נִיט קֵיין מַמְזֵר.

1420 דָאס רֶענְדֶעל מֶעג זַיין נָאךְ אַזוֹי רוֹיט, מוּז מֶען עֶס אָבּ בֵּייטֶען פַאר אַ בְּרוֹיט.

1421 דָארְט אִיז גוּט, וואוּ מִיר זֶענֶען נִיט דָא.

1422 דוּרְךְ אוֹרְחִים גִיט מֶען אוֹיס קִינְדֶער.

1423 דוּרְךְ אַ קַאטְץ שִׁיקְט מֶען קֵיין שָׁלוֹחַ מָנוֹת נִיט.

1424 דוּרְךְ אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, קוּמְמֶען דִי עֶלְטֶערִין צוּ זִינְד.

1) ד. ה. אויסהערען זאל מען יעדען, די האנד דריקען דעם גוטען פריינד, אבער קושען נאר די פרוי. 2) דער ערגסטער מאכט זיך מייסטענס גרויס. 3) ד. ה. דאס ערשטע ווייב איז געטריי ווי א הונד אונ דאס צווייטע איז פאלש ווי א קאטץ.

1425 דורך געזינדער גיט מען אויסקינדער

1426 די אבילה איז די בעסטע תפלה.

1427 די בעסטע געפעלעך זענען דער מאמים. 1)

1428 די גאנצע וועלט איז ווי א חלום.

1429 די ווייבערס שכל איז דאס ציהרונג— די מאנגערס ציהרונג איז דער שכל.

1430 די וועלט איז אויך א וועלט.

1431 די וועלט האט פיינט איין ארעמאנן א בעל גאוה.

1432 די ליעבע איז זים, נאר זי איז גוט מיט ברויט.

1433 די לעטצטע פאאר הויזען (אדער דאס לעטצטע העמד) זאל מען פערזעטצען נאר רייך (א גביר) זאלל מען זיין.

1434 די מלאכה האט ליעב א טרונק. 2)

1435 דינג דיר א משרת און טהו עס דיר אליין.

1436 די נויט מאכט דעם מענשען בעסער — דאס גליק מאכט א הם שלעכטער.

1437 די נויט שארפט דעם שכל.

1438 די נשמה קען מען נים אויסשפייען.

1439 דיענער זענען טריי, אז זיי זענען ניי.

1440 די ערגסטע סחורה איז „לאי". 3)

1441 די צווייטע קרענק איז ערגער פון דער ערשטער

1442 די צינג איז אהן ביינער.

1443 די צונג איז נים אין גלות.

1444 די צייט איז דער בעסטער דאקטאר. 4)

1445 די קאטץ ווייסט וואס זי נאשט.

1446 די קישקע האט נים קיין פענסטער.

1447 די קרובים דערקענט מען אז זיי ווערען רייך.

1448 די שוואלבען האבען דאס בית־המקדש געלאשען. 5)

1449 די שמאלץ רינט אוים און דאס גריב בלייבט אגרוב. 6)

1450 די תפילה געהט הערויף און די ברכה קומט הערונטער.

1451 „דלות! קאך לאקשען"—„נים דא קיין אייער!"

1452 דעם ארעמאנס געבראטענס שפירט מען ווייט, דעם עושרים טויט הערט מען ווייט.

1453 דעם ארעמאנן קאסט זיין קוליש טהייערער, ווי דעם נגיד זיין יויך (זיין געבראטענס).

1454 דעם יודען פעהלט תמיד א טאג. 7)

1455 דעם יודען מיידט קיין אומגליק נים אוים. 8)

1456 דעם יקרות פיהלט נאר דער ארעמאנן.

1457 דעם נארר קען מען קיין טשאלענט־ברעטעל פאר דעם מויל נים מאכען. 9)

1458 דעם עושר פאסט אללעס. 10)

1) די בעסטע געפלען זענען די נאטורליכע ציין, וואס מען בעקומט פון דער מוטטער. 2) בעלי מלאכות האבען מיימסטענס ליעב א כוסה. 3) ד. ה. אז מען האט גאר קיין סחורה נים (לא : ניכם). 4) די צייט האלט אללע וואנדען. 5) איינע לעגענדע אז די שפינען האבען אין בית המקדש הערייון פייער געטראגען און די שוואלבען האבען דאס פייער געלאשען. 6) אז מען לויבט א געשעפט און מען זאגט אז עס איז נאר א שמאלץ־גרוב (ווארטשפיעל : גרוב און גריוועו פון די גענז). 7) מען מיינט דעם שבת, ווייל ער קאן אם שבת נים פערדיענען. 8) ד. ה. אללע גזירות און אללע צרות פערפעהלען נים דעם ארמען יודישען פאלק. 9) ד. ה. מען קענן דעם נארר נים פערוועהרען נאררישקייט צו זאגען. 10) וועגינסטענס יעדער זיך דער עושר איין אז ער מעג אללעס טהון, מי יאמר לו מה תעשה.

1459 דער אמת האט פים איז ער ענטלאפען — דער שקר האט נים קיין פים איז ער דא געבליבען.

1460 דער אמת טהוט באנג.

1461 דער ארעמאנן איז גערען אז ער בלייבט ביי דעם קרן.

1462 דער ארעמאנן לעגט די ציין אין בייטעל (אין טארבע) העריין (אויף דער פאליצע). 1)

1463 דער בלינדער האט זיינע אויגען אין די שפיטץ־פינגער. 2)

1464 דער בעסטער פריינד איז דאס קערבעל.

1465 דער גנב ביי דער טהיר איז דער בעסטער שומר.

1466 דער גראשען גילט דארט וואו ער ווערט געשלאגען.

1467 דער גרויסער שוימער ווערט צו לעצט דערטרינקען (און דער גרויסער קלעטטערניק ווערט דערהרג׳עט).

1468 דער גרעסטער וועהטאג איז דער, וואס מען קען איהם פאר אנדערע נים הערויס זאגען.

1469 דער גרעסטער נארר איז פאר זיך קלוג.

1470 דער הונד איז ווערטה דעם שטעקען.

1471 דער הונד איז צו קיין פלאדען נים געוואהנט.

1472 דער הונד לאזט מיך צו דעם פסוק נים קומען. 3)

1473 דער וואלף איז זאטט און די ציעג איז נים צו ריססען. 4)

1474 דער וואס האלט די פענן אין דער האנד, שרייבט זיך אן א גוט יאהר.

1475 דער וואס וויל גאוה טרייבען, מוז הונגער ליידען.

1476 דער וואס שווייגט, מיינט אויך עפעס.

1477 דער וואס שעמט זיך נים פאר דער וועלט, האט אויך פאר גאטט נים קיין מורא.

1478 דער ווייטעסטער וועג, איז צו דער קעשענע.

1479 דער וועלט קאן מען נים דאס מויל פערשליעסען.

1480 דער זינדיגער מענש מוז אללעס אויסשטעהען.

1481 דער חזיר איז טריפה — אבער דער מקח איז כשר.

1482 דער חזיר שטעללט דאס כשרע פיססעל הערוים. 5)

1483 דער חכם בויט א שטוב און דער נארר צערברעכט זי.

1484 דער חכם שכל׳ט זיך אפילו פון דער תליה הערויב.

1485 דער טויט דערלעזט פון אללע צרות.

1) ווייל ער האט נים צו עססען, האבען ביי איהם די ציין קיין גרויסע ארבייט. 2) ער מוז מיט די הענד הערומטאפפען. 3) צוויי יודען זענען אויף די דערפער מיט סחורה הערויסגעגאנגען האנדלען, אמאהל האט איינעם פון איהנען אונגעפאללען א גרויסער הונד, דער צווייטער וואס האט פאן ווייטענס געזעהען האט געשריהען : זאגט דעם פסוק (ולבני ישראל לא יחרץ כלב לשונו) האט איהם יענער געענטפערט : דער הונד לאזט מיך צום פסוק נים קוממען. 4) ביידע פארטייען זענען צו פריעדען. 5) אום צו צייגען אז ער האט געשפאלטענע קלויען. — אזוי שטעללט זיך דער צבוע׳ק פאר א צדיק.

1486 דער טעם ליעגט אין די שפיטץ־פינגער. 1)

1487 דער יאבעדניק בלייבט אהן א העמד (שטארבט אין אסטראג).

1488 דעריבער געהען, די גענז בארפים (בארוויס).

1489 דער יוד האט נאר געלד צו פערלירען, און צייט קראנק צו זיין.2)

1490 דער יוד שלאגט — און שרייט אליין „געוואלד".

1491 דער יוד שלאגט זיך מיט דער דעה און שיסט מיט דער ראיה

1492 דער יצר איז א מיצר.

1493 דער יצר־הרע האט תמיד די מערכה.

1494 דער מלאך המות האט פיעל אויגען. 3)

1495 דער מלמד ארבעט מיט דעם טייטעל, דער עושר בצאהלט מיט דעם בייטעל.

1496 דער מענש איז אין זיך אליין פארנארט.

1497 דער מענש איז דאך נאר א בשר ודם.

1498 דער מענש איז נאר ווי א סטאליער, היינט לעבט ער און מארגען שטארבט ער.

1499 דער מענש זאלל ניט זארגען, וואס עס וועט זיין מארגען — לאז ער ליעבער דאס פארגעסען. וואס ער האט „קאליע געמאכט נעכטען.

1500 דער מענש זינדיגט, און דער האן ווערט א כפרה.

1501 דער מענש מוז לעבען פאר ציעקאוואסט (Ciekawość) וועגען.

1502 דער משכל (מושכל) ראשון איז א רוח הקודש

1503 דער משרת איז אזוי ווי דער הארר.

1504 דער נגן געהט א וועק אויף שדכנות.

1505 דער סוד ליעגט אויף דער נאס. 4)

1506 דער עושר האט דאס מזל.

1507 דער עושר עסט ניט „קיין רענדליך און דער ארעמאנן עסט ניט „קיינע שטיינער אונטער דער יויך.

1508 דער עושר שלאפט און זיינע רוחים געהען.

1509 דער ענוי הדין איז ערגער פון דעם דין אליין.

1510 דער ערגסטער יאריד גיט מעהר פרנסה, ווי דער בעסטער פריינד.

1511 דער ערגסטער מאהגער איז דער אייגענער מאגען

1512 דער ערגסטער שוחט איז דער בעל־טאקסע.

1513 דער ערשטער געווינער איז דער לעטצטער פערשפיעלער. 5)

1514 דער פאטער איז געטריי, ווען די מוטטער שטעהט דאביי.

1515 דער פויליער ווערט פלייסיג, ווען אנדערע געהען שלאפען.

1516 דער פויער ליעגט מיט דער פויערטע אזוי לאנג אויף איין קישען, ביז ביידע בעקוממען איין געוויסען.

1) פאן איינעם גוטען עססען זאגט מען אז מען לעקט דאפאן די פינגער. 2) געוועהנליך האט דער יוד קיין געלד אויסצוגעבען, נאר ווען ער מאכט שלעכטע געשעפטען דאנן געפינט זיך ביי איהם געלד צו פערלירען; אזוי צייט האט דער יוד קיין מאהל נים, נאר קראנק צו זיין מוז ער זיך שוין צייט נעהמען. 3) ד.ה.ער זעהט אללע און קיינער קאן זיך פאר איהם נים בעהאלטען. 4) ד. ה. אימליכער קענן איהם. 5) רעגעל ביי דעם קארטענשפיעל.

1517 דער פראצענט עססט אויף דאס קרן.

1518 דעם ציגאנער קומט נאך זעהן (א רעשט) הערוים.

1519 דער קאפ איז דולל, דער בויך איז פולל, דער מאגען ווייסט ניט פון עפעס צו זאגען.

1520 דער קארגער ליגט אויף דעם געלד, ווי א הונד אויף דעם ביין.

1521 דער קלוגער בעהאלט דעם שכל און דער נארר ווייזט הערוים זיין נארישקייט

1522 דער רב האט דאס רב בנות. 1)

1523 דער ריוח בלייבט קלעבען אן די ראדער. 2)

1524 דער שווערסטער פעלץ איז אום ווינטער גערינג — דאס גערינגסטע העמד איז אום זוממער שווער.

1525 דער שידוך איז אויף איין זייט תמיד פארטיג. 3)

1526 דער שידוך זעהט אוים ווי דער שדכן.

1527 דער שכור איז געשטארבען, דער שענקער איז פערדארבען.

1528 דער שכל איז א קריעבער. 4)

1529 דער שלים־מזלניק האט תמיד פרעטענזיעס צו גאטט. 5)

1530 דער שענסטער כבוד איז, אז מען זיטצט אין דער היים.

1531 דער שענסטער שפאציער איז פאר זיין אייגענער טהיר.

1532 דער שענקער האט ליעב דעם שכור, אבער די טאכטער וועט ער איהם ניט געבען.

1533 דער שענקער לעבט פון דעם אויבערשטען. 6)

1534 דריי זאכען וואקסען איבער נאכט: רוחים, דירה־געלד און מיידען.

1535 דריי זאכען טויגען ניט אויף דער וועלט: א פויער א חריף, א רב איין עם־הארץ און איין ארעמער פריץ.

1536 דריי זאכען פאססען ניט, אבער שאדען ניט: אז איין אלטער מאנן נעמט א בתולה, א טרונק בראנפען נאך דעם עססען און אז מען שלאגט דאס ווייב.

1537 דריי טעג איז מען א גאסט — שפעטער ווערט מען צו לאסט.

1538 דריי מאהל געצויגען איז ערגער ווי איינמאהל אבגעברענט. 7)

1539 דריי מענשען אין דער וועלט זינגען פאר צרות: א חזן, א בעטלער און א מארשעליק.

1540 דרעה ניט צו פיעל, ווארום דו וועסט איבערדרעהען.

1) ווארטשפיעל מיט רבנות — דאס שפריכווארט מיינט א רב וואס האט א סך טעכטער וואס קהל מוז זיי פערזארגען. 2) ווען מען מאכט א ווייטע רייזע וועגען א קליינעם פערדינסט. 3) ד. ה. איין צד וויל תמיד דעם שידוך. 4) ד. ה. ער געהט לאנגזאם און קוממט תמיד צו שפעט. 5) וויל אליין קאן ער נים ארבייטען, מיינט ער, אז גאטט מוז אללעס פאר איהם טהון. 6) דא מיינט מען דאס אויבערשטע פון דעם ביער אדער בראנפען, וואס דער שענקער פערגעסט אנצוגיעסען אין דעם גלעזעל הערייך און נים דער פאר שוים, דאס שפריכווארט זאגט אז פון דעם אויבערשטען לעבט דער שענקער ד. ה. דאס איז זיין פרנסה וואס אין איטליכען גלעזעל דערפעהלט א ביסעל. 7) דאס אויבערציהען פון אין וואהנונג אין די אנדערע מאכט שטענדיג פיעל שאדען.

ה

1341 האָרעווע אַ וואָלף ווי לאַנג, קוקט אַללעס אין וואַלד העריין.
1542 האָוחז ביד איז די בעסטע תפלה.
1543 האָוחז ביד שטעהט גרויס געשריבען.
1544 האָוחז ביד – שלום בקעשינע.
1545 האָט יענער די נשמה – האָב איך דאָס געלד.
1546 האָט מען עס ניט שעפּעלדיג, האָט מען עס לעפּעלדיג.
1547 האַלט דיר דעם כבוד און בלייב אין דער היים.
1548 „האַמאַניאַ" איז נעטהיגער ווי ווי אַ קאַפּאַטעקעלע. 1)
1549 האָסט מורא? לייג דיך אין בעטט העריין.
1550 האָסט מורא? – לייען-זשע קריאת-שמע.
1551 האָרעווע מיידעלע, וועסט דו האָבען אַ קליידעלע.
1552 האַרען און האַפּען האָט שוין אַ מאָהל געטראָפען.
1553 הונגער קען ניט קיין געבאָט.
1554 הונד בילען ! – מחותנים פאָהרען.
1555 הונדערט און הונדערט און איינס איז אַללעס איינס.
1556 הויק פון דער האַנד איז אויך אַרייח.
1557 היטען זאָל מען זיך פאַר די פריינד, ניט פאַר די פיינד.
1558 הכל הבל – און געהאַלט מוז דאָך ווערען.
1559 המבדיל בין קודש לחול – ווער עס האָט געלד, דעם איז וואויל.
1560 „העטט איך" און „פעטעך" געבען קיין מכם.
1561 „העטט איך" איז אַ „פעטעך" – האָב איך איז אַ גרונר. 2)
1562 הענג איך ביי דעם קאָפּ, הענג איך ביי די פיס.
1563 הענגט מען אויף איין פוס, זאָלל מען שוין אויפהענגען אויף ביידע.

ו

1564 וואָהלטעג דריקט אויך אַ מאָהל דאָס האַרץ אָב.
1665 וואו אַ „ויהי" איז אַ צרה אויף יאָרען.
1566 וואו דער דלות קלעבט זיך אָן, קאָן

1) „האַמאַניא" הייסט ביי די קינדער עססען, אז מען מאַכט אייגעם פאַרוווּרפע, פאַר וואָס ער בראַנט ניט קיין בעססערן און ריינערן ראָק זאָגט ער אז עססען איז נעטהיגער. 2) ווען יעמאַנד זאָגט „העטט-איך" אָדער „וואָלט איך"

מען איהם ניט אַזוי באַלד פּטור ווערען.
1567 וואו דער צייגער שטעהט איין, דאָרט ריהרט ער ניט.
1568 וואו האָט אַ הונד אַ הויז?
1569 וואו הינד בילען, דאָרט איז אַ מושב.
1570 וואו זעקס ווערען זאַטט, האָט דער זיבעטער גענוג.
1571 וואו ליעבשאַפט דאָרט איז קיין ענגשאַפט. 1)
1572 וואו מען דאַרף אַ שטיין, דאָרט איז ער דאָ.
1573 וואו מען דאַרף האָבען צוקער, טויג ניט קיין זאַלץ.
1574 וואו מען האָט געלד פערלוירען, דאָרט מוז מען עס אָבזוכען.
1575 וואו מען זעהט איהם ניט, דאָרט וואַקסט ער.
1576 וואו עס איז איבריג, דאָרט פעהלט. 2)
1577 וואו עס איז דאָ פלייש און פיש, דאָרט איז אַ פרעהליכער טיש.
1578 וואו עס זענען דאָ פיעל קעכענס, דאָרט איז דאָס עססען רוי.
1579 וואו עס פאַלט אַ שטיין, טרעפט ער זיך אַליין.
1580 וואו עס שטעהט ניט, דאָרט זאָגט מען ניט.
1581 וואו צוויי, איז ער דער דריטטער.
1582 וואו צוויי עססען פון איין שיסעל, קאָן זיך אַ דריטטער אָנעססען אַ ביססעל.
1583 וואו שלום, דאָרט איז ברכה.
1584 וואָלוועל פלייש עססען די הונד.
1585 וואָס אַ גראָבער בויך קאָסט, וואָלט איך געוואָלט פערמאָגען – וואָס ער איז ווערטה, זאָללען מיינע שונאים פערמאָגען.
1586 וואָס איך ווייס ניט, האָב איך ניט צו זאָגען.
1587 וואָס איך ניט ווייס, מאַכט מיר ניט אויס.
1588 וואָס איין קלאַפּ מאַכט ניט, מאַכט דער צווייטער.
1589 וואָס ביי אַ מענשען איז שווער איז ביי גאָטט גרינג.
1590 וואָס גאָטט טהוט בעשערען, קאָן דער מענש ניט פערוועהרען.
1591 וואָס דו זעהסט ניט מיט דיינע אויגען, פערזיכער ניט מיט דעם מויל.
1592 וואָס די ערד דעקט צו, מוז פערגעסען ווערען.
1593 וואָס דער טויבער דערהערט ניט, דאָס טראַכט ער זיך אויס.
1594 וואָס דער שכור האָט אין קעפּעל, האָט דער ניכטערנער ניט אין פלעשעל.
1595 וואָס דריי ווייסען, איז קיין סוד ניט.
1596 וואָס האָט צו דעם פּנים וואָס אין דעם האַרצען טהוט זיך.
1597 וואָס הערט זיך אין ים? – מען חאַפּט פיש.

1) שיללער זאָגט אויך: Raum ist in der leinsten Lütte für kein zärtlich liebend Paar
2) זאָגט מען אז די קאַססע שטיממט ניט, בעוואונדערט אז עס איז אין איהר מעהר געלד ווי עס דאַרף צו זיין.

1598 וואס האלט דער בלינדער געהאט צו קלאגען, ווען ער וואלט דעם וועג געזעהען?

1590 וואס וועניגער מען רעדט, איז אלץ געזינדער.

1600 וואס טויג די חכמה, ווען דאס נאררישקייט גילט!

1601 וואס טויג מיר נירנבארג, ווען איך האב דארט קיין הויז. ?[1]

1602 וואס טיעפער מען בוקט זיך „מודים" וואס ווייטער געהט מען „עשה שלום" צו ריק.

1603 וואס יורש'נען יורען? — צרות און מערידען.[2]

1604 וואס מיאוסער דאס שטיק, וואס גרעססער דאס גליק.[3]

1605 וואס מעהר קבצן, מעהר הוליאק, וואס מעהר נגיד, מעהר סווינויאק.

1606 וואס מען גרייט זיך ניט אן אויף דער וועלט, דאס נעמט מען ניט מיט אויף יענער וועלט;

1607 וואס מען זעהט ניט נייערהייט אין דעם קאסטען, זעהט מען אלטערהייט אין סמיעטניק (Smietnik).

1608 וואס מען קאן ניט דערלאנגען, זאל מען ניט פערלאנגען.

1609 וואס מען קאן ניט לייגנען פאר גאטט, קאן מען ניט לייגנען פאר לייט.

1610 וואס מען קלעבט דעם נארר אן, איז פערפאללען.

1611 וואס מען רעדט ביי טאג דאס חלומ'ט זיך ביי נאכט.

1612 וואס נייע איז געטריי — וואס אלט איז קאלט.

1613 וואס ניטצט א יונג מיט שפארען, ווען ער קאן ניט רייטען? (אז ער האט קיין פערד ניט).

1614 וואס נוטצט מזל אהן ברכה?

1615 וואס פאר א נאמען אזא פנים.

1616 וואס פערפאלען, זאל ניט באנג טהון;

1617 וואס צו ליעב איז שטענדיג טהייער;

1618 וואס קאן מען פון אן־אקם מעהר פערלאנגען ווי אקסענפלייש.

1619 וואס קומט הערוים פון דעם זילבערנען בעכער, אז ער איז פולל מיט טהרערען?

1620 וואס קומט הערוים פון דעם שאנעם עפפעלע, אז עס האט א ווערעמדיג הערצעלע?

1621 וואס קומט מיר הערוים פון מיין פויליש רעדען, אז מען לאזט מיך אין דעם הויף ניט הערייו.

1622 וואס רייבער מען ווערט, וואס קארגער מען איז.

1623 וואס שווערער מען נעמט זיך פיר וואס לייכטער העלפט גאטט.

1624 ווי א הונד קאן קיין קצב ניט זיין, אזוי קאן א בחור קיין שדכן ניט זיין.[4]

1625 ווי אזוי דער חזן זינגט, קריעגט ער אלץ אין טאטען הערייו.[5]

---

1) דאס שפריכווארט האב איך געהערט אין גאליציען; אויך איהם דייטשען איז דא זא איין ש"וו: Was geht mich Nürnberg an, ich habe kein Haus darin. 2) די קראנקהייט העמערראידען. 3) ד. ה. וואס מיאוסער דאס מיידעל, בעקומט זי אלץ א בעססערן חתן. 4) ווארין זי וואלטען די גאנצע סחורה פאר זיך אלליין בעדארפט. 5) זינגט ער ג"ט, זאגט מען: אך א רוח אין זיין טאטען זינגט ער! זינגט ער שלעכט, פערדיענט ער דאך געוויס אין טאטען הערייו.

1626 ווי דאס ווייב איז א מלכה, אזוי איז דער מאנן א מלך.[1]

1627 ווי די דרשה, אזוי איז די בקשה.

1628 ווי די טויטע עססען, אזא פנים האבען זיי.

1629 ווי דעם קלוגען איז ביטטער, איז דעם נארר אלץ פרעהליך.

1630 ווי דער בעל־עגלה וויל, אזוי דרעהט ער מיט דעם דישעל.

1631 ווי דער ברוך הבא אזוי איז דער ברשותכם.

1632 ווי זאלל דאס שעפעלע רוהיג עססען, ווען דער וואלף שטעהט דערביי?

1633 ווי מען איז געוואהנט אין דער יוגענד, אזוי טהוט מען אויף דער עלטער.

1634 ווי מען איז צו זיעבען יאהר, אזוי איז מען צו זיעבעציג.

1635 ווי מען בלאזט הערייו, אזוי בלאזט זיך הערוים.

1636 ווי מען וויעגט איין, אזוי שלאפט מען.

1637 ווי מען זיטצט אויף דעם וועגעלע, אזוי זינגט מען דאס ניגעלע.[2]

1633 ווי מען יונגערהייט זיך האלט, אזוי ווערט מען אלט.[3]

1639 ווי מען שטעלט זיך, אזוי שטעהט מען.

1640 ווי מען שטעללט זיך דעם שטייגער, אזוי געהט דער זייגער.

1641 ווי מען שפיעלט, אזוי טאנצט מען.

1642 ווייבער האבען דריי זעטץ: איין איינזאטץ, איין אבזאטץ און איין אויפזאטץ.[4]

1643 ווייבער פיהרען צו דעם גוטען; אדער צו דעם בעזען (ווי זיי ווי זיי פערפיהרען זיי).

1644 ונתנו מאכט צו ריק אויך ונתנו.[5]

1545 וועה דעם וואס ער איז גערעכט!

1646 וועה דעם ווייבעל וואס קומט אהיים צו דעם טאטער אין הייבעל.[6]

1647 וועמען גאטט האט אנגעצייכענט, אן דעם איז קיין ברכה.

1648 וועמען עס איז צו ענג, דער זאלל אבטרעטען.

1649 וועמען צו ברויט — וועמען צום טויט.[7]

1650 וועניגער א ווארט — אבי איין אמת.

1651 ווענן א בעזע בעל־ביתטע לעגט איין קרויט און שטעלט בארשט, ווערען ביידע זויער.[8]

1652 ווענן איז ביי א הונד יום־טוב? ווען מען צוברעכט איהם א פוס.[9]

1653 ווענן איין אלטער מאנן נעמט א בתולה, האבען ביידע איינע גרויסע גדולה.

1654 ווענן איין בלינדער פיהרט דעם דעם אנדערן, פאללען ביידע אין גרוב הערייו.

1655 ווענן אן עושר איז פערדארבען אין

---

1) פסח. 2) אבגעקירצט פאן ניגון. 3) ד. ה. אז מען איז אין דער יוגענד פאלר געוועזען, איז מען אויף דער עלטער גזונ־ד. 4) דיא דריי „זעטץ" זעננען געהעריג צו דער טואלעטטע. 5) ד. ה. אז איינער טהוט דעם אנדערן גוטס, קאן ער פון יענעם אויך אמאהל א טובה פערלאנגען. 6) ד. ה. אז זי טוז אוועקלויפען צו די עלטערן פאר דעם מאנן. 7) אום ראש השנה ווערט איטליכען אונגעשריעבען זיין קוויטעל. 8) זאגט מען אין קאטאוועס אויף א בעז ווייב „קרויט און בארשט מוזען דאך זויער ווערען. 9) האט דער הונד „שלש רגלים".

אין ארעם־מאנן האט ערווארבען — איז נאך ניט גלייך.

1656 ווען איינעם איז בעשערט א שלים־מזל, קומט עס אהיים (אין שטוב הערייז).

1657 ווען איינער ראטה דיר, הער; נאר פאר דיר בעקלעהר.

1658 ווען אליהו־הנביא איז דער בעל־עגלה, פאהרט מען גוט.

1659 ווען אללע מענשען זאללען ציהען אויף איין זייט, וואלט זיך די וועלט איבערגעקעהרט.

1660 ווען א סוד זאלל זיין א ברכה, וואלט מען די תוכחה ניט איינגערוימט.

1661 ווען א פליעג שטעללט זיך אויף א וועקסיל איז אויך גוט.[1]

1662 ווען בייזערט זיך ניט דער שניידער אויף דעם שטיקעל ארבייט? — ווען מען נעהמט איהם תכריכים.

1663 ווען דאס מזל זאלל ניט ברויכען צו עססען, וואלט דער קאפ אין גאלד געגאנגען.

1664 ווען דאס מזל קומט, זעטץ איהם אויף א שטוהל.

1665 ווען די גנבים קריגען זיך, קומט דער פויער צו זיין קוה.

1666 ווען דו ועסט די וועלט בערעדען, וועט די וועלט דיך גוט בעקליידען.

1667 ווען די עושרים קרענקען, טהוען זיי די ארמע לייט גערענקען.[2]

1668 ווען דער בעל־התקיעה קאן ניט בלאזען, לעגט זיך דער שטן אין דעם שופר.

1669 ווען דער זאלל דעם עסקיפיהרען, קענען די אנדערע פיהרען.

1670 ווען דער יוד פייפט און דער פריץ קראצט זיך הינטער דעם אויער — איז א שלעכטער סימן.

1671 ווען דער נארר וואלט ניט געוועזען מיין, העטט איך אויך געלאכט.

1672 ווען דער רשע קוקט אין וואססער הערייז, פגר'ן די פיש.

1673 ווען דער שעפס הערט, מען צורי זינגען און דאס קאלב אקדמות זאגען, מעג מען זייער פלייש א וועקטראגען.

1674 ווען דער שטיין ליעגט אויף איין ארט, ווערט ער אויך בעוואקסין מיט גראז.

1675 ווען ווערט פון א מיידעל א ווייבעל? אז מען טהוט איהר אן א הייבעל.

1676 ווען זי הייסט העגדעל (געגענדעל) מעג מען עססען פון איהר פענדעל. (אדער: ווען ער הייסט מענדעל א. ז. וו.

1677 ווען חתן־כלה קושען זיך שוין, מעגען די שרכנים א היים געהען.

1678 ווען מען טהוט א שידוך זאלל מען קוקען אויף דער כלה'ם קני.[3]

1679 ווען מען עסט, רעדט מען ניט.

1680 ווען מען פאהרט, ווייסט מען; אבער ווען מען קומט צוריק ווייסט מען ניט.

1681 ווען מען שלאגט זיך, קאכט מען קרעפלעך.[1]

1682 ווען מען שערט די שעפסען, פרייען זיך די ציגען.[2]

1683 ווען עלטערן זענען נארראנים ווערען די קינדער גזלנים.[3]

1684 ווען עס געהט די סדרה קרח, קוממט אויף קארשען, רעטעך, חריין.[4]

1685 ווען עס קומט אויף קהל א מכה קומט אויף דעם יחיד א בלאטטערל.

6186 ווען צדיקים וואנדערין, רעגענט עס.

1687 ווען צוויי מתים געהען טאנצען, ווער ווארפט אין שבת (אין צימבעל הערייז).[5]

1688 ווער אין גאטט ניט גלויבט, זאלל בעקוממען א פרום ווייב;

1689 ווער עס איז אין דער יוגענד א זולל וסובא, ווערט אויף דער עלטער א קראנקער בעטלער.

1690 ווער עס איז א קינד צו צוואנציג יאהר, דער בלייבט א שוטה ביז הונדערט יאהר.

1691 ווער עס איז געבוירען אויף גראחאווינע (grochowina) און איז געוויקעלט מיט א פלאכטע (plachta), געהער ניט צו דער שלאכטע (szlachta).

1692 ווער עס איז פון נעמעראוו, איז ניט פון געבעראוו.[6]

1) ד. ה. איבליכע אונטערשריפט אויף א־וועקסעל — אפילו פון א קבצן קאן אויך ניט שאדען.
2) ד. ה. זיי געבען פיעל צדקה. 3) „קני" זענען די ראשי תיבות פון קרן, נדן, יחוס, ראס זענען די דריי גרעססטע מעלות ביי א כלה.

1693 ווער עס בויעט און ווער עס וואהוינט.[7]

1694 ווער עס ברויכט ניט צו בארגען, דער לעבט אהן זארגען.

1695 ווער עס גיט ניט צו קהל, דער האט ניט מיט צורעדען ביי קהל.

1696 ווער עס גיט ניט צו שטייער, טאר ניט אין דער קאשע הערייננשפייען.

1697 ווער עס גיט ניט קיין סכום, דער האט קיינע דעה ניט.

1698 ווער עס האט אליין קיין כבוד ניט, קאן אנדערע קיין כבוד ניט אבגעבען.

1699 ווער עס האט א שם פאר א פריהען אויפשטעהער, דער מעג ביז ציינער צוועלף אין בעטט ליעגען בלייבען.

1700 ווער עס האט די מטבעה, האט אויך די דעה.

1701 ווער עס האט מיידלעך האט די פיס געשוואללין; ווער עס האט זאהן, האט די פיס אויף דעם שטאללען.[8]

1702 ווער עס האט פוטער אויף דעם קאפ, טאר אויף דער זאנן ניט געהען.

1703 ווער עס וויל האבען רחמנות פאר זיך, מוז האבען רחמנות פאר אנדערע.

1704 ווער עס ווערט אומזוסט ברוגז ווערט ווידער אומזוסט גוט.

1) קרעפלעך עסט מען ווען מען שלאגט המן, מלקות און הושענות. דאס פיערטע מאהל — ווען דאס פאלק — אז מען שלאגט דאס ווייב. 2) זי פרייען זיך וואס זי האבען קיין וואלל ניט, פערשפארט מען זי צו שערען. 3) ווען די קינדער ווערען ניט גוט ערצויגען, געהען זי אויס לתרבות רעה.
4) דיא ר"ת פון קרח. 5) דיא כלי־זמר רופען דעם צימבעל „שבת" ר"ת פון שמש, בדחן, סארוור.
6) דאס שפריכווארט חערט מען נור אין פוילען, אז מען איז ניט פון דער אריסטאקראטיע, צעהלט מען ניט צו איהר. 7) ד. ה. ווער עס נעהמט, דער ניט ניט. — נעמעראוו איז א שטעדטיל אין פאדאליער גובערניע. 8) ד. ה. איינער בויט א הויז אין אנדערער גאר בעוואהנט עס.

1705 װער עס זיטצט ניט בײ דער שיסעל, דער עסט ניט מיט.

1706 װער עס טראָגט צו מיר טראָגט אויך פון מיר.

1707 װער עס ליגט אויף דעם אויבען, קריעגט ניט קײן בײגעל. 1)

1708 װער עס לעגט זיך מיט א הונד שלאָפען, שטעהט אויף מיט פלײ.

1709 װער עס עססט לאַנג קוגעל, לעבט לאַנג. 2)

1710 װער עס עססט קײן הרײן, בעקומט קײנע אײער. 3)

1711 װער עס עססט קײן קנאָבעל ניט, דעם שטינקט ניט פון מױל.

1712 װער עס פרעגט פיעל, דעם ענטפערט מען פיעל.

1713 װער עס צו רײסט פיעל, מוז פיעל לאַטטען.

1714 װער עס קאָן גוט זינגען, מוז אויך גוט שלינגען.

1715 װער עס קאָן ניט אַ סחורה איבער־האַלטען אַ יאָהר מיט אַמיטטװאָך, דער קאָן קײן סוחר ניט זײן. 4)

1716 װער עס קאָן ניט קײן פּאַטש פערטראָגין, קאָן אויך קײן געלד ניט פערדיענען.

1717 װער עס קומט ניט צו מיר, קומט ניט צו מיר. 5)

1718 װער עס רופט זיך אָן, דער קריעגט ניט.

1719 װער עס שװײגט יענעמס כבוד שװײגט זײן אײגענעם כבוד.

1720 װער עס שװײגט ניט דעם גראַשען, איז אַלײן ניט װערטה אײן גראַשען.

ז

1721 זאָג דעם װײב אַ סוד און שנײד איהר אוים דעם צונג.

1722 זאָג ניט „האָפּ!" ביז דו ביסט ניט העריבער געשפּרונגען.

1723 זאָג ניט „האָטץ!" ביז דו ביסט ניט העריבער געשפּרונגען דעם קלאָטץ.

1724 זאָלסט קושען דאָס בײטשעל (קאַנטשיק) װאָס עס שלאָגט דיך.

1725 זײ אַ מענש, װעסט דו זיטצען אין דער סוכּה.

1726 זײט דאָס בית־המקדש איז חרוב געװאָרען, קאָן קײן שמחה ניט פאַר פולל זײן.

1727 זײט דאָס שטאַרבען איז אויפגעקומען איז מען מיט דעם לעבען ניט זיכער.

1728 זײן װאָרט זאָל זײן אַ בריק, װאָלט איך מורא געהאַט העריבער־צו געהען.

1) אויוּען צום אײנהײצען. 2) שערצהאפט, װײל אז מען עססט לאנג קינעל לעבט מען לאנג. 3) פּסח בײם כּדר, װער עס װיל ניט דאס ביטשערע, בעקומט ניט דאס גוטע. 4) קײן סחורה מאר ניט באלד גמאס װערען. 5) ד. ה. װי באלד ער קומט ניט צו מיר, איז ער געװים ניט מײן גלײכין אדער ער איז גרעסער אדער גידעריגער פון מיר (קומט ניט צו מיר — ניט גליך צו מיר).

1729 זיעבען איז אַ ליגען;

1730 זיעבצעהן איז כּמנין „טוב".

ח

1731 חורש מאַכט קײן רשעות.

1732 „חזר איבער" — איז טריפה. 1)

1733 חזיר! האָסט געלד? — זײ מײן מחותן.

1734 חמשה עשר בשבט האָבען די יונגלעך דאָס נאַכטגעהען זאַטט. 2)

1735 חן איז גוט פאַר דיא צײן; יויך איז גוט פאַר דעם בויך.

1736 חנוכּה און פּורים װערען דיא אָרעמע לײט עושרים.

1737 חרטה האָבען איז ניט מעשה סוחר (...איז ניט סוחריש).

1738 חתונה האָבין, צי קנעלען צי שטאַרבען פערזוימט מען ניט.

1739 חתן־כּלה האָבען גלעזערנע אויגען.

ט

1740 טאַטע און מאַמע זינד קומט אָב דאָס קינד.

1741 טאָפּפעל איז שפּורעבדיג.

1742 טבת און שבט האַלטען דעם פּרט.

1743 טהו דיר העריין שמאַלץ אין דעם טאָפּ און פּוטטער אויף דעם קאָפּ.

1744 טהו קײנעם קײן שלעכטס, װעט מען דיך לאָזען צו רוה.

1745 טענו בחיטין והודה לו בקליוסקעס.

י

1746 יאָ דאָס קלײד איז שעהן — װי זעהט אָבער דיא ספּאָרניצאַ (spodnica) אויס?

1747 יאַקאַ סינאַגאַ טאַקי ראַבין.

(Jaka synagoga, taki rabin.)

1748 יאַק יצר הרע נאַפּאַדניע, טאַי תּקיעת־כּף ניע פּאָמאָזשע

1749 יגעתי ומצאתי — גלויב. 3)

1750 יודישער חן איז אומעדום שײן; פּאַראַדיע; יודישער חײן איז —

1) ד. ה. אז מען װיעדערהאלט א זאך אפטמאהל, װערט זי איבערדריססיג. 2) די נעכט װערען קירצער. 3) ד. ה. װענן אײנער זאגט אז ער האט שװער געארבײט ביז ער איז בעקומען צו פערמעגען באנסט דו איהם גלויבען.

אומעטום ביטטער.

1751 יום כפור איז אונז איז מכפר עונות.

1752 יוצא בחפזון פערליערט דאס געלד אונ די הויזען. 1)

1753 ירושה אונ גרן ועננען ווי א פלאם. 2)

כ

1754 כבוד אונ געלד רעגיערען דיא וועלט.

1755 כבוד איז וויא א שאטען: וואס מעהר מען געהט איהם נאך, וואס ווייטער ענטלויפט ער.

1756 כבוד איז לעבער (כבד).

1757 כבוד קויפט מען אין יאטקע.

1758 כח געפינט מען נאר אין דער שיססעל. 3)

1759 כעס איז עבודה זרה.

ל

1760 לאז א הונד אויף דער באנק, שפרינגט ער אויף דעם טיש.

1761 לאז זי הייסען שיינדעלע. לאז זי הייסען קריינדעלע, אבי א כלה.

1762 לאז זיך דער זארגען, וואס ער האט ניט קיין גאטט אויף מארגען.

1763 לאז עס זיין פון דעם טייבעל, אבי עס הייסט פייוועל.

1764 לאך, ווען דו וועסט דיך געהען לעגען.

1765 לויף ניט נאך דעם כבוד. וועט ער אליין צו דיר קומען.

1766 לויפין אונ קויפין טויג ניט. 4)

1767 ליגען טאר מען ניט זאגען, אבער דעם אמת דארף מען ניט זאגן.

1768 לייכט צו זאגען, שווער צו פערטראגען.

1769 ליעבער מיט דעם היימישען בעדער, איידער מיט א פרעמדען רב. 5)

1770 לעבעדיגע צרות קומט מען איבער.

1771 לעולם מוז מען נייגע שעפסען שערען. 6)

1772 לעולם — נעמט, תקח — מאהן.

1773 לעקער עססט זיך אויך צו. 7)

מ

1774 מאנענפרייד געהט איבער אללע פרייד.

1775 מאיאווע קרחות איז גוט — יענער זאלל עס האבען.

1776 מבטיח צו זיין אונ ניט אבגעבען, פערשפארט מען א קראם צו האבען.

1777 מודה באמת — פטור בקנס.

1778 מחשבה, קיין מעשה. 1)

1779 מיט א יודען איז גוט צו עססען קוגעל — נאר ניט פון איין טעללער.

1780 מיט איין אויג זעהט ביי דיר דער בלינדער מעהר, ווי דוא ביי איהם מיט צוויי אויגען. 2)

1781 מיט איין אייגענעם מאנן, מעג מען פאהרען מעבר לים.

1782 מיט איין האנד ניט ער, מיט דער אנדערער נעמט ער.

1783 מיט איין פאר פיס קאן מען ניט אויף צעהן חתונות טאנצען.

1784 מיט איין צד איז מען תמיד פארטעג.

1785 מיט א לייטער אויף דעם הימעל הערויף, קאן זיך קיינער ניט בעוואהרענען.

1786 מיט א פרעמדער פיהר, פאהרט מען ניט ווייט.

1787 מיט גוטע רעד, קאן מען אויך די עצמות הערויס נעמען.

1788 מיט דעם בעסטען הונד איז ניט גוט קיין עסקים צו האבען.

1789 מיט דעם רבי'ן קאן דער (שלעכטסטער) תלמיד גוט.

1790 מיט דעם שטארבען בעגראבט מען זיך נאר.

1791 מיט דעם שטן טאר מען זיך ניט שפיעלען.

1792 מיט וואס פאר אויגן מען קוקט איינעם אן, אזא פנים האט ער.

1793 מיט מיטגעבראכטען ברויט, איז מען אומעטום א גוטער אורח.

1794 מיט צוויי מיילער עסט מען ניט.

1795 מיט "שרגא" רופט מען אויף, אבער א קאן קאן מען ניט אויסנעמען. 3)

1796 "מע!" איז א ציעג.

1797 מעהר געהארט, מעהר גענארט.

1798 מען דרעהט מיט יענעם אזוי לאנג, ביז מען פערדרעהט זיך אליין.

1799 מען ווייגט ניט אויף דעם "מי ימות" נאר אויף דעם "מי יחיה".

1800 מען ווערט ניט געניטה, ביז מען האט זיך ניט פריהער אבגעבריהט. 4)

1801 מען ווערט פריהער אקצין איידער א בעל הבית. 5)

1802 מען זאלל אללעם צום גוטען אויס־לעגען.

1803 מען זאלל דעם טאפ ניט צודעקען, וואללטען דיא מייז געוואוסט, וואס אין איהם איז!

1804 מען זאלל ווארטען אויף דעם לוחים פאנאדע, וואל׳ט מען קיינמאהל קיין ברויט ניט געהאט.

1805 מען זאלל ניט געפריפט ווערען מיט דעם, וואס דער מענש קאן אלץ פערטראגען.

(.... קאן זיך אלץ געוועהנין).

1806 מען זאלל ניט דאס אומריינע וואססער אויסגיעסען, ביז דאס ריינע קומט צו פליעססען.

1807 מען זאל ניט דערלעבען צו שטארבען.

1808 מען זאלל ניט היסען אגעזונדען זיך לעגען געהען אונ א קראנקען אויפשטעהען.

1809 מען זאלל תמיד בעטין אויף גוטע געסט.

1810 מען טאר ניט גלויבען דעם פערד אין וועג אונ דעם ווייב אין דער היים.

1811 מען טאר ניט זיטצען אויף דעם טאטענ׳ס ארט.

1812 מען טאר ניט פערלאנגען וואס מען קאן ניט דערלאנגען.

1813 מען מוז אויסהערען ביידע צדדים.

1814 מען מוז זיך אמאהל מאכען דאס הארץ פון שטיין.

1815 מען מיינט ניט דיא דרשה נאר דיא בקשה.

1816 מען מיינט ניט דיא חרוסת, נאר דיא ארבע כוסות.

1817 מען קאן אבריף לייענען, מען קאן זינגען.

1818 מען קען ביים ברעג אויך דערטרונקען ווערין

1819 מען קאן גאטט ניט צו קיין קלאג זיין. 1)

1820 מען קאן ניט וויססען, ווי א וועג שטעללט זיך. 2)

1821 מען קאן קיין מענשען ניט דערקענען ביז מען זיטצט ניט מיט איהם אויף איין פוהר (.... ביז מען האנדעלט ניט מיט איהם).

1822 מען קויפט ניט קיין קאטץ אין דעם זאק.

1823 מען שטארבט ניט פריהער ביז מען קומט ניט צוריק אויף דער ערשטער מדרגה.

1824 מעמדות איז וועלוועלער ווי א תהלים.

1825 מעשים טובים העלפען ניט, מעשים רעים שאדען ניט.

1826 מצות אונ ויין, מוז זיין — שמאלץ אונ אייער, ניט זייער (זעהר). 3)

1827 מרבה נכסים, מרבה דאגה.

1828 משוגע׳נע גענז — משוגע׳נע גריוועז!

1829 משכון בבית, שלום בקעשענע.

1) ד. ה. מען זאלל זיך אויף גאטט ניט בעקלאגען. 2) אזוי זאגען בעלי־עגלות. 3) אויף פסח.

1830 נאך א קימפעט נאך א בייזע ברוסט. 1)

1831 נאך א שלעכטען חזן איז גוט צו דאווענען. 2)

1832 נאך דעם טויט העלפט שוין קיין תשובה־טוען ניט.

1833 נאך ניין (9) חדשים קומט דער סוד הערוים.

1834 נאך שלשים מעג מען שוין דאס שטערען־טיכעל אנטוען. 3)

1835 נארר בלייבט נארר — מקח בלייבט מקח.

1836 נארראנים אונ קראפיווע וואקסען אהן רעגען.

1837 נאררישקייט אונ שטאלץ וואקסען אויף איין האלץ.

1838 נדן אונ ירושה זעגען מיט דעם טייוועל בחברותא.

1839 נויט איז ערגער ווי דער טויט.

1840 נויט שארפט דעם שכל

1841 נותן בצימבעל הולך בטענצעל.

1842 ניט אזא שאנד איז צו גנב׳ענען ווי צו חנפינען.

1843 ניט אזוי גיך מאכט זיך ווי עס טראכט זיך.

1844 ניט אללעם וואס מען ווייס, מעג מען זאגען.

1845 ניט אללע פורים איז א נס.

1846 ניט אללע פערד האבען איין גליק.

1847 ניט גענוג וואס מען ווערט אן דאס געלד, רופט נאך יענער נארר

1848 ניט גענוג צו זיין א נגיד, גילט נאך דעם נגידים קוויטטעל אויך.

1849 ניט דאס איז ליעב, וואס עס איז שאן, נאר דאס איז שאן וואס עס איז ליעב.

1850 ניט דאס איז שאן וואס איז שאן, נאר דאס וואס עס געפעללט.

1851 ניט דא קיין געטרייערס ווי איין אייגען ווייב.

1852 ניט די מויז איז דער גנב, נאר דאס לאך איז דער גנב

1853 ניט די מלאכה שענדט דעם מענשען, נאר דער מענש שענדט די מלאכה.

1854 ניט דער אנמוטהער איז א נארר נאר דער טהוער איז א נארר.

1855 ניט מיט שעלטען אונ ניט מיט לאכען קאן מען די וועלט (די מענשען) איבערמאכען.

1856 ניט קיין קינד, ניט קיין רינד

1857 ניט קיין תורה, ניט קיין סחורה.

1858 ניין (9) רבנים קענען קיין מנין ניט מאכען, אבער צעהן שוסטערס יא.

1859 ניע גנבאי, ניע פאסטאי. 4)

(nie ganwaj nie fastaj)

1860 ניקס איז גוט צו די אויגען. 5)

1861 נעבען גוטע געסט, פאשיוועט מ[illegible] זיך אויך.

1) ד. ה. צוויי מכות אויף איין מאהל. 2) ד. ה. אז מען פערגלייכט איהם מיט דעם פריהרען שלעכטען חזן, דוכט זיך אז דער נייער איז בעססער. 3) דאס זאגט מען פון ווענין איין אלט מיידעל וואס איז שוין איבער די שלשים, איז שוין צייט זי זאלל חתונה האבען. 4) ד. ה. גנב׳ע ניט אונ טהו ניט קיין תשובה. 5) ניקס קאמט פאם לאטייניש (צמח) די נוסס. צו מאכען אויגענקראנקהייטען פירד פערשיעדענעס וואססער אויס צמח בערייטעט — היער איזט עס אין דער בעדייטונג פון ניכטס.

ס

1862 סוף סוחר, לפליטה — סוף גנב לתליה.

ע

1863 עדות מאכט פסלות.

1864 עולם כמנהגו נוהג.

1865 עס איז א מצוה א יודען צו בעגראבין. 1)

1866 עס איז גוט צו זיין א בעל-בית, אז עס איז דא מיט וואס.

1867 עס איז גערינגער אויפצוהעבען א שכור פון דער ערד, איידער א געשעפט.

1868 עס איז ניט דא קיין ערגערס ווי ציינוועהטיג.

1869 עס איז ניט דא קיין גלייכערס ווי א קרומע לייטער, און קיין קרומערעס ווי א גלייך ווערטעל.

1870 עס איז ניט דא קיינע מיאוסע כלה און קיין שלעכטער חתן.

1871 עס ווערט ניט פריהער ליכטיג, ביז עס איז ניט גאנץ פינסטער.

1872 עס זאגט קיינער ניט „ארץ עולם" אז עס איז ניט פריהער „מה טובו".

1873 עס וועגען פערהאנדען זאכען אז זי וועגען דא איז גיכט שלעכט; און אז זיא וועגען ניט דא, איז אויך רעכט.

1874 עסס ניט די לאקשען פאר שבת.

1875 עס ניט קיינע ביינער, וועלען דיר ניט וועה טהון דיא ציינער.

1876 עססען איז די בעסטע תפלה.

1877 עס פליהט ניט קיין שפאן, עס זאל ניט זיין עפּעס דאראן. 2)

1878 עס שטארבט קיין דור ניט אויס.

1879 ערב יום-כפור וועגען אללע יודען מתים. 3)

פ

1880 פאטער און מוטטער האבען גלעזערנע אויגען.

1881 פאטער און מוטערס ברכה, ברינגט דעם קינד הצלחה.

1882 פאסטען הייסט ניט קיין ברויט שפּארען.

1883 פאר א גנב טאר מען קיינע תליה ניט דערמאנען.

1) ווענן איין יוד טהוט דעם אנדערן שלעכטס זאגט מען, ער טהוט עס פאר מצוה. 2) אללעמדינג האט איינע ארזאכע. 3) וויל זיי געהען אנגעטהון אין קיטטעל און טלית

1884 פאר א יודען איז אלעס צו וועניג.

1885 פאר איין אייגען קינד וועגען עלטערן בלינד.

1886 פאר „אמן" קומט קיין פאטש.

1887 פאר אנמוטה קומט קיין פאטש ניט.

1888 פאר אן ארעם-מאן איז א שווארץ יאהר אויך גענוג.

1889 פאר אן עקשן איז קיין רפואה ניט דא.

1890 פאר א קרא נקען לאזט מען איבער, אבער ניט פאר קיין ברוגז.

1891 פאר א שטומען (בלינדען) עדות לויפען די גנבים ניט אוועק.

1892 פאר א שטילל וואססער, פאר א שטיללען הונד. און פאר א שטיללען שונא זאלל מען זיך היטען.

1893 פאר ברויט גיט מען שטיינער.

1894 פאר ברויט ענטלויפט מען ניט.

1895 פאר גאטט האט מען מורא — פאר מענשען מוז מען זיך היטען.

1896 פאר גוטע נעכט האט מען שלעכטע טעג.

1897 פאר געלד האט מען די און יענע וועלט.

1898 פאר געלד קריעגט מען צוקער.

1899 פאר דעם גנב איז איין וועג — פאר דעם וואס זוכט איהם, צעהן וועגען.

1900 פאר דעם טויט און פאר דעם דלות קאן מען זיך ניט בעוואהרענען.

1901 פאר דער תליה האבען די מענשען מעהר מורא ווי פאר גאטט אליין.

1902 פאר וויענער בעקומט מען דיענער. 1)

1903 פאר יוגענד לעבט מען ניט, פאר עלטער שטארבט מען ניט.

1904 פאר נארראנים וועגען קיינע תקנות ניט געמאכט.

1905 פאר סכום טאר מען ניט ענטלויפען.

1906 פון א גאנז קויפט מען ניט קיין האבער.

1907 פון א גוטען קאפ ביז צו א שלעכטען קאפ איז נאר א חילוק א גראשענדיגע ליכטעל. 2)

1908 פון א ווארט ווערט א קווארט.

1909 פון א יודען האט מען דאס גענארר.

1910 פון א ווארט ווערט ניט קיין לאך אין קאפ.

1911 פון איין אלט מיידעל ווערט א יונג ווייבעל.

1912 פון איין אקס ציעהט מען ניט העראב קיינע צוויי פעללען.

1913 פון איין כ'יש ווערט מען ניט זאטט.

1914 פון איין עממער מאכט מען ניט קיין צובער. 3)

1915 פון איינציגע טראפּין ווערט א גאנצער רעגען.

1916 פון „אמר אביי" איז ניט קיין ראיה.

1917 פון א קארגען גביר און פון א פעטטען באק געניעסט מען ערשט

1) וויענער, מיינט מען וויענער (עסטרייכישע) גולדען. 2) ד. ה. דער וואס האט א גוטען קאפ לערנט געשווינד; דער וואס האט א שלעכטען קאפ מוז זיטצען גאנצע נאכט און לערנען. 3) ווארטשפיל: אן עממער (איימער) מיט א נעממער, צובער מיט שליח צבור.

נאך דעם טויט . — 1)

1918 פון א קלייגער מלחמה ווערט א גרויסע מהומה .

1919 פון א שכור אין דער יוגענד , ווערט איין ארעם־מאנן אויף דער עלטער .

1920 פון א שלים־מזל ווערט מען ניט רייך .

1921 פון א שלעכט געשעפט ביים אב א פאלע און ענטלויף .

1922 פון א שלעכטען חזן הערט מען די גרייזען און מען זעהט דיא מיאוסע הויות ,

1923 פון א שררה קאן אבפאללען א פויער , אבער ניט פון קיין פויער א שררה .

1924 פון בארשט מיט ברויט ווערען די באקען רויט .

1925 פון גליק צום אונגליק איז א שפאנן — פון אונגליק צום גליק איז א שטיק וועג .

1026 פון געלד־וועגען געהט קיין שידוך ניט אב .

1927 פון דעם בער אין דעם וואלד זאלל מען דאס פעלל ניט פערקויפין .

1928 פון דעם הימעל גיט מען הערואב אבער ניט הערויף .

1929 פון דעם טויט און פון א חוב ענטגעהט מען ניט .

1030 פון דעם טייוועלס וועגען פעהלט ניט .

1931 פון דער מוטטערס קלאפ ווערט דעם קינד ניט קיין לאך אין קאפ .

1932 פון וואלוועלע פיש גיעסט מען די יויך הערויס .

1933 פון וואנען דיא כלה קומט הערויס , דארט געהט זי ווידער הערייו .

1934 פון וואנען שטינקט דער העכט ? — פון דעם קאפ .

1935 פון וואס מען לאכט , קומט אללעס צו די אויערין .

1936 פון וואס מען רעדט קומט מען אללעס אויף דעם טויט .

1937 פון וייטען זעננען אללע גוטע לייטען .

1938 פון וייטען נארט מען לייטען פון דער נאהענט — זיך אלליין

1939 פון וועניג פערדיענסט ווערט מען ניט בדלות .

1940 פון זאגען ווערט מען ניט טראגען .

1941 פון „חאפ־לאפ“ צערבריכט מען זיך דען קאפ .

1942 פון מעשות דערצעהלען קאכט מען קיינע וועטשערע ניט (wieczerza).

1943 פון נגידים קומען הערויס נגידים׳ לעך .

1944 פון „נקי כפים“ ווערט מען ניט רייך .

1945 פון פיעל רעדען קומט א מאהל הערויס ליידען .

1946 פון פרנסה וועגען מוז מען אפילו טאנצען מיט מאטשעק־לעבען . 2)

1947 פון „קאפ־קאט“ קאן מען קיין עושר ניט ווערען .

1948 פורים דאנקט מען ניט .

1949 פורים זעננען ניכטערן אלע שכורים !

1950 פורים נאך דער סעודה איז אפילו קיין הונד ניט הונגריג :

1951 פורים קען מען זיך אנשכורין , אבער יום־כפור קען דארף מען ניט פאסטען .

1952 פטרניש איז געלד ווערטה .

1953 פייף ניט , אז עם זעננען דא היתדיקים אין שטוב . 1)

1954 פינטא איז רייך געוועזען און איז געשטארבען איין אביון ,

1955 פיעל הענד מאכען מיט דער ארבייט באלד איין ענד .

1956 פיעל שמייכעל און וועניג שכל .

1957 פיער אויגען זעהען מעהר ווי צוויי .

1958 פיער און דרייסיג (34) איז כמנין „דל“ .

1959 פיש מאכט : פרשוד יין שרף , פאטעם יין שרף 2)

(Przódy — potem)

1960 פערקויפען קאן א קינד — אבקויפען קאן אפילו קיין פאטער אויך ניט .

1961 פראבירען געהט איבער שטודירען !

1962 פראצענט וואקסט אהן רעגען .

1963 פראצענט נעמט אוועק דאס געזונד מיט די הענד ,

1964 פריינד אין א נויט געהען צעהן אויף א לויט .

1965 פרעג איין עצה דעם שונא און טהו פערקעהרט .

1966 פרעג איין עצה יענעם , און האב דעם שכל ביי דיר .

1967 פרעגען קאסט קיין געלד .

1968 פרעמד ברויט רייסט אין האלדז !

1969 פרעמדע דאגות נעמען ניט אוועק דעם שלאף . 3)

1970 פרעמדען שכל קרענקט מען אוים !

צ

1971 צו איטליכען נייען ליעד קאן מען צו פאססען א אלטען נגון .

2972 צדקה געבען און ליעב האבען קאן מען ניט געטהין .

1973 צו גאטט דערלעגט מען ניט ,

1974 צו גליק ברויכט מען קיין חכמה ניט .

1975 צוויי פאללען צו לאסט : א נארר צווישען קלוגע , און א קלוגער צווישען נארראנים :

1976 צווישען אללע שוסטער איז דער בעסטער שניידער יוסיל דער סטאליער .

977 צווישען יודען ווערט מען ניט פערפאללען (פערפרעמדט) .

9978 צווישען פיעל הונדט ווערט דער האז טויט ,

979 צו־זאגין און ליעב האבען קאסט ניט קיין געלד .

1) פאר דעם מת בעצאהלען די יורשים דעם קבר , און פון דעם באק נעמט מען הערואב די פעלל ,
2) באמשעק. (maciek)

1) אז איינער דערצעהלט זאכען וואס קינדער מארען ניט הערען . 2) אום צו זאגען אז פאר די פיש און נאך די פיש איז גוט א ביסל בראנפען . 3) ד. ה. פרעמדע זאכען בעיהרען ניט דעם פענ׳ט אזוי שטארק ווי איינענע .

1980 צו ליעב טהון קאסט תמיד טהייער.
1981 צום שכל דארף מען קיין מחיל.
1982 צו א הערינג דארף מען קיין זאלץ און צו גריוען קיין שמאלץ.
1983 צו א וואונד און צו א בלאטער, אז עס העלפט ניט קיין דאקטער, העלפט א טאטער.
1984 צוריק שיינעץ' גילט ניט.
1985 צוריק שיינעץ' געהט אין באר העריין.

1986 ציבעלעס־טהערען ריהרען ניט דאס הארץ.
1987 צעהן דינגען, און נאר איינער קויפט.
1988 צרות איז קיינע דאגה ניט (איז מען ניט ושעדנע).
1989 צרות טרייבען דעם מענשען אויף דעם בית הקברות
1990 צרות לעגען זיך צו ערשט אויף דעם פנים.

ק

1991 קאלבפלייש איז האלבפלייש. 1)
1992 קאפ־דארעניש קומט פון צרות.
1993 קהל האט קיין ווייב ניט (און א שקארפעטקע איז קיין בגד ניט).
1994 קהלים קערבעל האט אין זיך א מאגנעט.
1995 קהל קריעגט זיך, און דעם שמש שמייסט מען.
1996 קודם לכל איז גוט א שהכל. 2)
1997 קוים פוטצט זיך איינער אב די שטיוועל, רופט מען איהם אויף מפטיר. 3)
1993 קוק אויף דעם מיידעל, ניט אויף דעם קליידעל.

1999 קוק דיך אום אויף די הינטערשטע ראדער.
2000 קוק העראב, וועסט דו וויססען ווי הויך דו שטעהסט.
2001 קוקט מען פאר זיך איז שלעכט; קוקט מען הינטער זיך – איז נאך ערגער.
2002 קוק מיך אן, נאר ריהר מיך ניט אן.
2003 קוקען און הערען און שווייגען.
2004 קוקען מעג מען; נאר ניט גלאטצען.
2005 קוה־בייטש־פערדס־שטעקעלע. 4)
2006 קיין סחורה איז דער ערגסטער בבל.
2007 קיין סחורה טאר דעם סוחר ניט נמאס ווערען.

1) דיא בעל־הבית'טעס זאגען אז קאלבפלייש זעטיגט ניט אזוי ווי אקסענפלייש. 2) ד. ה. א טרונק בראנפען וואס מען מאכט איבער איהם דיא ברכה שהכל. 3) ד. ה. קוים בעקומט איינער א ביסעל געלד, ווערט ער באלד א שיינער יוד און מען גיט איהם אב כבוד. 4) פון א זעהר ווייטען קרוב.

קיינער קאן ניט קיין הינדעל שעכטען, אז עס זאלל קיין בלוט ניט געהען.
2009 קין איז ניט הבל! 1)
2010 קינדער און נארראנים זאגען דעם אמת.
2011 קינדער האבען איז לייכטער ווי קינדער ערציעהען.
2012 קליינע מיידלעך צו בייסען די שערצען. — גרויסע מיידליך צו בייסען די הארצען.
2013 קליינע קינדער, קליינע פריידען – גרויסע קינדער, גרויסע ליידען.
2014 קנייפ דיא באק און שטעלל די פארב פאר לייטען.
2015 קראטצען און בארגען איז נאר גוט אויף א וויל.
2016 קראקע איז ניט אין איין טאג געבויט געווארען.
2017 קרייד איז גוט – פאר ווערעם. 2)
2018 קרעדיט איז איין איידעלע מאטער־יע. 3)
2019 קרעפלעך ווערען אויך פערטיאוסט (נמאס).

ר

2020 ראש חודש אדר לאזט מען זיך צו דער אדער.
2021 ראש חודש אייר טרינקט מען דאס בעסטע ביער. 4)
2022 ראש חודש ניסן לעגט מען דעם קאנטשעק הינטער דעם קושען; ראש חודש אייר, נעמט מען דעם קאנטשעק א פיר.
2023 רבונו של עולם! גיב מיר ברויט אזוי לאנג איך האב ציין.
2024 רבי משה מעג – מאשקא טאר ניט. 5)
2025 רבי נעמע האט תמיד דרטה.

2026 רבי קרוב! שיעסט איהר פריהער, וואריען איהר זייט אלטער! 6)
2027 רופט מען דיך ניט צו, ריקזשע דיך ניט צו.
2028 רוף מיך בער, נאר יאג מיך ניט אין וואלד הערייין.
2029 רחמנות איז אכזריות.
2030 רייב דיך ניט אן גרויסע לייט, ווארין דאס לאך וועט אללע מאהל גרעססער ווערען.
2031 רעדעלע יאק רעדעלע. אבי דאבזע מיינעלע.

1) קיין מיינט מען היער עססען. ד. ה. עססען איז קיינע קליינגקייט, עס איז ניט קיין הבל. 2) ביים קארטענשפיעל אז מען זאגט דעם געווינער ער זאל ביט דעם קריידעל אויפשרייבען ווי פיעל דער אנדערער האט צו איהם פערלוירען. ד. ה. אז מען בעצאהלט ניט מזומן געלד. — קרייד איז א מגולה פאר קינדער וואס האבען ווערעם. 3) ד. ה. ניט איטליכער פערדיענט איהם צו האבען. 4) דאס זא געזאגט מארצאווע ביער. 5) איין עהרליכער יוד טהוט א מאהל איין אומרעכט (אדער איין עבירה) וואס ער אליין וואלט דארויף געשריגען — ווען איין אנדערער וואלל עס כהון. 6) אזוי שפאסטעט מען פון דיא יודישע סאלדאטען. זיי האבען כורא צו שיסען און רעדען צו דעם אנדערן יוד זאלל פריהער שיסען.

ש

2032 שאמען איז גוט צו דער לאמפ. 1)

2033 שאנד איז נית קיין רויך — זי עסט די אויגען נית אויס.

2034 שבת אהן א קוגעל איז ווי א פויגעל אהן א פליגעל.

2035 שבת שירה, איז דאס זייז גלייך וויא א ווירע. 2)

2036 שבת שירה ווארפט מען די פייגעלעך קאשע. 3)

2037 שווארץ געהט קיינמאהל נית אויס דער מאדע. 4)

2038 שווייגען איז גוט. — רעדען איז נאך בעססער. 5)

2039 שוין דאס קלייד אין דער היים וועט דיך דאס קלייד שוינען צווישען לייט.

2040 שומר חנם, איז א הענגלייכטער. 6)

2041 שמארקער פון אייזען איז קיינער נית.

2042 שטיפ דיך נית מיט דעם קראנקען קאפ אין דער היטץ הערייז.

2043 שיינער א מיאוסע לאטטע... איידער א שיין לאך.

2044 שיק ביינע אויערן אין דיא גאססען. 7)

2045 שכל אונ חרטה קומען תמיד צו שפעט.

2046 שכל ברינגט א מאהל מעהר איין ווי די הענד.

2047 שכל זאלל דער מענש לערנען ביז זיעבציג יאהר.

2048 שלעכטם לערנט מען זיך באלד אוים;

2049 שמיער א פארך מיט האניג — א פארך בלייבט א פארך

ת

2050 תבואה — האנדעל איז א קארטענ־שפיעל

2051 תורה האט נית קיין ברעג.

2052 תורה קומט נית בירושה. 8)

2053 תחנון איז קיין סוד. 9)

2054 תכריכים מאכט מען אהן קעשענעס. 10)

2055 תפיסה איז אזוי ווי מיתה;

2056 תשובה אונ צדקה צעבייסען דעם לעמניק. 11)

1) ווארטשפיעל זיך שאמען אונ שמן בויימעל וואס איז גוט צו דער לאמפ. 2) ווירע — לינעאל.
3) געוועהנליך איז שבת־שירה זעהר קאלט, אונ די ארעמע פייגעלעך געפינען נית קיינע קערנער צו עססען; דארום איז א מצוה איהנען קאשע צו ווארפען. 4) ד. ה. טרויעריגע זאכען פעהלט קיינמאל נית, אין קיין פאמיליע, — אויך מאקי פראסט דערפאר ווייל שווארצע קליידער געהען קיין מאל נית אויס דער מאדע, 5) אלס אנטוואורט אויף דעם אנדערן שפריכווארט „רעדען איז זילבער, שווייגען איז גאלד".
6) איך פערשטעה נית דעם זינן פון דעם שפריכווארט. 7) וועסט דו וויססען וואס מען רעדט פון דיר.
8) ד. ה. מען מוז אלליין פיעל מיה האבען ביז מען לערנט, 9) חאטש מען זאגט דאס שטיללערהייט,
10) ד. ה. מען קאן נית מיט נעכען דאס פערמעגען אויף יענער וועלט, 11) פאראריע אויף דעם פסוק, מעבירין את רע הגזרה.

UNIVERSITY OF ILLINOIS LIBRARY URBANA